This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאנד

9

1967

לייענט אין צענטן נומער
„סאָוועטיש היימלאַנד“

לידער פון די רעוואָליוציאָנערע דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי, דאַוויד עדעלשטאַט, יויסעף באָוושאָווער.

■

דערציילונג פון נויעך לוריע „עלטער מיט א נאכט“.

■

דעם צווייטן טייל פון **נאטאן זאבארעס** ראָמאן — כראָניק „א פּאָשעטע מאמע“.

■

א דאָקומענטאַלע דערציילונג פון **מייער יעלין** וועגן די רעציכעס פון די דײַטשישע פאשיסטן אין קאָוונער געטאָ — „בלוט און וואָפן“.

■

לידער פון שמועל העלמאַנד און פיניע קיריטשאַנסקי.

■

אינעם אָפּטייל „ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט“ וועט איר געפינען דעם סאָף פונעם ארטיקל פון הילעל אלעקסאנדראָוו „מענדעלע און גאָטלאָבער“. דאָס ארטיקל פון ריווקע רובין וועגן דעם דריטן בוך פון עלי שעכטמאַנס ראָמאַן „ערעוו“.

■

לייענט די שטענדיקע רובריקעס „בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען“, „פארשיידנס“, „ליטעראַרישער קאַלענדאַר“, „זינגליד“ אאוו.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פון פססר

זיבעטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“
מאָסקווע

9

סענטיאַבער

1967

אינהאַלט

זײַט

נאַטאַן זאַבאַרע. אַ פּאַשעטע מאַמע (ראָמאַן—כראָניק) צייכענונגען פון י. אינגער 3

יויסעף קאָטליאַר. אינמיטן וועג (לידער) 32

50 יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע: פון אונדזער ליטעראַטור־אויצער. פּײַוול סיטאָ. די ערשטע ווײַנעכט 36

מענדל ליפּשיץ. הערצער אונדזערע (לידער) . . . 48

יעכיעל שרײַבמאַן. יאַשע. — צוויי כאַסענעס (דער־ציילונגען) 51

הירש בלאָשטיין. דאָס ליכט פונעם וואָרט (לידער) . . 70

שלוימע טשערניאַווסקי. זיבן פלאַמיקע קאָלירן (לידער) 72

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. איך, דער גערטנער (לידער) 74

יעכיעל פאַליקמאַן. דער שוואַרצער ווינט (ראָמאַן. סאָף פון צווייטן טייל) 77

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

יעכיעל טשיטשעלניצקי. פאַרן מיר ווײַטער (צו כאַים מעלאַמודס זעכציקסטן געבורטסטאָג) 125

ליטעראַרישע דיאַלאָגן 129

הילעל אַלעקסאַנדראָוו. אווראָם־בער גאָטלאָבער און מענדעלע מויכער־ספאָרים 135

אַ בוך, וואָס לעבט אייביק (צום 100־טן יאָרטאָג, זינט ס׳איז דערשינען דער ערשטער באַנד פון קאַרל מאַרקס׳ „קאַפּיטאַל“) 144

ייִסראָעל סערעבריאַני. כראָניק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור 145

היינריך גרעץ (צו זײַן 150־טן געבורטסטאָג) 152

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 154

די ייִדישע פרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן 155

לאָמיר ווידער זינגען אָט די לידער. אַלץ העכער און העכער. ווערטער פון פּאַוועל גערמאַן. מוזיק פון יולי כײַט (ייִדיש — עמ. קאַזאַקעוויטש) 156

כראָניק 134, 143, 155, 156

אונדזער פּאָטאָ־אינפאָרמאַציע 158

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 160

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו

(פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

נאַטאַן זאַבאַרע

אַ פּאָשעטע מאַמע

ראָמאַן — כראָניק

ערשטער טייל

...איך בין שטיין געבליבן פאַר אַ פאַנטאַסטיש־מאָדערנעם ביניען, אַ באַלויכטענעם אַף דורך־און־דורך, און האָב דעם אַרײַנגאַנג ניט געקאָנט געפינען. די גלעזערנע ווענט, די שימערירנדיקע זאַלן, דוכט זיך אַפילע די שטיינערנע טרעפּ, וועלכע פירן אַפן צווייטן שטאָק, זײַנען ווי געמאַכט פון שטיקער שײַן, וואָס פאַרבלענדט מיך. דער געפלאַסטערטער פלאַץ אַרום דער געבײַדע איז אויך באַהעלט מיט דער ליכטיקײַט, וואָס שטראָמט דורכן גלאָז, און איך ווייס ניט, אַף וואָס פריִער צו גאַפן: צי אַפן קאָליר פון די באַלויכטענע שפּריצנדיקע פאָנטאַנען דאָ אונטערן פרײַען הימל, צי אַף אָט דעם קרישטאָלענעם צויבער־פּאַלאַץ, ווו איך דאַרף פרוּוון געפינען דעם קליינעם פּרינץ מײַנעם, דעם אייניק.

באַם טישל פונעם דעזשורנע פרעג איך זיך נאָך אַף אים. דאָס מיידל מיטן טעלעפאָן־טרײַבל באַם אויער קוקט אַף מיר און פירט מיטן אָנגעמאַניקיורטן פינגער בלינדערהייט די ציפערן אַפן דיסק. זי דערוויסט זיך, ווען וועלן זיך פאַרענדיקן די לימודים אין מאַטעמאַטיש־קיבערנעטישן קרײַז, און באַרויִקט מיך, אַז פּינקטלעך צו צען וועלן די קינדער פאַרלאָזן די געבײַדע.

קאָן איך נאָך אַ גוטע האַלבע שאָ זיך אַרומדרייען רונד־אַרום אָט דעם ערשט־אויסגעבויטן פּיאָנערן־פּאַלאַץ און אים באַוווּנדערן. אין דער זעלבער צײַט בייזער איך זיך אַף די שטאָט־באַלעבאַטים, וואָס זיי האָבן זיך דערטראַכט צו פאַרוקן אים אין אַזאַ העק. גוט, וואָס איך וווין אין צענטער און וועל ניט לאָזן, אַז גאַריק, מײַן צוועלפיאָריקער אייניק, זאָל שפּעט אין דער נאַכט זיך דאַרפן אַליין דערקלײַבן צו זיך אַהיים אין דעם צווייטן עק שטאָט. וויִאַזוי איז אָבער מיט די קינדער, וועלכע וווינען אין די אַלע נײַע מיקראָ־ראַיאָנען, וואָס רייפן אַרום אַזאַ שטאָט, ווי קיִעוו, און האָבן ניט דאָ נאָענט קיין באַבעס, וואָס זאָלן זיי נעמען אַהיים?

ס׳געפעלט מיר אָבער אָלגאַ באַריסאָוונאַ, די צווייטע באָבע גאַריקס, מײַן מעכוטענעסטע, הייסט עס. זי קלינגט מיר אָן, אַז זי איז שטאַרק פאַרנומען, און איך זאָל זיך מאַטריִען זײַן אָפּפירן דאָס קינד צו איר. קיין שענערן שאָליִעך האָט זי שוין ניט געקאָנט געפינען. מ׳דאַרף נאָך פרעגן באַ גאַריקן, צי וועט ער זיך לאָזן באַגלייטן. אַ שילער פון זעקסטן קלאַס, וואָס האַלט זיך

שוין פֿאַר אַ גאַנצן מאַנספּאַרשוין, וועט דערלויבן, אַן אַלטע באָבע זאָל אים פֿירן, ווי אַ קליין קינד. וואָס וועלן זאָגן די כאַווײרים זײַנע?

און טאַקע, ווי געטראָפֿן. איך האָב אָפּגעוואַרט, ביז ס׳האָט זיך אַ שאָט געטאָן פֿונעם פּאַלאַץ אַ כעוורײַע, איך דערקען גאַריקס כאַווײרים, נאָר אים זע איך ניט. איך פֿרעג בא די קינדער, צי איז נאָך דאָרט עמעצער געבליבן. קוקן זיי זיך אַרום:

— ניין, אַלע זײַנען דאָ.

פֿרעג איך שוין מיט שרעק:

— נו, און גאַריק?

— ער איז אַוועק פֿאַרפֿריִער, — ענטפֿערט מיר אַ מיידעלע מיט צוויי צעפּלעך, פֿאַרוואָרפֿן פֿון פֿאָרנט, — ער האָט זיך אָפּגעבעטן פֿריִער מיט אַ האַלבער שאָ.

ער האָט עס אומיסטן געטאָן, דער ניכפּעניק, אַוועקגעלאָפֿן אַליין צו דער מעטראָ, קיינער זאָל ניט זען, אַז מע באַגעגנט אים. ווי קאָן עס אים אָנשטיין, דעם ראָסטאָטלעס? ער האָט מיך איבערגעכיטרעוועט און זיצט שוין מיסטאַמע מיט מײַן אַלטן איבער אַ שאָך.

איך לאָז זיך אַהיימגיין צופֿוס. אין אַזאַ מילדן מײַ־אָפּדערנאַכט איז גוט איין־אַליין פּאַמעלעכן זיך דורכשפּאַצירן, אַרײַנגעטאָן אין מאַכשאָוועס. אָט אַזאַ, דערמאָנט זיך מיר, בין איך אויך אַמאָל געווען, ווי אָט דאָס מיידעלע מיט די צעפּלעך, נאָר בא איר האָבן זיי דעם קאָליר פֿון אַש און בא מיר זײַנען זיי געווען פּלאָמיק־רויטע.

איינמאָל האָט זיי גרישע אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע הענט און געפּרוּווט צעפּלעכטן. האָב איך אים געגעבן מיט די קולעקעס, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. ס׳איז מיר געווען אַ ביזאָיען, וואָס פֿון אַלע מיידלעך אַף אונדזער גאַס האָט ער גראָד מיך אויסגעקליבן צו רײַסן בא די צעפּ. איך געדענק אַפֿילע ניט, צי איך האָב אים מיט עפּעס פֿאַרטשעפּעט?

פֿאַרקערט, אַלע קינדער, און איך עפּשער מער פֿון אַנדערע, האָבן געקוקט אַף אים פֿון אונטן־אַרוף. ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מע האָט אים אויסגעשלאָסן פֿאַר „פּאָוועדעניע“[1] פֿון גימנאַזיע, איז ער געוואָרן דער העלד בא די מיידלעך, ווי אויך בא די יִינגלעך, אַפֿילע בא עלטערע פֿון אים. ער האָט, אַפּאָנעם, געדאַרפֿט דעמלט זײַן אין גאַריקס יאָרן, צוועלף־דרײַצן, ניט מער. איך קאָן בעשום־אויפֿן זיך ניט דערמאָנען, אין וואָס איז באַשטאַנען די שלעכטע אויפֿירונג זײַנע, וואָס מע האָט אים מיטאַמאָל געמאַכט פֿאַר אויס גימנאַזיסט. מיסטאַמע האָט ער עפּעס געבונטעוועט קעגן די גימנאַזיע־לערער. ס׳איז געווען בא זיי אַ שטוב אַזאַ, בא די טשודנאָווסקיס. בא זיי האָט געלעבט אַ מענטש, וועגן וועלכן מע האָט בעסאָד־סוידעס דערציילט, אַז ער האָט זיך געבונטעוועט אַפֿילע קעגן קייסער. ער איז היפּשע עטלעכע יאָר אָפּגעזעסן אין טורמע, דערנאָך געווען פֿאַרשיקט. איך האָב נאָך דעמלט ניט געוווּסט מיט וואָס מע עסט עס, נאָר די עלטערע, אַז זיי האָבן זיך געשושקעט וועגן אים, פֿלעגן זיי אים רופֿן „דער נאַראָדאָוואָליעץ“. אַזאַ סוידעסדיק־צעצויגן וואָרט, וואָס האָט מיר אויסגעזען זײַן זייער צוגעפּאַסט צו אָט דעם מענטשן, אַן אויסגעדאַרט־הויכן, מיט אַ גראָוון קאָפּ האָר און אַ שניי־ווײַסער באָרד אַף אַ פֿאַרקוילט צימערינג־פּאָנעם. מיט אַ צײַט שפּעטער, ווען ער איז שוין לאַנג געהאַט ערגעץ פֿאַרשוווּנדן געוואָרן און איך בין עטוואָס אונטערגעוואַקסן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער און גרישעס פֿאָטער זײַנען לײַבלעכע ברידער. וועגן גרישעס טאַטע האָט מען אויך דערציילט פֿאַרשיידענע זאַכן. ס׳האָט אַפֿילע אויסגעזען, לויט מײַן קינדערשן סייכל, אויסטערליש מאָדנע. אַ ברייטלעכער, מיט אַ היפּש בײַכל, די אַשורישע באָרד און די האָר אָפֿן קאָפּ שוואַרץ ווי קויל, איז ער זייער ווײַט געווען פֿונעם ברודער. ער איז געווען פֿאַררעכנט פֿאַר איינעם פֿון די בעסטע אַדוואָקאַטן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, געפֿירט די גרעסטע פּראָצעסן, געווען אויסגעבונדן מיט דער גאַנצער שטאָט־נאַטשאַלסטווע, געהאַט קעסיידער צו טאָן מיט פֿאַבריקאַנטן, פּריצים, טשינאָווניקעס. געשיקט זיך, אַז ער זאָל אויך געווען האָבן אַ שײַכעס צו די אַלע זאַכן, פֿאַר וועלכע מע האָט געזעצט הינטער די גראַטעס? סײַדן עפּשער גאָר אַמאָל, באָכערווײַז, נאָך איידער ער האָט כאַסענע געהאַט אַף דער באַסיעכידע פֿון אַ היגן באַנקיר.

מײַן טאַטע איז אויך געווען אַן אַדוואָקאַט, מיר האָבן געוווינט בישכיינעס מיט די טשודנאָווסקיס, און מיסטאַם איז ניט איין מאָל בא אונדז אין שטוב געקומען צו רייד וועגן זיי. דאָך, אַז איך גיב איצט אַ טראַכט, זע איך, אַז איך ווייס פֿונדעסטוועגן זייער ווייניק וועגן דער גאַנצער מישפּאָכע זייערער.

גרישע איז געווען דער מיזיניק, דאָס ווייס איך גענוי. נאָר איך געדענק נישט ניט די ברידער זײַנע, ניט די שוועסטער. קיין שוועסטער האָט ער, דאַכט זיך, גאָר ניט געהאַט. איך געדענק נאָר, אַז נאָך דעם, ווי מיר האָבן אין יענעם טאָג זיך גוט געהאַט אָנגעטויטשעט, איך האָב אים אויך ניט

---

[1] אופֿירונג.

שלֿעכט אָנגעבייקערט, און מע האָט אונדז קוים צענומען, האָט מיך פּאָרט סײַווי געצויגן צו אים. ס׳האָט מיך קעסיידער געצויגן צו זײַן דאָרט, ווו ער איז געווען. לֿעם זייער געמויערט הײַזל פלֿעגן מיר זיך צונויפנעמען, א כאָפּטע קינדער, און זיך דערציילֿן מײַסעס. איך האָב לֿיב געהאט הערן, ווי גרישע דערציילֿט וועגן דער גימנאזיע אָדער וועגן ביכער, וואָס ער האָט איבערגעלֿייענט, ס׳האָט שוין מיסטאם דעמלֿט זיך געלֿאָזט פילֿן זײַן רעדנערישער טאלֿאנט, וואָס האָט מיט יאָרן שפּעטער באהערשט מאסן צוהערער. צום באדויערן, האָט עס לֿאנג ניט געדויערט. צו הארבסט־צו האָבן אים די עלֿטערן אוועקגעפירט אין דער שווייץ און אים דאָרט איבערגעלֿאָזט לֿערנען אין דער פראָווינץ־שטאָט מאָנטרע. איצט טראכט איך, אז ס׳איז געטאָן געוואָרן בעקיוון, מיטן געדאנק אים צו דערווײַטערן פון רוסלֿאנד, וואָס האָט שוין דאן געברויזט ערעוו דעם שטורעם פון דער ערשטער רעוואָלֿיוציע. ווי דאָס לֿעבן האָט נאָכדעם באוויזן, האָט עס קיין פולֿע ניט געהאט.

שפּעטער איז אונדזער מישפּאָכע אריבערגעפאָרן קיין קיִעוו. מיר דוכט, אז אין אונדזער געבוירן־שטאָט האָב איך זיך מיט גרישען מער קיינמאָלֿ ניט באגעגנט. עמעס, פאר די פאָר יאָר, ביז מיר האָבן פארלֿאָזט יעקאטערינאָסלֿאוו, איז ער מיסטאם א פאָר מאָלֿ געקומען אף וואקאציע אהיים, נאָר ווײַזט אויס, אז איך האָב דעמלֿט שוין אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט אים. איך בין געוואָרן עלֿטער, און ס׳האָט מיך געמוזט שאָקירן אזא באגעגעניש. צו פערצן־פופצן יאָר האָב איך זיך שוין אויסגעלֿערנט אויסבאהאלֿטן מײַנע געפילֿן און געטישקעוועט אין זיך מײַן בענקעניש צו זײַנע רייד, צו זײַן קאָלֿ, צו זײַן זאָרגלֿאָזן הוילֿעך. מעגלֿעך אויך, אז צו יענער צײַט האָב איך שוין געהאט עפּעס אראָפּגעוואָרפן פון מײַן באגײַסטערטער באציִונג צו אים. אויסערלֿעך האָט ער געוויס ניט זייער אויסגענומען: א ניט הויך דאר באָכערלֿ, מיט טיף אײַנגעגראָבענע אויגן און א גראָב אקשאָנעסדיק נעזלֿ. א סאך שענערע האָבן מיך שוין דעמלֿט ארומגערינגלֿט.

איך האָב זיך אזוי ארײַנגעלֿאָזט אין דערמאָנונגען, אז איך האָב גאָר ניט באמערקט, ווי איך בין צוגעקומען צו מײַן הויז. א פאָר הענט האָבן מיך פון הינטן־ארום שטײַף ארומגעכאפּט, און איך האָב דערקענט סוועטעס קאָלֿ:

— איך האָב שוין געוואָלֿט אוועקגיין, באבוליא. ווו האָסטו שפּאצירט אזוי שפּעט איינע אלֿיין?

איך דערציילֿ איר וועגן מײַן אומזיסטן גאנג. בעשאַס־מײַסע כאַפּ איך א קוק אפן באָכערלֿ, וואָס האלֿט זיך לֿעבן סוועטען. אים איז, אפּאָנעם, שווער אײַנצושטיין אף אן אָרט. דער בלֿוילֿער רויך פון זײַן פּאפּיראָס גייט אום הין און הער. איך קאָן אים ניט גוט באטראכטן. איך זע נאָר אין פראָפילֿ א קאָפּ מיט געדיכטע ווייך־קאָלֿיריקע האָר. זי איז בא אונדז א שווארצכיינעוודיקע, סוועטא, מיט א פעך־שווארצער טורעמארטיקער פריזור, קיינער גלֿייבט ניט, אז די האָר זײַנען בא איר ניט קיין געפארבטע. דאָס איז זי געקומען, ווײַזט אויס, מיט איר יונג, וועגן וועלֿכן לֿיזא האָט מיר אנומלֿטן דערציילֿט. איך פרעג בא סוועטען:

— וואָס מאכט די מאמע? — און נאָך איידער זי באווײַזט מיר אויסדערציילֿן די לֿעצטע נײַס וועגן קאָנפליקט, וואָס ציט זיך שוין א פאָר כאָדאָשים בא לֿיזען אף דער ארבעט, ברענג איך זי אין פארלֿעגנהײַט. — פארוואָס באקענסטו מיך ניט מיט דײַן באגלֿייטער?

— אנטשולֿדיק, באבוליא, — זי טוט זיך אף א האלֿב א דריי אויס צו אים, — דעוויק! — און א פארויטלֿטע שטעלֿט זי מיר אים פאָר. — דאָס איז דאווידקע, מײַנער א פרײַנט און א פארערער.

איך דערלֿאנג דעם באָכער די האנט. איצט זע איך אים פּאָנעם־על־פּאָנעם. ס׳געפעלֿט מיר זײַן אָפענער בלֿיק, זײַן שמייכעלֿע בא די מוילֿ־ווינקלֿען.

— אויך אין פּאָלֿיטעכנישן? — פרעג איך בא זיי.

— גראָד פארקערט, — צעהעלֿט זיך בא סוועטען דאָס פּאָנעם, און מיט א געלֿעכטער גיט זי צו: — פון א גאנץ אנדער אָפּערע.

— ס׳געפעלֿט איר ניט מײַן בארוף, — מאכט ער א באלֿיידיקטע מינע, און דאָס קלֿוגע שמייכעלֿע אף זײַן געזיכט ברייטערט זיך אויס, — זי פארשטייט ניט, אז זשורנאלֿיסטיק האָט א סאך א נעענטערע שײַכעס צו מעכאניק, ווי שיסער־ספּאָרט צו מאשינבויוּנג.

דאָס גיט ער אָנצוהערן אף סוועטעס לֿײַדנשאפט. כאָטש זי איז אפן לֿעצטן קורס פונעם מאשינבוי־פאקולֿטעט און ארבעט איבערן דיפּלֿאָם, גרייט זי זיך דאָך אפילֿע איצט צו די אלֿשטאָטישע שיסער־פארמעסטונגען. זי ווילֿ באקומען די ערשטע קאטעגאָריע.

פון סוועטען דערוויס איך זיך, אז אין שטוב איז קיינער ניטאָ. זי האָט לֿאנג געקלֿונגען, און קיינער האָט די טיר ניט געעפנט. ווו זשע זײַנען זיי אהינגעקומען אזוי שפּעט, דער אלֿטער מײַנער מיטן קינד? די נעשאָמע איז מיר שיר ניט ארויס, ביז איך בין ארײַן אין שטוב און קוים געפונען אפן טעלֿעפאָן־טישלֿ אן ארויסגעריסן העפט־בלֿעטלֿ מיט גאריקס צעשויבערטן קסאוו:

„באבוניא, איך האָב אײַנגערעדט דעם זיידן, ער זאָל מיך אָפּפירן אף א טאקסי אהיים. ניט צו דער באָבע אַלײן, נאָר טאקע צו אונדז אהיים. און ער וועט שוין בלײַבן מיט מיר נעכטיקן“.

דער אלטער נאר מײַנער האָט זיך געלאָזט איבערריידן. דאָס קינד וואָלט פון דער הויט געשפרונגען, נאָר בא מיר וואָלט עס אזא זאך ניט געפּויעלט. אפילע אויב דער אלטער האָט אים דאָ אָנגעהאָדעוועט, איז מיט וואָס וועט גאריק אָפּקומען מאָרגן אינדערפרי פארן גיין אין שול? מיט א טרוקענעם ביסן?

ס'ציט אים, נעבעך, דעם קלײנעם, צו די אײגענע פיר ווענט. שוין באלד א כוידעש, אז ער וואָגלט פון אײן באָבען צו דער צווייטער. און די גאנצע צײַט לאָזט ער ניט לעבן, נאָר מע זאָל אים דערלויבן כאָטש זונטיק אוועק צו זיך אהיים. ווער וועט דאָרט זײַן מיט אים? ווי קאָן מען עס אוועקגיין פון דער שטוב אף א גאנצן זונטיק? אזא שנעק, וואָס איז ערשט ניט לאנג אריבערגעוואקסן דעם טיש, איז בא אים מער ניכע דאָס אײגענע שטול-בעטל, ווי דער בעסטער געלעגער אין דער פרעמד; איך זײַן אײנצימערדיקער דירע איז אים גערױמער, ווי אין אלע מײַנע דרײַ כאדאָרים.

לאנג וועט ער שוין ניט דארפן לײַדן. אין א צוויי וואָכן ארום וועט ער געהאָלפן ווערן: טאטע־מאמע וועלן זיך אומקערן פון זייער אויסלענדישן וואָיאזש. און בא מיר וועט אויך אראָפּ אן אָל פונעם קאָפּ. איך וועל עפשער דעמלט מיט מער ענערגיע זיך נעמען צו מײַנע קסאָווים.

אָט בין איך איצט אײנע אלײן. ס'איז שוין נאָך עלף. איך ווייס, אז איך וועל אזוי גיך ניט אנשלאָפן ווערן. נאָר ס'איז מיר שווער זיך זעצן צום שרײַבטיש. ליגן און טראכטן איז, אפּאָנעם, א סאך לײַכטער. דערווײַל האָב איך נאָר די באטאָגיקע דרײַ־פיר שאָ, ווען איך קאָן זיך אָפּזונדערן אינעם שלאָפצימער און זיך אָפּגעבן מיטן שרײַבן, כאָטש די בעסטע מאכשאָוועס און דערמאָנונגען שווימען אוף דאפקע אין אָט דער פינצטערער שטילקײַט, ווען דו דרייסט זיך אהין און אהער אפן געלעגער און דער שלאָף נעמט דיך ניט. נאָר ס'איז שוין ניט פאר מײַן עלטער אין די נאכט־שאָען זיך אוועקזעצן אויסלייגן זיי אפן פאפיר.

דאָך מוז איך זיך אופהייבן: עס קלינגט דער טעלעפאָן. ווער דארף עס מיך האָבן אזוי שפּעט? דאָס איז עפּעס א קלונג פון אן אנדער שטאָט. אזא נאָכאנאנדיקער, א צעצויגענער. ביז איך כאפּ ארוף אף זיך דעם כאלאט, דריי ארויס די שײַן און גיי צו צו דעם טעלעפאָן־טישל, וואָס אין פירהויז, רײַסט זיך מיטאמאָל דער קלונג איבער. זאָל דאָס זײַן מאָטיק פון טשעכאָסלאָוואקיע? ער האָט דאָך ערשט אײערנעכטן גערעדט פון דאָרט. און עפשער איז עס מיראָן פון ניזשני טאגיל? ווען איך האָב שוין זיך געלאָזט גיין צוריק, האָט דער טעלעפאָן ווידער זיך צעקלונגען. ס'איז ליזא. זי איז אין אײנע זאָרגן. סוועטא איז נאָך נישטאָ אין דער היים.

— זי איז געווען בא מיר, בארויִק איך ליזען, — און ניט אלײן.

— איך ווייס, — ליזעס קאָל איז נאָך פול מיט אומרו. — זי איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען? זי דארף מאָרגן אופשטיין קאיאָר.

— וואָסי? דו ביסט שוין געשלאָפן? — שרײַ איך צו איר. — ס'איז פאר צוועלף, און אז מע גייט אינצווייען, איז די שאָ קלענער מיט גוטע צוואנציק מינוט. דער באָכער געפעלט מיר. ווער זײַנען זײַנע עלטערן?

— ער האָט נאָר א מוטער, א קרענקלעכע, זי וווינט אין אָדעס.

ליזא דערציילט מיר, אז זי האָט דאָס פּאָרפאָלק אומיסטן צוגעשיקט צו מיר. דער באָכער איז איר צום הארצן, נאָר זי וויל וויסן, וואָס וועל איך זאָגן אף אים. איך ווייס דערווײַל ניט, וואָס צו זאָגן. פונעם ערשטן קוק איז פּרי צו זאָגן מעווינעס. איך דארף זיך מיט אים גענויער באקענען. מיט א געענדערטער שטים גיט מיר ליזא צו וויסן, אז סוועטא איז ארײַנגעקומען. מיר ריידן נאָך א פּאָר מינוט וועגן גאָר אנדערע איניאָנים און פארענדיקן דעם שמועס.

ס'איז מיר באשערט צו האָבן צוויי זין און דרײַ שניר. ליזא איז דאָס ערשטע ווײַב מאָטיקס, נאָר מיר איז זי א סאך ליבער פון זײַן איצטיקער, פון רעגינען. איר גאריקן האָב איך ליב, ווי דאָס לעבן, נאָר די מאמע זײַנע... מיילע... אָט צווישן די אײניקלעך מאך איך ניט קיין כילעק. זיי זײַנען מיר אלע אלציינס ליב. כאָטש אויב דעם עמעס זאָגן, בין איך צו סוועטען צוגעבונדן מער ווי צו די איבעריקע. עפשער ווײַל זי איז געווען דאָס ערשטע אײניקל בא מיר, און עפשער טאקע, ווײַל ס'טוט מיר ביז הײַנט ווײ דאָס הארץ אף איר. פון צען יאָר אָן א לעבעדיקע יעסוימע. און דאָך אויסגעוואקסן, קיין אײַנהאָרע, א געראָטענע, מיט אלע מײַלעס. שיין, יונג, געזונט, און דערצו א באַרדאס. צו צוויי און צוואנציק יאָר ווערן אן אינזשעניער האָט עפּעס די ווערט. זי איז א סאך מער אויסגעשפילט, ווי איר טאטע. מיט איר פארשטאנד און אירע פייִקײַטן, וואָלט זי גיכער באדארפט זײַן ניט מאָטיקס, נאָר מיראָנס, מײַן ייִנגערן זונס, א טאָכטער. עפשער צוליב אירטוועגן האָב איך פירגענומען צו באשרײַבן מײַנע יוגנט־יאָרן. זינט זי איז אונטערגעוואקסן, ארויס פון די קינדער־מאלבושימלעך, פיל איך, ווי זי האלט אין זיך טיף פארטײַעט די באלײדיקונג פאר

דער מאמען. זי האָט עס קיינמאָל מיט קיין רייד, כאָלילע, ניט ארויסבאַוויזן, נאָר דער פאַריבל קוקט ארויס פון אירע שוואַרצאַפּלען. אַפילע אין איר ליבשאַפט צום קלײנעם גאַריק, אין איר שפּילן זיך מיט אים און צערטלען איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרקלעמט מיך פאַרן האַרצן, און איך קאָן עס ניט צוקוקן, ווי זי וואָלט קעסיידער געטראַכט דערבײַ, צי איז ער איר ברודערל.

איך וויל איר דערציילן וועגן זיך, וועגן דער מוטער פון איר שלעכטן טאַטן, וועלכע האָט עפּשער אַמאָל ניט ווײניקער געליטן, ווי איר מאַמע. דער מאַן, נאָך וועלכן מע בענקט אַמערסטן, איז ניט דער, וועמען מע האָט ליב געהאַט און פאַרלאָרן, נאָר דער, וועמען מע האָט געליבט און אים קיינמאָל ניט געהאַט. זאָל זי גאָר אָפּגעהיט ווערן, די קלײנע, פון אַ ניט צו שטאַנד געקומענער ליבע.

אָט דאָ בין איך שוין עפּשער ניט אינגאַנצן ערלעך מיט זיך אַליין.

אָט די אַלע מאַכשאָוועס וועגן ליזעס ביטער מאַזל, וועגן סוועטען מיט אירע פײַנלעכע פאַרדראָסן און וועגן דעם, אַז מײַן לעבנס־בײַשפּיל דאַרף פאַר זיי דינען ווי אַ מין לערע, אַז אַ מענטש דאַרף פונדעסטוועגן זײַן שטאַרקער פונעם גורל, אַז ער דאַרף זיך באַמיִען מיט ווירדע אַלץ איבערטראָגן און איבערקומען, דער ווייטעק זאָל ניט זײַן קיין שטרויכלונג און דער אומגליק זאָל ניט שפּרייטן קיין שטיינער אונטער די פיס, ווײַל סאָפּקאָלסאָף לעבט דאָך דער מענטש ניט פאַר זיך אַליין, זײַן פּיצינק שטעגעלע איז ניט מער ווי אַ דינינקער פאָדעם אויפן ברייטן שליאַך, וואָס הייסט מענטשלעך לעבן, — אָט די אַלע דערהויבענע מאַכשאָוועס זײַנען מיר געקומען אויפן זינען אַ סאַך שפּעטער, שוין נאָך דעם, ווי איך בין טיף־טיף ארײַנגעדרונגען אינעם באַשרײַבן מײַנע לעבנס־פּאַסירונגען.

דעם ערשטן שטויס דערצו האָב איך דאַפקע באַקומען צוליב מאָטיקן, מײַן עלטערן זון, סוועטעס און גאַריקס טאַטע. און אויך צוליב מײַן אייגענער גאַדלעס, מיט וועלכער איך בין פלוצעם אָנגעשטעקט געוואָרן אויף דער עלטער. אַ באַלגײַווע איז גלײַך צו אַן אינדיק, ער בלאָזט זיך אַפילע אַ מינוט פאַרן טויט.

אָט וויִאַזוי איך בין געקומען צו מײַן שרײַבן.

מײַן עלטערער, ניט זייער געראָטענער זון האָט אין דער צײַט פון דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, מע דאַרף אים אָפּגעבן גערעכט, ניט שלעכט געהאַלטן די ביקס אין דער האַנט. די ערשטע יאָרן נאָכן קריג, ווען ער פלעגט זיך פאַרכלינען פון אייגענער באַרימערײַ און דערציילן ניסים וועגן זײַנע גרויסע אויפטוען אויפן פראָנט, פלעג איך אים גלײַך אָפּהאַקן די פליגל:

— מאַך נאָר ניט גרעסער דעם כאָלעם פון דער נאַכט. גײַווע איז אַ האַרט ניסל, וואָס וואַקסט אין אַ שוואַכן מויעך.

מיר — איך, דער אַלטער מײַנער, מיראָן, — האָבן צו אים דעמלט געהאַט גרויסע טײַנעס, האַלעמײַ ער וויל זיך ניט נעמען ערנסט צום לערנען און פאַרענדיקן זײַן בילדונג. קעדיי צו גיין פאָרויס, מוז מען אַמאָל קריכן אויף אַלע פיר, און אים, זעט איר, איז שוין ניט אָנגעשטאַנען זיך זעצן באַם לערנטיש. פאַר דער מילכאָמע האָט ער זיך געלערנט אין אוניווערסיטעט אויפן ביִאָלאָגישן פאַקולטעט. מיר האָבן קוים געפּועלט בײַ אים, ער זאָל זיך דערשלאָגן, מע זאָל אים אויפשטעלן אויף דעם זעלבן צווייטן קורס, פון וועלכן ער איז אַוועק אויפן פראָנט. אָנגעקומען איז ער ניט אויפן ביִאָלאָגישן, נאָר אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט. כאָטש וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט ביִאָלאָגיע מיט געשיכטע, פאַרשטיי איך ניט. אים האָט זיך אָבער געדוכט, אַז ער האָט אַ נייגונג צו הומאַניטאַרע וויסנשאַפטן, ער האָט אַפילע געוואָלט אַריבער אינעם טעאַטראַלן אינסטיטוט, ניט אויף צו ווערן אַן אַרטיסט, כאָלילע (אַן אַרטיסט איז ער אין לעבן), נאָר צו ווערן אַ טעאַטער־טוער. ער האָט שוין דעמלט געטרוימט וועגן דעם. גוט, וואָס ס'האָט זיך אָנגעכאַפּט ליזאַ. ער האָט גלײַך פאַרטראַכט מיט איר כאַסענע צו האָבן, און אויף אַ צײַט האָט ער זיך באַרויִקט. איך האָב אויף זיך גענומען דעם עול זיי צו שטיצן מאַטעריעל, ווײַל ליזאַ האָט זיך אויך נאָך געלערנט. כ'האָב אַלץ געטאָן, קעדיי ער זאָל צוריק דעראָבערן דאָס, וואָס ס'האָט בײַ אים צוגענומען די מילכאָמע.

איז אָט, זײַנען אַוועק אַזויפיל יאָרן, מאָטיק האָט שוין אויפגעהערט זיך באַרימען מיט זײַנע העלדנטאַטן, בלויז דער צעדרויבלטער עלנבויגן פון דער רעכטער האַנט, וואָס איז זיך קוים צונויפגעוואַקסן, לאָזט אים ניט פאַרגעסן אין דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט. און ס'טרעפט איינמאָל, אַז די דערמאָנונג וועגן דער מילכאָמע קומט גלײַך אין שטוב.

מאָטיק איז יענעם טאָג אין שפּיטאָל געלעגן, ס'האָט זיך צעשפּילט דער דיִאַבעט בײַ אים, רעגינאַ איז געווען אויף דער אַרבעט. גאַריק האָט אויפן הויף געטריבן פוטבאָל מיט זײַנע כאַווײרים. מיטאַמאָל האָבן די כעוורע דערזען עטלעכע מענטשן בײַ דער פּאַראַד־טיר: זיי האָבן אין דער הייך, מיט אַ מאָדנעם אַקצענט געלייענט אויפן טאָוול דאָס צעטל פון די אײַנוווינער, אײַך פאַמיליע נאָך דער צווייטער. גערעדט צווישן זיך האָבן זיי אויף אַ פרעמד לאָשן, כאָטש באַזונדערע ווערטער האָבן געקלונגען גאַנץ באַקאַנט. אַ כעווּרעמאַן פון גאַריקס כאַווײרים האָט זיך אײַנגעשטעלט

א פרעג טאָן, וועלֿכע קוואַרטיר זיי זוכן. האָט איינער פון די פרעמדע אים א גלֿעט געטאָן איבערן קעפּל:

— די הונדערט צוויי־און־פערציקסטע.

די קינדער זײַנען גרייט געווען צו ווײַזן די אויסלֿענדער, ווי צו קומען אהין, נאָר דאָ האָט גאַריק זיך אָנגערופן:

— דאָס איז אונדזער קוואַרטיר.

— איז דײַן פאַמיליע סטראַשון?

— יאָ, סטראַשון, — האָט דאָס ייִנגל א פאַרכידעשטער געענטפערט.

— און מאַטוויי מיכײַלאָוויטש איז דײַן טאַטע? — האָט אים דער פרעמדער באַטראַכט.

— יאָ, מײַן טאַטע, — האָט גאַריק באַשטעטיקט.

— איז פיר אונדז אין שטוב אַרײַן. טאַקע, דעם טאַטן דײַנעם, דעם קאַפּיטאַן סטראַשון, דאַרפן מיר.

— ער איז ניט קיין קאַפּיטאַן, ער איז א ציווילער, — האָט אַזעסדיק אויסגעשריִען איינער פון גאַריקס כאַווײרים.

— אָט מײַן טאַטע איז א מאַיאָר, — האָט א צווייטער וועוריק זיך אָנגערופן.

מײַן אייניק האָט זיך פאַרלאָרן און אַן אַנטוישטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

מײַן טאַטע איז ניט קיין מילֿיטערמאַן, ער איז א לֿעקטאָר.

— ס׳מאַכט ניט אויס. אַמאָל איז ער געווען א גאַנץ בראַווער מילֿיטערמאַן, — האָט די פרוי, וואָס איז געווען צווישן די אויסלֿענדער, זיך צעלאַכט, אַרומגענומען גאַריקן און אים א קוש געטאָן אין קאָפּ. — איך זע, אַז דו ביסט אויך א גאַנץ בראַוו ייִנגל. אַנו, באַווײַז נאָר דעם טאַטנס אויגן!

עמעצער פון די אויסלֿענדער האָט אַרויסבאַקומען א פּאַטאָ און באַוויזן אַלעמען, אַז דאָס ייִנגל איז ענלֿעך, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, אַפן מילֿיטערמאַן, וואָס שטייט דאָרט אין דער אַרומרינגלֿונג פון אַן אוילֿעם, צווישן וועלֿכן מ׳האָט געקאָנט דערקענען אויך אייניקע פון די געסט. גאַריק האָט דערקענט אַף דער פּאַטאָ דעם טאַטן זײַנעם. די קינדער האָבן געגאַפט און ניט אָן קינע זיך געקלֿעפּט צום גלֿיקלֿעכן גאַריקן, וואָס איז דורך די אויסלֿענדער פײַערלֿעך געפירט געוואָרן אַהיים. דאָ האָט גאַריק זיך דערמאָנט, אַז קיינער איז אין שטוב ניטאָ, איז ער אַפּגיך אַוועקגעלאָפן קלֿינגען דער מאַמען.

די שנור מײַנע, רעגינאַ, איז א יוריסטן. גוט, וואָס זי האָט דעם טאָג ניט געהאַט קיין פּראָצעס, און גאַריק האָט גאַנץ גיך זיך דערקלֿונגען צו איר אין דער יורידישער קאָנסולטאַציע. זי האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס ייִנגל רעדט צו איר. וואָס פאַרא זעקס אויסלֿענדער? וואָס דאַרפן זיי דעם טאַטן? צי וויסן זיי, אַז דער טאַטע איז אין שפּיטאָל?

די יעדיִע האָט זי צעטומלט. זי האָט גלֿײַך געוואָלט כאַפּן א טאַקסי און אַוועק אין שפּיטאָל צום מאַן. עפּשער וועט ער זיך אָפּבעטן אַף א פּאָר שאָ אַהיים, ער איז דאָך ניט אַזאַ געפערלֿעכער כוילֿע. דער קלֿיִענט, וואָס איז בא רעגינען אין דעם מאָמענט געזעסן, האָט פאַרשטאַנען פונעם געשפּרעך, אַז זי מוז זיך ערגעץ אײַלֿן, האָט ער איר פאָרגעלֿייגט זײַן מאַשין, אַף וועלֿכער ער איז געקומען. אַפן וועג איז איר אײַנגעפאַלֿן, אַז מאָטיק האָט דאָרט ניט וואָס אָנצוטאָן, זי וועט דאָך אים ניט פירן אַהיים אין די שפּיטאָל־קלֿיידער, דאַרף מען פונדעסטוועגן פריִער פאַרפאָרן אַהיים נעמען אָן אָנצוג פאַר אים. אָבער וויִאַזוי וועט זי די אויסלֿענדער אין שטוב פאַרבעטן? ס׳איז דאָרט אַזוי ענג און אָנגעוואָרפן, און זי אַליין איז אויך עפּעס צו וואָכעדיק געקלֿיידט. די מאַשין איז פונקט פאַרבײַגעפאָרן איר מוטערס הויז, איז זי אַף א ווײַלע אַראָפּגעשפּרונגען כאָטש איבערבײַטן די שיך. די מוטער אירע, מײַן מעכוטענעסטע, כאָטש מיט איין פוס שטייט זי שוין, דוכט זיך, אין קייווער, נאָר מיט דעם צווייטן שטעקט זי נאָך אַלֿץ אין א שיכל פון דער לֿעצטער מאָדע און טראָגט נאָך די זעלֿבע שיך, וואָס די טאָכטער. עמעס, אַכוצן שוכוואַרג, האָט די שנור ניט מיט וואָס צו פּאָזשיווען זיך בא איר, סײַדן עפּשער מיט א טיכל אַפן קאָפּ. די קאָמפּלֿעקציע לאָזט ניט נאַרן די עלֿטער.

אין הויף האָט שוין קינד־און־קייט געוווסט, אַז די געסט זײַנען פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אַז זיי האָבן געבראַכט פאַר דעם שאָכן פון דער הונדערט צוויי־און־פערציקסטער קוואַרטיר עפּעס א מאַטאָנע צי א באַלֿוינונג.

אַז די שנור מײַנע איז אַרויס פון דער מאַשין, האָט מען איר די בסורע אונטערגעטראָגן, נאָך איידער זי האָט די ערשטע טריט געמאַכט. מער באַדאַרף זי ניט, זי האָט שוין א גרייטן שמייכל אַף איר געפּאַקט פּענעמל, וואָס איז פונקט אַזוי לֿיבלֿעך, ווי רייצנדיק שיין. זי ווייסט נאָר ניט, ווו און ווען דעם כיינעוודיקן שמייכל אירן אָנצווענדן. זי שמייכלֿט שטענדיק, ביפּראַט פאַר נײַע באַקאַנטע, אַבי אויסצוזען אומשולֿדיק נאַיִוו און נאָך ייִנגער, ווי זי איז. גאַריק איז צו צו איר

מיט די טשעכן. די פינף מענער האָבן זיך זייער העפלעך באַגריסט מיט איר, די פרוי האָט זי האַרציק אַרומגעכאַפּט קושן.

די געסט ווייסן שוין, אַז איר מאַן איז אין שפּיטאָל, זיי דריקן איר אויס טיפע באַדויערונג און אויך פאַרגעניגן, וואָס זיי זעען זיך מיט מאַטווי מיכײַלאָוויטשעס וווּנדערבאַרער פרוי און מיט זייער געראָטן ייִנגל, וואָס זיי לאָזן אים בייסמײַסע פון די הענט ניט אַרויס...

און דאָ גלײַך האָט מײַן שנור געפונען אַן אויסוועג, זי זאָל זיי ניט באַדאַרפן פירן אין דער ניט אויפגעראַמטער שטוב. זיי קאָנען גלײַך צופאָרן אין שפּיטאָל, איר מאַן איז ניט קיין ליגנדיקער קוילע, מע וועט אים דאָרט זיכער דערלויבן זיך זען מיט זײַנע געהויבענע געסט, ביפּראַט געקומענע פון אַזאַ ווײַטן וועג. זי וועט נאָר עפּעס פאַרכאַפּן פון זײַן האַלבאַשע, ער זאָל קענען פאַרלאָזן די פּאַלאַטע.

זי האָט זיך פאַר מיר נאָכדעם מוידע געווען, אַז ס'איז איר ניט אָנגעשטאַנען באַווײַזן פאַר די געסט די ניט אויפגעראַמטע „אַפּאַרטאַמענטן" אירע, און דאָס האָט גיוווער געווען דעם נײַגער אַפילע צו דערוויסן זיך גלײַך, אין וואָס עס גייט דאָ.

דער קליינער גאַריק, פון זײַן זײַט, האָט מיר מיט אַלע פּראָטים דערציילט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין הויף און דערנאָך אין שפּיטאָל, וויאַזוי די געסט האָבן אַלעמען, אים, גאַריקן, אויך, פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן. די מאַמע האָט זיך דאַפקע אָנגעכאַפּט דעריין, נאָר דער טאַטע האָט זיך געקווענקלט. עפּשער ווײַל ער איז ניט געווען ווי געהעריק אָנגעטאָן. אַליין די מאַמע האָט זיך אין דער היים פאַרפּוצט, און דעם טאַטן האָט זי געבראַכט דעם געוויינלעכן טאָגטעגלעכן גאַרניטער... איז געבליבן, מע זאָל צוגיין אָט דאָ ניט ווײַט צו דער באַבוליען.

מײַן אַלטער האָט זיך שוין געגרייט שלאָפן גיין. איך האָב זיך געקליבן נעמען אַ וואַנע. מיטאָמאָל, איך ווייס ניט פון עפּעס צו זאָגן, האָבן זיי זיך אַרײַנגעוואָרפן, אַזאַ כאַליאַסטרע פון אַ צען פּערזאָן: איך האָב גאָר ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז עס פאַר אַ יאָמטעוו אינמיטנדרינען. גיי צעלייג פאַר זיי די קיך.

ווען ס'איז שוין געווען געגרייט דער טיש און אַלע האָבן זיך אַרום אים באַזעצט, האָט איינער פון די געסט, אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, גענומען דערציילן, ווער זיי זײַנען און וואָס האָט זיי געבראַכט אַהער. די אויסלענדערן האָט אַף אַ גאַנץ גוטן רוסיש, וואָרט אין וואָרט איבערגעגעבן זײַנע רייד.

ער און זײַנע כאַווײרים זײַנען געקומען צו אונדז פון דער טשעכישער שטאָט אָדרע. אים רופט מען יאַנאָש רעבאַ און ער איז דער פאָרזיצער פונעם מוניציפּאַליטעט אין אָדרע. באַנאַנד מיט אים, פון דער רעכטער זײַט, זיצט דער דאָקטער אַנטאָנין וועטשיק, וואָס פירט אָן באַ זיי מיטן געזונט־אָפּטייל — דער דאָקטער האָט אויפגעהויבן זײַן שווערן גוף און זיך טיף פאַרנייגט, — און פון דער לינקער — דער פאַבריק־דירעקטאָר מיכאַל באָזשיק, — אַ דאַר מענטשל מיט גרויסע ברילן, וואָס פאַרשטעלן אַ האַלב פּאָנעם, האָט זיך עטוואָס אויפגעהויבן פון אָרט, — הינטער דעם דירעקטאָרס פּלייצעס באַהאַלט זיך אויס זײַן בעסטער צעך־מײַסטער זדען קאַרעלע.

— און צולעצט, — האָט יאַנאָש רעבאַ פאַרענדיקט פאָרשטעלן די געקומענע, — דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר מילאַן לעטשיק. ווי איר זעט, איז ער צווישן אונדז דער סאַמע יונגער און סאַמע אומגליקלעכער. ער האָט דאָ לעבן זיך זײַן צווייטע העלפט. דו, באָזשענע, שלינג ניט אַראָפּ דאָס וואָרט „אומגליקלעכער", — האָט ער זיך געווענדט צו דער איבערזעצערן אונטער אַלעמענס געלעכטער.

יאַנאָש רעבאַ האָט אויסגעוואַרט, ביז ס'איז שטיל געוואָרן, און שוין גאָר מיט אַן אַנדער טאָן פאָרגעזעצט:

— פאַר די פינף מענער, וואָס זיצן איצט דאָ מיט אײַך, און פאַר נאָך פופצן אַקטיווע אַנטיפאַשיסטן פון אונדזער שטאָט זײַנען שוין געשטאַנען גרייט אַפן מאַרק־פּלאַץ לעבן דעם ראָטהויז צוואַנציק טליִעס. מע האָט אונדז אַרויסגעפירט פון טפיסע, און פאַר דעם קורצן מעהאַלעך ביז צום מאַרק־פּלאַץ האָט יעדערער פון אונדז אַדורכגעלעבט נאָכאַמאָל דאָס גאַנצע לעבן זײַנס. דעמלט — נאָך אַ גאַנץ קורץ לעבן. דער עלטסטער צווישן אונדז איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר. דאָס ווייס איך גאַנץ גענוי, — האָט ער אַ שמייכל געטאָן, — איך אַליין בין געווען אין זײַן פעל. שלאָגט מיך ניט איבער, — האָט ער ניט דערלאָזט, די כאַווײרים זאָלן זיך אַ ווערטל טאָן. — מיר האָבן דערזען דעם אוילעם, וואָס די פאַשיסטן האָבן צונויפגעטריבן, די פאַרוויינטע מאַמעס אונדזערע, די פאַרומערטע און דערשלאָגענע טאַטעס... מיטאָמאָל האָבן מיר דערהערט שיסן. ניט אין אונדז האָט מען געשאָסן, און ניט אין אוילעם. ערגעץ איבער אונדז האָט מען געשאָסן. ניט זייער ווײַט. צעטומלטע האָבן אונדזערע הענקער זיך געכאַפּט פאַרן געווער. אָבער נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו געבן דעם ערשטן שאָס, האָבן מיר דערזען אַ סאָוועטישן קאַפּיטאַן בעראָש פון אַ מאַכנע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פון אַלע זײַטן זיך אַדורכגעריסן דורכן פאַר־

גליוורט־דערשטוינטן אוילעם און ארומגערינגלט דאָס בינטל מערדער, וואָס האָט אָן א באפעל אפילע געהאט פארשטאנד אויסצופילן די קאָמאנדע „הענדע האָך“.

כ׳האָב פּלוצעם אופגעהערט צו שפּירן, וואָס מע רעדט באם טיש. ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט דאָס אכצעטע יאָר און אן ענלעכער עפּיזאָד אין קיִעוו, ווען מיר האָבן באפרײַט אף פּעטשערסק די געפאנגענע פונעם קאָסאַי קאַפּאָניר און צווישן זיי גרישע טשודנאָווסקין.

ווען איך האָב זיך ארויסגעשלאָגן פון די מאכשאָוועס, האָב איך דערהערט, ווי יאנאָש רעבא ווענדט זיך אומיטלבאר צו דער גאנצער מישפּאָכע אונדזערער:

— ...דעם זון אײַערן, דעם מאן און דעם פּאָטער, דעם קאַפּיטאַן מאטוויי מיכײַלאָוויטש סטראשון צום צוואנציקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פּאשיזם באלוינען מיטן טיטל ערנבירגער פון אונדזער ניט גרויסער, אָבער גאנץ שיינער שטאָט אָדרע.

ער צעעפנט די טאָוולען, וואָס ליגן פאר אים אפן טיש, נעמט ארויס פון דאָרט א גראמאָטע, געדרוקט מיט גאָלדענע אויסיִעס, און דערלאנגט זי מאָטיקן. ער צעקושט זיך מיט אים, דאָס זעלבע לויט דער ריי טוען אלע איבעריקע געסט.

דאָ איז אוועק א רייד, ווי שווער ס׳איז זיי אָנגעקומען אויסזוכן דעם העלד מײַנעם. זיי האָבן געהאט בלויז איין־און־איינציקע פּאָטאָ, וווּ ער שטייט צווישן באפרײַטן אוילעם. עמעצער האָט פארגעדענקט זײַן שרעקנדיקן פאמיליע־נאָמען: סטראשון, א צווייטער האָט זיך דערמאָנט, אז דער קאַפּיטאַן איז א קיִעווער. מע האָט אומגעפער אָפּגעשאצט זײַן עלטער, און לויט אָט די קאַרגע עטלעכע יעדיִעס האָבן זיי פירגענומען די זוכענישן, געמאכט אָנפראגן אין א סאך שטעט, אין מיליטערישע און ציווילע אנשטאלטן. די ענטפערס זײַנען אָבער אמיינסטנס געווען ניט קיין באַפרידיקנדיקע, ביזוואנען דער היגער טשעכאָסלאָוואקישער קאָנסולאט דאָ, אין קיִעוו, האָט זיך ניט אָנגעשטויסן זיך צו דערוויסן די אדרעסן פון אלע סטראשונס, וואָס ווינען אין שטאָט. אז זיי האָבן אין אָדרע באקומען דאָס לאנגע צעטל, האָבן זיי באשטימט מאכן א טור אין סאָוועטנפארבאנד. דער מארשרוט זייערער איז אפילע אויסגערעכנט אף א גאנצער ריי שטעט, נאָר זיי זיצן שוין אין קיִעוו העכער א וואָך, געמאכט וויזיטן בא צענדליקער סטראשונס.

דאפקע דער אלטער מײַנער, וואָס טאָר שוין אפילע קיין קאפּ ווײַן אין מויל ניט נעמען, האָט געמאכט א גוואלד:

— וואָס הייסט עס? די פלעשער שטייען ניט אופגעקאָרקעט, ס׳טריקנט אין האלדז, דאָס צובײַסעכץ בעט זיך מאמעש — נעמט פארזוכט. מע קאָן אזוי אָפּרעדן ביז פארטאָג...

אלע האָבן אים אָפּגעגעבן גערעכט, און ס׳האָבן אָנגעהויבן ריידן גאָפּל־מעסער. די קויסעס זײַנען שוין געווען אָנגעפילט. דער פּעטלײַביקער דאָקטער האָט זיך אופגעהויבן מיטן בעכער אין האנט, א פיר געטאָן מיט די אויגן איבערן אוילעם און אָפּגעשטעלט זײַן בליק אף אונדזער ווינקל, וווּ איך בין געזעסן לעבן מײַן אלטן. מיט א צוגעדעמפּטער שטים האָט ער אָנגעהויבן:

— ווען איך בין נאָך א סטודענט געווען, פארן קריג, האָב איך אין א רעסטאָראן אין פּראָג געהערט אן עסטראדע־ליד. כ׳האָב די ווערטער ניט פארשטאנען, נאָר די ליד איז מיר ארײַנגעדרונגען טיף אין הארצן. ווען איך האָב דערנאָך געפרעגט, וועגן וואָס זינגט זיך אין דער ליד, האָט מען מיר געענטפערט: וועגן א יִידישער מאמען. בא אונדז, טשעכן, ווי געוויס בא אלע פעלקער אין דער וועלט, איז אויך פאראן א ליד וועגן דער מאמען. איך לייג פאָר דעם ערשטן טאָסט אופהייבן פאר דער באלעבאָסטע פון אָט דעם פרײַנטלעכן הויז, פארן קאַפּיטאַן סטראשונס כאָשעווער מאמע! זא מאמאניו! — האָט ער קימאט ווי אויסגעשריגן.

דאָ האָבן זיך אלע אופגעהויבן, און נאָך איידער עמעצער האָט באוויזן נעמען דעם קאָס צו די ליפּן, האָבן די געסט אָנגעהויבן זינגען א ליד, ווו ס׳האָבן זיך פיל מאָל איבערגעכאזערט די ווערטער „זא מאמאניו“. ס׳איז מיר געוואָרן ענג אין האלדז. כ׳האָב מוירע געהאט א זוך טאָן דאָס טאשנטיכל, כאָטש נעם מיט דער הוילער דלאָניע און צעוויש די פײַכטקײַט, וואָס האָט פארנעפּלט די אויגן. זיי האָבן זייער ליד געזונגען מיט אזא טיף געפיל, אז ס׳האָט פארקלעמט באם הארצן פון ראכמאָנעס. ניט אף זיך, נאָר אף די אלע צענער טויזנטער מאמעס, וואָס האָבן ניט די זין בא זייער טיש און וועלן זיי שוין קיינמאָל ניט האָבן.

שוין נאָך דעם, ווי די בעכער זײַנען אויסגעליידיקט געוואָרן, ווען אלע זײַנען געווען פארטאָן מיטן פארבײַסן, פארענטפער איך זיך פאר מײַנע געסט:

— איך בין גאָר ניט אזא קלאָגמוטער, ווי איר קאָנט מיינען. ס׳איז אָבער ניט קיין שאנד צו וויינען פאר פרייד, פאר דאנקבארקײַט צו אײַך, צו מײַן זון... דאָס איז, פארשטייט זיך, געווען זײַן סאָלדאטישער כויוו, און מײַנע טרערן...

איך האָב זיי נאָך געוואָלט זאָגן, אז איך האָב אף מײַן לעבן זייער זעלטן געוויינט. אפילע אין די טראגישסטע צײַטן האָב איך מיט פארציפּעטע ליפּן געשטיקט דעם ווייטעק אין זיך. נאָר מאָטיק איז מיר פארלאָפן דעם וועג:

— ווי קומט צו דיר, מאַמע, ריידן פון טרערן? דו ביסט דאָך בא אונדז אַפּדערעמעסן אַ העלדן. נאָך אין די צײַטן פון בירגערקריג האָסטו געהאַלטן אַ ביקס אין האַנט. — און דאָ האָט ער גענומען אויסדערציילן פאַר די געסט, אַז איך האָב אַנטיילגענומען אינעם שטורעם פונעם ווינטער־פּאַלאַץ, אַז איך האָב פיל מאָל געזען און געהערט לענינען, אַז איך בין שוין באַלד אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי...

איך האָב אין דער דאָזיקער נאַכט ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. איך בין גענוג אויפגערודערט געווען, און דאָ האָט נאָך מײַן אַלטער גענומען קאַטאָוועס טרײַבן; ער פאַרגינט זיך צו זאָגן, איך אַ שפּאַס קלוימערשט, אַז איך האָב שטאַרק אויסגענומען בא די געסט מיט מײַן שטאַלט; בא מײַנע קאַרגע זיבעציק יאָר זע איך נאָך אויס, ווי אַ גרענאַדער, הויך, באַלײַבט, איך קאָן נאָך מאַכן, — זאָגט ער, — אַן אײַנדרוק פון אַ געוועזענער שיינהײַט.

— ניט אומזיסט האָט דער דאָקטער דיר אַזויפיל קאָוועד אָפּגעגעבן.

ער האָט זיך געוויצלט, דער אַלטער, אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַנשלאָפן געוואָרן. און איך האָב שוין אײַנשלאָפן ניט געקאָנט. צי דען איז דאָס דער סאַכאַקל, דאָס אויסערלעכע, וואָס די צײַט האָט אויפגעפרעסן? און ווו איז דאָס סאַמע טאָכיקסטע, וואָס יעדער איינער טראָגט מיט זיך אַ לעבן לאַנג? ניין, מײַנע פרײַנט, עפּעס האָב איך אין מײַן לעבן אויך מעסאַקן געווען. און וועגן דעם וויל איך דערציילן. נאָר מיטן גאַנצן עמעס, אַזוי ווי ער איז. אַ האַלבער עמעס איז אויך אַ ליגן. ער גייט ניט אָן, ווען מע רעדט מיט זיך אַליין. עמעצן וועט ער, דער עמעס, טיף אָנרירן און אויך עפּשער ווי טאָן, דערהויפּט דעם אַלטן מײַנעם, אויב ער וועט אַמאָל דערגיין צו אים; מעגלעך, בא די זין וועט ער אַרויסרופן פאַריבל פאַרן טאַטן. מיילע, די ווירקלעכקײַט איז אַמאָל עסעריק, ווי זאַלץ אין די אויגן. אָבער מע מוז זיי האַלטן אָפן. וויל איך טאַקע איצט אַ קוק טאָן אַף מײַן דורכגעגאַנגענעם לעבן מיט אָפענע אויגן. אין די קינדער־יאָרן איז פאַר מיר די וועלט געווען ווי אַ פראַגעצייכן, אין די מיטעלע — ווי די פאַרקײַלעכיקטע קאָמע... אָבער אין אַלע צײַטן זײַנען אויך געווען פילפּונקטן, גענדזנפיסלעך, קלאַמערן, און אויך, דערהויפּט אין די יוגנט־יאָרן, — דער וווּנדערלעכער אויסרופצייכן, וואָס מונטערט און באַגײַסטערט. איצט, אַף די עלטערע יאָרן, איז די וועלט פאַר מיר ווי אַ פּונקט. דער לעצטער פּונקט עפּשער. סראָוו בויט מען לופטשלעסער, ווען מע איז יונג, איך וויל אים אַף דער עלטער אויסבויען, דעם קרישטאָלע־נעם פּאַלאַץ מײַנעם. ניט פאַר זיך, פאַרשטייט זיך. זאָל עס זײַן מײַן נאַכלע, מײַנע, אַזוי צו זאָגן, ירושע־גיטער פאַר די קינדער און אייניקלעך.

דאָס, וואָס איך האָב אין דער דאָזיקער נאַכט פאַרטראַכט, האָב איך שוין אַף מאָרגן אָנגע־הויבן צו פאַרווירקלעכן. אומגעהייער שווער איז געווען דער אָנהייב. איך האָב טאָגטעגלעך געשריבן און געמעקט. און נאָכאַמאָל געשריבן, און ס'איז מיר ווידער ניט געפעלן געווען. שוין באַלד אַ יאָר, אַז איך פאַרנעם זיך דערמיט. איך האַלט שוין באַם פערטן העפט. צום אָנהייב וועל איך זיך שוין מער ניט אומקערן, קאָן איך עס לייענען אַזוי, ווי עס איז אָנגעשריבן. איך טו עס אָפּט, ווען איך ווער מיד צו ציִען דעם פאָדעם ווײַטער. איך טו אַ כאַפּ אַ זײַטל פון דער מיט און לייען עס פאַר זיך, ווי ס'פלעגן אַמאָל טאָן די באָבעס מיטן טײַטשכומעש. אָט לייען איך ווידער איינס פון די ערשטע קאַפּיטלען.

„שוין לאַנג, ווי איך ווייס גאָרניט וועגן די טשודנאָווסקיס. אייגנטלעך, האָב איך אין זינען איינעם פון זיי, דעם ייִנגסטן, גרישען. פון זינט די עלטערן האָבן אים באַשטאַט אינעם קליינעם שווייצאַרישן שטעטל מאָנטרע, האָב איך קימאַט פון אים ניט געהערט. אָפּט טראַכט איך וועגן אים. דאָס האַרץ נאָגט און בענקט. מײַנע לערנביכער און די העפטן ליגן צעוואָרפן אַפן שרײַב־טיש, און איך זיץ און טרוים. איך זיץ אַ שאָ און צוויי, קיינער גייט צו מיר ניט אַרײַן. איך צינד ניט אָן קיין לאָמפּ אַף צו פאַרטרײַבן דעם דעמער. דער טאַטע וועט קומען צו פאָרן פונעם געריכט, ער וועט אָפּשטעלן די דראָשקע באַם שטוב און דערזען, אַז בא מיר איז פינצטער אין צימער. ער וועט מיינען, אַז איך בין אַפּן גליטש. ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז כ'בין אין דער היים, זיץ אין דער פינצטער און טו גאָרניט, וועט ער אויפהייבן אַ ליאַרעם:

— אַ מיידל פון פערצן, דאָס פופצעטע יאָר, אַ גימנאַזיסטן פון פינפטן קלאַס! וויִאַזוי קאָן מען אַזוי זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און גאָרנישט ניט טאָן?

דאָס מאָל איז אַזוי ניט געשען. דער טאַטע איז בא דער וועטשערע געווען אין אַ געהויבענער שטימונג. דער פּראָצעס, וואָס ער פירט, איז אַף אַ גוטן דערעך. ער דערציילט דער מאַמען מיט אַלע פּישטשעווקעס, וויִאַזוי ער האָט פאַרוקט דעם פּראָקוראָר אין אַ טעמפּן ווינקל. איך עס און קוק דערבײַ אַרײַן אין אַן אָפן ביכל. מיט אַ האַלבן אויער הער איך זײַנע רייד. די מאַמע שרײַט דערווײַל אָן אַפן קלענערן ברודערל, ער זאָל עסן ווי אַ מענטש.

— דו ווייסט, ווּעמען איך האָב הײַנט געהאַט די ערע אײַנלאַדן צו אונדז? — שלאָגט דער טאַטע איבער דער מאַמעס מוסער זאָגן. — דו וועסט זיך אַפילע ניט פֿאָרשטעלן. — און דאָ דערהער איך: — דעם אַלטן טשודנאָווסקין. ער האָט דאָ אַן איניען אין דער געריכט־פּאַלאַטע. ער וועט זיך פֿאַרהאַלטן אַף אַ פּאָר טעג, ווּעלן מיר הערן, וואָס ס׳טוט זיך דאָרטן אין דער אַלטער היים, אין קאַטערינאָסלאַוו.

אַפֿן אַנדערן טאָג, קומענדיק פֿון די לימודים, האָב איך זיך ניט אײַנגעשטעלט פֿרעגן, צי דער גאַסט איז געווען און וואָס דערציילט ער. ערשט אַפֿן דריטן טאָג האָט מיר די מאַמע אַליין אונטערגעטראָגן דאָס נײַס.

— דו ווייסט, דער קלענסטער זייערער איז שוין ניט אין אויסלאַנד. זיי האָבן אים באַשטאַט אַפֿן יורידישן פֿאַקולטעט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט.

מיט דער צײַט האָב איך זיך דערוווּסט נאָך שענערס: „ער האָט געמוזט מאַכן אַ וואַיִיוורעך” (דעם טאַטנס ווערטער).

די טיר איז געווען אָפֿן, ווען דער טאַטע האָט אין שלאָפֿצימער אויסדערציילט פֿאַר דער מאַמען, וויִאַזוי דער אַלטער טשודנאָווסקי האָט זיך פֿאַר אים געקלאָגט, אַז ער קאָן מיט אים ניט דורכקומען, מיטן מיזיניק, ער איז קלוג און פֿייִק. פֿאַר איין יאָר האָט ער זיך צוגעגרייט און אָפּגעגעבן עקסטערן פֿאַרן גאַנצן גימנאַזיע־קורס, און אַלץ, קעדיי ער זאָל האָבן פֿרײַע הענט זיך צו פֿאַרנעמען מיט זײַנע טרייפֿענע זאַכן. ס׳איז אים קאַרג געווען האָבן צו טאָן מיט פֿאַרבאָרגענע איסאָקים אין גימנאַזיע, בונטעווען די גימנאַזיסטן. האָט ער אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם אָל פֿון לערנען, זיך צונויפֿגעקאָמפּאַניִעט מיט ווו אַ באַלמעלאָכע אין שטאָט, זיי אײַנגערעדט פֿאָדערן העכערע סכירעס און אַרויסגערופֿן אַ שטרײַק. ער האָט אַפֿילע אָנגעשפּאַרט צו די פֿאַבריק־אַרבעטער אינעם סאַמע קוטיקסטן קוואַרטאַל פֿון דער שטאָט, אין טשעטשעלאָווקע. אַנומלטן איז ער שיר ניט אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די זשאַנדאַרמען. באַ זיך אין דער גווירישער שטוב האָט ער געלאָזט באַהאַלטן די שטרײַק־קאַסע. די דינסט האָט עס געפֿונען באַ אים אין צימער, צווישן דער הרובע. אַ גאַנצן פּאַק מיט קליינגעלט.

דער טאַטע האָט צוגעמאַכט די טיר, נאָר איך האָב פֿאַרטײַעטערהייט זיך צוגעשאַרט און צוגעלייגט דעם אויער. דער אַלטער טשודנאָווסקי האָט זיך געהאַלטן אַן אייצע מיטן טאַטן, עפּשער זאָל ער אים אַריבערנעמען, גרישען, אַהער, קיין קיִעוו. אין פּעטערבורג אַרבעט ער מײַסים, נאָך ערגער ווי באַ זיך אין דער היים, דאָרט איז פֿול מיט רעוואָליוציִאָנערן. דאָ זײַנען זיי עפּשער וויניקער, און ביז ער וועט זיך מיט זיי צונויפֿזניוכען.

דער טאַטע האָט אים אָפּגערעדט דערפֿון: זיי זײַנען דאָ אויך פֿאַראַן איבערגענוג, אָט גרייט זיך איצט אַ פּראָצעס פֿון צוועלף אירע...”

...איך בלעטער איבער אַ פּאָר צענדליק זײַטן. איך וויל קומען צו אַן אָרט, ווו איך דערצייל עפּעס וועגן זיך. זאָלן זיי זען, ווען זיי וועלן עס אַמאָל נעמען לייענען, אַז זייער אַלטע מאַמע, די באַבוליאַ, ווי די אייניקלעך רופֿן מיך, די פּענסיִאָנערקע, וואָס לעבט פֿון גרייטן, האָט אויך עפּעס פֿאַר איר לעבן אויפֿגעטאָן. זאָל זײַן אין אַ קלענערער מאָס, ווי גרישע, זאָל זײַן, אַז איך האָב דעם מינדסטן כיילעק אין דעם, וואָס די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט געבראַכט מיט זיך, דאָך האָב איך אויך מיט עפּעס גוירעם געווען. אַף אַ גרויסן בוים איז גוט צו קוקן פֿונדערווײַטנס. ס׳וועלן אונטערוואַקסן מײַנע אייניקלעך, ס׳וועלן נאָך זײַן אוראייניקלעך, און זיי וועלן זיך נאָך עפּשער גרויסן מיט דעם, וואָס זיי וועלן אַרויסלייענען פֿון דעם, וואָס איך שרײַב איצט.

איך קוק אַרײַן אין אַ נײַ זײַטל. איך פֿיל, אַז ס׳איז ניט דאָס. פֿונדעסטוועגן לייען איך.

„איך בין שוין אַ דערוואַקסענע. צו זעכצן יאָר בין איך העכער פֿון דער מאַמען. אין די שיך מיט די הויכע קנאַפּל בין איך שוין אַזוי גרויס, ווי דער טאַטע. אַז איך טו אויס דעם גימנאַזיע־פֿאַרטעך און קום ערגעץ מיט די עלטערן צוגאַסט, באַציט מען זיך צו מיר קימאַט ווי צו אַ קאַלע־מיידל. דער טאַטע דערציילט, אַז מ׳האָט שוין אַפֿילע געפּרוּווט אַ טאַפּ טאָן דעם וואָגן באַ אים. איינער פֿון זײַנע שטענדיקע קליִענטן האָט געוואָרפֿן אַן אויג אַף מיר, ער זוכט אַ קאַלע פֿאַר זײַן זון, וואָס לערנט אַף דאָקטער. דער טאַטע האָט דערפֿון געמאַכט אַ געלעכטער, נאָר אַנומלטן, ווען ער האָט מיך דערזען שטיין באַם שפּיגל, האָט ער, רייצנדיק מיך, געלויבט פֿאַר דער מאַמען דעם פֿײַנעם שידעך, וואָס ער האָט פֿאַרמײַנעטוועגן.

די מאַמע האָט אַף דעם אָפּגעענטפֿערט מיט אַ זיפֿץ:

— דערווײַל קוקט זי מער אין שפּיגל, ווי אַף דער באַלעבאַטישקײַט.

זי פֿאַרשטייט ניט, אַז דאָס אייצע איך זיך באַם שפּיגל מיט זיך אַליין. איך פֿרעג באַ מײַן אָפּשפּיגלונג, וואָס וועט זײַן מיט מיר. און דאָ אַפֿן אָרט טראַכט איך צו, וואָס ס׳זאָל פֿון מיר ווערן.

איך כאַפּ זיך, אַז צו אָפט שטעל איך זיך אָפּ באַ די שויפענצטער, ווו ס׳קוקן ארויס צענדליקער קליידער פון דער לעצטער מאָדע. דאָס באַטראַכט איך, אין אַוועלכן קלייד וואָלט איך געוואָלט זײַן אפן ארויסלאָז־באַל. און אין דער זעלבער צײַט זײַנען באַ מיר די געדאַנקען פאַרנומען מיט גאָר עפּעס אַנדערש. ווי די דרײַ שוועסטער באַ טשעכאָוון, וועלכע זײַנען מיט אַלע כושים ארײַנגעטאָן אין איין באַגער: „קיין מאָסקווע! קיין מאָסקווע! קיין מאָסקווע!“, אַזוי בין איך איצט באַהערשט בלויז פון איין פאַרלאַנג: קיין פּעטערבורג! קיין פּעטערבורג! ס׳איז אפילע שווער צו באַנעמען, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג ס׳האָט פאַר מיר די דאָזיקע שטאָט. פאַר זיך אַליין מוז איך זיך מודע זײַן, אַז אין די אַלע כאַלוימעס וועגן זעלבשטענדיקײַט, וועגן פאַרבינדונגען מיט דער פאָרגעשריטענער, בונטאַרישער יוגנט (דאָס, וואָס ס׳איז פאַר מיר אומעגלעך דאָ, לעבן די עלטערן), וועגן פאָרזעצן דאָס לערנען, — אין דעם אַלעמען איז פאַראַן נאָך אַ קאַוואַנע, אַ פאַרנעפּלט ווײַטער טרוים, וואָס טראָגט דעם נאָמען: גרישע.

ס׳האָט טאַטע־מאַמע גאָרנישט ניט געהאָלפן: מיטן גימנאַזיע־אַטעסטאַט פון גאָלדע פינפן, מיטן טאַטנס בריוו צו זײַנעם אַן אוניווערסיטעט־כאַווער, מיט דער קליינער וואַליזע, ווו ס׳איז צווישן די קליידער געלעגן פאַרשטעקט דער הונדערטער, וואָס מע האָט מיר מיטגעגעבן אָפּ דער ערשטער צײַט, בין איך אין איינעם אַ פרימאָרגן געקומען קיין פּעטערבורג.

דער קוטשער האָט אָפּגעשטעלט די דראָשקע אפן ראָג. ער האָט מיך געבראַכט צו דער געוווּנטשענער גאַס, דאָס הויז וועל איך שוין אַליין געפינען, ער דאַרף מיט די איבעריקע פּאַסאַזשירן פאָרן ווײַטער. איך האָב זיך געלאָזט מיט דער פאַרטאָגיקער גאַס, וואָס מע האָט שוין געוואַשן און געראַמט.

די קאָנטאָר פונעם אַדוואָקאַט דאַנאָוויטש, דעם טאַטנס יוגנט־פרײַנט, איז נאָך געווען פאַרמאַכט, בין איך ארײַן אין אַ קאַווע־הויז, וואָס האָט זיך נאָרוואָס געעפנט. איך האָב באַשטעלט צוויי גלעזער קאַווע מיט אַ פּוטערבולקע. אינעם האַנט־טאַש האָב איך נאָך ברויט מיט וווּרשט, וואָס איך פיר פון דער היים. מײַן לאַנג פאָרען זיך מיט דער וואַליזע, — איך האָב אַלץ ניט געקאָנט געפינען פאַר איר קיין אָרט, געשטעלט אפן דיל, דערנאָך אפן בענקל, דערנאָך ווידער אונטערן טישל, — האָט, ווײַזט אויס, דערוועקט נײַגער באַם קעלנער.

— פון ווײַט געקומען? — האָט ער, אָנשפּאַרנדיק דעם עלנבויגן אפן עק טיש, געפרעגט באַ מיר.

— פון קיִעוו, די שטאָט פונעם הייליקן וולאַדימיר, — האָב איך אומיסטן פרום ארויסגעבראַכט. דער ערשטער פּרווו מײַנער, צי קען איך אָנגיין פאַר אַן עכט רוסיש מיידל, איז אָפּאָנעם געווען געלונגען. ער האַלט אויך זייער פון קיִעוו, די מוטער־שטאָט פון גאַנץ ראַסיי. און אָפּ וויפל די דרײַ באַזוכער, וואָס זײַנען ארײַן אין דעם פרימאָרגנדיקן קאַווע־הויז, האָט ער שוין באַוויזן צו באַדינען, האָט ער זיך אָפּ אַ רעגע צוגעזעצט קעגן מיר און זיך גענומען דערפרעגן, צי בין איך געקומען אָפּ לאַנג און וואָס קלײַב איך זיך דאָ טאָן.

— אָפּ שטענדיק, — האָב איך אים קורץ געענטפערט, — איך וויל דאָ לערנען און אַרבעטן.

— לערנען און אַרבעטן? — האָט ער זיך ווי געיִישעוועט און מיר ניט געגלייבט. — דאָס איז ניט שלעכט — לערנען און אַרבעטן. איז וווּהין זײַט איר פאַרפאָרן? איר האָט דאָ עמעצן?

— איך האָב דאָ קיינעם ניט, — האָב איך זיך מודע געווען און אַ שמייכל געטאָן. ס׳איז מיר געפעלן געוואָרן די מעיושעוודיקײַט פון אָט דעם יונגן קעלנער און זײַן ערנסט־פאַרוווּנדערט פּאָנעם, ווען ער האָט איבערגעפרעגט: — טאַקע גאָר, גאָר קיינעם ניט?

— קימאַט, — באַשטעטיק איך, — אַכוץ מײַן טאַטנס אַ פרײַנט. מיט אים דאַרף איך זיך אָן אייצע האַלטן.

— גייט נאָר ניט אין קיין גאַסטהויז, — גיט ער מיר שוין אפן אָרט די אייצע, — ס׳קאָסט דאָרט צו טײַער, און ס׳איז ווייניקער באַקוועם, ווי אָפּ פּריוואַטער קוואַרטיר. איך קאָן אײַך פאָרלייגן אַ דירע באַ מײַן שוועסטער, זי איז איינע אַליין, אַן אַלמאָנע. צוויי צימערלעך מיט אַ קיכל און אַ באַזונדער ארײַנגאַנג. פאַרגעדענקט, אויב איר וועט קיין בעסערס ניט געפינען. זי וועט אײַך ניט באַרײַסן. מיר זײַנען ערלעכע מענטשן...

ס׳איז מיר מיטאַמאָל געוואָרן פאַרדעכטיק זײַן צושטיין צו מיר. ער האָט געהאַלטן אין איין לויבן די שוועסטער: זי איז אַ גוטע, אַ גראַמאָטנע, כאָטש אַ פּאָשעטע אַרבעטערן, נאָר זי האָט ליב ביכער און געבילדעטע מענטשן. ס׳האָט שוין געוווינט באַ איר אַ קורסיסטקע פון סאַראַטאָוו, נאָר זי האָט געמוזט וואַרפן דאָס לערנען און אהיימפאָרן צו איר קראַנקער מוטער.

איך האָב פּאַמעלעכן געזופּט די קאַווע, און דער כשאַד מײַנער איז געוואַקסן. ס׳איז קלאָר, אַז ער מיינט ניט אַזוי דער שוועסטערס טויווע, ווי... די נײַע באַקאַנטשאַפט. עפּעס איז ער צו גענייגט צו מיר, און פון זײַנע ליפּן טריפט מיט האָניק, ווען ער רעדט וועגן מײַנע פּלאַמיק־רויטע

צעפּ און וועגן די קלײַנדלעך בא די נאָז־ווינקלען. איך לאָך פון אים אָפּ. איך פרעג אים, ווּהין וועט ער אריבער וווינען, ווען איך וועל אָפּדינגען דאָס צווייטע צימער. ער האָט שיר זיך ניט באַליידיקט.

— וואָס הייסט, איך ווין דען בא דער שוועסטער? איך האָב אַליין א פאמיליע. מײַן ווײַב ארבעט דאָ, אין דער קיך. מיר האָבן שוין א דרײַיאָריק זונעלע.

ער האָט דערזען ארײַנקומען נײַע באזוכער, א קאווקאזער אין א נידעריק שמויסן היטל און א פרוי מיט א פארדעקט פּאָנעם.

— איך וועל גיין באדינען די אינאַראָדצעס, — האָט ער זיך אופגעהויבן פונעם בענקל, — און איר קומט ארײַן צו דער שוועסטער, אפילע אז איר וועט קריגן אַן אנדער ווינונג. זי וועט אײַך געפעלן. איר וועט איר, גלייב איך, אויך זײַן צום הארצן, — האָט ער געזאָגט, שוין אוועק־גייענדיק.

דער גוטערפרײַנט דעם טאטנס איז געזעסן, ווי אַף א טראָן, אין א פײַן געשניצטן שטול און געלייענט דעם בריוו, וואָס איך האָב אים דערלאנגט. ער איז, אפּאָנעם, אינעם טאטנס יאָרן, נאָר דער צעשויבערטער קאָפּ האָר איז בא אים א ביסל מער געמישט מיט גראָוון, ווי באם טאטן. דערפאר איז די באָרד זײַנע אינגאנצן א שווארצע און דאָס מאכט יינגער דאָס פּאָנעם זײַנס מיט דער גלאטער ראָזער הויט, אָן א קנייטש אפילע, מיט א פּאָר יינגלש גיריקע ליפּן, די אייבערשטע א ביסל פארהויבן, ווי ער וואָלט זיך געמיט א שמייכל טאָן. איך באטראכט דעם קאבינעט פון א הויפטשטאָטישן אדוואָקאט. ער איז א סאך רײַכער אויסגעשטאט, ווי דעם טאטנס. ווייכע פליושענע דיוואנען בא די ווענט. ארום דעם שווערן דעמבענעם טיש א האלבע טוץ לעדערנע שטולן. איך זיץ אויך אַף אזא שטול. כ'באמי זיך ניט אָנצושפּארן זיך אינעם הויכן אָנלען. כאָטש ס'ווילט זיך מיר דערפילן, אַף ווי ווײַט ער איז פרוזשינעדיק־נאָכגיביק. איך זיץ גלײַך, ווי א סטאטעק, און פיר מיט די אויגן איבער די ברייטע רוקנס פון די גראָבע קאָדעקסן, וואָס שטייען ענג צונויפגעג־רוקט הינטערן גלאָז פון די ביכער־שראנקען. אָט דאָ שטייען אויך, מיסטאמע, אײַנגעבונדן אין טאָוולען, די וויכטיקע פּאפּירן, פון וועלכע ס'הענגט אָפּ דער גוירל פון די קליענטן.

— ס'טרײַבט אײַך אין דער הויפּטשטאָט, — טוען א ליכט אוף די ווײַסלען בא אים אין די אויגן, און זיי מאכן ביז גאָר קליין די מענטשעלעך דאָרטן. פון צווישן די ווייכע ליפּן גאנוועט זיך ארויס א קארג שמייכעלע, — אזא יונג שיין מיידל קאָן זיך קיין כאָסן ניט געפינען בא זיך אין דער היים?

— איך זוך ניט קיין כאָסן, — דערפיל איך דעם פלאם פון מײַנע אויערן, — אויב איר האָט א זון, קאָנט איר זײַן באוואָרנט, אז איך וועל זיך ניט פרווון אים פארנארן.

— איך האָב טאקע א זון, — צעלאכט ער זיך שוין מיטן פולן מויל, — טאקע אין דײַנע יאָרן. דו אים, בין איך זיכער, וועסט ניט פארנארן. איך האָב אָבער מוירע, ער זאָל דיך ניט ארײַנ־כאפּן אין זײַנע נעצן.

— ער מיך אויך ניט. איך קאָן עס אײַך גאראנטירן.

— זאָג עס ניט, קאָלזמאַן דו קענסט ניט דעם פישער.

— דערפאר קען איך אָבער די נעץ, אין וועלכער איך האָב זיך שוין ארײַנגעכאפּט.

— אָך, אזוי? — צעלאכט ער זיך נאָך הילכיקער. — דו ביסט נאָך דערצו א דורכגעטריבענע אזא, איך ווייס אפילע ניט, אין וועמען דו ביסט געראָטן. וויפל ביסטו אלט?

— איך וויל שוין אלט זײַן אכצן.

— ביסטו נאָך קיין אכצן יאָר ניט אלט. ווי זשע רעכנסטו אָנקומען אַף קורסן?

— פארן זומער וועל איך אונטערוואקסן, — מאך איך ווייכער דעם ביז איצטיקן ערנסט מײַנעם מיט א שמייכל, — און מע קאָן מיר אזוי אויך געבן אלע צוואנציק.

— ביסט טאקע גערעכט, — מעסט ער מיך פון אויבן ביז אראָפּ מיט די לאכנדיקע אויגן, — איך דארף דיר זאָגן, אז דו געפעלסט מיר. איך גלייב, דו וועסט זיך אלץ דערשלאָגן. איך וועל דיר, פארשטייט זיך, העלפן מיט וואָס מע וועט נאָר קענען, און דו קום צו גיין צו אונדז. ס'איז קעדײַ פונדעסטוועגן זאָלסט זיך באקענען מיט אלעקסאנדערן. ער איז שוין א סטודענט. ער קאָן דיר העלפן זיך בעסער צוגרייטן צו די עקזאמענעס.

איך בין ניט געלאָפן צו זיי. ניט דעם זעלבן טאָג, און ניט אַף מאָרגן, און אויך ניט אפן דריטן טאָג. מײַן טאטנס פרײַנט, דער אדוואָקאט דאנאָוויטש, האָט מיך אפילע ניט געפרעגט דאָס, וואָס דער פרעמדער קעלנער האָט פארשטאנען צו פרעגן, ווּ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און צי האָב איך ווּ צו נעכטיקן. ער האָט מיך אָבער צונויפגעפירט מיט זײַנעם א באקאנטן פּראָוויזאָר, און יענער האָט אײַנגעשטימט מיך נעמען צו זיך פאר א לערנמיידל. אין הינטערשטיבל רייניק איך און וואש דאָס אפטייק־געשיר. קאָלערלײַ סלאָיִקלעך, מעטאלענע שאכטלען, פלעשלעך פון פארשיידענער גרייס און קאליבער. איך האָב נאָך אפילע דעם פאָרנטיקן טייל פון דער אפטייק

רעכט ניט אָנגעקוקט. דאָרט ארבעטן מיטן באַלעבאָס צוויי צי דרײַ געהילפן, און דאָ מיט מיר ארבעט א גימנאזיסט, וואָס קומט אין דער צווייטער העלפט טאָג, דערווײַל האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין א האָטעל, ווו איך צאָל פאר יעדער נאכט א סאך מער, ווי איך גיב אויס אפן עסן.

זונטיק אינדערפרי בין איך אוועק צום קעלנערס שוועסטער. דער טראמוויי האָט מיך ארומגעפירט העכער א שאָ צײַט. דערנאָך ערשט האָב איך זיך גדארפט דערלאנגען צופוס. ס׳איז ערגעץ אין אויסרײַסעניש, בא דער אלעקסאנדראָווסקער לאווורע. ביז איך האָב דאָרט אויסגעפונען דאָס באבורין־געסל, איז אוועק א האלבער טאָג. דעם הויז־נומער האָב איך דערזען אף א זעקסקאנטיקן לאמטערן, וואָס איז געווען צוגעפעסטיקט צו אן אָפּגעשיילטער וואנט פון א צווייסטאָקיק מויערל. זוכנדיק די קווארטיר, האָט עס מיך פארפירט אין א הויף מיט אן אומגעהייערער צאָל שטיבלעך און מיט אן ארויסגאנג אין א צווייטן הויף. פון דאָרט בין איך ארויס אף גאָר אן אנדער גאס, א סאך א ברייטערער, ווי דאָס באבורין־געסל, מיט העכערע מויערן. איך האָב זיך אומגעקערט צוריק, זיך דערפרעגן בא עמעצן פון די שכיינים. מע האָט מיר אָנגעוויזן אף א קעלערשטוב, וואָס האָט גאָר קיין נומער ניט. פון דרויסן מאכט די קווארטיר אן אָפּשטויסנדיקן אײַנדרוק. די פענצטער הייבן זיך אָן מאמעש בא דער ערד. צום ארײַנגאנג דארף מען זיך דערלאנגען דורך א שטעלכל, צי דאָס איז א פינצטערער קאָרידאָר אזא, ווו ס׳שמעקט מיט פײַכטקײַט און שימל. ווהין בין איך עס פארקראָכן? די מאמע וואָלט אפן אָרט געכאלעשט, ווען זי דערזעט נאָר דעם שיינעם צוגאנג אהער, א פארוקטן אין סאמע עק פון אָט דעם אומגעלומפערט־צעוואָרפענעם הויף. ניין, דאָ האלט איך ניט סטאנציע, כאָטש ס׳קאָן זײַן, אז ווענדליק מײַנע פארדינסטן, איז די ווױנונג פונקט אָנגעמאָסטן פאר מיר. אָט וועלן מיר הערן. איך קלאַפּ אָן, ענטפערט קיינער ניט. איך גיי צו צו די פענצטער, קיינער רופט זיך ניט אָן. די שכיינעס זאָגן, ס׳איז אומזיסט דאָס קלאפן, ווען זי זאָל זײַן אין דער היים, וואָלט זי זיך גלײַך אָפּגערופן.

— ווערא פלאטאָנאָוונא ווייסט ניט פון קיין כאָגע און פון קיין זונטיק, — זאָגט איינע.

— ס׳מעג זײַן זונטיק, ס׳מעג זײַן א וואָכעדיקער טאָג — איר איז אלציינס, — פּאָטאקעוועט איר צו א צווייטע.

— אז זי האָט געקאָנט אף פּאסכא אוועק ארבעטן, — איז וואָס איז שוין דאָ צו ריידן? — רופט זיך אָן א דריטע.

— וואָס האָט זי צו מאכן זיך יאָמטויוויום, אז אין קלויסטער קוקט מען זי קיינמאָל ניט אָן און קיין מאן אין שטוב דארף זי אויך ניט, — מישט זיך ארײַן נאָך א שכיינע.

אָט אזוי וועט מען געוויס אין א פּאָר וואָכן ארום אויך מיך באריידן, אויב איך וועל זיך דאָ באזעצן. ס׳איז גענוג ארײַנפאלן צו זיי אין די מײַלער, וועלן זיי פון קאָפּ ביז די פיס איבערוואשן יעדעס ביינדל באזונדער. ביפראט נאָך, אז מיך וועלן זיי אויך קיינמאָל אין קלויסטער ניט זען. אָט די פּריזבע־ווײַבער וועלן גאָר גיך דערקענען, אז איך בין אן אינאָראָדקע, און ס׳קאָן נאָך דערגיין ביז צום פּאָליציי־באצירק. ניין, דאָס איז קיין אָרט ניט פאר מיר. און איך וואָלט דאפקע א באלן געווען לעבן אָט אין אזא גדיכט באפעלקערטן ראיאָן, צווישן פּראָסטע ארבעטס־מענטשן. אין די רײַכע קווארטאלן, אין די גערואמע דירעס, דאָרטן וואָלט איך זיך געפילט אָפּגעזונדערט־איינזאם, און ס׳וואָלט אף מיר מער געדריקט די עלנט פון אָט דער פרעמד־גרויסער שטאָט.

מיט אזעלכע און ענלעכע מאכשאָוועס האָב איך ארומגעשפאנט גאס־אײַן, גאס־אויס אף די צעקרימטע טראָטוארן, איבערן געפלאָנטער פון די ראָגן, וואָס האָבן מיך ארײַנגעצויגן און געשלעפּט, ווי אין א לאבירינט פון גאָלע נײַע כידושים און אנטדעקונגען. אָט אזוי האָב איך אמאָל ליב געהאט בא זיך אין דער היים פארבלאָנדזשען אין פארוואָרפענע ערטער, ווו איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען, ערגעץ אין א הינטערגעסל פון פאָדאָל, צי אין שוליאווקע, אָדער אוועקלאָזן זיך אף א גאנצן טאָג ווײַט קיין דעמיִעווקע, אזש ביז צום גאָלאָסייעווער וואלד.

דער זומערדיקער זונטיק איז גרויס, און איך ווייס ניט, ווו זאָל איך אהינטאָן די איבעריקע צײַט. כ׳האָב אָנגעטראָפן אף א ביליקער גאָרקיך און דאָרט געפּאטערט העכער א שאָ. דערנאָך בין איך פארגאנגען צו א קאנאל, ווו מע האָט זיך געשיפט אף קליינע שיפלעך. אז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן זעצן די זון, איידער כ׳האָב פארלאָזט דעם וויבאָרג־טייל פון שטאָט, בין איך פונדעסטוועגן נאָכאמאָל אוועק אפן באבורין־געסל: עפשער וועל איך זי שוין טרעפן אין דער היים, דעם קעלנערס שוועסטער, די ווערא פלאטאָנאָוונא?

איך האָב זי טאקע געטראָפן, און כ׳בין שוין דאָרט יענעם אפדערנאכט געבליבן נעכטיקן.

צום אלעמערשטן איז מיר געפעלן געוואָרן די באלעבאָסטע אליין. זי האָט געוווסט, אז איך דארף קומען, און האָט געווארט אף מיר. איך האָב זי געפרעגט: עמעצער פון הויף האָט איר געזאָגט, אז מע איז געווען בא איר, צי זי איז עפשער הײַנט געווען באם ברודער, ווע־לכער האָט אזוי שטארק געוואָלט מיך האָבן פאר א שכיינע בא זײַן שוועסטער?

צעלאכט זי זיך:

— באַ לײַטן פירט זיך, אַז דער עלטערער גיט אכטונג אַף דעם יִינגערן, און באַ מיר איז פאַרקערט. ער איז מיט אַ יאָר צען יִינגער, נאָר ער נעמט פון מיר דאָס אויג ניט אַראָפּ, איך זאָל, כאָלילע, ניט פאַרגייִן אין אַ שאָדן.

לאַך איך מיט איר מיט. אַזוי לאַכט מען צוזאַמען מיט אַזאַ, באַ וועלכער דו ווייסט שוין אַ סאַך סוידעס און ביסט מיט איר אין אַ סאַך זאַכן איינגאַנצן מאַסקים.

זי האָט מיך פון דער ערשטער מינוט צוגעצויגן מיט דעם גוטן מוטערלעכן בליק פון אירע אויסערגעוויינלעך לעבעדיקע אויגן. ס'האָט זי געפרייט אַלץ, וואָס איך האָב איר דערציילט וועגן זיך. אַפילע וועגן דעם כאָסן מײַנעם, וועלכן איך האָב נאָך אין די אויגן ניט געזען, דעם זון פון מײַן טאַטנס יוגנט־כאַווער. איך ווייס נאָר, אַז ער איז אַ סטודענט און אַזאַ קראַסאַוועץ, וואָס גייט אַרום ווי מיט אַ מעסער אין האַנט און ווייסט גאָר אַליין ניט, וויפל ער קוילעט אויס פרויען אַ טאָג. איך אין ענלעכן טאָן האָט זי מיר דערציילט וועגן זיך. מיר האָבן דעם גאַנצן אָוונט אַזוי אָפנהאַרציק און ליבלעך זיך אָנגערעדט; דערבײַ האָט אַזאַ היימישע ווארעמקײַט געשלאָגן פון איר רירעוודיק־זאַפטיקן קערפער, פון איר שוואַנען־האַלדז, פון איר ליכטיק אָפן פּאָנעם, מיט אַ מויל, פול מיט געזונטע ווײַסע ציין. זי איז ענלעך אַפן ברודער מיט די געשמאַקע אויפגעשוואָלענע ליפן און די פלאַקסענע האָר. נאָר ער פאַרקעמט די האָר גלאַט, מיט אַ שרונט, און באַ איר קרײַזלען זיי זיך, ווי די כוואַליעס, אין געדיכטע לאָקן, וואָס פאַרקריכן איבערן שטערן און דערלאַנגען אַמאָל ביז צו די העלע אויגן.

אויך דאָס דירעלע האָט פון אינעווייניק גאָר אַן אַנדער אויסזען ווי פון דרויסן. דאָס קליינע פירהויז האָט אַן אַרײַנגאַנג אין אַ קיכל און צוויי טירן, וואָס פירן אין צוויי באַזונדערע צימערן. די טיר צו איר אין צימער איז פאַרקלאַפּט, און ווערא פלאַטאָנאָווונא מוז דורכגיין צו זיך דורך מײַן צימער.

מיר זײַנען אין די אינדערפריִעןביידע באַגלײַך געגאַנגען צו דער אַרבעט. אין די אָפדערנאַכטן האָבן מיר ביידע געגעסן אין געקעכץ, וואָס זי פלעגט צוגרייטן. מיר האָבן שטענדיק געגעסן אין קיך. זי האָט פײַנט געהאַט צו זיצן איינע אַליין באַ זיך אין צימער. מייניסטנס האָבן מיר פאַרבראַכט די צײַט באַ מיר אָדער אין קיך. סײַדן עמעצער פון אירע באַקאַנטע פלעגט קומען, דאַן פלעגט זי זיך ניט אַף לאַנג פאַרמאַכן באַ זיך אין כיידערל. זי האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט פאַרבעטן אַהין. אַנומלטן האָב איך אַהין בלויז אַרײַנגעקוקט דורך דער אָפענער טיר. ס'איז דאָרט אַ סאַך ענגער און אָרעמער, ווי באַ מיר. ס'שטייט דאָרט אַ גרויסע הרובע לעבן אַ טיר, וואָס איך קאָן בעשום־אויפן ניט פאַרשטיין, ווּהין זי פירט. זאָל זײַן, אַז אין פירהויז, איז דאָס, דוכט זיך, ניט יענע וואַנט. פון מעבל געפינט זיך דאָרטן אַן אײַזערן בעטל, אַ ביכער־שאַפקעלע און אַ קליין טישל, וואָס לאָזט זיך לײַכט איבערוקן צום פענצטער אָדער צום בעט. אַפילע קיין בענקל האָב איך דאָרט ניט געזען. איר גאַנצע באַלעבאַטישקײַט איז באַ מיר אין צימער און אין קיך. באַ מיר טוט זי זיך איבער, באַ מיר פאַרקעמט זי זיך פאַרן אָפּגעבראָכענעם שפּיגל, וואָס שטייט אַפן בופעט מיטן גלאָזוואַרג. דער גאַרדעראָב מיט אירע קליידער שטייט אויך דאָ. בלויז דאָס ביסל ביכער, וואָס זי פאַרמאָגט, האַלט זי דאָרט באַ זיך אינעם שאַפקעלע. זי האָט מיר אַנומלטן אַרויסגעבראַכט אַ באַנד „זנאַניע“ מיט מאַקסים גאָרקיס אַ גרעסערער זאַך.

זי לייענט, אַפּאָנעם, ניט ווייניק, דעריקער באַנאַכט פאַרן אַנשלאָפן ווערן. זי ווייסט פון אַ סאַך ביכער, וועגן וועלכע איך האָב אַף מײַן לעבן ניט געהערט. זי זאָגט, אַז לייענען האָט זי צוגעוווינט דער מאַן אירער, ווען זיי האָבן נאָך געלעבט אין אָרעכאָוואָ־זויעוואָ. דער מאַן אירער, אויך אַ טעקסטיל־אַרבעטער, איז פון קינדווײַז אָן געווען פאַרקאָכט אינעם לייענען.

וועגן מאַן רעדט זי ניט זייער גערן. איך ווייס אַפילע ניט, צי זי איז טאַקע אַן אַלמאָנע, ווי איר ברודער האָט מיר געזאָגט, צי גיכער פון אַלץ האָט דער מאַן זי אוועקגעוואָרפן און לעבט ערגעץ מיט אַן אַנדערער. זי פירט זיך אַרום מיט אַ פּאָר יונגעלײַט, וואָס קומען אַרײַן צו איר פון מאָל צו מאָל. קיין איינער פון זיי געפעלט מיר ניט. ס'קומט אַמאָל אויך צו גיין אַ מעגושעמדיק גרויסער מאַן מיט קינדערשע אויגן. ער באַוועגט זיך ווי אַ בער. אַז ער גייט אַדורך מײַן צימער, מוז ער זיך שטענדיק אין עפּעס פאַרטשעפּען. אַלץ שטערט אים. מיר דוכט זיך אַפילע, אַז אָט־אָט וועט ער פאַרטשעפּען דעם באַלקן; דעם לאָמפּ, וואָס הענגט אַראָפּ פונעם סופיט, האָט ער שוין ניט איין מאָל צעשאָקלט, און איך מוז דערנאָך קריכן אַף אַ בענקל אים אָפּצושטעלן. מיט דעם דאָזיקן מעגושעמדיקן פאַרשוין פאַרהאַלט זי זיך ניט זייער לאַנג. זי שעמט זיך, אַפּאָנעם, פאַרן הויף, פאַר די שכיינים, וואָס צו איר גייט אַרײַן אַ מענטש מיט אַזאַ אָפּשרעקנדיקן אויסזען. דאָס פּאָנעם זײַנס איז אײַנגאַנצן פאַרוואָקסן מיט אַ קײַלעכדיקער באָרד. דאָך זעט מען, אַז ער איז געוויס ניט עלטער פון די איבעריקע, וואָס קומען צו איר. דער יִינגסטער צווישן זיי איז אַ מאַטראָס. ער איז מיט שיינע עטלעכע יאָר יִינגער פון מײַן באַלעבאָסטע. מיט אים קאָן זי אָפּשטיין באַם טויער ביז שפּעט אין דער נאַכט, גלײַך ווי זי וואָלט אומיסטן געוואָלט, מע זאָל זיי וואָס

מער זען צוזאמען. זי האָט האַנאַע, ווען די קינדער אין הויף באַוווּנדערן זײַן מאַטראָסישע קליי־דונג, די ברייטע הויזן קליאַש איבער די שטענדיק גלאַנצנדיקע שטיבלעטן. ער אַליין בראַווירט אויך מיט זײַן שטאָלטנעם אויסזען, מיטן געזונט, וואָס שפּראָצט פון אים, מיטן שעלמיש־פריילעכן פײַערל אין די אויגן. אַפילו דער קאַרגער געשטופּל אַף זײַן פּאַנעם באַקומט כיין, ווען ער באַווײַזט זײַנע צוויי רייען געזונטע ציין, אײַנגעטונקענע אין אַ ברייטן שמייכל איבערן גאַנצן מויל. דעמלט צעפּענען זיך אויך אירע פלײשיקע ליפּן, און מיר דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך אַרומכאַפּן קושן.

דערווײַל האָט זי מיר נאָך מיט קיין איינעם פון אירע באַזוכער ניט געלאָזט באַקענען, צי דערפאַר, ווײַל זי האַלט, אַז איך בין צו יונג פאַר זיי, צי זי האָט מוירע, איך זאָל וועמען־ניט־איז אויסכאַפּן בײַ איר. איך בין איר מויכל די מעציע.

איך האָב זיך אָפּגעבעטן פון דער אַרבעט און בין אַוועקגעפאָרן אין אוניווערסיטעט זיך נאָכפרעגן אַף גרישען.

— יאָ! פאַראַן אַזאַ סטודענט טשודנאָווסקי, — האָט מען מיר אין דעקאַנאַט געזאָגט, — נאָר מע האָט אים שוין אַ האַלב יאָר דאָ ניט געזען, ער באַזוכט ניט די לעקציעס.

איך וועל, פאַרשטייט זיך, ניט אויפהערן אים צו זוכן. ווי:אַזוי וועט פאָרקומען אונדזער באַגע־געניש? וואָס וועל איך אים זאָגן נאָך אַזאַ צײַט מיט יאָרן? צי וועט ער אין מיר דערקענען דאָס קליינע מיידעלע, וואָס איז אים אַמאָל געהאַט נאָכגעלאָפן, און ער האָט זיך געטשובעט מיט איר? צי וועט ער ביכלאַל וועלן וויסן פון מיר? איך וועל נאָך איבערזײַן בײַ אַלע אונדזערע לאַנדס־לײַט, איך וועל אים אומבאַדינגט אויסזוכן. סײַדן ער איז שוין ניטאָ אין פּיטער, סײַדן ער איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט צו די זשאַנדאַרמען, און אַ פאַרקאָוועטן אין קייטן האָט מען אים פאַרוואָרפן ערגעץ אין סיביר.

נאָר איך וויל אַפילו ניט טראַכטן פון אַזאַ זאַך. איך טאָר עס אַפן געדאַנק ניט נעמען. ס'מאַ־טערן מיך אַזוי אויך אומגעלומפּערט ווילדע כאַלוימעס. איך זע זיך איינע אַליין אין אַ שניי־ווײַסער וועלט. אין ערגעץ איז ניטאָ קיין לעבעדיקע בריע, קיין איין־און־איינציקער בוים אַפילו. בלויז איך און דער שניי. ס'איז ניטאָ קיין הימל איבערן קאָפּ, קיין ערד אונטער די פיס. בלויז דער טיפער שניי און איך מיט מײַן פאַרצווייפלטער האָפענונג אים דאָ צו געפינען...

איינמאָל באַנאַכט האָב איך זיך אופגעכאַפּט נאָך אַזאַ שווערן כאַלעם. בײַ ווערא פלאַטאָ־נאָוונען אין צימער איז עמעצער געזעסן. ווײַזט אויס, ווען זיי זײַנען דורכגעגאַנגען דורך מײַן צימער, האָבן זיי מיך אופגעוועקט. זיי האָבן זיך שטיל געשושקעט, איך האָב נאָר געהערט, אַז זי רופט אים פּיאָטער. אַ מאָדנע זאַך. אַלע אירע באַזוכער דערמאָנען אָפּט אָט דעם נאָמען: „איך האָב זיך געזען מיט פּיאָטערן...", „פּיאָטער האָט געזאָגט...", „פּיאָטער האָט איבערגעגעבן". פּיאָ־טער אַליין איז אָבער דאָ נאָך קיינמאָל ניט געווען.

איך קען זיי שוין אַלע בײַ די נעמען, אירע באַזוכער: ניקיפאָר, איגנאַטי און קאַרפּ סידאָראָ־וויטש — דער גיגאַנט. איך ווייס נאָר ניט דעם נאָמען פונעם מאַטראָס. נאָר ער איז זיכער ניט פּיאָטער. איך האָב געהערט, ווי אויך ער האָט מיט איר גערעדט וועגן פּיאָטערן.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט, נאָר איך האָב מער ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. איך האָב אַלץ געוואַרט, ער זאָל אַוועקגיין. ס'האָט מיך שוין גוט פאַרדראָסן אַף איר. וואָס איז דאָס פאַר אַ פּירעכץ? צוליב דעם האָט זי מיך געדאַרפט האָבן, איך זאָל דינען ווי אַ שירמע פאַר אירע זינד? די שכיינים זאָלן גלייבן, אַז זי וועט זיך גאָרנישט ניט דערלויבן, ווען עס ווױנט בײַ איר אַ יונג אָנשטענדיק מיידל?

אויב ער וועט באַלד ניט אַוועק פונדאַנען, מאַך איך מאָרגן אַ סאָף דערצו. איך וועל אַוועק פונדאַנען. זאָל זי זיך זוכן אַן אַנדער אויפן, ווי:אַזוי אָנצוהאַלטן איר אַלמאַנישע אָנשטענדיקײַט, זאָל זי ניט מיינען, אַז זי האָט אָנגעטראָפן אַף אַ נאַריש פּראָווינציעל מיידל.

כ'בין אַראָפּ פון געלעגער און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבערן צימער. כ'היט זיך ניט מיט מײַנע טריט. זאָלן זיי הערן, אַז איך שלאָף ניט, זי וועט אים נאָך איבערלאָזן בײַ זיך אַף נאַכטלע־גער. אָט ווי מע קאָן זיך אָפּנאַרן אין אַ מענטשן. איך בין נאָך, אַפּאַנעם, נאַריש, ווי אַ ציג, פאַר־קראָכן גלײַך פונעם ערשטן טאָג אין אַן אָפּגרונט.

...זי האָט מיך אַ שטויס געטאָן מיט דער טיר, וואָס האָט זיך ראַפּטום צעעפנט. אירע ביידע הענט האָבן קוים אײַנגעהאַלטן דאָס בעטגעוואַנט, וואָס זי האָט אַרײַנגעבראַכט.

— כ'האָב דיר מיטן טירל דערלאַנגט? — פרעגט זי. — עס טוט ווײ? באַלד וועלן מיר מאַכן נאַכט.

איך האָב אָפּגעקערט דאָס פּאַנעם. איך האָב ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

זי איז געווען פאַרטאָן מיטן אַרויסנעמען פריש גרעט, געזוכט אַ נײַעם לײַלעך, אַ בעסערע ציך, און ביז איך האָב עפּעס אַרויסגעשטאַמלט, איז זי שוין אַרײַן צוריק אַהין. ווען זי האָט זיך

אומגעקערט, בין איך שוין ווידער געלעגן אין בעט. כ׳האָב געוואָלט זיך איבערדעקן מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ. נאָר אז כ׳האָב דערזען, ווי זי פאַרשפּרייט די רעדנע אַפן ערדענעם פּאָל און נעמט זיך דאָרט אויסבעטן, האָט עס מיך א הייב געטאָן פונעם געלעגער. איך האָב דערפילט, ווי מײַנע אויגן ווערן אָנגעגאָסן מיט טרערן, עס ווערט צעשוווּמען די לויטערע ווײַסקײַט פונעם לײַלעך, וואָס זי פאַרשפּרייט אַף אַן אַלטער איבערבעט. ס׳ווילט זיך מיר ארויסרײַסן דאָס פאַר־ביקע ציכל, וואָס זי נעמט אָנציִען אַף א קליין קישעלע. איך בין פאַרקלעמט פון ביזאָיען פאַר אַלע שלעכטע מאַכשאָווּעס, וואָס איך האָב נאַרוואָס איבערגעטראַכט. איך פיל, אַז איך דאַרף איר עפּעס איצט זאָגן, נאָר ס׳שטיקט מיך אין האַלדז. איך האָב קיין קליגערס ניט צוגעטראַכט, ווי צו פרעגן:

— מיט וואָס וועט איר זיך איבערדעקן?

א שטילער שמייכל שווינדלט אדורך אַף אירע צוגעמאַכטע פּוכיק־אויסגעבעטע ליפּן, און אירע אויגן צעשטראַלן זיך.

— איך וועל אונטערן לײַלעך ניט פרירן, ס׳איז דאָך זומער אַף דער וועלט. פאַר א נויט וועל איך ארופוואַרפן אַפן לײַלעך מײַן פּאַלטאָ.

איך כאַפּ זי אָן פאַר דער האַנט.

— איך וועל זיך דאָ לייגן, און איר גייט אַף מײַן געלעגער.

זי באַטראַכט מיך מיט אירע גרויסע אויגן, און באַלד כאַפּט זי מיך אַרום און טוליעט צו מיר צו איר העלן קאָפּ.

— נאַריש, קליין מיידעלע מײַנס, סאָרא קינד דו ביסט נאָך! זי דריקט מיך נאָך שטאַרקער צו צו זיך. איך קוש איר די האָר, די לאָקן, וואָס פאַלן אַפן שטערן, א צעהעשעטע בעט איך זיך בא איר:

— זײַט מיך מויכל, איך בין א נאַר, אַן אָפּגעריסענער נאַר.

זי רעדט מיך אײַן, אַז זי וואָלט אויך בעסער ניט געווען. אין א צײַט פון די אַרציבאַשעווס מיט די סאַנינס, מיסטאַמע האָב איך אויך געלייענט „די שליסל פון גליק“, לייגט זיך אַלץ אַפן געדאַנק, און דערצו קומען דאָך טאַקע צו איר אַרײַן יונגעלײַט. זיי זײַנען אָבער זייער ווילע מענטשן.

איך פיל איר שטאַרקע ברוסט הינטער דער זומערדיק־לײַכטער קאָפטע, די היימישע וואַרעמ־קײַט ניט נאָר פון איר קערפּער, נאָר אויך פון אירע רייד און פון איר האַרציקער שטים. און ס׳איז מיר גוט. איך זאָג איר נאָכאַמאָל, אַז כ׳וועל זיך לייגן אָט דאָ לעבן איר, אַף דער ערד. צעלאַכט זי זיך מיט א פריילעך־הילכיקן געלעכטער:

— דו ביסט טאַקע א ביסעלע א צוגעדעמפּטע, מאַריאַ. איז דאָך שוין בעסער, מיר זאָלן זיך לייגן ביידע בא דיר אַפן געלעגער.

מיר זײַנען ווי די דערהאַרגעטע אָפּגעשלאָפן די נאַכט. איך האָב שיר ניט פאַרשפּעטיקט אַף דער אַרבעט. איך האָב זיך אופגעכאַפּט, ווען זי האָט שוין צוגעשלאָסן די טיר פון איר צימער. זי איז געווען אָנגעטאָן אַף אוועקצוגיין. אַף מיר האָט זי וואַרטן ניט געוואָלט. נאָר נישקאָשע, איך וועל נאָך האָבן מיט איר ווען צו ריידן. דער גאַסט אירער האָט ארומגעשפּאַנט הינטער דער פאַר־שלאָסענער טיר. דאָס איז דער געהיימניספולער פּיאַטער?

דעם זעלבן טאָג האָב איך אויך געהאַט א גאַסט. דער רועך האָט אים אָנגעטראָגן, נאָך איידער איך בין געקומען פון דער אַרבעט. שוין אין הויף האָבן די שכיינים מיר אָנגעזאָגט, אַז אַף מיר האָט זיך נאָכגעפרעגט א באָכער אין א סטודענטישן מונדיר. דאָס האַרץ האָט אין מיר א טיאַכקע געטאָן: גרישע. איך האָב זיך אַליין אויסגעלאַכט. ווי קאָן ער וויסן, אַז איך בין אין פּעטערבורג, אויב אַפילע ער זאָל מיך אין זינען האָבן, געדענקען און וועלן אויסזוכן. די שכיינעס האָבן מיך באַגלייט ביז צו דער טיר.

— אַזאַ שיינער יונג איז נאָך דאָ אַפן הויף ניט געווען.

— ער איז געקומען אַף א רײַכער בריטשקע.

— אײַל זיך צו, זי זאָל אים בא דיר ניט אויסכאַפּן.

דער גאַסט איז געזעסן מיט ווערא פּלאַטאָנאָוונען באַם טיש. זיי האָבן זיך געאַמפּערט וועגן א נײַ־דערשינענעם זאַמלבוך „אַפּאָלאָן“, וואָס איז געלעגן פאַר זיי צעעפנט, און האָבן אַפילע ניט באַמערקט, ווי איך בין אַרײַנגעקומען. איך האָב זיך באַגריסט, און דאָס האָט אים באַלד א הייב געטאָן פון אָרט.

— מאַריאַ וולאַדימיראָוונאַ? ענדלעך האָט מיר אָפּגעגליקט, און איך האָב די ערע אײַך צו זען... — האָט ער זיך העפלעך פאַרנייגט. — איר זײַט צוויי מאָל געווען בא אונדז אין שטוב,

ווען איך בין, צום באַדויערן, ניט געווען. גלײַך, ווי איר וואָלט עס געטאָן בעקיוון, — האָט ער מיך מיט אַ זיסן שמייכל באַטראַכט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

ווערע פּלאַטאָנאָוונאַ האָט מיטגעשמייכלט און מיר אָפּגעטראָטן איר שטול, איך זאָל זיך זעצן נעענטער צו אים.

איך האָב זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז דער יונגער דאַנאָוויטש, אַלעקסאַנדער דאַנאָוויטש.

ער איז בעעמעס אויך אַ שטיק אַפּאָלאָן, דער זון פֿון מײַן פּאַטערס פֿרײַנט, האָב איך בײַ זיך אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק אויף דער זאַמלונג.

ער איז געקומען מיך פֿאַרבעטן אויף אַ פֿײַערלעכן מאָלצײַט לעקאָוועד זײַן טאַטנס, מאַרק אָסיפּאָוויטשעס, געבורטסטאָג, מע וואַרט דאָרט אויף אונדז, — האָט ער מיך צוגעײַלט. איך מוז זיך איבערטאָן, און איך קוק אַרויס, ווערע פּלאַטאָנאָוונאַ זאָל מיר פֿאַרלייגן איר צימער. נאָר די טיר אַהין איז שטײַף צוגעמאַכט, און זי מאַכט זיך ניט וויסנדיק. גיי איך מיט די קליידער אין קיך אַרײַן. און ס׳גייט מיר נאָך דער פֿאַריבל אויף איר און אויפֿן באָכער, וואָס צעגייט מאַמעש, ווי אײַז אויף דער זון, אונטער דעם ליבלעכן בליק פֿון אירע באַלעבטע אויגן.

אויף דער דראָשקע בין איך געזעסן נאָענט צו אים. ס׳איז מיר פֿריקרע געווען זײַן רירעוודיקײַט, ווי פֿון אַ לעבעדיקן פֿיש, און זײַן באַריידעוודיקײַט. ער באַוווּנדערט די באַלעבאָסטע מײַנע. אַזאַ אײַנפֿאַכע, אָרעמע פֿרוי, ער זעט עס לויט דער שטוב, און אַזויפֿיל אינטעליגענץ, גלאַנץ און רייץ. ער גלייבט ניט, אַז זי איז אַ געוויינלעכע אַרבעטערן. ער איז באַגײַסטערט פֿון איר. זי באַזיצט איר אייגענעם אופֿן פֿון ריידן מיט אַ מענטשן. דאָס, וואָס זי וויל ניט אַרויסזאָגן מיט דער צונג, זאָגן אירע בליקן. ער האָט זי צוליב העפֿלעכקײַט אײַנגעלאַדן, זי זאָל מיטפֿאָרן מיט אונדז, האָט זי אויף אים נאָר אַ קוק געטאָן, איז געווען צו פֿאַרשטיין, אַז מע האָט עס אַפֿילע ניט געדאַרפֿט פֿאָרלייגן.

איך פֿאַרקוק זיך אויף די בוילעט שאַרפֿע שטריכן פֿון זײַן פּאָנעם, וואָס איז בראָנזיק־ברוין פֿון דער נאַטור. ער דאַרף ניט אָנקומען צו די הייסע שטראַלן פֿון דער זומער־זון, פּונקט ווי ער דאַרף ניט קריכן נאָך אַ וואָרט אין קעשענע. פֿונדעסטוועגן געפֿעלט ער מיר ניט. נאָך מער, ער איז מיר אַפֿילע דערווידער. דאָס פֿאַרשאַרן אַלע מאָל די געלאָקטע האָר, דאָס צו פֿרײַע באַנעמען זיך, דער לאַקריץ־זיסער און אײַנצײַטיק וואָזשנער טאָן פֿון זײַן ריידן מיט מיר ברענגען מיך שיר ניט אַרויס פֿון געדולד.

ניט שײַעך צו זאָגן, דער יונג איז שיין. זײַן מאַנצבילש געשטאַלט קאָן מאַכן אַן אײַנדרוק. דאָס האָב איך געזען נאָך בײַ זיך אינעם נידעריקן קעלער־שטיבל, מער נאָך זע איך עס דאָ, אינעם רײַך באַלויכטענעם עסצימער, וווּ ער איז שוין איבערגעטאָן אין אַ ליכטיקן אָנצוג. ווען ער קוקט דיר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן מיט זײַנע אויסטערליש ברוינע טיפֿע אויגן, ווײַזט זיך דיר אויס, אַז דאָרט ליגן באַהאַלטן פֿאַרדעכטיק־זינדיקע געדאַנקען. עמעס, דאָ בײַם טיש איז ער ווייניקער דרייסט, ווי דאָרט אויף דער דראָשקע. פֿאַרקערט, אין זײַן האַלטן זיך דאָ, — מיר זיצן מיט אים זײַט־בײַ־זײַט, — ליגט אַזאַ ווייכקײַט, כאָטש נעם און טו אים אַ גלעט, ווי אַ געהאָרכזאַם ראַסעוועהינטל איבערן קעפּל. קעגניבער אונדז זיצט איינער פֿון זײַנע כאַווײרים, אַ סטודענט מיט אַ שוואַרץ בערדל און איןברילן, ער האָט נאָך דאָ בײַם טיש קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער קוקט זיך נאָר אַלעמאָל אום צו די, וואָס זאָגן עפּעס, און איבער זײַנע ליפּן האַלט אין איין שוועבן אַ ביטלדיקער שמייכל. אַז מאַרק אָסיפּאָוויטש האָט מיך פֿאַר אים פֿאָרגעשטעלט, האָט ער מער ניט ווי אַ פֿלינקן קוק געטאָן אויף מיר און קיין וואָרט פֿון מויל ניט אַרויסגעלאָזט.

— זאָג עפּעס, פֿיליפּ אַראָנאָוויטש, די שיינע מאַריִע קאָן נאָך מיינען, אַז דו ביסט אינגאַנצן אַ שטומער, — האָט אַלעקסאַנדער געמינטערט דעם כאַווער זײַנעם.

דער אַלטער אַדוואָקאַט האָט שמייכלענדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, האַנאָ געהאַט פֿונעם זונס האָפֿערדיקײַט. דעמלט האָט די באַלעבאָסטע, אַלעקסאַנדערס מאַמע, אַ קרומען בליק געוואָרפֿן אויף אים און געפּרוווּט אַרויספֿירן דעם גאַסט פֿון דער פֿאַרלעגנהײַט.

— האָב קיין יעסורים ניט, אַלעקסאַנדער, מיט זײַן שווײַגן זאָגט פֿיליפּ מער, ווי דו מיט דײַן פּלאַפּלערײַ.

זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי זײַדן קלייד, פֿאַרקנעפּלט ביזן ווײַסן שפּיצן־קעלנערל, וואָס האָט אַרומגעזוימט דעם שלאַנקן האַלדז. אירע שיינע האָר זײַנען געווען גלאַט פֿאַרקעמט און מיט אַ סאַך שפּילקעס און קעמעלעך פֿאַרשטעקט, אויף די גלײַכע אַקסלען — אַ פֿאַרביקער שאַרף מיט גאָלדקאָליריקע פֿרענדז. דאָס האָט פֿײַן צוגעשפּילט צו דער בלויקײַט פֿון אירע אויגן. דער זון האָט פֿון איר געיאַרשנט די גלײַכע נאָז, דעם געשמאַקן שניט פֿון די ליפּן און די צאַרטע קײַלעכדיקײַט פֿון דער גאָמבעטשקע מיט די כיינגריבלעך. ס׳האָט זיך געלאָזט הערן דער וואַרעמער גערוך פֿון אירע איידעלע פּאַרפֿומען. אירע באַצירטע הענט האָבן די גאַנצע צײַט זיך

באַוועגט איבערן אָנגעשטעלטן טיש מיט די אָן א שיר פּאַרצעלײַען, מיטן רײַכן זילבערנעם געשיר, מיט סאַלפעטן־טישטעכלעך אין ברייטע רינגען פאַר יעדן גאַסט באַזונדער. זי האָט אכטונג געגעבן, אַז יעדן איינעם זאָל אָנקומען זײַן גאַב, קיינער זאָל, כאָלילע, ניט דורכלאָזן וועלכן־ניט־איז געריכט.

נאָכן דעסערט, שוין אינעם גאַסטצימער, ווו די מענער האָבן דאָס זופּן די שוואַרצע קאַווע באַטאַמט מיטן געדיכטן רויך פון זייערע גראָבע ציגאַרן, האָב איך זיך אופגעהויבן צו גיין אהיים. איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס קאָן ארויסרופן אַזאַ אומצופרידנקײַט בא דער גאַנצער פאַמיליע. דער עלטערער דאַנאָוויטש האָט פאַרלאָזט זײַן מענער־געזעלשאַפט און א באַליידיקטער מיך מאַמעש פאַר די הענט צוגעהאַלטן. די מאַדאַם דאַנאָוויטש האָט מיך ארויסגעריסן פון זײַנע הענט און אוועקגעפירט באַווײַזן דאָס באַזונדערע צימער, ווו זי וועט מיר מאַכן א געלעגער. איך וואָלט ביכלאַל געקאָנט ווינען אין אָט דעם צימער. ער איז בא זיי אינגאַנצן אַן איבעריקער. דאָס איז דער בודואַר פון זייער אויסגעגעבענער טאָכטער, וואָס ווינט איצט אין מאָסקווע. די אומהיימלעכקײַט פון אָט דעם פרעמדן צימער, אויסגעשטאַט לויט יענעמס געשמאַק, די רייכעס און די סוידעס, וואָס ליגן דאָ באַהאַלטן אין יעדן שטיקל כייפעץ, האָבן מיר דעם מוט געגעבן ניט אײַנגיין אָפן פאַרשלאָג. אפילע דער אינטערעס צו די פײַנגעבונדענע ביכער, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אונטערן גלאָז, דער נײַגער צו די שטויסן מאָדערנע זשורנאַלן האָט מיך ניט געקאָנט דאָ צוהאַלטן. איך האָב זיך אײַנגעשפּאַרט: איינמאָל נײַן, איך מוז זיי שוין פאַרלאָזן.

איך האָב טאַקע אָף אַן עמעס געוואָלט נאָך הײַנט זיך דורכריידן מיט ווערא פּלאַטאָנאָוונען. ווען ניט אָט דער מאָלצײַט דאָ, ווער ווייסט, ווי נאָענט מיר וואָלטן געוואָרן מיט איר פאַרן הײַנטיקן אָוונט.

אַלעקסאַנדער האָט זיך אונטערגענומען מיך אָפּפירן אהיים. מיר פאַרכאַפּן מיט זיך אויך דעם שווײַגנדיקן סטודענט. אַז דער דאָזיקער פיליפּ האָט ענדלעך אופגעשלאָסן דאָס מויל, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז ער האָט א שוואַכקײַט צו דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. ניצשע, שאָפּענהאַוער, שטירנער, בערדײַעוו זײַנען זײַנע געטער. דערצו איז ער נאָך א הייסער אָהענגער פון אָטאָ ווײַנינגער און פון זײַן בוך „געשלעכט און כאַראַקטער", וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט פרויען־סינע.

— ריכטיק, פיליפּ, איך זאָג ניט קיין ליגן? — פרעגט אַלעקסאַנדער, ווען מיר זיצן אײַנגעדרײַען אין דער געדונגענער דראָשקע, — דײַן ווײַנינגער איז אַן אייזל, אויב ער קאָן עפּעס האָבן צו אַזאַ פרעכטיק מיידל, וואָס זיצט דאָ צווישן אונדז ביידע.

אַלעקסאַנדער כויזעקט פון אים, נאָר פיליפּ מאַכט זיך ניט קיין וועזן פון זײַן כאַוועירס רייד. ער וויל בא מיר וויסן, צי האָב איך טאַקע קיינמאָל ניט געהערט פון דעם יונגן פילאָסאָף, וואָס איז אופגעקומען אָף אונדזער אייגענעם רוסישן באָדן, פון לעוו שעסטאָוו, וועלכן ער קען פערזענלעך.

דער צוריקוועג, ווי מיר דוכט זיך, ציט זיך זייער לאַנג. אינמיטן וועג האָט זיך פיליפּ געזעגנט, און מיר זײַנען געבליבן אַליין. אַלעקסאַנדער קוקט מיר אין פּאָנעם אַרײַן מיט אַזאַ טאַמעוואַטן בליק, אַז ווען ניט זײַנע אָפּטע, לאַשטשענדיק־גנייווישע פרוּוון זיך צודריקן צו מיר, וואָלט איך געקאָנט צווייפלען, צי אָט דער באָכער האָט מיך ביכלאַל איצט אין זינען.

מיטאַמאָל דערפיל איך אָף זיך זײַנע גיריקע הענט. ער פּרוּווט פאַרנייגן דעם קאָפּ מײַנעם אָף צוריק. זײַן וואַרעמער אָטעם דערנעענטערט זיך צו מײַנע ליפּן. איך שטויס אים אָפּ פון זיך מיט ביידע עלנבויגנס, וואָס איך שפּאַר אָן אין זײַן ברוסט. מיט די לאַניעס פאַרדעק איך דאָס פּאָנעם. דער קוטשער אָף דער קאָזלע הוסט אונטער מיט א מין ווייכן הוסטל און נעמט האַסטיקער טרײַבן די פערד. איך האָב שוין אַראָפּגעשטעלט א פוס אָף דער קעלניע — אַראָפּצושפּרינגען אינמיטן געלאָף. נאָר אַלעקסאַנדער קלאַמערט זיך ווידער אײַן אין מיר. איצט בעט ער מאַמעש מיט טרערן אין קאָל אַנטשולדיקונג. ער וועט שוין זיצן, ווי א סטאַטעק, אינגאַנצן פונדערווײַטנס, ער האָט גאָרנישט ניט געמיינט.

עס ווערט מיר איבלדיק פון זײַן שטים, פון זײַן צעבראָכנקײַט. עס פעלט אים ניט בלויז פײַנקײַט, ער פאַרמאָגט אויך ניט די דרייסטע אַנטשלאָסנקײַט פון אַן עכטן מאַנצבל. אפילע די אויסערלעכע שיינקײַט זײַנע איז ניט קיין מענערישע, זי האָט אין זיך עפּעס א ווײַבלעכע ווייכקײַט, וואָס איז מיר דערווידער און שטויסט אָפּ פון זיך. אַזאַ וועט מיר קיינמאָל ניט געפעלן.

גוט, וואָס מיר זײַנען שוין נאָענט צו דער שטוב. דער פורמאַן ווייסט, אַפּאָנעם, דאָס אָרט. ער פאַרפאָרט אין א הויף, קעדיי צו פאַרקירצן דעם וועג. עמעס, דער פּלאַץ איז דאָ פאַרוואָלגערט מיט אַלטן מעבל, מיט אײַזן־אָפּפאַל. ווען אונדזער דראָשקע מײַדט עס אַלץ אויס, שטויסן מיר זיך אָן אָף שטאַבעלען מיט ליידיקע הערינג־פעסער. וויאַזוי וועלן מיר דאָ ארויסקריכן? נאָר דער פורמאַן פירט אונדז אויך דאָ קונציק דורך, און מיר פאָרן ארויס אָף מײַן געסל.

ווי נאָר איך בין אראָפּ פון דער דראָשקע און געמאַכט עטלעכע שפּאַן, האָט מיך עמעצער שטײַף אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט. איך קוק זיך אום און דערזע צוערשט נאָר א פּאַפּיראָסן־קעסטל הענגען אָף א ברייטער ברוסט.

— וואָס ווילט איר? איך רייכער ניט, לאָזט מיך אָפּ!

— שרעקט אײַך ניט, — דערקען איך דאָס קאָל פון דעם בערדיקן גוואַר, קאַרפּ סידאָראָוויטש. ער שושקעט מיר אַרײַן אין אויער, — איך וואַרט דאָ אָף אײַך. גייט ניט אַהיים. ס'איז דאָרט א פּולער הויף מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרמען. פאָרט גלײַך אַוועק פונדאַנען, — און ער פירט מיך צוריק צו דער דראָשקע, ווו אַלעקסאַנדער זיצט א מעוולוועלער.

ער האָט אויפגעלעבט ערשט, ווען איך בין שוין געזעסן לעבן אים. ער באַרימט זיך, וואָס ער האָט סייכל געהאַט זיך צו פאַרהאַלטן, ווען אָט די ווילדע בריַע איז צו צו מיר. ער האָט שוין געוואָלט אַראָפּשפּרינגען און זיך וואַרפן אָף אים.

— ווער איז ער? וואָס האָט ער געוואָלט פון אײַך?

— איר זײַט א בעריע! — טו איך א מעסט אָפּ מיט די אויגן זײַן נעבעכדיקן אויסזען. — ווערא פלאַטאָנאָוונא האָט זיך צעקריגט מיט די שכיינים, ווייל זי ניט, איך זאָל דאָ הײַנט נעכטיקן. זי האָט מוירע, זיי זאָלן מיך ניט פאַרמאַסערן אין פּאָליציי־באַצירק, אַז איך האָב ניט קיין ווינרעכט.

ס'איז מיר אַליין געפעלן די דאָזיקע ווערסיע, וואָס איך האָב צוגעטראַכט. זי וועט מיר דינען אויך דאָרט, בא די דאַנאָוויטשעס אין שטוב, וווהין איך פאָר איצט אָף נאַכטלעגער. אַז אַלעקסאַנדער שטייט צו מיר צו, איך זאָל אים זאָגן, ווער איז ער, אָט דער שאַליעך אירער מיטן פּאַפּיראָסן־קעסטל, קום איך אָפּ מיט א קורצן זאָג:

— אירער א פרײַנט.

ער ווערט מיטאַמאָל דרייסטער און גייט מיט מיר איבער אָף „דו".

— ווי קומסטו אַרײַנפאַלן אין אָט דער מאַלינע? זי איז אויך א גוטע שטוקע, אָט די ווערא פלאַטאָנאָוונא!

איך ענטפער אים קיין וואָרט ניט. דעם גאַנצן וועג, וויפל ער האָט ניט גערעדט איבער מיר, זיך אַנטשולדיקט, געפרווט מיך איבערבעטן, האָב איך געשוויגן. ער איז שוין ווידער אַריבער אָף „איר". ער האָט שוין כאָראָטע געהאַט אָף די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן מײַן באַלעבאָסטע, און גענומען לויבן איר סייכל, איר טאַקט, דעם געשמאַקן אויסזען אירן. און איך בין אַלץ געווען פאַרנומען מיט די אייגענע מאַכשאָוועס. ער האָט, ווײַזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז איך לעב שטאַרק איבער, וואָס כ'האָב אָנגעוווירן די קוואַרטיר. ער טרייסט מיך, אַז ער וועט פאַר מיר געפינען א סאַך א בעסערע, אין צענטער שטאָט, אויב איך וועל ניט וועלן ווינען בא זיי. מאָרגן וועט ער אַליין פאָרן אָפּנעמען מײַנע זאַכן.

צום גליק, האָט ער עס פאַרשפּאָרט טאָן. אָף מאָרגן פאַרן סאָף פונעם אַרבעטסטאָג האָט מיך ווערא פלאַטאָנאָוונא אַרויסגערופן פון דער אַפּטייק. איך האָב זי דערזען פון דער שוועל, ווי זי שטייט מיט מײַן אָנגעשוואָלענעם רענצל אין די הענט. ווי נאָר איך בין צו איר צו, האָט זי עס אוועקגעשטעלט און מיך אַרומגעכאַפּט קושן. איך האָב זי וועגן גאָרנישט ניט געפרעגט. זי האָט מיר אַליין דערציילט, אַז אַלץ איז דורך בעשאָלעם. ביזוואַנען זי האָט אָפּגעזוכט דעם שליסל און געעפנט פאַר דער פּאָליציי איר צימער, איז דער גאַסט דורך דער צווייטער טיר, אָט די, וואָס בא דער הרובע, אַריבער אין שכיינעסדיקן הויף און נעלעם געוואָרן. ער האָט נאָך באַוויזן אַפילע פאַרווישן אַלע שפּורן זײַנע אין צימער.

איך האָב ניט געהאַט קיין מוט זי צו פרעגן, ווער איז ער, דער גאַסט, איך האָב נאָר ווי צו זיך אַליין אַרויסגעשטאַמלט שטיל, צווישן די ליפּן, דאָס איינע וואָרט:

— פּיאָטער.

— יאָ, — האָט זי מוידע געווען, — דאָס איז פּיאָטער. שוין דאָס דריטע מאָל, אַז מע טרעט אים אָן אָף די שפּיץ קנעכל. וויאַזוי דערשמעקן זיי? נאָר דערווײַל איז אַלץ אין אָרדענונג. — זי האָט גענומען זיך דערפרעגן בא מיר, ווו איך האָב גענעכטיקט און ווו טראַכט איך איבערזײַן די עטלעכע טעג, ביז ס'וועט זיך אײַנשטילן און איך וועל זיך קאָנען אומקערן צו איר. זי אייצעט מיר, איך זאָל טאַקע דאָרט פאַרבלײַבן, בא די דאַנאָוויטשעס, אָף א שטיקל צײַט. דערנאָך וועט מען זען. זי וועט מיר אַליין עפּעס צוזוכן, אויב איך וועל ווײַטער ניט קאָנען ווינען מיט איר צוזאַמען.

ווערא פלאַטאָנאָוונא האָט אָפּגעוואַרט אָף מיר מיט מײַן רענצל אין די הענט, זי האָט עס בעשום־אויפן מיר ניט געוואָלט אָפּגעבן פריַער, ביז איך האָב זיך באַפרײַט פון דער אַרבעט. זי האָט מיך באַגלייט ביז צו מײַן נײַער צײַטווײַליקער היים. דאָ, באַם אומקערן מיר מײַן האָב־און־

גוטס, האָבן בא איר די אויערן אָנגעהויבן פלאַמען און די באַלעבטע אויגן זײַנען ווי אויסגעלאָשן געוואָרן.

— מאַריאַ, — האָט זי שטיל געזאָגט, — אין רענצל בא דיר האָב איך אַרײַנגעלייגט אַ פּעקל מיט זאַכן, פאַר וועלכע מע גלעט ניט איבערן קאָפּ און מע וועקט אַמאָל אויך אויף באַנאַכט. איך וואָלט עס ניט געטאָן, נאָר איך האָב איצט קיין אַנדער ברירע ניט. איך וועל עס לאַנג ניט האַלטן בא דיר״.

איך בין איצט מיד צו לייענען דאָס ווײַטערדיקע, כאָטש איך האָב געוואָלט צוקומען צום אָרט, וווּ איך באַשרײַב, וויאַזוי איך בין פֿונדאַסנײַ געבוירן געוואָרן, ווי איך האָב אופגעוואַכט צו גאָר אַ נײַ לעבן, מיט נײַע וועגן און שטרויכלונגען, מיט נײַע פאַרלאַנגען און טרוימען. עפשער איז אַ שאָד די שאָען, וואָס איך פּאַטער אָף דורכצולייענען דאָס פון לאַנג שוין אָנגעשריבענע? נאָר דאָס לייענען שטויסט מיך צו שרײַבן ווײַטער, צו קומען מיט די קסאָווים מײַנע ביז צו אַ סאָף.

עמעצער פון די גרויסע שרײַבער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז ס׳איז אַ סאַך שווערער אָנצושרײַבן אַ קורצע זאַך, ווי אַ לענגערע. פאַר מיר איז איצט דאָס שווערסטע: ביכלאַל ניט צו שרײַבן. מײַן ליבער מאַן האָט שוין, פאַרשטייט זיך, באַמערקט, אַז איך האָב צו טאָן מיט טינט און פּעדער, און ער האָט שוין פון וואָס אָפּצולאַכן. אַזוי לאַנג ווי איך קען אים, באַמיט ער זיך צו קריגן אַ רעפּוטאַציע פון אַ קלוגן מענטשן. צוליב דעם האָט ער איין מיטל: אָפּכויזעקן פון יענעם. ער זאָגט מיר אַנומלטן, אַז ער פאַרשטייט שוין, פאַרוואָס ס׳ציִען זיך אויס אַזעלכע רייען נאָך דער אָוונט-צײַטונג. דאָס גאַנצע פּאַפּיר פון שטאָט גייט אַוועק אָף מײַנע שרײַבעכצן.

איך בלײַב ניט קיין באַלכויוו און ענטפער אים:

— מײַן ליבער מיכאַיִל איסײַעוויטש, ס׳איז ניט פאַר דײַן סייכל צו פאַרשטיין זאַכן, וואָס האָבן קיין שײַכעס ניט מיט קיין רעצעפּטן. — און אַז איך בין גאָר אין גוטן מוט, קאָן איך נאָך צוגעבן: — בא לײַטן מוז מען לײַדן פון אַ שאָכן, אַפילע ווען ער בלאָזט אָף אַ טרומייט, איך בין, גאָט צו דאַנקען, פון דער צאָרע „שכיינים״ אויסגעהיט געוואָרן, האָב איך דערפאַר אַ מאַן.

איך וואָלט מיט אַ גרינג געמיט איבערגעטראָגן זײַנע שטעכווערטלעך. ערגער איז אָבער, וואָס זינט ס׳האָט זיך אָף אים אָנגערוקט די עלטער, איז פון אים ביכלאַל ניט אויסצוהאַלטן. ער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער איז געפערלעך קראַנק. איך לערן אים: ניט יעדערן מאַכן יאָרן קלוג, אָבער אַלט מאַכן זיי אַלעמען אָן אונטערשייד. איז אָף דער עלטער מאַכט מען זיך ניט אַזאַ ווען יעדעס מאָל, ווען ס׳טוט עפּעס וויי, און מע הערט זיך אַזוי ניט צו צו זיך. דאָס איז בא אים גע-העכערט דער בלוט-דרוק, דאָס איז דער ריטם פונעם האַרצקלאַפּן שוואַכער געוואָרן, דאָס שלאָפט ער שלעכט, דאָס האָט זיך אָפּגערופן דער מאָגן.

— די קלאָלע פון אַ שלעכטן מאָגן, — ענטפער איך אים אָף זײַנע טײַנעס, — פילט מען אַמשאַרפסטן, ווען מע זיצט בא אַ גוט סערווירטן טיש. דו האָסט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין פולער זעט און איצט פעלט דיר אויך גאָרנישט ניט, זוכסטו זיך אַלע מאָל עפּעס אויס, אַבי זיך צו דאָקטערן. דו לערן זיך פון מיר. מיט וויפל בין איך ייִנגער פון דיר, און איך האַלט זיך אַזוי, אַז אַפילע דער בעסטער דאָקטער וועט מיך ניט פאַרטרײַבן אין קייווער.

לאַכט ער, ווען ס׳איז בא אים אַ גוטע שאָ. אָן אַנדערשמאָל, ווען ס׳מאַכט זיך אָן ערגערע שאָ, פאַלט ער אָף מיר אָן, האַלעמײַ איך כאָכמע זיך נאָך, און לויפט אַוועק אין פּאָליקלינִיק צו זײַן דאָקטער.

צום אומגליק, קאָן ער זיך נאָך אַלץ ניט באַפרײַען פון זײַן פאַרמאַצעווטישער פילבאַהאַוונט-קײַט, כאָטש ער איז שוין העכער צען יאָר ניט אָף דער אַרבעט. די שטוב איז פול מיט רעפּועס. וווּ איך טו זיך אַ ריר, שטויס איך זיך אָן אָף קאָלערליי אַמפּולן, טאַבלעטקעס און טראָפּנס. ער וועט מיך אויך קראַנק מאַכן מיטן שטענדיקן אַכטונג געבן אָף דער שאָ, ווען ער דאַרף עפּעס אײַנעמען, מיט דער מוירע, ער זאָל, כאָלילע, ניט מיד ווערן. זײַן געלאַסן אַרומגיין איבער די צימערן מיט אָפּגעהיט-פּאָרזיכטיקע טריט רעגט מיך אַמאָל מער אויף, ווי די שטאַרקסטע האַ-מער-קלעפּ. אַנומלטן האָב איך אַ שפּאַס געטאָן, אַז איך בין אָף דער עלטער רײַכער געוואָרן: ס׳איז מיר צוגעקומען צו מײַן אומבאַוועגלעכן אייגנטום אַ ניט-רירעוודיקער מאַן, איז ער אָף מיר געוואָרן מאָלע-כיימע. ער מעג זיך וויצלען, איך — ניט. איך האָב זיך גאָרניט געקאָנט פאַרענט-פערן פאַר אים און בין אַוועק צו מײַנע קסאָווים.

„...שוין דער פינפטער כוידעש, ווי איך געהער צו דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַ-טישער אַרבעטער-פּאַרטיי. דאָס איז פּאָרגעקומען אָן פּראָטאָקאָלן און רעזאָליוציעס. אין אַ טײַ-הויז אָפן סעסטראָרעצקער טראַקט, וווּהין עס איז איבערגעגאַנגען אַרבעטן אַלס הויפּט-קעלנער וועראַס ברודער, וואַסילי פּלאַטאָנאָוויטש, האָבן מיר זיך צונויפגעזאַמלט עטלעכע מענטשן, וואָס

האָבן קיין שום פאַרדאַכט ניט געקאָנט אַרויסרופן: אַרײַנגעקומען פּאָשעט זיצן אַ שאָ־צוויי בײַ אַ טשײַניק טיי. וואַסילי האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ באַזונדערן קאַבינעט, אַ פּאַרהאַנגענעם מיט אַ שווערן פּאָרהאַנג. דאָרט האָב איך גענומען אַף זיך דעם אָל פון דינען דער רעוואָליוציע. איך האָב דערציילט וועגן זיך, וועגן מײַנע באַגערן און טרוימען; ווערא און גראַמאָוו — דער יונגער מאַטראָס, וואָס פלעגט אַרײַנקומען אַפן באַבורין־געסל, — האָבן געזאָגט עטלעכע גוטע ווערטער וועגן מיר: צו יענער צײַט האָב איך שוין אויסגעפילט עטלעכע אופטראָגן, וואָס כ׳האָב דורך ווערן באַקומען. אַזוי בין איך אָנגעשלאָסן געוואָרן אין די רייען פון די, וואָס ווילן אויסקעמפן אַ נײַע וועלט.

ענדלעך האָב איך אויך באַקומען ווינערעכט אין דער הויפּטשטאָט. דערמיט האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם אַלטן דאַנאָוויטשן און דעם אייגנטימער פון דער אַפּטייק, בײַ וועמען איך רעכן זיך פאַר אַ לערנמיידל, וואָס דאַרף שוין אינגיכן באַקומען דעם אַטעסטאַט פון אַ פּראָוויזאָר־געהילף, כאָטש איך אַרבעט נאָך אַלץ באַם וואַש־בעקן אינעם הינטערשטיבל. נאָר ס׳איז מיר דאָרט ניט שלעכט. איך האָב דאָרטן אַן אייגן טיף פאַרבאָרגן ווינקעלע פאַר מײַנע קראַמאָלנע זאַכן. קאַרפּ סידאָראָוויטש האָט זיך אַנומלטן אָנגעבאָטן פאַר אַ טרעגער אויסצולאָדן אַ וואָגן מיט סכוירע פאַר מײַן באַלעבאָס, און ער האָט דעם סעקרעט אײַנגעאָרדנט אַף אַזאַ אויפן, אַז נאָר ער און איך זאָלן קאָנען צוקומען צו אים.

ערגער איז מיט דער ווינונג. איך האָב געמוזט די עטלעכע כאַדאָשים זיך אופהאַלטן בײַ די דאַנאָוויטשעס, יעדן טאָג זיך זען מיט אַלעקסאַנדערן, וואָס פּרוווט זיך אַלץ מיך אַרויסרופן אַף אַ פלירט.

— איך בין נאָך ניט גענוג דערוואַקסן צו פירן אַ ראָמאַן, — קום איך אַמאָל אָפּ מיט אַ שפּאַס, — אויסער דעם, פעלט מיר עלעגאַנץ אַף צו ווערן דער מיטלפונקט אין די גאַלאַנטע געזעלשאַפטן, וווהין דו שלעפּסט מיך.

קוקט ער אַף מיר מיט מילכיקע אויגן, וואָס רופן ווען־ניט־ווען אַרויס מיטלײַד. איך דערזע אין אים דער מאַמעס אַ ליבלינג, דאָס צעבאַלעוועטע ציטעריקע קינד, וואָס מע מוז דעם שטענדיק נאָכגעבן. אַזויאַרום פּויעלט ער בײַ מיר אויך אַמאָל, איך זאָל מיט אים פּאַטערן אַן אָפּדערנאַכט אַף פּוסטע שפּאַצירן. זאָג איך אים אָבער קאַטעגאָריש אָפּ, באַגלייט ער מיך פון שטוב אַרויס מיט וואַרעם־מילדע פאַרליבטע בליקן. איך ווייס, אַז די מאַדאַם וועט אים נאָכדעם לערנען, וויאַזוי זיך צו האַלטן מיט מיר.

דאָס האָט זי אים פון קינדווײַז אָן אַזוי פאַרצערטלט, געוויקלט אין וואַטע. מיט איר שטענדיקן קעכלען און פּאַנקעווען האָט זי אים דערצויגן אַ צעפּעסטעטן, אַ ווילנלאָזן, מיט אַ כאַראַקטער, וואָס איז ווייך, ווי האָניק־טייג.

— אַ צו גוטער, זאָלסטו וויסן זײַן, איז אַ האַלבער נאַר. ער האָט בײַ מיר געבעטן געלט אַף אַ מונדיר פאַר אַן אָרעמען סטודענט... — דאָס ליובט זי אים אַזוי פאַר מיר.

זי אַליין איז מיר שוין אויך גוט דערעסן, די מאַדאַם דאַנאָוויטש, מיט איר בלומען־שפּראַך, מיט אירע פּרימכעס און קאַפּריזן. אין די אויגן איז זי מיט מיר גוטווייליק און גרויסמוטיק, הינטער די אויגן, פאַר מענטשן, קאָן זי זיך גאָרניט אָפּריידן פון דעם כעסעד, וואָס זי טוט מיט מיר. איך בין זיכער, אַז דאָס איז אין מײַן גאָרטן אַ שטיין געוואָרפן געוואָרן, ווען זי האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן דעם מאַן, — זי האָט געמיינט, אַז איך בין שוין פון יענער זײַט קאָרידאָר: — „ס׳טרעפט, אַז מע שמירט מיט האָניק, און ס׳הערט זיך סמאָלע“.

איך האָב ניט געוואָלט זיך אומקערן און איר אָפּענטפערן ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן. זיי ווייסן אַליין גוט, אַז איך נייטיק זיך ניט אין זייער האָניק. ווי נאָר איך האָב באַקומען די ווינערעכט, האָב איך זיך צעשיידט מיט דער מאַדאַם דאַנאָוויטש און איר זונדל, כאָטש ווערא פלאַטאָנאָוונא האָט מיר געייצעט זיך האַלטן דאָרט, ביז איך וועל אָנהייבן לערנען. נאָר איך האָב סײַווי ניט געקאָנט אָן ווינערעכט אָנקומען אַף די העכערע פּרויען־קורסן. איצט וועט מיר אויסקומען צו וואַרטן ביז אַ נײַעם אופנאַם. איז מיילע, די עלטער טרײַבט מיך נאָך ניט, וועל איך זײַן אַ קורסיסטקע צו נײַנצן — דאָס צוואַנציקסטע יאָר. דערפאַר האָב איך איצט אַן אויסגעצייכנטע ווינונג.

איך בין נאָך געווען אַ קליין מיידעלע, ווען די באַלעבאָסטע מײַנע, צעציליאַ מאַרקאָוונאַ, איז שוין געווען אַ קורסיסטקע אין סאַנקט־פּעטערבורג. זי פלעגט אַלע יאָר קומען אַהיים קיין יעקאַטערינאָסלאַוו אַף קאַניקולן, און מיר, קינדער, האָבן איר מעקאַנע געווען אפילע אַף דיברילן, וואָס זי האָט שוין דעמלט געטראָגן. מיר זײַנען געווען זיכער, אַז דאָס איז אויך אַ באַשטאַנדטייל פון דער אוניפאָרם פון אַ קורסיסטקע. איך געדענק איר טאַטן, וואָס איז בײַ אונדז אין שטוב געווען אַ מין הויז־דאָקטער. די מאַמעס אונדזערע פלעגן גיין צוגעסט איינע צו דער אַנדערער. איך בין קיינמאָל ניט גערן געווען גיין מיט דער מאַמען צו דער דאָקטערשע. ס׳האָט

מיך געשראָקן דער רייעך פון די רעפּוס, וואָס ס׳האָט זיך פונעם דאָקטערס קאַבינעט צעטראָגן איבער אַלע כאַדאָרים. נאָר אַז איך בין אונטערגעוואַקסן, פלעגט מיך יאָ אַמאָל אַ צי טאָן קומען אַהין. איך האָב שוין דאַן געוווּסט וועגן דעם דאָקטערס קרוּוועשאַפט מיט די טשודנאָווסקיס און וועגן דעם, אַז ס׳כאַפּט זיך אָפּט אַרײַן צו אים גרישע.

דער געדאַנק וועגן גרישען האָט מיך אויך איצט געבראַכט צו צעציליאַ מאַרקאָווען. איך בין געקומען צו איר זיך נאָכפרעגן אָף אים. אויסגעלאָזט האָט זיך עס דערמיט, וואָס איך האָב בא איר אָפּגעדונגען אַ ווינקל־צימער. צעציליאַ מאַרקאָוונאַ איז אַ ציינדאָקטערן און האָט דאָ אין פּיטער אַן אייגענעם קאַבינעט, ווו זי אַרבעט צו צוועלף שאָ אַ טאָג. זי אַליין באַווינט אַ גרויסן צימער מיט אַ נישע. דורך איינעם פון די דרײַ פענצטער אין צימער זעט מען אַ שטיק וואַנט פונעם ווינטער־פּאַלאַץ.

ווערא פלאַטאָנאָוונאַ האָט ניט דערווידערט, איך זאָל זיך איבערקלײַבן אָף דער נײַער קוואַר־טיר. דאָ, אָפּן וואַסיליעווסקער אינדזל, וועט זי מיך פאַרבינדן מיט אַן אַרבעטער־קרײַז, וואָס נעמט זיך צונויף ניט ווײַט פון דער צווייטער ליניע, ווו איך וווין.

בא צעציליאַ מאַרקאָוונען האָב איך זיך ענדלעך עפּעס וואָס דערוווּסט וועגן גרישען. איך האָב זיך ניט געשעמט איר דערציילן, וויאַזוי איך האָב אים געזוכט אין אוניווערסיטעט און וואָס מע האָט מיר געזאָגט וועגן אים. האָט זי זיך אויסגעלאַכט דערפון. ער לערנט זיך זייער פלײַסיק. ער באַזוכט עפּשער ניט אייניקע ציקלען לעקציעס. איז דאָס מיסטאָמע אַזעלכע געביטן, וואָס אָדער זיי אינטערעסירן אים איבגאַנצן ניט, אָדער ער האָט זיי שוין פון לאַנג דורכגעשטודירט.

איך האָב זיך איינמאָל אײַנגעשטעלט און געבעטן צעציליאַ מאַרקאָוונען, זי זאָל מיך צונויפירן מיט גרישען, מיר זײַנען פונדעסטוועגן לאַנדסלײַט, איינעם געוואַקסן. „און ער איז מיר נאָך דעמלט געווען געפעלן״, בין איך זיך פאַר איר מודיע, האַלטנדיק אין דער האַנט זײַנע לעצטע פאָטאָגראַפיע, וואָס איך האָב געפונען אין איר אַלבאָם. גלעט זי מיר דעם קאָפּ, און מיט אַ בענקענדיקער שטים זאָגט זי מיר:

— איך זע אים אַליין זייער, זייער זעלטן. ער קאָן אַמאָל, איין מאָל אין אַ שמיטע, זיך אַרײַנ־כאַפּן צו מיר אָף דער אַרבעט. אַהערצו קומט ער קיינמאָל ניט.

ס׳איז אַוועק אַ שטיקל צײַט, און כ׳האָב מיט צעציליאַ מאַרקאָוונען זיך שטאַרק באַפרײַנ־דעט. מײַן מאַמע איז געווען בא מיר צוגאַסט. צעציליאַ מאַרקאָוונאַ האָט זיך דערפרייט מיט איר, ווי מיט אַ שוועסטער. זיי האָבן זיך אינצווייען אָפּט געסוידעט. איך ווייס ניט, צי וועגן מיר, צי וועגן זיך. אַלנפאַלס, וואָס ווײַטער, אַלץ נעענטער זײַנען מיר געוואָרן. און אין איינעם אַן אָוונט האָט זי פאַר מיר זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן: זי לעבט אין איינע צאָרעס פאַר גרישען. שוין דאָס צווייטע יאָר, ווי ער געפינט זיך דאָ אומלעגאַל. ווו ער טאָגט, דאָרט נעכטיקט ער ניט. זײַנע עלטערן האַלטן זיך אין איין נאָכפרעגן אָף אים. וואָס קאָן איך זיי ענטפערן? ער האָט איר גע־זאָגט, אַז ער טאָר זיי ניט שרײַבן. מע קאָן אָנטרעפן אָף זײַנע שפּורן. ער דאַרף זיך היטן מיט יעדן טראָט. ער האָט שוין ניט איין מאָל אַרויסגעשטעלט אַ נאָז די שפּיקעס, וואָס פאַרפאָלגן אים. מיט אַ וואָכן צוויי צוריק איז ער אַרײַנגעלאָפן צו איר אָף דער אַרבעט, זי זאָל פאַר אים קריגן אַנדערע קליידער. ער מוז זיך שוין איבערטאָן, אויב ניט, טאָר ער זיך ניט באַווײַזן אָף דער גאַס. זי האָט געמוזט זיך אַנטשולדיקן פאַר די פּאַציענטן, אינמיטן העלן טאָג צומאַכן דעם קאַבינעט. זי איז דעמלט, — דערציילט זי מיר, — די נאַכט ניט געשלאָפן.

און איך קאָן איצט ניט אַנשלאָפן ווערן. וואָס וואָלט צעציליאַ מאַרקאָוונאַ געזאָגט, ווען זי ווייסט וועגן דעם פּעקל בראָשורן, וואָס איך האָב פאַרשטעקט הינטערן שפּיגל? מאָרגן דאַרף איך נאָך ברענגען אַהער בא דרײַ הונדערט פלוגבלעטלעך, וואָס רופן צו אַ שטרײַק. עמעס, זיי וועלן זיך דאָ לאַנג ניט אויסליגן, זונטיק וועלן זיי אַריבערגעפּעקלט ווערן צו די אַרבעטער, וואָס דאַרפן קומען אָף מײַן קרײַז.

נאָך האָב איך געטראַכט, אַז איך וועל, אַפּאָנעם, אַזוי גיך ניט אָנטרעפן אָף גרישען. די שטאָט איז צו גרויס, איך זאָל קאָנען אויסרעכענען אָף אַ גליקלעכער צופעליקײַט. דערצו איז גרישע, ווײַזט אויס, אַ פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער, וואָס איז שטרענג פאַרקאָנספּירירט. אָט ווייס איך, אַשטייגער, וועגן פּיאַטערן, נאָר פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס איך בין אין דער באַוועגונג, האָב איך אים נאָך ניט געזען אין די אויגן. און פון גרישען ווער ווייסט? עפּשער איז ער אַ טוער פון גאָר אַן אַנדער פּאַרטיי? אַפילו ווערא פלאַטאָנאָוונאַ ווייסט פון אים ניט. זי האָט קיינמאָל אַזאַ נאָמען ניט געהערט.

צעציליאַ מאַרקאָוונאַ איז אַנומלטן געקומען פון דער שפּעטער אַרבעט, ווי שטענדיק, אַן אויסגעשעפּט־מידע, נאָר מיט עפּעס אַ צערודערטער אופגעמונטערטקײַט. זי האָט פון האַנט־טאַש אַרויסגענומען אַ פאַרוויקלט פּעקל מיט פּאַפּירן, וואָס זי האָט ניט געוווּסט, ווו צו באַשטאַטן. צוערשט האָט זי עס געלאָזט ליגן אָף איר שרײַבטיש, דערנאָך אַרײַנגעלייגט אין איין שופלאָד,

אין א צווייטן, ביז זי האָט עס גאָר פארוקט אף דער אייבערשטער פּאָליצע אין בופעט, הינטערן קרעדענץ פונעם טיי־סערוויז. ווען זי האָט אראָפּגענומען די ברילן, האָב איך אין אירע אויגן דער־זען דעם אָפּגלאַנץ פון עפּעס א גוטן סאָד, וואָס זי קאָן אים בא זיך ניט אײַנהאלטן. איך האָב פאר־שטאנען, אז זי האָט מיר עפּעס וואָס צו דערציילן, נאָר זי ווארט אף א מער געמיטלעכער מינוט. דערווײַל איז זי פארפּאָרעט מיטן צוגרייטן דאָס אָוונט־עסן.

אז ס'איז אלץ געוואָרן פארטיק, האָט זי א האָפּערדיקע מיך פארבעטן צום טיש. מיר האָבן געגעסן און געפּלאַפּלט וועגן אלץ און וועגן גאָרנישט ניט. א שטראַל פון עפּעס א באַפרידיקונג האָט זיך געמינעט אף איר פּאָנעם, נאָר זי האָט נאָך אלץ געשוויגן. ערשט אפן געלעגער האָט זי פרײַגעלאָזט דעם לאַנג פארבאָרגענעם באַגער צו אנטפּלעקן פאר מיר דאָס גליק, וואָס זי האָט הײַנט געהאט. זי האָט זיך געזען מיט גרישען. זיי האָבן עפּשער א שאָ צוויי פארבראַכט צוזאַמען. זי האָט אים פארשלעפּט אין פּאַנסיאָנאט, ווו מע גרייט פאר איר פּריוואַט דעם דיִעטע־מיטיק. זי האָט דאָרט א באַזונדער עסצימער.

איך בין אף מאָרגן באַגאַנגען אן אומרעכט. עפּשער נאָך מער. דאָס וואָרט פארברעכן וויל איך דאָ ניט באַנוצן. סאָפּקאָלסאָף האָב איך דאָך ניט מער, ווי צעוויקלט א פּעקל פּאַפּירן, וואָס מע האָט גאָר ניט אויסבאַהאלטן פון מיר. איך האָב בלויז געוואָלט איין בליק טאָן אף די פּאַפּירן. צעציליא מארקאָוונא האָט מיר דאָך געזאָגט, אז דאָס איז גרישעס א ווערק. און עפּשער עפּעס אומלעגאַלס? צי באַגיי איך ניט קיין זינד קעגן גרישען, און נאָך מער לעגאַבע דעם הייליקסטן געבאָט פון קאָנספּיראַציע? עפּשער באַדאַרף איך ניט זען, וואָס ס'טוט זיך אין דעם פארוויקלטן פּעקל? און דאָך באַטראַכט איך די באַזונדערע העפטן פון א געדרוקטן פּראָנצויזישן בוך און די גערדיכט באַשריבענע פון ביידע זײַטן איינצלנע בלעטער פון א קאָנטאָר־בוך. דאָס איז גרישעס איבערזעצונג פון סען־סימאָנס ווערק. כ'האָב פארגעסן, אז איך דאַרף גיין ארבעטן. מײַנע אויגן שלינגען א זײַטל נאָך א זײַטל. און דער קסאַוו... ס'איז גרישעס קסאַוו. ער האָט, ווײַזט אויס, געשריבן אין גרויס אײַלעניש. ווו עס פעלט א שטריכעלע צו אן אָס, ווו א האַלב וואָרט. צי עס ליגט אינעם כאַראַקטער פונעם מענטשן אָט דאָס צעדרויבלטע ברעכן דאָס וואָרט? עמעצער קלאַפּט אין דער דרויסן־טיר, און איך דערהער דעם האַסטיק־שטילן קלאַפּ פון מײַן הארצן. איך וועל שוין ניט באַווײַזן צונויפלייגן דאָס פּעקל. ווי־ס'איז, פארוק איך עס אונטער דער איבערבעט און לויף עפענען.

דאָס ערשטע מאָל, אז ס'קומט צו מיר וואַסילי פּלאַטאָנאָוויטש. ער קוקט אף מיר מיט דער שוועסטערס שמייכל אין די אויגן און ווארט, איך זאָל אים פארבעטן אין שטוב. ער לאָזט אפּריִער פאר זיך זײַן ארבעטס־רענצל, דערנאָך טרעט ער שוין אליין אריבער די שוועל, פארענטפערנ־דיק זיך:

— איך בין געווען בא דיר אין אַפּטייק. קיינער האָט מיר ניט געקאָנט זאָגן, פארוואָס דו ביסט נאָך ניטאָ אף דער ארבעט, — ער איז נאָך אלץ פארסאָפּעט, און אין זײַנע רייד פּלאָנטערט זיך נאָך די שרעק פאר מיר. — איך האָב געמיינט, אז מיט דיר האָט עפּעס וואָס געטראָפן... מאַריִא, — בייגט ער אָן צו מיר זײַן פארקעמטן קאָפּ, און איך דערזע דעם הוילן פּאַס פון זײַן שרונט, — אין רענצל זײַנען פּיסטאָלעטן, מע דאַרף זיי גוט פארשטעקן דאָרט בא דיר אף דער ארבעט, אינעם סעקרעט. ניט אף לאַנג, — טרייסט ער מיך".

...בייס איך האָב געהאלטן אין באַשרײַבן דעם דאָזיקן עפּיזאָד, האָט מיר אָנגעקלונגען ליזא. בא סוועטען איז מאָרגן א טורניר, וואָלט זי געוואָלט, איך זאָל צו וויסן געבן דעם טאַטן אירן, זאָל ער קומען און אויך האַנאָע האָבן פון דער גראַטענער טאָכטער. ליזא קלאָגט זיך פאר מיר, אז דאָס מיידל איז שוין פארמאַטערט פון די פאַרמעסטונגען. טאָג נאָך טאָג פארלירט זי צו עטלעכע שאָ אינעם שיסער־קלוב. דער טיש איז בא איר איצט פארוואַלגערט מיט דעם סאָרט ליטעראַטור, ווו פון יעדן זײַטל קוקט אראָפּ אן אנדער מין שיס־געווער.

— איז דאָס פאר איר א באַשעפטיקונג אפן לעצטן אינסטיטוט־קורס? — האָט ליזא צו מיר טײַנעס. — זי האָט נאָך אף זיך איצט א סעסיע, איז אָנשטאָט זיך גוט צוגרייטן צו איר, האָט זי אין זינען דער רועך ווייסט וואָס.

— ס'איז גאָר ניט אזוי דער רועך ווייסט וואָס. דו ווייסט עס בעסער פון מיר, — באַרויִק איך ליזען און מאַך צונישט די זאָרג אירע, — אז זי האָט זיך געספּראַוועט ביז אהער אפן בעסטן אויפן מיטן שיסן און מיטן לערנען, וועט זי איצט זיך אויך ספּראַווען, — און איך רייד אײַן ליזען, מיר זאָלן בעסער מאָרגן אויך גיין אף די פאַרמעסטונגען. איך האָב כיישעק א קוק טאָן, מיט וואָס מע עסט עס. אונדז האָט מען עס ניט געלערנט. כאָטש מיר האָבן געגוג צו טאָן געהאַט דערמיט, און זיי, זאָלן זיי עס ניט באַדאַרפן. איך פארהאָף, אז ס'וועט אויך אף ווײַטער זײַן בא זיי ניט מער, ווי א ספּאָרט־זאַך. איך פארשטיי נאָר ניט, ווי ס'קומט צו סוועטען? צי דען פונעם

טאַטן? ער האַלט זיך דאָך פֿאַר אַ העלד. און דער זיידע אירער — שמועסט מען ניט: ער האָט דאָך אַדורכגעמאַכט די ערשטע וועלט־מילכאָמע, דערנאָך דעם בירגערקריג. עמעס, אין דער לעצטער מילכאָמע, אין דער פּאַטערלענדישער, האָט ער שוין קיין פּולווער ניט געשמעקט. אַזאַ גוואַר איז ער שוין דעמאָלט געווען. און עפּשער האָט זי עס געיאַרשנט גאָר לויט דער פֿרויען־ליניע, בײַ מיר. כאָטש איך האָב זיך אויך ניט מיט וואָס צו איבערנעמען. וויפֿל בין איך עס געווען דירעקט אין די שלאַכטן בײַסן בירגערקריג?

איך בין אין אָוונט אַוועק צום זון, האָב איך ניט געטראָפֿן ניט אים, ניט די שנור אין דער היים. דער קליינער גאַריק איז געווען איינער אַליין אין שטוב. דער טעלעוויזאָר אין צימער האָט געאַרבעט מײַסים, געהילכט און געדונערט, נאָר ער, גאַריק, האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, און אויפֿן טיש, אויף דער גאַז־פּליטע, אויפֿן פֿאַליצעס, אויפֿן אײַז־קעלטער — אומעטום זײַנען געווען צעלייגט זײַנע אינסטרומענטן און די דעטאַלן פֿונעם טראַנזיסטאָר, וואָס ער האַלט אים אין איין צונויפֿשטעלן שוין עפּשער אַ פּאָר כאָדאָשים צײַט. ער האָט שוין אָנגעקויפֿט דעטאַלן אויף אַ האַלבער טוץ אַזעלכע קיילים. ווען ער זאָל ניט זײַן בײַ מיר, בעט ער קליינגעלט אויף נאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס פֿעלט אים. דוכט זיך, אַז ער פֿאַרמאָגט שוין אַלץ, וואָס מע דאַרף, אַפֿילע מיטן טײַערסטן אַפּאַראַט, מיט אַ טעסטער, אויף אָנצוטאַפּן די שוואַכע ערטער פֿונעם טראַנזיסטאָר, ווען ער וועט שוין זײַן פֿאַרטיק, האָט ער זיך שוין אויך באַזאָרגט.

איצט בעט ער זיך בײַ מיר, איך זאָל צוווארטן געציילטע מינוטן. אָט וועט ער צונויפֿלייטן צוויי דרעטלעך, וועל איך קאָנען הערן, וואָס פֿאַר אַ סטאַנציע כ׳וועל נאָר וועלן.

— וויאַזוי קאָן מען בײַ דיר עפּעס הערן, — זאָג איך אים, — אַז ס׳הילכט דאָרט אַזוי אין צימער דער טעלעוויזאָר?

ער איז אַוועק אויסשליסן דעם אַפּאַראַט, און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אומגעקערט, האָב איך נאָך געדולדיק אויסגעוואַרט אַ גוט פֿערטל שאָ, ביז זײַן מעלאָכע האָט צוערשט אַרויסגעלאָזט אַ טראַסקערײַ, דערנאָך עטלעכע שטילע פּיפּסן, ווי פֿון אַ זויגקינד, און איז אַנשטומט געוואָרן.

— ניט דער קאָנטאַקט, באַבוליאַ, באַלד וועל איך פֿאַריכטן, — האָט ער מיט פֿלײַס זיך גענומען נאָכאַמאָל צו דער אַרבעט. דערווײַל זײַנען אָנגעקומען דער טאַטע זײַנער מיט דער מאַמען.

מיט זײַן טאַטן, מיט מאָטיקן, איז בײַ מיר זיכער ניט דער קאָנטאַקט. דער געשפּרעך האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהויבן ניט דערפֿון, צוליב וואָס איך בין געקומען. די שנור האָט געשוויגן, און ער האָט שוין גערעדט פֿאַר זיי ביידע.

ער וואָלט אַ באַלן געווען אויף מײַנער אַ ספּראַווקע נעמען אין קרעדיט אַ גוטן דאַמען־פֿוטער, עפּשער וועט זיי אויסקומען אום ווינטער פֿאָרן קיין אויסלאַנד. ער וויל, זיי זאָלן קומען צוגאַסט צו די טשעכן אין אַן אָנשטענדיקן אויסזען.

— ביסט זייער גערעכט, מײַן זון, — שלאָג איך אים איבער אינמיטן די רייד, — נאָר איך וועל עס ניט טאָן.

— איך בעט דאָך בײַ דיר קיין געלט ניט! מיר וועלן אַליין אויסצאָלן, געננוי צו יעדער דאַטע. מיר קאָנען איצט פּאָשעט ניט נעמען קיין ספּראַווקע בײַ אונדז אויף דער אַרבעט, מיר צאָלן נאָך פֿאַרן פֿריערדיקן.

— זייער ריכטיק, זייער גוט טוט איר, — בין איך מיט אים מאַסקים, — מע דאַרף זיך פֿריער צערעכענען פֿאַרן אַלטן, און דערנאָך פֿירנעמען עפּעס נײַס. אַלע אײַערע פֿאַרגעניגנס, — זאָג איך צו אים, — גייען פֿאַרלוירן אינעם געיעג נאָך אַנדערע, גרעסערע.

איך קוק ניט אין איר זײַט, נאָר זי ווייסט גוט, וועמען איך מיין דערמיט. זי איז פֿון יענע ווײַבער, וואָס ווען זיי וואָלטן געהאַט פֿליגל, וואָלטן זיי זיך געמאַכט אַ נעסט בײַם מאַן אויפֿן קאָפּ.

ער האָט זיך אָנגעבלאָזן און איז אַנשוויגן געוואָרן, זי איז אַוועק אין קיך און אויפֿגעהויבן אַ גוואַלד צוליבן ווירוואַר וואָס גאַריק האָט דאָרט איבערגעלאָזט. דער קליינער דריקט זיך צו צו מײַנע קני. איך לאָז אים ניט אָפּ פֿון זיך. ס׳ווילט זיך מיר אים אַ קוש טאָן אינעם קעפּל. צי קאָן מען דען פֿײַנט האָבן דאָס זײַדנס, וואָס ס׳קומט אַרויס פֿון אַ וואָרעם? ווען איך וואָלט אים נאָך געקאָנט אויסהיטן פֿון איר ווירקונג! דאָס זעלבע ווערעמל, וואָס גיט דאָס זײַדנס, קאָן דערנאָך דאָס זײַדענע קלייד צעעסן. איך זאָג צום זון:

— בײַ דײַן טאָכטער איז מאָרגן אַ פֿײַערלעכער טאָג, זי וועט עפּשער אַרויס די זיגערן אויף די פֿאַרמעסטונגען, — שווײַגט ער, — ווילסטו גאָרניט גיין, ווי מע זאָגט, איבערלעבן, האַנאָע האָבן, אַז זי וועט זיגן?

— ס׳פֿעלן מיר אויס אירע זיגן...

איך שיק אַרויס דאָס קינד אין קיך אַרײַן צונויפֿלייגן זײַנע זאַכן און נעם זיך פֿאַר מײַן זון:

— אירע זיגן... דײַנע געפֿעלן דיר בעסער. דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? איך מיין, אַז ניט יעדערער, וואָס האָט אַמאָל געזיגט, האָט אויך געמוזט זײַן אַ קעמפֿער. אָט דיך האַלט מען

פאר א גוטן סאָלדאט, ביסט געקומען פון דער מילכאָמע מיטן טיטל פון א קאפיטאַן, מיט א סאך באלוינונגען, און איצט, צוואנציק יאָר נאָכן קריג, האָט מען דיר אפילע צוגעטיילט דעם גרויסן קאָוועד פון אן ערנבירגער אין א פרײַנטלעך לאנד. נאָר אין מײַנע אויגן ביסטו גאָר א קנאפער העלד, אין געוויינלעכן טאָגטעגלעכן לעבן ביסטו אפילע א לעמעשקע, און דערצו נאָך א שטיקל פאכדן.

פארשטייט זיך, ס׳ארט מיך, וואָס איך רייד אזוי מיט אים, ס׳טוט מיר אָבער ווי פאר זײַן טאָכטער, פאר סוועטען, וואָס ער וויל פון איר ניט וויסן. זאָל איך אים צורו לאָזן מיט אירע טאלאנטן. ער גלייבט ניט אין אירע פייִקײַטן, און ביכלאל גייען אים ניט אָן די דאָזיקע האסאָגעס אירע. ער האָט געהאט בא זיך אין באטאליאָן בעסערע סנײַפערנס, איז ווי נאָר זיי זײַנען ארײַן אין די ציווילע קליידער, זײַנען זיי געוואָרן פרויען ווי פרויען. זאָל זי בעסער ווערן א גוטער אינזשעניער, ער איז נאָך דערין אויך אין א גרויסן סאָפעק. ס׳איז פונקט פאר איר, מיט איר גרייס און איר קויעך פון א פערטל אָף צו ארבעטן אף א זאוואָד. זי האָט ניט געקאָנט נאָכטאָן איר מאמען און ווערן א מעדיקערן?

איך האָב אים אָפגעשוויגן. ביפראט נאָך, אז די שנור איז געווען דערבײַ. וואָס האָב איך אים געהאט צו זאָגן? מיילע, סוועטא וועט שוין איר שטעטל אליין באשטיין. אָבער וואָס וועט זײַן מיטן ייִנגל, מיט גאריקן? ווען ער איז געבוירן געוואָרן, בין איך באשטאנען, מע זאָל אים א נאָמען געבן נאָך גרישען, דאָס האָבן זיי אים פארצויגן אף גאריק. איך האָב געוואָלט, עס זאָל בלײַבן א זייכער נאָך דעם מענטשן, וואָס איז מיר אזוי טײַער געווען. קאָלזמאַן איך לעב, וועל איך ניט דערלאָזן, זיי זאָלן מיר א טעל מאכן פון דעם קינד. דערווײַל האָב איך נאָך א מאכט דערצו. און ווײַטער, ווער ווייסט? עפשער נעם איך אף זיך צופיל? אָט האָב איך מאָטיקן, מײַן אייגענעם זון, ניט געקאָנט דערציִען, ווי איך האָב געוואָלט.

ער מאכט אוועק מיט דער האנט סוועטען, און ער אליין, וואָס שטעלט ער פאָר מיט זיך? ווען ער איז אוועק לערנען אינעם היסטאָרישן פאקולטעט, האָב איך אים געזאָגט: „קיין היסטאָריקער וועט פון דיר ניט ווערן“. און ווי די נעוווע זאָל געווען בא מיר אין מויל ליגן. „איין לערנ־יאָר סאכאקל האָט ער נאָכן אוניווערסיטעט אָפגעארבעט אין א שול. מער האָט ער ניט אויסגעהאלטן. אז מע לייענט געשיכטע אין א שול, דארף מען דאָך טאקע אויך עפעס וויסן, וועגן וואָס מע רעדט. מיט קינדער וועסטו ניט אָפקומען בלויז מיט דער שטעל און מיט דער געשליפענער צונג. אן אנדער זאך איז ריידן וועגן אלץ און וועגן גאָרניט. נאָך דער שול האָט ער זיך צוגענאָגט צו דער מעלקעדיקער קו, וואָס הייסט לעקטאָר־ביוראָ. אמאָל לייענט ער וועגן קאנטקענטעניש, אמאָל וועגן עסטעטיק, ער קאָן אויך ריידן וועגן די סעקטאנטן, וועגן קריסטלעכע און ייִדישע יאָמטויווים, וועגן דער נײַער מאָראל און אפילע וועגן א ריינעם פאמיליען־לעבן. אבי ס׳לאָזט זיך זויגן.

א לאנגע צײַט איז ער זיכער געווען, אז איך בין אויך, ווי דער טאטע זײַנער, אן אָנהענגער פון זײַן רעדנער־טאלאנט. עמעס, איך האָב שוין אמאָל נאָכן אויסהערן זײַנע א לעקציע געמוזט אים זאָגן: „דער כילעק פון א שלעכטן רעדנער און אן אײַזנבאן איז, וואָס דער צוג ווייסט כאָטש, אז ער מוז זיך אמאָל אָפשטעלן...“, — האָט ער זיך פארענטפערט, אז ער האָט געדארפט פארהאלטן דעם אוילעם, ביז די עסטראדע־ארטיסטן וועלן אונטערקומען. אָבער ווען איך האָב דערהערט זײַנע רייד וועגן דער הייליקײַט פון פאמיליען־לעבן, וועגן דעם גרויסן באטײַט פון שאָלעם־באִיס אין דער מישפאָכע, האָט עס מיך געהויבן פונעם אָרט. ס׳האָט זיך מיר געגלוסט אויסשרײַען, דער גאנצער אוילעם זאָל הערן: „און דו אליין, דו אזוינער און אזעלכער! דערצייל, פארוואָס האָסטו א ווײַב מיט א טאָכטער אוועקגעוואָרפן?“

איך האָב זיך דערוואָרט ביזן סאָף פון דער לעקציע, און ערשט דעמלט האָב איך אים ווי ס׳באדארף צו זײַן אויסגעזידלט.

— דו ביסט פון די מאָראל־פריידיקער, וואָס זײַנען געגליכן צו א סלופ — א וועגווײַזער: אלעמען ווײַזט ער דעם וועג, און אליין בלײַבט ער שטיין אפן זעלביקן אָרט. דו פלעגסט נאָך קינדווײַז זיך גוט אויסוואָדזגען אין בלאָטע און טײַנען, אז דו ביסט ריין. אָבער קעדיי צו וועקן אנדערע, דארף מען פריִער אליין זײַן וואך.

פון דעמלט אָן ווייסט ער, אז זײַן לעקטאָרן־קונסט איז בא מיר לאכלוטן אָפגעפרעגט. מער טאָר ער זיך אפילע ניט פארהיקען וועגן ד׳עם.

איצט זײַנען די לעקציעס בא אים א בײַזאך, און די גרונטיקע באשעפטיקונג זײַנע איז געוואָרן טעאטער. אין דער לעקטאָרן־ביוראָ איז ער אן ארטיסט אף גאסטראָלן (אנדערע זאָגן אפילע, אז מע האלט אים דאָרט נאָר צוליב זײַן אימפאָזאנטן אויסזען), און אין טעאטער איז ער ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דער געהילף פון דירעקטאָר איבער רעפערטואר־איניאָנים. ווי קומט עס צו אים? איך זאָל אזוי וויסן פון שלעכטס.

מײַן מאַן האָט אַמאָל אין די יונגע יאָרן געהאַט אַ גוסט צו כימיע. ער האָט געוואָלט גײן אַף די וועגן פון זײַן טאַטן, וואָס האָט געהאַט אַ לאַק־ און פאַרבן־געשעפט. נאָר קײן כימיקער איז ער ניט געוואָרן. אָפּגעשטעלט האָט ער זיך באַם לײַכטסטן און איז געוואָרן אַ פאַרמאַצעווט. דער דאָזיקער זון מײַנער איז אײַנגאַנצן ענלעך אַפן טאַטן, ער האָט אויך אויסגעקליבן פאַר זיך דאָס לײַכטסטע: זײַן אַ דײַיזאַגער אין טעאַטער. איך קאָן נאָר ניט פאַרשטײן, פאַרוואָס איז מעווינעס אַף טעאַטער געוואָרן פון די לײַכטע זאַכן?

אָט ווײס איך, דער ייִנגערער זון מײַנער, מיראָן, באַלעבאַטעוועט איצט איבער אַ גרויסער עלעקטראָסטאַנציע. איז ער פון דער שול־באַנק געווען פאַרקאָכט אין פיזיק. דערנאָך געאַרבעט אַף דעם געביט, געלערנט זיך אַזויפיל יאָרן. ווען וווּרא פלאַטאָנאָווּנאַ, די געוועזענע וועבערן, האָט נאָך דער רעוואָליוציע מיך אַרײַנגעצויגן אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, האָב איך פונ־דאָסנײַ באַדאַרפט לערנען, באַקומען הויכע בילדונג, און דערנאָך שוין האָב איך פאַרנומען דאָס דירעקטאָרן־בענקל אַף דער טריקאָטאַזש־פאַבריק.

עפּשער איז טעאַטער אַזאַ געביט, ווו דאָס פאַרשטײן קומט פון זיך אַלײן? לויט ווי מײַן זון פירט זײַן טעאַטער, וואָלט איך עס ניט געזאָגט.

ווען די טשעכן זײַנען געווען צוגאַסט, האָט מאַטיק אונדז אַלעמען געפירט זען אַ פּיעסע פון אַ באַרימטן דראַמאַטורג. דעם עמעס זאָגן, בין איך קוים אויסגעזעסן. ס׳האָט מיך געצויגן צו דרעמלען. אויך אַף אַנדערע האָב איך געזען, ווי ס׳שלעפערט זײ אײַן. דאָס איז, לויט מײַן מײנונג, די קלאָרסטע קריטיק, וואָס מע קאָן דערהערן שוין אינעם טעאַטער־זאַל. מע דאַרף שוין גאָר ניט וואַרטן אַף די אָפּרופן פון דער פּרעסע.

עמעס, אַנדערע צושויער זײַנען געזעסן מיט אָפענע מײַלער. די פּרײַז פון אַ בילעט איז פאַר אַלעמען אײנע און די זעלבע, אָבער די ווערט פון דעם, וואָס מע זעט, איז ניט פאַר אַלעמען גלײַך. אָט, צום בײַשפּיל, דער מאַן מײַנער איז דאַפּקע אַוועק אַ צופרידענער, און ער האָט געהאַלטן אין אײן פּאַטאַקעווען דער שנור, וואָס האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּליבן פונעם ספּעקטאַקל. האָב איך געמוזט זאָגן, וואָס איך מײן:

— אַ פיש לעבט פון וואַסער און שווײַגט.

זאָל זי עס פאַרשטײן, ווי זי וויל. זי קאָן עס נעמען אַפן כעזשבן פונעם דראַמען־מאַכער, וואָס האָט געגעבן אַ רייד וואַסערדיקע רייד אָנגעפּאַמפּעט אין דער הײַנטיקער פּיעסע; זי קאָן עס אויך נע־מען אַפן כעזשבן פון איר אײגענער אַדוואָקאַטן־פּראַקטיק מיט די שטאַמפּאָווע אַרויסטרעטונגען.

יעדער פויגל זוכט זיך אַפּ זײַן נעסט. זײ זײַנען בײדע, ווי מע פלעגט אַמאָל זאָגן, אַ פּאָר פון גאָט, דער זון מײַנער מיט דער שנור. ער איז טאַקע ניט געקומען אַף די פאַרמעסטונגען, ווו סוועטאַ האָט זיך ווידעראַמאָל אויסגעצײכנט. נאָר איך מיט ליזען זײַנען געזעסן צווישן טויזנטער פּיקן אוילעם און געזען, ווי אַפן סטענד זײַנען דערשינען די פּײַערדיקע אויסיעס וועגן זײַן טאָכ־טער, אַז זי האָט פון פינף הונדערט מעגלעכע אויסגעקלאַפּט גאַנצע פיר הונדערט זעקס און אַכציק פונקטן.

איך אין אירע יאָרן האָב מוירע געהאַט זיך צורירן צו די עטלעכע אַלטע פּיסטאָלעטן, וואָס מע האָט מיר געגעבן צו באַהאַלטן.

„...דאָס געוועער האָט מען בא מיר אײַנגיכן צוגענומען. מיר זײַנען דעמלט געווען פאַרטאָן ניט נאָר מיט אונטערערדישער, נאָר אויך מיט אָפענער, גאַנץ לעגאַלער אַרבעט. איך בין געווען פאַרנומען אין אַרבעטער־קרײַז, וואָס איז זיך צעוואַקסן. פון מאָל צו מאָל זײַנען צוגעקומען נײַע מענטשן. מיר האָבן געלײענט די אַרטיקלען פון דער לעגאַלער צײַטונג „זוועזדאַ", פונעם זשור־נאַל „מיסל", וואָס איז נאָך דעמלט געווען אין פרײַען פאַרקויף. צווישן די באַזוכער פון קרײַז, וועלכע מע האָט געקאָנט מער פאַרטרויען, פלעגן מיר פאַרשפּרײטן דעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט" און די שטרענג פאַרבאָטענע באָלשעוויסטישע „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ".

קאַרפּ סידאָראָוויטש פלעגט קומען דערצײלן וועגן די שפּאַרקאַסעס אַף די אונטערנעמונגען, וועגן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון. אַ סטודענט אַ מעדיקער האָט עטלעכע מאָל גערעדט וועגן פאַבריק־היגיענע. מיר האָבן געהאַט אין קרײַז בא אונדז אַ געוועזענעם אָרגאַניסט, האָט ער אײַנ־געכאַזערט מיטן אוילעם רעוואָליוציאָנערע אַרבעטער־לידער.

עס האָבן אָבער זיך אָנגעהויבן גרויסע אַרעסטן. מיך איז געקומען וואָרענען גראָמאָוו. ער האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז קאַרפּ סידאָראָוויטש איז דורכגעפאַלן. מיר זײַנען געשטאַנען אַפן הויף, לעם דער הינטערשטער טיר פון דער אַפּטייק, און דער גימנאַזיסט, וואָס העלפט מיר אין דער אַרבעט, איך ווײס ניט, וואָס ער האָט מיך באַדאַרפט האָבן, האָט אַלעמאָל אַרויסגעקוקט צו אונדז.

— אָט, אַפּאַנעם, ער גיט אַף דיר גוט אכטונג, — איז נאָך גראַמאַוון אָנגעגאַנגען זיך צו ווערטלען, — צי איז ער אין דיר ניט פאַרליבט?

איך קאָן אים ניט ענטפערן, ס׳איז מיר שווער ארויסברענגען א וואָרט, ניט נאָר אונטער־צוהאַלטן דעם שפּאַס. דער מויעך קאָן נאָך ניט באַנעמען דאָס אַלץ, וואָס ער דערציילט. אַכוץ סידאָראָוויטשן, איז אויך ניקיפאָר פאַרשוווּנדן. און ווער ווייסט וויפל נאָך, אויב פון אונדזער קליינער גרופּע זײַנען צוויי כאַווײרים אוועקגענומען געוואָרן.

— נו און פּיאָטער? — דערמאָן איך זיך אינעם מענטשן, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזען, נאָר איך האָב וועגן אים אַזויפיל גוטס געהערט.

— מיט אים איז אַלץ אין אָרדענונג, — באַרויִקט מיך גראַמאַוו.

אין עטלעכע וואָכן ארום האָט ניקיפאָר זיך ווידער באַוויזן אין פּיטער. ער איז געווען מיט קאַרפּ סידאָראָוויטשן, ווען מע האָט יענעם אינמיטן גאַס פאַרשאָטן. עטלעכע פּאָליציי־לײַט האָבן זיך געקלאַמערט אין אים. דער גוואַר האָט זיך געמאַכט פאַר טויט־שיקער און זיך געריסן פון זייערע הענט. זײַטיקע מענטשן האָבן זיי ארומגערינגלט. אין דער בעהאַלע האָט זיך ניקיפאָר ארויסגערוקט פונעם געדרענג. ער איז אפילע ניט אוועק אהיים. די זעלבע נאַכט האָט ער זיך אריבערגעפּעקלט אין א דאָרף צו זײַנעם א שוואָגער א מיל־אַרבעטער. דאָרט איז איצט אויך אומרויִק. די אַרבעטער פונעם טאַרטאַק האָבן פאַרשטרײַקט, גיט מען אכטונג אַף יעדן אָנגעפּאָ־רענעם. ער האָט דערפילט, אז מע האָט אים געגנומען אַפן אויג, איז שוין בעסער זײַן דאָ, אין פּיטער, צווישן אייגענע מענטשן, אויב ס׳איז יאָ באַשערט זיך זעצן באַם קייסער אַף קעסט.

דערווײַל האָט זיך דאַפקע אַזוי ווי אײַנגעשטילט. וואַסילי פלאָטאָנאָוויטש האָט שוין עטלעכע מאָל ארויסגעפּאָדערט באַ מיר אומלעגאַלע ליטעראַטור פונעם סעקרעט אין הינטערשטיבל. איך האָב אויך ווידער צונויפגעזאַמלט דעם אַרבעטער־קרײַז, ס׳האָט זיך צונויפגעזאַמלט בלויז א קליינער אוילעם, און מיר האָבן ארומגערעדט די לעצטע געשעענישן.

איך בין זייער שפּעט אהיים געקומען פון דער דאַזיקער פאַרזאַמלונג. צעציליא מאַרקאָוונא איז ניט געשלאָפן. ס׳איז נאָך אפילע ניט געווען אויסגעבעט איר געלעגער. איך האָב געזען, אז זי איז זייער דערשלאָגן. עפּעס האָט געטראָפן אַזוינס, וואָס האָט זי פאַרקאָוועט. אז איך גיב א קוק אַף איר, ווי זי זיצט מיט א בלוטלאָז פּאָנעם, כאַפּט מיך אָן א גרויל, איך האָב מוירע א פרעג טאָן, וואָס איז געשען. זי האָט פײַנלעך געשוויגן, כאָטש זי האָט געזען, אז איך טרעט ניט אָפּ פון איר. ענדלעך איז זי אופגעשטאַנען און ווי צום כאַלאַל ארויסגעשטאַמלט מיט א פאַרשטיקטער שטים:

— מע האָט אַרעסטירט גרישען.

דאָס האַרץ איז אין מיר פאַרקילט געוואָרן. מײַנע הענט אַף אירע אַקסל האָבן מער גערעדט ווי דאָס מויל:

— ווען? ווו?

— אין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער איז אוועק אהין מיט א פּאָר כאָדאָשים צוריק, ווען ס׳איז דאָ געווען אומרויִק.

איך בין געווען געפּלעפּט. איצט וועל איך אים שוין אַזוי גיך, עפשער קיינמאָל ניט זען. זינט ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרעסטן, האָט זיך מיר דער קאָפּ אַזוי פאַרדרייט, אז כ׳האָב, דוכט זיך, קיין טראַכט ניט געטאָן וועגן אים, וועגן זײַן גוירל, גלײַך ווי ער וואָלט געווען פאַר מיר א מין אַלעקסאַנדער דאַנאָוויטש, וואָס האָט פאַר אַזעלכע זאַכן קיין מוירע ניט. ווי׳אַזוי האָב איך גאָר געקאָנט פאַרגעסן, אז גרישע שטייט אין אַזאַ צײַט אין דער גרעסטער סאַקאָנע.

דעם דאַזיקן שווערן קלאַפּ האָט נאָך פאַרטאָפּלט ווערא פלאָטאָנאָוונא. דעם צווייטן טאָג אינדערפרי האָט זי דורך גראַמאַוון מיר צו וויסן געגעבן, אז מע האָט אַרעסטירט פּיאָטערן און זי מוז מיך נייטיק זען.

מיר האָבן זיך געטראָפן באַ וואַסילי פלאָטאָנאָוויטשן אין טיי־הויז. ער האָט אונדז ביידן באַזעצט אין א ווינקל, באַ א באַזונדער טישל, וואָס האָט נאָר געהאַט צוויי פלעצער. זי האָט מיר פאַרגעשלאָגן, איך זאָל זיך ווענדן צו מײַן טאַטנס פרײַנט, צו דאַנאָוויטשן, און אים בעטן, ער זאָל זיך געניי דערוויסן, ווו פּיאָטער געפינט זיך און ווער פירט די אויספאָרשונג. עפשער וועט ער אויך ארויסבאַקומען יעדיִעס וועגן דעם, וואָס מע אינקרימינירט פּיאָטערן. מאַרק אָסיפּאָוויטש איז פון די אָנגעזעענסטע אַדוואָקאַטן אין דער הויפּטשטאָט, און דאָס וועט אים קיין שוועריקײַטן ניט פאַרשאַפן. מעגלעך, אז מע וועט אים דאַרפן בעטן, ער זאָל ביכלאַל נעמען זיך אַף זיך די פאַר־טיידיקונג. איך דאַרף זיך נאָכאַמאָל דערנעענטערן צו די דאַנאָוויטשעס, לערנט מיך ווערא פלאָ־טאָנאָוונא, איך האָב זיך אומזיסט דערווײַטערט פון זיי, איך מעג אפילע זײַן צוגעלאָזטער צו אַלעקסאַנדער מאַרקאָוויטשן. ער איז שוין גאָר ניט אַזאַ בראַטשנער, מע זאָל זיך פון אים אינגאַנצן דאַרפן אָפּשאָקלען.

מיר קאָנען נאָך ביידע שפּאַסן איבער די מײַלעס און כעסרוינעס פונעם יונגן דאָנאָוויטש, כאָטש דאָס עסן קריכט ניט אין האַלדז אַרײַן. מיר רופן אַרויס וואַסילי פּלאַטאָנאָוויטשן אויף זיך צערעכענען. דאָ דערמאָנט זי זיך, ווערא פּלאַטאָנאָוונאַ, אַז זי האָט דאָך נאָך מיר ניט געזאָגט דעם ריכטיקן נאָמען פּיאָטערס. דערבײַ וואָרנט זי מיך, אַז איך טאָר אים ניט פאַרשרײַבן. איך מוז אים שוין דאָ אויפן אָרט אײַנכאַזערן און פאַרגעדענקען. זאָל דער אַדוואָקאַט זיך פרייִער דערקונדיקן, מיט וואָס פאַר אַ נאָמען ער פיגורירט בײַ דער פּאָליציי. איך בין געבליבן שטיין ווי געליימט, ווען איך האָב דערהערט דעם נאָמען, וואָס זי האָט מיר פון ליפּ צו ליפּ שטיל אַרײַנגעשעפּטשעט. זי האָט נאָך אַ צווייט מאָל, דײַטלעכער איבערגעכאַזערט: טשודנאָווסקי גריגאָרי איסאַקאָוויטש.

אָנדערהאַלבן יאָר האָט מען גרישען געהאַלטן אין אַן איינצל־קאַמער. איך האָב נאָך אַלץ געוווינט בײַ צעציליאַ מאַרקאָוונאַ, געאַרבעט אויף דער זעלבער אַרבעט, אינעם הינטערשטיבל פון דער זעלבער אַפּטייק. ס'איז מיר ניט געקראָכן אין קאָפּ זיך עפּעס אויסלערנען. יעדע אַנדערע אויף מײַן אָרט וואָלט פאַר אַזאַ צײַט שוין אַליין געקאָנט צונויפשיטן אַ פּראָשעק, צונויפשטעלן אַ שמירעכץ אָדער צוזאַמענגיסן אַוועלכע־ס'ניט־איז רעפּוע, ביפראַט איך, וואָס כ'האָב דורכגעמאַכט אַ קורס לאַטײַן אין גימנאַזיע און געקאָנט איבערלייענען אַ מיקסטור אויך. נאָר איך האָב גאָרניט געוואָלט פאַרגעדענקען און זיך אויסלערנען.

דער באַלעבאָס מײַנער האָט זיך אײַנגאַנצן אָנטוישט אין מיר. איך וועל קיינמאָל ניט ווערן קיין פּראָוויזאָר. ס'פעלן מיר די אַלע אייגנשאַפטן, וואָס ס'דאַרף פאַרמאָגן אַן עכטער אַפּטייקער: פּינקטלעכקײַט, אויפמערקזאַמקײַט, זיקאָרן, און דעריקער אינטערעס פאַר די אַלע מינים פּרעפּאַראַטן, וואָס ס'ווערן דאָ געשאַפן פון די קאָלערליי כימיקאַליעס. איך קאָן אים אומגליקלעך מאַכן מיט אַזאַ נאַכלעסיקער קאַלטקײַט צו אָט דער בעקאָוועדיק־ערנסטער פּראָפעסיע פון אַן אַפּטייקער.

וועגן אָט די אַלע „מײַלעס" מײַנע שטעלט ער צו וויסן מאַרק אָסיפּאָוויטשן, וועמעס פּראָטעזשע איך בין, און טאַטע־מאַמע, וואָס זײַנען פאַר דער צײַט אַ פּאָר מאָל געקומען פון קיִעוו אַ קוק טאָן אויף מיר און כ'האָב זיי באַקאַנט מיט מײַן באַלעבאָס. בין איך דערווײַל געבליבן בײַם אַלטן, בײַם ווײַטער רייניקן און באָדן דאָס גלאָזוואַרג און דאָס איבעריקע אַפּטייק־געשיר. אויך אין לערנען האָב איך זיך אויף קיין האָר ניט אַ רוק געטאָן. איך האָב שוין דאָס צווייטע מאָל דורכגעלאָזט די מעגלעכקײַט אַנצוקומען אויף קורסן. אַ שריט פאָרויס האָב איך נאָר געמאַכט אין די יאָרן. ס'איז מיר שוין צוואַנציק.

און גרישע זיצט פאַרשפּאַרט אין דער גרויזאַמער טפיסע קרעסטי...

דורך צעציליאַ מאַרקאָוונען, וואָס איז אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זײַן מישפּאָכע, און דורך מאַרק אָסיפּאָוויטשן באַקומען מיר ידיִעס וועגן אים. אַזוי זײַנען אונדז באַקאַנט געוואָרן נעמען פון אַנדערע כאַווײרים, וועלכע גייען דורך מיט גרישען אין איין פּראָצעס. ווערא פּלאַטאָנאָוונאַ קען זיי זייער גוט. איינער פון זיי איז גרישעס אוסיִעוויטש, דער צווייטער — סעמיאָן קאָנאַטשיקאָוו. אים האָב איך אַמאָל געהערט ריידן אויף אַ מאַיאָווקע, נאָר זײַן עמעסן נאָמען האָב איך נאָך דעמלט ניט געוווּסט. איך האָב אַ סאַך זאַכן דעמלט ניט געוווּסט. איך האָב, צום בײַשפּיל, קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז גרישע איז געווען אַ מיטגליד פון פּעטערבורגער קאָמיטעט פון רסדאַפּ.

וואָס מער ס'האָט זיך דערנעענטערט די דאַטע פונעם פּראָצעס, אַלץ מער איז געוואַקסן אונדזער אומרו. אַ מוירעדיקער קלאָפּ איז פאַר אונדז געווען, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער פּראָקוראָר וועט זײַן דער הענקער קראַשעניניקאָוו. ער איז געווען באַרימט מיט זײַן אַכזאָריעס, מיט זײַן מערדערישער און גרויזאַם־ווילדער סינע צו דער פּאָרגעשריטענער אינטעליגענץ. ער האָט פײַנט געהאַט פּרעסע־טוער, סטודענטן, שרײַבער. מע האָט דערציילט, אַז דעם טאָג, ווען מע האָט צו קוורע געבראַכט לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָיען, איז בײַ אים אין פּאַלאַץ געווען אַ גרויסער באַל און מע האָט געטאַנצט און געהוליעט אַ גאַנצן מעסלעס. אַנטקעגן דעם דאָזיקן אויסוווּרף וועט שטיין אַלס פאַרטיידיקער עפּעס איינער אַן אַלעקסאַנדער קערענסקי. מאַרק אָסיפּאָוויטש קען אים פאַר אַ גוטן רעדנער, נאָר מיט קיין גרויסע דערפאָלגן בײַם אויסשפּילן עפּעס אַ שווערן פּראָצעס האָט ער זיך נאָך ניט אַרויסבאַוויזן.

איך וואָלט דורך מאַרק אָסיפּאָוויטשן געקאָנט קריגן אַן אַרײַנטריטס־קאַרטע אויפן געריכט, האָט מען מיר עס פאַרווערט. ווערא פּלאַטאָנאָוונאַ האָט מיך אַפילע ניט געלאָזט זײַן בײַ דער געבײַדע פון געריכט, ווען מע פירט אַהין צו די באַשולדיקטע, כאָטש זי ווייסט אַלץ, וואָס פאַרבינדט מיך מיט גרישען. די שטאָט איז איצט פול מיט געהיים־אַגענטן. ביפראַט לעם דער געריכט־געבײַדע. דאָרט קאָן מען אויף יעדן טריט און שריט זיך אָנשטויסן אויף אַ פילער. ווער ווייסט, ווען וועל איך נאָך אַמאָל באַגעגענען גרישען? דאַרפן טאַקע אַזוי מײַנע יוגנטלעכע טרוימען אָפּגעהאַקט

ווערן? עפּשער אַף שטענדיק... אויב אַפילע איך וועל מיט יאָרן שפּעטער אַמאָל זיך טרעפֿן מיט אים, איז ווי וועל איך דערקענען יענעם גרישען, וועמעס יונג געשטאַלט כ׳האָב אַזויפֿיל יאָרן געטראָגן אין זיך?

ווערא פּלאַטאָנאָוונא האָט מיר בלויז צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט האַלטן באַם סאָף פּראָצעס, וועט זי מיט מיר צוקומען צו דער געריכט־געבײַדע, ווען מע וועט אַרויספֿירן די באַשולדיקטע. אָבער דאָס אויך, אויב ס׳וועט זיך צונויפֿקלײַבן אַ גרויסער עולם.

צעציליאַ מאַרקאָוונא איז טאָגטעגלעך אין געריכט. איך אַרבעט שוין אויך ניט דעם דריטן טאָג. איך קאָן זיך קיין אָרט ניט געפֿינען, ביז איך דערלעב זי זען קומען פֿון דאָרט. נאָך פֿאַרצווייפֿלט־לאַנגע שאָען פֿון האָפֿן און אַרויסקוקן, אַז אָט וועט זי עפּעס ברענגען זייער וויכטיקס, עפּעס אַ גוטע נײַס, הער איך מיט קאַלטן גלײַכגילט איר אויספֿירלעכע דערציילונג וועגן גאַנג פֿון פּראָצעס. נאָר מיטאַמאָל וואַך איך אויף. צעציליאַ מאַרקאָוונא ערגערט זיך, האַלעמײַ גרישע איז אַנגעפֿאַלן אַף זײַן פּאַרטיידיקער. איצט לאָז איך שוין קיין וואָרט ניט דורך.

אָט דער דאָזיקער קערענסקי האָט זיך פֿאַרגונען בעטן באַם געריכט אַ געוויסע באַגנעדיקונג פֿאַר גרישען צוליב זײַן יונגקייט, ניט־רײַפֿקייט און ניט שטאַנדהאַפֿטיקן באַוווּסטזײַן.

דער „ניט רײַפֿער“ גרישע האָט אָפּגעוואָרפֿן אַזאַ פּאַרטיידיקונג. ער האָט געזאָגט קערענסקין, אַז ער וואָלט זיך מיט אים ניט געביטן אַף זײַן שטאַנדהאַפֿטיקן באַוווּסטזײַן, ער וואָלט קיין טאָג ניט געוואָלט לעבן מיט אַזאַ וועלט־באַנעם, מיט אַזעלכע אָנשויונגען, מיט אַזאַ קוק אַף דער צוקונפֿט, ווי בא זײַן פּאַרטיידיקער.

גרישען האָט מען אַרויסגעטראָגן דעם שטרענגסטן אורטייל: לעבנסלאַנגע פֿאַרשיקונג. איך בין געווען, ווען מע האָט אים אַרויסגעפֿירט פֿון געריכט. איך האָב דערזען זײַן שוואַרצן קאָפּ און די אויגן מיט די גרויסע שוואַרצאַפּלען, נאָך אַלץ אַזעלכע טיפֿע, ווי אין די קינדער־יאָרן. איך האָב זיך געשפּאַרט דורכן געדרענג מיט רויטע רויזן אין דער האַנט. די מענטשן האָבן מיך דורכגעלאָזט, גלײַך זיי וואָלטן מיך וועלן אונטערײַלן, איך זאָל ניט פֿאַרשפּעטיקן מיט די בלומען. ווען איך בין צו צו אים, האָב איך דערזען אַן אויסגעצויגענע זײַן רעכטע האַנט, ווי ער זאָל געווען וואַרטן אַף מיר.

„ער האָט מיך דערקענט!“ — האָט מיך פֿאַרפֿלייצט אַ פֿרייד, וואָס איז בליץ־שנעל אויסגעלאָשן געוואָרן. דער קאָנוואָיִר האָט מיט דער שייד פֿון שווערד אַ קלאַפּ געטאָן איבער זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט. און באַלד האָב איך דערזען גרישעס אופֿגעהויבענע אין דער הייךביידע הענט, ווי צום געזעגענען זיך מיטן גאַנצן עולם. ער האָט צוויי מאָל אויסגעשריִען:

— איך וועל צוריק קומען! איך וועל צוריק קומען!

(סאָף פֿון ערשטן טייל)

מיט פינף יאָר צוריק איז אין עלטער פון 54 יאָר אוועק פון אונדז דער טאַלאַנטפולער דיכטער יוסף קאָטליאַר, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט צווישן די סאַמע באַדײַטנדיקע שע־פער פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג. זײַנע ווערק זײַנען באַוווּסט און באַליבט בײַ די ברייטע לייענער־מאַסן. קאָטליאַר האָט געשריבן פאַר גרויס און קליין און האָט איבערגעלאָזט אַ רײַכע ליטעראַרישע ירושה, וועלכע האָט ניט אָנגעוווירן איר אידייִשע ווערט און עמאָציאָנעלע אויפווירקונגס־קראַפט ביז הײַנטיקן טאָג.

מיר פאַרעפנטלעכן דאָ אַ ציקל פון זײַנע ניט־פּובליקירטע לידער.

יוסף קאָטליאַר

אינמיטן וועג

• • •

עס איז דײַן סײכל, מענטש, אומענדלעך!
דו האָסט אויף דער לעוואָנע־ווײַט
אַרופגעוואָרפן דײַנע פענדלעך
מיט גאָלד'נעם הערב אויף רויטן זײַד.

ס'וועט גיך די זון דײַן אייגנס ווערן.
דײַן אייגנס יעדער שטערן ווערט.
נאָר דו האָסט זיך ניט אויסגעלערנט
צו מאַכן שאָלעם אויף דער ערד.

און ס'הענגט איבער דײַן קאָפּ אַ שווערד
און דראָט: דײַן טרוים וועט זײַן צעבראָכן,
דײַן ווערק — טיל־טעל, דײַן היים — אין שטויב!

מאַך שאָלעם — הייסט: באַגליק דײַן שאָכן,
פאַרטרוי דײַן גאַסט, דעם כאַווער גלויב,
און זײַ ניט האַרב, ניט בלינד, ניט טויב,
צו דײַן געדאַנק דאָס האַרץ דערהויב!

ווערטער

1

וואָס דאַרף אַ ווינט? — אַ פעלד אַ ברייטס,
מיט ראַכוועסן זיך דורכצוקריגן,
און אײַנשטילן, און ליבלעך וויגן
די דינע שטענגלעך פון ווייץ.

וואָס דאַרף אַ שטראָל? — דורך וואָלקן־גרעב
זיך דורכשלאָגן פון הויכן הימל,
און טאָן אַ שפיל, און טאָן אַ לעב
אויף צאַרטע בלעטלעך פון אַ בלימל.

וואָס דאַרף אַ זאַנג, אַ בלום, אַ בוים? —
די זאַפט פון ערד, די קראַפט צו גרינען.
וואָס דאַרף אַ וואָרט? — אַ האַרץ געפינען,
דערוועקן עמעצנס אַ טרוים...

2

„קינדהײַט" — איז אַ וואָרט פאַראַנען.
„יוגנט" — איז פאַראַן אַ וואָרט.
כ'האָב זיי איצטער ערשט פאַרשטאַנען,
זייער זין זיך אויסגעקלאָרט.

ס'איז אַ וואָרט פאַראַנען — „גלויבן",
און אַ וואָרט פאַראַנען — „טרייסט",
אָפּגעפלויגן, ווי צוויי טויבן,
אויף ווי לאַנג? ווער ווייסט, ווער ווייסט!

ס'איז אַ וואָרט פאַראַנען — „ליבע",
און אַ וואָרט פאַראַנען — „פרייד".
כ'האָב זיי לאַנג שוין ניט געשריבן,
ניט דערמאָנט אין מײַנע רייד.

ס'איז אַ וואָרט פאַראַנען — „צאָרן",
און אַ וואָרט פאַראַנען — „ווײ".
ברידער זײַנען מיר געוואָרן,
אָט די ווערטער אָט די צוויי.

3

ווערטער, איך קען אײַך א וועלט!
נאָר גלײַך ווי איך שטעל אײַך פאנאנדער
אין שורעלעך, ציטערט די האנט מיר,
פיל איך, א וואָרט מיר פעלט.

ווערטער, איך וויס אײַך א סאך!
נאָר וויל איך מײַן פרײַנט עפּעס זאָגן,
זײַן הארץ זאָל, ווי מײַנס, נעמען שלאָגן,
פיל איך, ס׳איז אָרעם מײַן שפּראַך.

ווערטער, איך האָב אײַך אָן שיר!
הערלעכע, ווארעמע, קלאָרע,
נאָר עמעץ אײַך גיט אָן אײַנהאָרע —
קאַלט קלינגט איר פונעם פּאַפּיר.
ווערטער, וואָס האָט איר צו מיר!

4

אָס צו אָס איך פאס, איך פּאָר,
און פארטרוימט איך שטעל זיך פאָר,
אז דאָס גלעט איך דײַנע ברעמען,
אז דאָס קעם איך דײַנע האָר...

וואָרט צו וואָרט, און בילד צו בילד.
און א שורעלע זיך בילד׳ט,
אָנגעצויגן, ווי א סטרונע,
עס צעזינגט זיך און צעשפּילט.

זילב צו זילב — און ס׳ווערט א וואָרט.
כ׳זוך פאר דעם דאָס בעסטע אָרט.
דאָס זאָל לויכטן, דאָס זאָל קלאָרן,
ווי מײַן ליבע צו דיר קלאָרט.

שורעלע צו שורע כ׳שמיד
אינעם פלאַם פון מײַן געמיט,
אז דו זאָלסט מײַן הארץ דערפילן,
איבערלייענענדיק די ליד.

• • •

זינגט א בלוי־פויגל זײַן ליד.
וויל מען — הערט מען, וויל
מען — ניט,
אָבער קיינער שלאָגט ניט איבער,
רײַסט ניט איבער אין דער מיט.

זינגט א שפּרינגערל אין פעלד.
ווייניק וועמען עס געפעלט.
האָט ער כאָטש דעם זכות זיך באָדן
אינעם הויכן ווייץ, וואָס געלט.

זינגט א פראָש אין זומפּ באַם טײַך.
זײַן געזאַנג איז גאָרנישט רײַך!
האָט ער כאָטש דאָס גליק צו הערן,
ווי מע כאַפּט עס אונטער גלײַך.

— — — — — — — — — —

און צו וועמען זיך פארגלײַכן?
זאָגט מיר אונטער א פארגלײַך!

• • •

איך גיי איר נאָך און רעד זיך אײַן אליין: „זע נאָר,
ווי רייצנדיק זי איז, די פרוי, ווי שלאַנק!“
איך גיי איר נאָך און מאך זי צארטער, שענער
און פיל זי אָן מיט זון און מיט געזאַנג.

ס׳זאָל ליכטיק ווערן דעם, וואָס קושט די האנט איר,
דערפרייען יעדן איינעם זאָל איר קאָל.
איך קען זי ניט, נאָר כ׳ווינטש דער אומבאקאנטער
אלע זיבן מײַלעס מיטאמאָל.

אירע אויגן זאָלן קענען ווערן
פֿײַכט פון מיטלײַד, ווינטש איך איר וואָס נאָך?
זי זאָל הערן, פון דער ווײַט דערהערן,
ווי ס׳קלאַפּט דאָס הארץ בא דעם, וואָס גייט איר נאָך...

נאָך א קריג

ערשט ארויסגעגאנגען אינעם פעלד,
דערפילן מיר, ווי גרינגעווינטן ווייען,
אין רוסיש „מיר“ — באַטײַט די גאנצע וועלט,
אין יידיש — אויב אפילע מ'איז אינצווייען.

ס'איז דער הימל פון אזא קאָליר,
וואָס אזעלכע זעט מען נאָר אין כאָלעם!
בייזער זיך ניט מער, אין רוסיש „מיר“ —
האָט דאָך נאָך א טײַטש, דערמאָן זיך, — שאָלעם!

קער מיר אום דאָס צערטלעכקײַט פון בליק,
נאָך אזעלכע ווייקע מעסלעסן,
ס'איז בעעמעס טאקע אונדזער גליק,
וואָס מיר קאָנען, וואָס מע דארף פארגעסן!

וואָס האָסטו זיך פלוצעם אָפגעשטעלט?
ס'זינגט דאָס פעלד? נאָר מיר די ליד פארשטייען!
אין רוסיש „מיר“ — באַטײַט די גאנצע וועלט,
אין יידיש — אויב אפילע מ'איז אינצווייען.

גלויבן

א רעגן גייט, און דורך די שויבן
פון אלע הײַזער טיפער גלויבן
קוקט ארויס, די טראָפּנס בענטשט.
שווערע מי באלוינט וועט ווערן
מיט א פרוכט, אָן אויבס, א קערן,
און וואָס נאָך באדארף דער מענטש!

אוועק א טאָג...

אוועק א טאָג, אָן אומעטיקער טאָג.
אף אומקערן, אים ווידער דורכצולעבן,
ווען־ניט־איז כ'וואָלט גרייט זײַן אָפצוגעבן,
אָן שום סאָפעק, אלץ, וואָס איך פארמאָג,
פארוואָס זשע האָב איך ניט געשוויגט אים? זאָג!

• • •

ניט גרינג קומט אָן מיר איצט, ניט ביליק,
דער ווינט, וואָס שפארט פון יעדן שפאלט.
דער שפרײַז פון אײַז, דער גוואלד פון וואלד,
דער נײַ־געבורט, וואָס רופט זיך „פרילינג“.

אין לײַב באזעצט ער זיך: — פארלאַנג!
דעם זינען פלאָגט ער ווידער־אָבער;
„טרוים, כאָלעם, ווי מיט יאָרן לאַנג!“ —
און כ'פאָלג — אָן אנדער ברייערע האָב איך?

וועמען

כ׳האָב אמאָל בא מײַן באליבטן לערער
פון דער העלער הויט געטאָן א פרעג:
וועמען, זאָגט, איז אפן הארצן שווערער:
דעם, וואָס בלײַבט, צי דעם, וואָס פאָרט אוועק?
— דעם, וואָס בלײַבט, — געענטפערט האָט דער לערער, —
דער, וואָס בלײַבט, האָט אָנצוווערן מערער.
דעם, וואָס פאָרט, דעם שטייט כאָטש פאָר א וועג!

• • •

עס זאָל דער זינען קלאָרער ווערן,
דאָס הארץ זאָל ווערן לויטער־ריין, —
איך זיץ און רייד צו זיך אליין,
און ס׳טרעפט אמאָל, איך טו א וויין
א ביטערן מיט אויסיעס־טרערן...
כאווײרים וועלן מיך פארשטיין,
און סאָנים — כ׳וויל פון זיי ניט קלערן!

• • •

א הארץ אן אויסגעוויינטס איז שוין ניט שווער,
זאָל זײַן מײַן ליד — דײַן אויסגעוויינטע טרער.
זאָל זײַן מײַן וואָרט — דער אָטעם פונעם ווינט,
דער אָפּזיפץ, ווען די ביטערניש פארשווינדט.

• • •

אינמיטן וועג זיך אָפּגעשטעלט,
צו זען, ווו בין איך אין דער וועלט,
האָב איך דערפילט דעם זון־פארגאנג
פון אלע דורכגעלעבטע טעג,
און אז איך גיי שוין לאנג, צו לאנג,
שטעל זיך ניט אָפּ אינמיטן וועג!

50 אָקטאָבער
פון אונדזער ליטעראטור־אויצער

די ערשטע ווײַנעכט

פײַוול סיטאַ

א

הײמלאַנד — ראַטנלאַנד!

ווי שײן זײַנען דײַנע ווינטער־נעכט! ווי שטאַרק און קרעפטיק זײַנען דײַנע ערשטע ווײַ־נעכט! א פראָסט און שניי־שטורעם יאָגן אַרום איבער דײַנע ברײטע ראַכוועסן, איבער דײַנע געדיכטע טײַגעס, פאַרגליווערן די רוישיקע וואַ־סערן פון דניעפּער ביז וואָלגע־טײַך, ברעכן טירן און לאָדנס, לײגן אַף זײ אַרויף א געדיכטן פלאַסט, א שנײיִקן אײַז־פלאַסט אַף לאַנגע כאַדאָשים...

ווי שײן זײַנען דײַנע זומער־נעכט, ראַטנ־לאַנד — הײמלאַנד! דער ווײכער יול לויפט אַרום איבער דײַנע ברײטע אוקראַיִנישע סטע־פּעס, דער מילדער יול שפּילט זיך ווי א קינד אַף דײַן אָנגעגליטן אַזיִע־זאַמד, שפּיגלט זיך אין דײַ־נע וואַסערן פון באַרגיקן טערעק און קאַלטן ניעווא טײַך, און פאַרנאַכט פאַרבלויט ער דײַנע הימלען מיט דורכזיכטיק נעפּלדיקן שלײער...

אָבער דאָס, וואָס כ׳וועל אײַך איצט דער־צײלן, איז פאָרגעקומען ניט ווינטער און ניט זומער, — האַרבסט גראַדע.

געלער בלאָטיקער האַרבסט. די שטאָט האָט דאַן אויסגעזען ווי א קרעציקע, די מויערן — ווי אָפּגעקראָכענע קעץ. די שטאָט איז נאָרוואָס פון דער מאָדנער טיפוס־קרענק אויפגעשטאַנען און האָט זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס. דער כוילע האָט אַף זײַן בעט אַן איפּעש איבערגעלאָזט...

עס איז דאַן געווען האַרבסט, און יעדן טאָג האָט גערעגנט און נאָך מיִעסער געמאַכט די פאַרזשאַווערטע, אָפּגעקראָכענע, פליכעוואַטע מויערן און נאָך מער פאַרמיִעסט דעם נאָרוואָס אויפגעשטאַנענעם פון קראַנקן־בעט — די שטאָט.

און אין אָט דעם בלאָטיקן האַרבסט האָט מען דעם לערער ייִסראָעל אין שטאָט אַרויסגע־רופן און אים געזאָגט:

— אָרגאַניזירט א קינדערהויז.

און מער האָט מען אים קײן וואָרט ניט גע־זאָגט. דאָס איבעריקע האָט ער שוין אַלײן גע־ווּוסט.

האָט ער אָנגעהויבן פון טאָג צו טאָג אַרומ־גײן איבער די שטאָטישע ליקן און וואָקזאַלן (די שטאָט האָט זײ פאַרמאָגט עטלעכע), פון אײן וואָקזאַל אין צווײטן, פון אײן סיטקע אין דער צווײטער, און טאָמער האָט ער באַגעגנט אַן אָפּ־געריסן, הונגעריק קינד, האָט ער עס אָפּגע־שטעלט און געפרעגט:

— ווילסט עסן פרישטיק? און מיטיק ווילסטו? און וועטשערע?

— יאָ.

— ווילסט יעדן טאָג שלאָפן אַף א ווײכן געלעגער?

פון דער דערצײלונג „קינדערהויז נומ. 40“

— האָ?
— און אין קינדערהויז ווילסטו?
אַף דער לעצטער פראַגע האָט קימאַט קיינער פּינקטלעך ניט געענטפערט. אָבער דער לערער ייִסראָעל האָט צו יעדערן געפונען אַ באַזונדערן צוגאַנג:
— אין קינדערהויז וועסטו קאָנען עסן וויפל עס וועט אין דיר נאָר אַרייַן...
— אין קינדערהויז וועסטו זייַן אָנגעטאָן...
— אין קינדערהויז...
...און ווען דאָס ערשטע פּרעסטל האָט די האַרבסטיקע בלאָטעס פאַרטריקנט, האָט שוין אַף ריבנער גאַס שוואַר געאָטעמט אַ הויז, פול געפּאַקט מיט קינדער, שוואַר געאָטעמט דורכן שלאָף מיט העפקער און מיט דייַגעס, זאָרגלאָזיקייַט און כאַלוימעס פון ווייַטע היימען, גאַסיקע כאַלוימעס פון הונגער און ווילטיק, פאַרלויפענישן און מוירע, איבערטראַכטעניש פאַרן נייַעם געצאַמטן לעבן אין די ענגע ווענט פון קינדערהויז...
...בערל האָט זיך יעדער ווייַלע איבערגעקערט פון איין זייַט אַף דער צווייטער, געקוקט אַף די ווילד-פרעמדע גרויסע פענצטער, וואָס האָבן אים אהער געפאַנגען, געקוקט דורכן פענצטער אַף די געהויקערטע ווערבעס, וואָס האָבן זיך שטיל געשאָקלט פונעם ווינט...
בערלען איז ניט אַזוי גרינג געווען אַרייַנעמען אין קינדערהויז. ער איז פעסט מיט ביידע פיס געשטאַנען אַפן וואָקזאַל. בערל, אָט דאָס דרייַצניאָריקע באָכערל מיט די לאַנגע הענט און שפּיציקער נאָז, האָט שוין אין זייַן יונג לעבן אויסגעפּרוווט אַלץ: אי הונגער, אי קרעץ. בערל, אָט דאָס קורצע יאַטל מיט די צוויי גרויע אייגלעך, ווי אַש, האָט שוין פאַר זייַנע דרייַצן יאָר געשמעקט, און געשנאָרט, און געשלעפּט. ער איז שוין עטלעכע מאָל געווען באַם טויט אין די לאַנגע הענט, אָבער דאָס ייִנגל האָט זיך געלונגען אַרויסגעגליטשט פונעם טויט. בערל, אָט דאָס קורצע יאַטל מיט די לאַנגע הענט און אַשיקע אויגן, האָט שוין אַ סאַך שטעט דורכגעשפּרייַזט, און דעריבער האָט אים די העפקער-גאַס אויפגענומען ווי אַ גוטנברודער. בערל האָט זיך אַף דער גאַס געהאַלטן פרייַ, מייַסע-באַלעבאָס. ער האָט אין יעדער שטאָט געוווּסט אַלע באַ־האַלטענע ערטער, געקענט אַלע גאַנאָווים און גאַסן-מיידלעך, און דעריבער האָט ער זיך אין ערגעץ ניט פאַרלאָרן און אומעטום געהאַט צום לעבן.
און ווען דער לערער ייִסראָעל האָט ס'ערשטע מאָל געשמועסט מיט אים אַפן וואָקזאַל, איז בערל בעשאַס-מייַסע געלאָפן מיט זייַנע גלאַנצנדיקע אויגן אַף די נייַע פּאַסאַזשירן, וואָס זייַנען אָנגעקומען אין שטאָט. זייַנע אויגן זייַנען ווי פייַל פון בויגן בליצשנעל געפלויגן אַף די פעטע הענט, וואָס טראָגן טשעמאָדאַנעס, גוט אָנגעצילעט, ווען מענס האַנט האַלט שוואַכער דעם טשעמאָ־דאַן, קעדיי גרינגער קאָנען באַ אים אַרויסכאַפּן דעם באַגאַזש און נעמען פיס...
אָבער דער לערער ייִסראָעל, דער געניטער יעגער, האָט אויך קיין אויג פון בערלען ניט אַראָפּ־געלאָזט. ער האָט געפרעגט:
— ייִנגל, פונוואַנען ביסטו?
— וואָס פאַר אַ שייַכעס האָט עס דען צו אייַך?..
— המ... מיך אינטערעסירט עס. דאַכט זיך, אַ באַקאַנט פּאָנעם?..
— פּאַרקערט. איך זע אייַך גאָר ס'ערשטע מאָל...
— זאָג דעם עמעס, דו ביסט ניט קיין קיִעווער?
— ניין. איך בין שוין גראָדע אַ היגער...
— ווייַזט אויס, איך האָב אַ טאָעס געהאַט. יאָ... נו, מיילע! אָבער זאָג, וואָס טוסטו דאָ אַפן וואָקזאַל?
די אַשיקע אויגן האָבן זיך אויסגעקערעוועט צום לערער ייִסראָעל.
— זאָג מיר, צי דען וואָלט דיר ניט בעסער געווען, ווען דו געפינסט זיך אין אַ קינדערהויז?
— און וואָס איז מיר אַזוי שלעכט?
— און וואָס איז דיר עס אַזוי גוט?
פויזע.
— נו זאָג, זאָג...
בערלס אויגן האָבן זיך אייַנגעגראָבן אינעם שטיינערנעם דיל פון וואָקזאַל.
— אויב דו וועסט דערווייַזן, אַז דאָ אַפן וואָקזאַל איז דיר בעסער ווי אין קינדערהויז, איז דאַן...
בערל, אָט דער פרייַער דרייַצניאָריקער פויגל, וואָס פלאָגט זייער זעלטן עמעצן, איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.
...און איצט כראָפּעט ער שטאַרק אינעם גרויען נאַקעטן זאַל פונעם ייִדישן קינדערהויז נום. 40 אַף אַ הוילן מאַטראַץ...

...בײלקע האָט זיך אינמיטן נאכט אופגעכאפּט. דערזען פאר זיך די גרויסע כאָפּטע כעוורע, וואָס האָבן זיך ארום איר געוואַלגערט, איז איר עפּעס געוואָרן אומבאקוועם. זי האָט זיך טײקעף געוואָלט אָנטאָן און אנטלױפן פונדאנען, אנטלױפן אהײם. האָט זי פּלוצעם דערזען פאר זיך דער מאמעס געשטאַלט — די אײַנגעגעסענע בעטלערן... און דאָס האָט זי נאָך מער דערשראָקן. אומ־קערן זיך צוריק אהײם הײסט — װידער זיך ארומשלעפּן מיט דער מאמען איבער די גאסן און אײַנעסן זיך יעדן פארבײַגײער אין הארצן ארײַן... בײלקע האָט זיך איבערגעקערט אפן בױך, דעם פּאָנעם אין מאטראַץ אײַנגעגראָבן און װידער אײַנגעשלאָפן. נײן. זי װעט זיך מער אהײם ניט אומקערן, זאָל שוין די מאמע אלײן בעטלען, אָן בײלקען.

פארפרי איז דער לערער ייִסראָעל אופגעשטאנען, ארומגעגאנגען װי א טאטע איבערן זאַל און זיך צוגעקוקט אף זײַן נײַער מישפּאָכע. ער האָט א קוק געטאָן אף בערלען: יענער איז געלעגן אף דער לינקער זײַט צונױפגעדרײט אין א בײגל און געהאַלטן די הענט צװישן די פיס... דער לערער ייִסראָעל איז צוגעגאנגען צו בערלען און אים פּאַװאָליע אופגעװעקט:

— בערל, מע דארף ניט ליגן אזױ, ס׳איז שעדלעך פארן הארצן... די הענט דארפן בא דיר ליגן פרײַ...

די זון האָט זיך דורך די שפּארונעס אין זאַל ארײַנגעריסן...

ב

...אך, פּעטער שנײער!..

נו, טראָג זיך אָפּ פונדאנען, דו אַלטע פּאדלע... דאָס הױז פּרירט. דאָס הױז װארט אף א שטיקל האָלץ צו דערװארעמען די קאַלטע, נאסע װענט זײַנע...

כעװרע האָט געזעגן האָלץ. א דינער שטראָם טירסע האָט זיך געשלענגלט צו דר׳ערד און זיך געשאָטן אפן װײַסן שנײ...

װען עס איז אָבער דערגאנגען בערלס רײ אף צו זעגן האָלץ, האָט בערל אָפּגעהאקט:

— כ׳װיל ניט, און שױן.

גערע איז האסטיק ארופגעלאָפן אף די טרעפּלעך און האָט א געשרײ געטאָן:

— לע־רע־ר ייִס־ראָ־על! בערל װיל ניט זעגן קײן האָלץ!..

דער לערער ייִסראָעל איז שױן אין הױף. שטיל צוגעגאן צו זײ, עטװאָס פארביסן די אונטערשטע ליפּ און געבליבן שטײן א װײַלע, דערנאָך האָט ער װײך געזאָגט:

— קינדער...

כעװרע האָבן אָנגעהױבן פּילדערן. גערע האָט געשריגן, לעמײַ װיל בערל ניט זעגן קײן האָלץ. „אױב אזױ, װעלן מיר אױך ניט זעגן“...

דער לערער ייִסראָעל האָט װידעראמאָל עטװאָס פארביסן די אונטערשטע ליפּ, צונױפגע־קנײטשט די ברעמען:

— קינדער... ס׳איז שײן אזױ?.. — דערנאָך צו בערלען:

— אזױ טױג ניט, בערל... אין א קאָלעקטיװ דארפן אַלע ארבעטן... — און שפּעטער:

— זײ באלײדיקן דיך עפּשער?

בערל האָט געשװיגן. דער לערער ייִסראָעל האָט א דרײ געטאָן מיט די רונדע קינבאקן, װי נאָכן עסן, אָנגענומען בערלען פאר דער האנט און דיפּלאָמאטיש געזאָגט:

— אױב זײ באלײדיקן דיך, זײַנען זײ נידעריקער פאר דיר... — און שפּעטער מיט א פּאָר סעקונד נאָך צוגעגעבן:

— זײַ א מענטש, װעט דיך קײנער נישט באלײדיקן...

— לערער ייִסראָעל, קײנער באלײדיקט מיך ניט... איך װיל פּאָשעט ניט זעגן, און שױן...

— פארװאָס?..

...דער פראָסט האָט געברענט. דער װינטער האָט די שטאָט אײַנגענומען. שנײ־שטורעמס האָבן אין די גאסן געהוליעט, שילדן געריסן, מענטשן הינטער דער פּלײצע זיך פארגאנװעט...

דער לערער ייִסראָעל איז געװאָרן כמורנער. ער איז דאָך פארװאַלטער. אזא שװערער אָל. ער האָט אַלע קינדער צוגעזאָגט באקלײדן און אָנטאָן, אָבער װו װעט ער עס נעמען? די צײַטונגען האָבן נאָך יעדן טאָג געמאָלדן, אז מאָרגן װעט אָנקומען א נײַע פּארטיע מעל אין שטאָט, מאָרגן װעט מען אין די שפּיטאָלן נײַע בעטלעך פאר טיפוס־קראנקע אװעקשטעלן, מאָרגן װעט מען אָנהײבן ארױסגעבן ברױט מער מיט אן אכטל... אַלץ מאָרגן און מאָרגן, אָבער נאָך אַלץ ניט הײַנט, דער רועך זאָל עס נעמען!..

אַט האָסטו דיר אזא סורפּריז!..

דער לערער יִסראָעל איז ארומגעגאנגען א פארצאָרנטער. ער האָט זיך גאָר ניט געריכט אַף דעם, אז דאָס זאָל קאָנען פאָרקומען.

די פרוי זײַנע, ראָכל, האָט אים געפרווּוט בארויִקן:

— יִיסראָעל, צוליב וואָס זיך אויסעסן אזוי דאָס הארץ? ווייסט דאָך גאנץ גוט, אז דו האָסט צו טאָן מיט גאסן־קינדער. איין מאָל וועלן זיי דען לויפן פון קינדערהויז? נו, איז ער אנטלאָפן, בערל, איז וואָס זשע? עס וועט אים נימעס ווערן זיך ארומדרייען אין מארק צי אין וואָקזאל, וועט ער זיך אומקערן. ער וועט שוין מיסטאמע עמעצן באגאנווענען... אנדערש קאָן דאָך ניט זײַן, אנדערש וואָלט ער דאָך ניט אנטלאָפן... ווייסט דאָך זייער נאטור: ס'איז זיי קארג... ס'איז זיי ענג... און דאָרט, אַף דער גאס, פילן זיי זיך פראנק־און־פרײַ...

דער לערער יִסראָעל האָט זיך אָבער אַלץ ניט געקאָנט בארויִקן. ער האָט אָנגעטאָן דעם מאנטל און באשלאָסן זיך דורכגיין אין מארק. עפשער וועט ער אים געפינען.

אַפן וועג האָט ער געטראכט פון קינדערהויז. דער ווינטער איז אין סאמע ברען, און די קינ־דער האָבן נאָך קיין מאנטלען ניט... זיי זײַנען אַלע אָפגעריסן־אָפגעשליסן, פונקט אזוינע, ווי ער האָט זיי פון דער גאס גענומען... אָבער באלד האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער דארף זיך אָנהייבן קריגן מיטן „יִידגעזקאָם": זיי ווילן דאָך אַלץ שפּאָרעוודיקער, און ווי קאָן מען נאָך שפּאָרעוודי־קער? כאָטש צו פּאָרל וועש דארף דאָך יעדעס קינד האָבן!.. און דערווײַל שלאָפט מען נאָך אַף הוילע מאטראצן...

די דײַגעס פארן קינדערהויז האָבן בא אים אין קאָפּ געעגבערט איין געדאנק נאָך א צווייטן: מע האָט אים אוועקגעשטעלט אָנצופירן מיט א קינדערהויז און גאָרנישט ניט געגעבן... פאר־וואלטער מיט באָרוועסע און נאקעטע קינדער!..

ער איז געגאנגען גיך און האָט אפילע ניט באמערקט, ווי ער איז דערגאנגען צום מארק. אָבער באלד האָט דער געווימל און געפילדער פון מארק ארויסגעשטופּט אַלע געדאנקען זײַנע פון קאָפּ.

ווײַבערשער טומל, געפילדער פון געגנדז און הינער, מיסט־רייעך פון פערד און בעהיימעס, פארזשאווערטע קלאנגען פון בעטלערישער באנדורע און הארמאָשקע, געשטאנק פון אַלטן לע־דער און טראנטעס, — דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסן, געשניטן די לופט און געשוווּמען אין זײַטיקע געסלעך און ליקן.

צוויי ווײַבער האָבן אים פארטשעפּעט:

— יונגערמאן! קומט נאָר אהער! איר האָט נאָך אזעלכע עפל אַף אײַער לעבן ניט געזען!..

א צווייטע הענדלערקע האָט געשריגן מיט א גאָרגלדיקן כריפּ:

— עפּל איז דאָס? רעטעך איז עס, ניט קיין עפל!.. אַט קומט נאָר אהער, וועט איר זען, וואָס עפל הייסט... נאט פארזוכט אָקאָרשט, פארזוכט, כ'מאָן זיך דערפאר קיין געלט ניט...

דער לערער יִסראָעל האָט געגנישטערט מיט אויגן. און פּלוצעם האָט ער פונדערווײַטנס דערהערט א באקאנט קאָל. דאָס קאָל האָט געשריגן און געוויינט. דער לערער יִסראָעל איז נאָכגעלאָפן דעם עכאָ און דערזען א גרויסן קרײַז מענטשן. אַלע האָבן זיי ארומגערינגלט עפּעס איינעם. דער לערער יִסראָעל האָט מיט קאָס דורכגעריסן דעם קרײַז און געבליבן פארשטוינט: דער מענטש, וועמען מע האָט ארומגערינגלט, איז געווען בערל. א יונגערמאן אין ברילן האָט בער־לען שטארק געהאלטן פאר א האנט, און יעדער ווײַלע איז צו בערלען צוגעלאָפן אן אנדער הענד־לערקע און אים געפּאטשט אין פּאָנעם:

— אוך, דו זשוליק דו!..

— מיימעסן דארף מען זיי, אַט די שלעפּערס, נאָך קליינערהייט. אניט, אז זיי וועלן אויס־וואקסן, וועלן זיי אײַך אַלעמען מיט מעסערס דערשטעכן!..

— גיט אים דאָרט, גיט אים! זאָל ער וויסן, ווי צו גאנווענען!..

און אין זײַט לעבן יִינגל איז געשטאנען א יִידענע און געוויינט מיט ביטערע טרערן:

— כ'האָב געהאלטן א טײַסטער געלט האָב איך געהאלטן, איז ער צוגעלאָפן, דער גאנעוו, און ארויסגעכאפּט בא מיר פון די הענט דעם טײַסטער מײַנעם מיט דרײַסיק רובל... און איצט זאָגט ער, אז ער האָט אים שוין ניט...

— צענעריקן אים אַף שטיקלעך, ביזוואנען ער וועט ניט אויסזאָגן, וועמען ער האָט דאָס געלט איבערגעגעבן! — האָט זיך פון קרײַז דערהערט א שטים...

דער לערער יִסראָעל איז בליצשנעל צוגעלאָפן צום יונגנמאן אין די ברילן און ארויסגעריסן בא אים בערלס האנט:

— לאָזט אים אָפּ! איר האָט קיין רעכט ניט צו שלאָגן קינדער!

דער יונגערמאַן האָט אָפּגעלאָזט בערלען. עס איז אונטערגעגאַנגען א מענט[1] און האָט מיט אײן פײַף צעטריבן אַלע הענדלערקעס. זיי זײַנען זיך צעלאָפן פונעם מיליציאָנער, ווי מײַז פאר א קאַץ...

. . . .

...אהיים האָט זיך דער לערער ייִסראָעל אומגעקערט נאָך מיטיק. ער האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט בארויִקן פון דעם געשעענעם. די פרוי זײַנע, ראָכל, האָט אים עסן דערלאַנגט, האָט ער דעם טעלער אָפּגערוקט:

— לאָז מיך איצט צורו, ראָכל!

— נו, וואָס? — האָט זי א פרעג געטאָן. — געפונען?

— יאָ! — האָט ער נערוועז אָפּגעענטפערט.

— ווו זשע איז ער, דער טאַכשיט דײַנער?

— אין ראַיאָן... שוין באַוויזן באַגאַנווענען א ייִדענע אין מאַרק, זיצט ער. נאָר מע וועט אים מאָרגן מיסטאָמע ארויסלאָזן. גענומען אים אָף מײַנע אייגענע אכרײַעס...

— ייִסראָעל, — האָט זי נערוועז אויסגעשריִען, — דו מאַכסט זיך דאָך אליין אָן צאָרעס!.. קאָן מען דען אזוינס טאָן? ביסט דען זיכער, אַז ער וועט מאָרגן ווידער ניט אַנטלויפן? ביסט דען זיכער, אַז ער וועט מאָרגן ווידער עמעצן ניט באַגאַנווענען?

דער לערער ייִסראָעל האָט געשוויגן.

היימלאַנד — ראַטנלאַנד!

ווי שיין זײַנען דײַנע ווינטער־נעכט! ווי שיין און קרעפטיק זײַנען דײַנע ערשטע ווײַנעכט!..

יאָ די דאָזיקע געשיכטע, וואָס כ'האָב אײַך דאָ דערציילט, איז טאַקע פאָרגעקומען ווינטער, אין די ערשטע פראָסטיקע ווײַנעכט, אין טויזנט נײַן הונדערט איין־און־צוואַנציקסטן...

■ ■ ■

איינער און אַלע

אָט אזוי איז עס שוין אײַנגעפירט, אַז נאָך דעם שנייִקן, פראָסטיקן ווינטער גייט זוניקער פרילינג, דערנאָך רײַפער זומער, דערנאָך געלער הארבסט, ווידער ווינטער. און אוועק א יאָר.

די וועגט זײַנען אויסגעקאַלכט.

די ווענט ריידן:

„איינער פאר אַלע און אַלע פאר איינעם".

איינער:

א מיטלוווקסיקער, מיט רונדע באַקן און גרויע פארדײַגעטע אויגן.

אַלע:

צאַפּלדיקע,

מאָנענדיקע,

טרוימענדיקע.

אוועק א יאָר. יעדער האָט שוין א בעטל מיט א לײַלעך, מיט קישן און קאָלדרע, נאָר קיינער האָט נאָך קיין באַגריף פונעם לעבן.

העפקער.

העפקער ציבעלע.

דער איינער — דער מיטלוווקסיקער לערער ייִסראָעל מיט די גרויע פארדײַגעטע אויגן, לויפט אום, שפּרינגט, קריגט זיך, זידלט זיך, עסט זיך אליין אויס דאָס הארץ, עסט יענעם אויס דאָס הארץ פאר די אַלע.

און די אַלע לויפן אויך ארום, שפּרינגען אויך ארום... נאָר קיינער פון זיי דײַגעט ניט פאר אים, פאר דעם איינעם, וואָס פליט א גאַנצן טאָג ארום, ווי א מעשוגענער, איבער דער שטאָט, פון איין אַנשטאַלט צום צווייטן, פון „ייִדגעזקאָם" אין „נאַראָבראַז", און פון דאָרט נאָך האַלץ,

---

[1] מענט — מיליציאָנער.

נאָך הירזש, נאָך ברויט, נאָך שיך, נאָך ביכער. און אַלץ מיט אָרדערן אין די הענט, מיט שטיקלעך צעקניטשט פּאַפּיר, צוואַנציק מאָל געקאַסמעטע, פון אַלע זײַטן מיט פאַרשיידענע דרייַ־דעלעך:

„דער כאַוער איז פון קינדערהויז נומ. 40,
מע דאַרף זען אים אַרויסגעבן עפּעס וואָס...“

דער איינער לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג, דער איינער שוועבט אַ גאַנצן טאָג אַרום, קלאַפּט אָפּ שוועלן, און אַמאָל פאַרנאַכט, ווען דער קאָפּ זײַנער באַפרײַט זיך אַ ביסל פונעם לויפעניש, יאָגעניש, ניט פאַרשפּעטיקן באַקומען דאָס ביסל קוילן, דאָס ביסל גרויפּן, זעצט ער זיך אַוועק בײַ זײַן טיש און פאַרצייכנט אין זײַן העפטל:

23 דעקאַבער.

אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן... די קינדער הייבן אָן צוביסלעכווײַז אויסלעבן זייערע פאַרדאַר־בענע גאַסיקע געוווינהײַטן... דאָס לויפעניש, דאָס „באַזאָרגן“, דער הו־הא נעמט צו די מעגלעכ־קײַט צו אַרבעטן אַ ביסל מיט זיי...

נעכטן געהאַט אַן אָרדנטלעכן קאָנפליקט מיט סודאַרסקין פון „ייִדגעזקאָם“...

5 יאַנוואַר.

...הײַנט אין אָוונט איז פונעם בופעט פאַרשוווּנדן געוואָרן צוויי פּאָרציעס פלייש... איצט איז שוין 11 אַזייגער אין אָוונט און קיינער האָט זיך נאָך ניט מודיע געווען... איך בין דאָ כּוישעד געווען גערען, בערלען מיט פײַוועלען...

20 יאַנוואַר.

הײַנט אין אָוונט איז בערטע אַרײַנגעגאַן אין ייִנגלשן שלאָפצימער. גערע האָט בעשאַס־מײַסע געמאַכט אַ צאַצקע, אַ בעטעלע.

בערטע:

— פאַר וועמען מאַכסטו דאָס בעטל, גערע?

גערע:

— אויב דו וועסט מיט מיר שלאָפן, וועט עס זײַן פאַר דיר...

מאָרגן מוז מען רעאַגירן אָף דעם!

21 יאַנוואַר.

געווען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, געווידמעט דער פראַגע „גערע — בערטע“.

גערע — פּסיכאָפּאַטאָלאָגישער טיפּ, האָט געמאַכט בערטען אַ פאָרשלאָג „צו טיילן מיט אים דאָס בעט“... די פאַרזאַמלונג איז געווען אַן ערנסטע, אַן אָנגעשטרענגטע. די קינדער האָבן אָפן דערציילט וועגן אַלץ, וואָס זיי וויסן.

יאָ, די קינדער וויסן שוין פון אַ סאַך „זאַכן“, וואָס זיי וואָלטן נאָך ניט געדאַרפט וויסן...

17 פעברואַל.

פון נעכטן אָן קאָן איך זיך נאָך אַלץ ניט באַרויִקן. לעוומאַן וואָלט דערבײַ געדאַרפט זײַן, ניט ראָכל. אויב איך וועל אויסהאַלטן פון ביילקען מיט איר מאַמען, וועל איך זײַן שטאַרקער פון אײַזן... אַלע קינדער האָט זי הײַנט אופגערודערט.

— ווידער הירזשענער זופּ מיט הרעטשענער קאַשע, און ווידער הרעטשענע קאַשע מיט הירזשענעם זופּ! מומע ראָכל! ווען וועט מען שוין עפּעס אַנדערש געבן עסן?

און אָף ראָכלס גליק דאַרף זיך נאָך טרעפן אַ וואָרעם אין זופּ... האָט זיך ביילקע פאַרקרימט, און נאָך איר — אַלע קינדער, און זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעזאָגט צו עסן מיטיק איבערן וואָרעם...

ראָכלס האַרץ! מיט איר קראַנק האַרץ דאַרף זי בײַשטיין די ביילקעס... ראָכל האָט זיך נעכטן געקלאָגט פאַר מיר מאַמעש מיט טרערן אין די אויגן:

— ייִסראָעל, דו באַציסט זיך עפּעס זייער קאַלט צו די געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין קינדערהויז. צי ווייסטו, וואָס עס האָט זיך הײַנט באַטאָג געטאָן? ביילקעס מאַמע, די שנאָרערן, האָט געבראַכט דער טאָכטער אַ פּאָר פּלעצלעך, האָבן עס אַלע קינדער דערזען און גענומען בעטן בײַ איר:

— מומע, גיט מיר אויך עפּעס!..

מער האָט מען שוין ניט געדאַרפט! די בעטלערן האָט אַרויסגעשלעפּט שטיקלעך אויסגע־שנאָרעטע בולקע און ברויט און אַלעמען צעטיילט...

יאָ, עטי קאָנאָפּליער האָט מיך שוין אַפילע געפרעגט:

— לערער ייִסראָעל, פאַרוואָס לאָזט מען אַרײַן די בעטלערקע צו אונדז אין קינדערהויז?

3 מאַרט.

הײַנט ווידעראַמאָל געוועזן לעוומאַן. ער האָט א קוק געטאָן אף די ייִנגלשע בעטלעך און זיך פאַרקרימט:

— שמוציקלעך א ביסל... פאַרוואָס זײַנען די מיידלשע בעטלעך גוט צוגעבעט, ריין און פײַן, און בא די ייִנגלעך — שמוץ...

ער איז צוגעגאַנגען צו גערען און אים א קניפּ געטאָן פאַר די באַקן:

— נו, גערע, בענקסט שוין ניט צוריק אף דער גאַס? ווי איז דיר אין קינדערהויז: בעסער, צי ניט?

— יאָ, בעסער!.. — גערע האָט פאַרהויבן א פּוס. — נאָט, גיט א קוק, די פּאָדעשוועס בעטן שוין עסן...

— נו, און דיר איז בעסער אין קינדערהויז? — האָט ער ביילקען אויך א קניפּ געטאָן פאַר די באַקן (א טעווע פון א מענטשן!).

— אײַ, קנײַפּט זיך ניט אַזוי... יאָ, פײַן... בעסער... אז מע דאַרף עסן ווערעם...

— וואָ־אָ־ס? און בא דײַן מאַמען האָסטו בעסערס געגעסן?

18 מאַרט.

ראָכל איז אַבסאָליוט קראַנק געוואָרן פונעם קינדערהויז... די מײַסע מיט גערען דאַרף מען אויספאַרשן. ווי נעמט עס א ייִנגל און שיידט זיך אָפּ אף א גאַנצער נאַכט פונעם קינדערהויז? ער זאָגט, אז ער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט, איז ער דערײַבער געבליבן נעכטיקן אַפן וואָקזאַל. א פאַרדאָרבן קינד — גערע... מיסטאָמע כאַוורט ער זיך נאָך מיט זײַנע אַמאָליקע גוטעברידער, די גאַסן־ייִנגלעך... און שלעפּט מיסטאָמע אויך אינדערשטיל...

6 מײַ.

עס גייען אַרום קלאַנגען, אז מע וועט די קינדערהײַזער שיקן אף דאַטשע. האַלעווײַ!

ס'וואָלט גאָרניט געשאַדט. די קינדער זיצן דאָך א גאַנצן טאָג אין שטוב, אין אָט דעם נאָסן ענגן קעסטל. וואָרעם דער הויף געהערט דאָך ניט דעם קינדערהויז אַליין. די שכיינים קלאָגן זיך שוין:

— הערט! — אײַערע קינדער האָבן אויסגעקלערט עפּעס א מאָדנע מעשוגענע שפּיל „לאָפּ־טאַ" און שוין קימאַט אַלע שויבן אויסגעזעצט... טאָמער וועט איר זיי ניט צונעמען פון הויף, רופן מיר מאָרגן מיליציע!..

די דאַטשע וואָלט אונדז זייער צוניץ געקומען. אַלע קינדער זײַנען דאָך אַזוי אויסגעדאַרט. און זײַענדיק דאָרט, וואָלט מען עפּשער פון צײַט צו צײַט געקאָנט קויפן זיי א גלאָז מילך צי אייבסן...

ראָכל זעט אויס שרעקלעך. אויב מע וועט אונדז ניט געבן קיין דאַטשע, וועל איך מוזן צונויפקלײַבן די לעצטע פּאָר קאָפּקעס און זי ערגעץ אַוועקשיקן זיך היילן...

20 מײַ.

הוראַ! מיר פאָרן אף דאַטשע!

6 יול.

כ'האָב הײַנט געפּרוווט דערקלערן די קינדער אייניקע נאַטור־דערשײַנונגען, „פויגל־באַ־פּוצונג". טעמפּע כעווריע. נאָך גאַסיקע געדאַנקען...

9 דעקאַבער.

נעכטן געפירט די קינדער אף א קונסט־אויסשטעלונג. דערזען דאָרט א נאַקעטע פרוי פון בראָנזע אויסגעגאָסן, האָבן זיך די מיידלעך פאַרשעמט... און די ייִנגלעך האָבן געווונקען איינער צום אַנדערן...

. . . .

איינער:

א מיטלוווקסיקער, מיט רונדע באַקן און גרויע פאַרדײַגעטע אויגן.

אַלע:

צאַפּלדיקע,

מאַנענדיקע.

דער איינער לויפט א גאַנצן טאָג אַרום, שפּרינגט, עסט זיך אַליין אויס דאָס האַרץ, עסט יענעם אויס דאָס האַרץ, פאַר זיי, פאַר די אַלע, און אַמאָל, פאַרנאַכט, ווען דער קאָפּ זײַנער ווערט פרײַ פונעם לויפעניש, פונעם הו־האַ, זעצט ער זיך שפּעט אין אָוונט אַוועק בא זײַן טיש, בלעטערט דורך דאָס העפטל, לייענט דורך און פאַרצייכנט:

„געגוג צו פירן א טאָגבוך. א ווערטער־באגאזש, און ניט מער... היינט האָב איך גערעדט מיט די קינדער וועגן געשלעכט־באציִונגען"...

נאָר דאָס העפטל זעט קיינער ניט. עס ליגט בא אים ערגעץ טיף באהאלטן, און ער היט עס ווי אן אויג אין קאָפּ...

. . . .

אָט אזוי איז עס שוין איינגעפירט, אז נאָך ווינטער גייט זוניקער פרילינג, דערנאָך רייפער זומער, געלער הארבסט און ווידער שנייִקער, פראָסטיקער ווינטער, און ווידער אוועק א יאָר...

■ ■ ■

דרײַ העלדן

א

זונטיק, מאָנטיק, דינסטיק. דערנאָך גייט מיטוואָך.

יאָ, טאקע מיטוואָך.

דער לערער יִסראָעל האָט געזאָגט, אז מאָרגן, דאָנערשטיק, מאכט דאָס קינדערהויז אן אָבלאווע. נאָר אזוי ווי דאָנערשטיק האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מע קען ניט מאכן די אָבלאווע, האָט מען זי אָפּגעלייגט אף פרײַטיק. נאָר פרײַטיק האָט א גאנצן טאָג געגאָסן א רעגן, אזא רעגן, אז מע האָט אף דער גאס ניט געקענט ארויסגיין, האָט מען עס שוין געמוזט בעמיילע אָפּלייגן אף שאבעס. און שאבעס איז נאָכן רעגן געוואָרן א גרויסע בלאָטע, האָט מען געמוזט די אָבלאווע מאכן זונטיק.

איז טאקע אזוי פארבליבן — זונטיק.

דער דאָזיקער זונטיק איז פונקט געווען א זון־טאָג. די זון האָט א ביסל אויסגעטריקנט די יעגוואָכיקע בלאָטעס און די ייִנגלעך זײַנען פארנאכט אוועק מיטן לערער יִסראָעל אפּן מארק און אין וואָקזאל מאכן די אָבלאווע.

כעוורע פון קינדערהויז זײַנען אוועק מאכן אן אָבלאווע אף די פארוואָרלאָזטע, אף די גאסיקע קינדער, וואָס האָבן ניט קיין דאך און האָבן ביכלאל גאָרניט, אויסער כיטרע אויגן און פלינקע פיס. נאָר באקומען האָט זיך עס פונקט פארקערט. אפּן מארק האָבן גאָר די דאכלאָזע קינדער געמאכט אן אָבלאווע אף די כעוורע פון קינדערהויז... די גאסיקע כעוורע האָבן ארומגערינגלט די קינדערהויזניקעס פון אלע זײַטן און זיי פארשטעלט דעם וועג...

בא בערלען האָבן זיך שוין אין דער רעגע אָנגעהויבן בײַסן די הענט און ער האָט טייקעף געוואָלט פארקאטשען די ארבל... אָבער דער לערער יִסראָעל האָט עס באמערקט און איז אָנגעצונדן געוואָרן:

— בערל, אויב דו וועסט וואגן כאָטש מיט א פינגער זיי א ריר טאָן, קערן מיר זיך אלע שוין אום צוריק...

יאָ איז ווו האלטן מיר? די ייִנגלעך פון קינדערהויז נומער 40 זײַנען זונטיק פארנאכט אוועק מיטן לערער יִסראָעל מאכן אן אָבלאווע אף די פארוואָרלאָזטע, נאָר די פארוואָרלאָזטע האָבן גאָר געמאכט אן אָבלאווע אף די קינדערהויזניקעס. אזוי?

איז קאָן איך אײַך זאָגן דעם עמעס, אז די פארוואָרלאָזטע האָבן פּאָשעט גערעכנט, טאָמער וועלן זיי דאָ פּאקן א שטיקל נאזשיווע, נאָר ס'האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם, זײַנען זיי זיך אלע צעלאָפן, אוועק זיך יעדערער שלאָפן אין זײַן קאסטן.

פארנאכט איז אין מארק פוסט. פארנאכט איז דער מארק א פרײַער פאר אלע דאכלאָזע, פאר אלע פארדאָרבענע מענטשן, וואָס ווילן ניט און האָבן קיין אנדער אָרט ניט ווו צו שלאָפן, אויסער דעם מארק. פארנאכט זײַנען אלע קאסטנס, ווו עס זיצן די הענדלערקעס, פוסט. און א מענטש, וואָס האָט ניט קיין צימער, קאָן זיך אף באנאכט גוט אײַנאָרדענען אינעם קאסטן, דערצו זיך נאָך איבערדעקן מיט א פּאָר שמאטעס דעם קאָפּ און א גוטע נאכט, שלאָף געזונט!

שלאָפן טאקע די דאָזיקע כעוורע אין די קאסטנס געזונטינקערהייט, ביז דער וועכטער אליין שטורכעט זיי ניט אף מאָרגן אינדערפרי אין דער זײַט ארײַן:

— נו, באלעבאטים מײַנע, שוין צײַט צו דער ארבעט, זע, ווי דער טאָג איז שוין אופגעגאנ־גען! ע־וואו!

דאן שטייען זיי אוף פון זייער הארטן געלעגער און צעשווימען זיך יעדערער איבער דער גרויסער הויפּטשטאָט, איבער אלע אירע וואָקזאלן, מארק און הויפּט־גאסן... צעלויפן זיך יעדערער

אין זײַן ווינקעלע: שלעפּן, שנאָרען, העלפט עמעצן אונטערטראָגן א קאָשעק אהיים, אונטערזעגן יענעם א ביסל האָלץ אָדער סטאם גלאט אזוי שטיין אַף א הויפּט־גאס און שפּאַטן פון יעדן פאַרבײַגייער און פון דער גאנצער וועלט...

דער לערער יִסראָעל קען זיי, די פאַרוואָרלאָזטע, די גאַסיקע פאַרדאָרבענע קינדער, ער ווייסט אַף אויסווייניק יעדנס נעשאָמע, און דעריבער האָט ער זיך געלאָזט גיין אַף אזא אָבלאווע.

מיטן לערער יִסראָעל איז מיטגעגאַן א מענט, פאַר וועמען זיי אלע שרעקן זיך און פון וועמען זיי אלע לאַכן אָפּ, ווו נאָר און ווי נאָר זיי קענען. דער מענט האָט זיי געפירט אין זיכערע ערטער, ווײַל ער ווייסט שוין גוט, ווו יעדערער פון זיי געפינט זיך.

...און זונטיק באַנאכט זײַנען שוין אין קינדערהויז נומער 40 אין א באַזונדערן צימער געשלאָפן דרײַ פרעמדע יִינגלעך, וואָס ווען ניט דער צופאַל, וואָלטן זיי גאָר היינט געגנעכטיקט אין מאַרק, אין א קאַסטן, איבערגעדעקט דעם קאָפּ מיט א פּאָר שמאַטעס.

דער לערער יִסראָעל איז באַנאכט אופגעשטאַנען און ארײַנגעקוקט אין צימער, צי זײַנען נאָך די כעוורע ניט אנטלאָפן און מיטגעשלעפט מיט זיך עפּעס וואָס פון קינדערהויז. נאָר צו זײַן גרויס פאַרווונדערונג זײַנען זיי אלע דרײַ שטאַרק געשלאָפן און האָבן גאָר ניט געטראַכט ערגעץ־ווו אנטלויפן...

ב

איינער פון די דרײַ האָט געהייסן אײַזיק — א שמאָל פּאָנעם מיט צוויי לאַנגע רויטע אויערן, וואָס סטאַרטשען בא אים טאָמיד אין דער הייך. די רויטע פאַרב, וואָס גייט קיינמאָל ניט אראָפּ פון זײַנע אויערן, איז אים אן אָנדענק פון יענע טעג, ווען איבערן אויסגעדאַרטן לאַנד האָבן שניי־שטורעמס געווילדעוועט.

געווען איז עס אזוי:

אײַזיקס שוועסטערל איז געלעגן אין גיפּס און האָט זיך שוין העכער א יאָר פון אָרט ניט גערירט. עס גייען דורך טעג: געקרײַזלטער צוויט, זוניקע יון־טעג, האַרבסטיקער גוואַדזש, פראָסטיקער גליווער, און אײַזיקס שוועסטערל ליגט אלץ אינעם בעטל אײַנגעקלעמט אין גיפּס...

א פאַרפרוירענער איז אײַזיק ארײַנגעלאָפן אין שטוב און זיך אוועקגעזעצט שטילערהייט אין א ווינקל קײַען א שטיקל מאַקוכע, וואָס ער האָט ערגעץ אויסגעקראַצט. דעם שוועסטערלס פאַרווייינטע אויגן האָבן אים געשטאָכן און ניט געלאָזט פאָרזעצן זײַן אכילע. האָט ער זיך אומגעקערט צו איר מיט דער פּלייצע און פאַרגעזעצט בײַסן דאָס האַרטע שטיקל מאַקוכע. דאָס שוועסטערל האָט זיך צעוויינט און גענומען קלאַפּן מיט די דאַרע הענטלעך איבערן בעט.

ס'איז ארײַנגעלאָפן די מאַמע:

— וואָסי?!..

אײַזיק האָט שווײַגנדיק געגלאָדזשעט מיט די ציין דאָס שטיקל פאַרדאַרטע מאַקוכע און עס פעסט צוגעהאַלטן מיט ביידע הענט, ווי א הונט א ביין. דאָס שוועסטערל האָט אלץ געשריגן און געריסן דעם צעקראַכענעם מאַטראַץ.

— וואָסי?! גוואַלד, וואָסיז?.. — איז די מאַמע א צעקאָסטע ארומגעלאָפן איבערן צימער...

דאָס לעצטע יאָר, זינט דאָס טעכטערל ליגט אין גיפּס און אין שטוב איז קיין שטיקל ברויט ניטאָ, לויפט די מאַמע ארום ווי א צערייצטע כײַע און איז גרייט אלעמען מאַמעש פאַרצוקן, און נאָך מער איר זון אײַזיק.

— גיב איר אָפּ!.. — די מאַמע האָט א ריס געטאָן פון זײַנע הענט דאָס שטיקל מאַקוכע, אָבער אײַזיק האָט זיך אָנגעטשעפּעט אָן איר קלייד און זי ניט אָפּגעלאָזט...

— גיב איר אָפּ! דו הערסט! — האָט זי א שלײַדער געטאָן דעם זון אין דר'ערד. זײַן פאַלן האָט אָפּגעהילכט ווי א שווער געוויכט. און אפן פּאָנעם האָט בא אים א דינער פּאַס בלוט א שטראָם געטאָן... האָט ער זיך קוים אופגעהויבן פון דער ערד און אָנגעהויבן היסטעריש קוויטשען און קלאַפּן מיט די פויסטן איבערן טיש און ארויסגעלאָפן פון שטוב...

אין דרויסן איז א וויוגע ארומגעלאָפן. שנייִקע וואָלקנס האָבן פאַרנעפּלט אלץ... און די גאַסן זײַנען געבליבן אין כוישעך, אין שנייִקער פינצטערניש.

וווהין זאָל ער גיין?..

...א פרעמדע קראַפט האָט אים אוועקגעשלעפּט אין דער זאַווערוכע ארײַן, און דערנאָך האָט

---

[1] א מיליציאָנער.

ער זיך א פּאַרפּרוירענער שוין דערשלעפּט צום וואָקזאַל. א גאַנצע נאַכט האָט ער געריבן זײַנע פאַרגליווערטע אויערן, אָבער דער פראָסט איז פון זיי ניט אַראָפּ.

און דערנאָך האָט ער שוין ניט איין שטאָט דורכגעשפּרײַזט. זומער אין מאַרק, אַף די טיש־לעך געגעגנצטיקט, ווינטער אין וואָקזאַלן, אונטער א באַנק. אָבער די אויערן זײַנען בא אים פון דאַן אָן און ביז הײַנט פאַרבליבן רויט און האָבן בא אים אַלץ געסטאַרטשעט אין דער הייך, ווי בא א האָז...

דער צווייטער — פּישקע, אַן אויסגעדאַרט יאַטל מיט קרומע פיס, גרינע אויגן און פלאַ־טשיקער נאָז — באַהאַלט אין זיך א גרויסן סאָד פון קרימינעלן פאַרברעכן, און ווען ער דערמאָנט זיך וועגן דעם, גיסן זיך זײַנע אויגן אָן מיט בלוט און שטיקן אין זיך דעם געוויין...

...פּישקע האָט נאָר געהאַט א מאַמע, א הויכע, א יונגע פרוי, מיט שלאַנקע פיס, א פריילעכע, נאָר א בייזע. די לעצטע צײַט, ווען דער הונגער האָט אַלץ (אַלע קליידער, אַלע טעפּלעך, דאָס בעטגעוואַנט) אַפּן מאַרק אַרויסגעשלעפּט, האָט די מאַמע אָנגעהויבן שפּעט באַנאַכט זיך אומקערן אַהיים און אָפט א שיקערע, מיט צעשויבערטע האָר... עס האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַווײַזן בא זיי אין שטוב פרעמדע מאַנצבילן, שיקערן, וואַלגערן זיך מיט דער מאַמען אַפּן בעט...

— פּישקע, — פלעגט דאַן די מאַמע זיך ווענדן צום זון, — גיי אַרויס אַף א ווײַלע אין דרויסן, מיר דאַרפן דאָ עפּעס ריידן צווישן זיך...

און פּישקע פלעגט אַרויסגיין. ס'מעג כליופּען א גוסרעגן, ס'מעג ברענען א פראָסט, פלעגט פּישקע אַרויסגיין „אַף א ווײַלע" אַף דער גאַס און וואַרטן, ביז דער גאַסט וועט אוועקגיין...

איינמאָל, א האַרבסטיקער קאַלטער אָוונט האָט מיט א רעגן די שטאָט פאַרנעפּלט און לעבן יעדער שטוב בלאָטיקע ריטשקעס צעטראָגן. די מאַמע איז אַרײַנגעפאַלן מיט א גאַסט און זיך געווענדט צום זון:

— פּישקע, גיי נעכטיק ערגעץ איבער הײַנטיקע נאַכט, איך דאַרף דאָ מיט א באַקאַנטן פאַר־ברענגען, שעמט ער זיך פאַר דיר...

פּישקעס גרינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט...

— אין ערגעץ גיי איך ניט!..

די מאַמע האָט אים שטילערהייט שאַרף א קניפּ געטאָן אין עלנבויגן און האָט זיך געווענדט צום זון הויך, אַז דער גאַסט זאָל הערן:

— גיי, זונעניו, נעכטיק ערגעץ איבער, טו צוליב דער מאַמען...

בא פּישקען האָבן זיך פונעם שטאַרקן קניפּ טרערן באַוויזן אין די אויגן. אָבער ער האָט די טרערן מיט גרויס ווייטעק אײַנגעהאַלטן און זיך ניט גערירט פון אָרט.

— נו, גיי זשע!.. — האָט די מאַמע אײַנגעקלעמט אירע נעגל אין זײַן לײַב, טיף, ביז בלוט אײַנגעקלעמט, שטיקער הויט געריסן...

פּישקעס הענט האָבן א כאַפּ געטאָן א שטיק האָלץ און א קלאַפּ געטאָן מיט דעם דער מאַמען אין שלייף אַרײַן, אין קאָפּ, אין לײַב און אַנטרונען...

דער גאַסט איז אויך באַלד פאַרשוווּנדן...

...און איצט, ווען ער דערמאָנט זיך וועגן דעם, גלוסט זיך אים רײַסן פון זיך שטיקער הויט, נאָך ערגער ווי די מאַמע האָט פון אים געריסן. וואָרעם ווער ווייסט, מיט וואָס עס האָט זיך דאַן אויסגעלאָזט?..

שוין דורך דרײַ יאָר פון דעמלט אָן. דרײַ יאָר וואַגלעניש, דרײַ יאָר פון פרײַען, ניט געצאַמטן לעבן אַף דער גאַס, אין די מערק, ביז דער לערער יִסראָעל האָט אים באַגעגנט... און נאָך איצט האַלט ער אין זיך באַהאַלטן דעם טיפן סאָד, וואָס קיינער ווייסט פון אים ניט... ער קלײַבט זיך אַלץ דערציילן וועגן דעם דעם לערער יִסראָעל, נאָר דער באַוווּסטזײַן שטיקט אים...

■

און דער דריטער — איז עליע. ער איז געקומען אין קינדערהויז פון א פאַרוואָרפן שטעטל. גלאַט אַזוי אַנטלאָפן. דער טאַטע שטייט נאָך איצט בא זיך אין שטעטל אַף א ראָג און האַנדלט מיט זאָקן און שנירלעך...

דער טאַטע האָט שוין פון לאַנג נאָכן זון קדיש אָפּגעזאָגט...

און איצט האָבן די דרײַ נײַע כעווריע — אײַזיק, פּישקע און עליע — ענדלעך געפונען זייער נעסט אינעם יידישן קינדערהויז נומער 40.

א סימען האָט איר, אַז ס'איז שוין דורך א האַלב יאָר, און כעווריע האָבן אַפילע ניט געטרוימט ערגעץ־ווו אוועקצולויפן.

די דרײַ נײַע יאטן, וואָס איינער פון זיי האָט געהייסן אײַזיק, דער צווייטער פישקע און דער דריטער עלֿיע, האָבן ענדלֿעך באשלֿאָסן, אז דאָ אין קינדערהויז וועט זײַן זייער ענדגילֿטיקע סטאנציע און מער קיין „פּערעסאדקעס“ מאכן זיי שוין אין ערגעץ ניט.

די דרײַ נײַע כעוורע, וואָס יעדערער פון זיי האָט שוין לֿאנג פון אן אייגענעם פעטער פארגעסן, האָבן איצט באקומען א נײַעם פעטער: דעם לֿערער יִסראָעלֿ, און האָבן אים טאקע אזוי גערופן: פעטער יִסראָעלֿ.

דער אויספירקאָם האָט די ערשטע צײַט אויסגעטיילֿט א דרײַלֿינג, וואָס זאָלֿ נאָכקוקן נאָך די דרײַ נײַע פארשוינען: נאָך אײַזיקן, פישקען און עלֿיען, זיי זאָלֿן זיך פירן לֿײַטיש, ניט שלֿעפּן, ניט זידלֿען זיך, ניט רייכערן, ניט שפּײַען אפן דיל, זיי זאָלֿן וואשן די הענט פארן עסן, האלֿטן אמאָלֿ א ביכלֿ אין דער האנט און ניט ווירקן אף די איבעריקע קינדער.

דער דרײַלֿינג איז באשטאנען פון גערען, בערלֿען און ביילֿקען.

טאָמער האָט אײַזיק זיך ארויסגעכאפּט אמאָלֿ און פארפאָרן איציקן אין דער בובנע[1] ארײַן, האָט זיך בערלֿ באלד ארײַנגעמישט:

— סטאָפּ, אין קינדערהויז טאָר מען אזעלֿכע זאכן ניט טאָן!..

טאָמער האָט דער נײַער פישקע זיך ארויסגעכאפּט מיט א שיין ווערטעלֿע, ווו עס איז געווען דערמאָנט די בארימטע רוסישע „מאמע“, איז ביילֿקע טייקעף געלֿאָפן צום לֿערער יִסראָעלֿ:

— לֿערער יִסראָעלֿ, מע דארף אים באשטראָפן דערפאר...

טאָמער האָט דער לֿאנגער עלֿיע זיך אמאָלֿ מעיאשעוו געווען און ארויסגעכאפּט פון קיך א שטיקלֿ געבראָטן פלֿייש, איז שוין גערע געווען אף דער וואך:

— ע, ברודערקע, פארגעס! אין קינדערהויז זאָלֿסטו אלֿע דײַנע שטיק פארגעסן. דאָ וועלֿן זיי דיר ניט אָנגיין...

די דרײַ נײַע כעוורע, וואָס האָבן ענדגילֿטיק באשלֿאָסן, אז דאָס קינדערהויז וועט זײַן זייער לֿעצטע סטאנציע און מער קיין „פּערעסאדקעס“ מאכן זיי אין ערגעץ ניט, האָבן זיך סאָפּקאָלֿסאָף איבערגעקאָכט אינעם גרויסן קעסלֿ, האָבן סאָפּקאָלֿסאָף אָפּגעטרייסלֿט פון זיך דעם גאסיקן שמוץ און די פארדאָרבענע גאסיקע געוווינהײַטן...

דער לֿערער יִסראָעלֿ האָט די דרײַ נײַע כעוורע לֿיב געקראָגן, אָפט זיי ארײַנגערופן צו זיך אין צימער און געשמועסט מיט זיי:

— איר פארשטייט? איצט האָט איר שוין א היים, דארפט איר זיך פירן אזוי, ווי א קינד פירט זיך בא זיך אין שטוב. ניט גאנווענען בא א שוועסטער און ברודער קיין זאכן, ניט שלֿאָגן זיי, ניט באלֿיידיקן זיי מיט זידלֿווערטער און זיך כאווריש באצִיִען צו די עלֿטערע כאוויירים, צו די לֿערער, וואָס זאָרגן וועגן אײַך און ווילֿן אײַך טאָמיד פארבעסערן דאָס לֿעבן...

ג

אין א יאָר ארום איז דאָס קינדערהויז ווידער געפאָרן אף דאטשע.

דער היגער שטאָטראט האָט דעם קינדערהויז באזעצט אינעם געוועזענעם מאיאָנטעק פונעם פירשט סוויאטאָפּאָלֿק-מירסקי. דער דאָזיקער פײַנער פארשוין האָט אמאָלֿ געהאט גאנצע זיבן פרודן און האָט זיך אלֿיין געבאָדן אין זיי, און אויסער זיך מיט זײַן מישפּאָכע קיינעם אפילֿע ניט צוגעלֿאָזט צו די טײַכן (א כאזערשאפט אזא!).

איצט האָבן זיך אלֿע קינדער פונעם יִדישן קינדערהויז נומער 40 געבאָדן אין זײַנע טײַכן, שפּאצירט אין זײַנע סעדער און געשפּילֿט אף זײַנע לֿאָנקעס אין „לֿאפּטא“ און אין „פוטבאָלֿ“.

כעוורע האָבן זיך זייער פרײַ געפילֿט אין זײַן מאיאָנטעק. זיי האָבן זיך געפילֿט ווי עמעסע באלֿעבאטים און געקלֿעטערט אפילֿע אפן בוידעם און אפן דאך.

פּראָדוקטן פלֿעגט מען אָבער באקומען פון שטאָט. יעדע צוויי וואָכן פלֿעגט די ווירטשאפט־קאָמיסיע אינעם באשטאנד פון די דרײַ באקאנטע כעוורע — אײַזיק, פישקע און עלֿיע — פאָרן אין שטאָט נאָך פּראָדוקטן, און בעשאסן פאָרן צוריק פלֿעגן זיי בא דער סטאנציע אראָפּוואַרפן די זעקלֿעך פון וואגאָן און דערנאָך אלֿיין אראָפּשפּרינגען.

נאָר דאָס לֿעצטע מאָלֿ האָט זיך געטראָפן אזא מײַסע:

אײַזיק, פישקע און עלֿיע האָבן אָנגעפּאקט דרײַ זעק מיט פּראָדוקטן און זיך געלֿאָזט פאָרן צו זיך אין מאיאָנטעק. גוט. פאָרן זיי. זיי זײַנען נאָר אָפּגעפאָרן עטלֿעכע ווערסט פון דער שטאָט, איז זיך דער לֿאָקאָמאָטיוו מעיאשעוו, לֿעמײַ זאָלֿ ער הײַנטיקס מאָלֿ שלֿעפּן מיט זיך אזויפילֿ

[1] אין דער צורע.

וואַגאָנעס, אז ער קאָן עס איבערלאָזן פאר אן אנדער לאָקאָמאָטיוו... לעמײַ זאָל יענער ארומשפּאַצירן פראַנק־און־פרײַ און גאָרנישט ניט טאָן? און ער האָט טאַקע אזוי געטאָן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט שטאַרק אָנגעהויבן פײַפן, וואָס האָט פארן הויפּט־קאָנטראָליאָר באַטײַט: טשעפּעט אָפּ פון מיר די לעצטע וואַגאָנעס, אניט קאָן איך זיך פון אָרט ניט רירן...

און דער הויפּט־קאָנטראָליאָר האָט באַלד געגעבן א באַפעל:

— היי, טשעפּעט דאָרט אָפּ די לעצטע פּאָר וואַגאָנעס!..

און מע האָט טייקעף אָפּגעטשעפּעט (וואָרעם אז דער לאָקאָמאָטיוו אליין וויל ניט, איז דאָך ניט שײַעך...). און צווישן זיי אויך פונקט דעם וואַגאָן, ווו עס איז געזעסן די ווירטשאַפט־קאָמיסיע פון ייִדישן קינדערהויז נומער 40 אינעם באַשטאַנד פון די דרײַ באַקאַנטע פּאַרשוינען אײַזיק, פישקע און עליע.

אין א האַלבער שעה ארום איז אָנגעקומען אן אנדער לאָקאָמאָטיוו, צוגעטשעפּעט צו זיך די ווירטשאַפט־קאָמיסיע און איז אוועקגעפאָרן...

— אוי, א בראָך צו אונדזערע יאָרן! — האָט זיך אײַזיק א כאַפּ געטאָן אינמיטן וועג. מע פירט דאָך אונדז דער רועך ווייסט וווהין...

און ער האָט, אַפּאָנעם, געטראָפן, אײַזיק. זיי זײַנען טאַקע געפאָרן מיט די פּראָדוקטן ערגעץ אָף אן אנדער וועג, ניט צום מאַיאָנטעק.

פישקע האָט שוין געהאַט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן אונטערשטן טרעפּל און אָנגעהויבן שרײַען צום מאַשיניסט. נאָר דער מאַשיניסט האָט אים, פאַרשטייט זיך, זייער א סאַך געהערט... דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפײַפט און האָט זיך צעיאָגט איבער פעלדער און וועלדער און געפירט די ווירטשאַפט־קאָמיסיע דער רועך ווייסט וווהין...

דער לערער ייִסראָעל האָט זיך שוין באַאומרויִקט:

— וואָס קאָן עס זײַן?

די מומע ראָכל האָט געפּרוווט פּאָרויסזאָגן:

— מיסטאָמע שוין אַנטלאָפן, געכאַפּט דעם סאַמע רעכטן מאָמענט און אַנטלאָפן.

און די ווירטשאַפט־קאָמיסיע, וואָס איז איצט געפאָרן ווער ווייסט וווהין?..

...און שפּעט באַנאַכט האָט זיי דער צוג געבראַכט ערגעץ אין א פרעמדער שטאָט. און דאָ האָט מען זיי מעכילע געהייסן נעמען דעם וועג, ווײַל זייערע בילעטן זײַנען שוין אויסגעגאַן. און דער קאָנדוקטאָר האָט זיי אפילע כוישעד געווען, אז דאָס זײַנען מיסטאָמע דרײַ גאַנאָווימלעך, וואָס האָבן ערגעץ צוגעשלעפּט די זעק מיט פּראָדוקטן און ווילן עס דאָ פאַרקויפן. נאָר גיי דערקלער א קאָנדוקטאָר, אז דאָס איז גאָר די ווירטשאַפט־קאָמיסיע פון דעם ייִדישן קינדערהויז נומער 40, וואָס געפינט זיך איצט אָף דער דאַטשע אינעם מאַיאָנטעק פונעם געוועזענעם פירשט סוויאַטאָפּאָלק־מירסקי!

אָף מאָרגן אינדערפרי זײַנען די דרײַ כעוורע אײַזיק, פישקע און עליע קוים מיט צאָרעס געקומען צו פאָרן אהיים, געבראַכט אַלע פּראָדוקטן גאַנצערהייט, אפילע קיין ברעקל ניט גערירט, און...

אָף איבערמאָרגן באַטאָג האָט דאָס קינדערהויז נומ. 40 אויסגעוויילט די דרײַ כעוורע, אײַזיק, פישקע און עליע, וואָס האָבן פון לעכאַטכילע אָן באַשלאָסן, אז דאָס קינדערהויז נומ. 40 וועט זײַן זייער ענדגילטיקע סטאַנציע און מער קיין „פּערעסאַדקעס" מאַכן זיי שוין אין ערגעץ ניט, — פאַר ערן־מיטגלידער פונעם קינדערהיים נומער 40.

דעם לערער ייִסראָעלס גרויע פאַרדײַגעטע אויגן האָבן הײַנטיקס מאָל זייער צופרידן געשמייכלט...

מענדל ליפשיץ

הערצער אונדזערע

• • •

הערצער אונדזערע, ווי צוויטשערס,
פילן יעדן טראָפּן שײַן,
עפּעס קאָכט שוין, עפּעס זידט שוין,
עפּעס וועט באַלד זיכער זײַן.

גייט אַדורך אַ טאָג, אַ צווייטער,
פאַלט אַף דיר די צײַט, ווי שניי,
אָפּן הויכן, שמאָלן לייטער
זעסט זיך ראַנגלען שאָטנס צוויי.

קעגן דעם, וואָס איז געוועזן,
דער, וואָס דאַרף זײַן, זיכער גייט,
און עס פלאַמען מײַנע פּערזן,
וואָס פאַר פרײַנט זיי זוכן פרייד.

זוכן פרייד פאַר הערצער־
צוויטשערס,
פילן יעדן טראָפּן שײַן,
עפּעס קאָכט שוין, עפּעס זידט שוין,
עפּעס וועט באַלד זיכער זײַן...

• • •

ווען איך בין געקומען זיך מעלדן,
איז אַלץ געווען פלאַמעדיק־וואַך,
פון הײַנטיקע ביכער די העלדן —
געלעבט דאַן פאַרשײַט און באַדאַכט.

די יונגען — כאַכאָמים, גיבורים,
נאָך ניט אין לעגענדעס פאַרוועבט,
ווי פריילעכע פרײַנט און כאַווײרים —
זיי האָבן דאַן ווירקלעך געלעבט.

און נאָענט די וועלט איז געוועזן,
די וועלט איז געוועזן אין דיר,
און ס׳האָבן דיר ווונדער־מעסלעסן
געעפנט אַ טיר נאָך אַ טיר.

אַלץ קאָן מען דערמאָנען פאַרשיידן,
און אַלץ גייט אַדורך, ווי אין שפּיל.
פון יענע טעג זאָלסטו ניט ריידן,
אויב ס׳בריט ניט אין האַרץ דאָס געפיל.

• • •

אַ וועג,
אַ גרוב,
און גראָז,
און זאַמד,
און שטיינדעלעך.
דאָס איז דער גוף פון מײַן זון,
זײַנע ביינדעלעך.

געלעבט
האָט ער זייער, זייער
אַ ביסעלע.
דער אַשמעדײַ
האָט אים געגעבן
צוקאָפּנס אַ קישעלע.

איך הער נאָך איצטער
זײַן קאָל,
זײַן פאַרציטערטן אָטעם,
ווען ס׳האָט דער מערדער אים קאַלט,
אים שטום אַף די אויגן געטראָטן.

ער האָט נאָך געקוקט,
געשטוינט, ניט באַנומען,
וואָס איז עס
און וואָס וועט דאָס זײַן,
און וואָס וועט זיך נאָכדעם באַקומען?..

אַ וועג,
אַ גרוב,
און גראָז,
און זאַמד,
און שטיינדעלעך.
דאָס איז דער גוף פון מײַן זון,
זײַנע ביינדעלעך.

• • •

— ווּהין פליסטו, קאַמאַראָוו?
— אין די הימלען, ווּ ס'איז בלאָוו.
— ווייסט, אז די געפאַר דיך היט?..
— אָן געפאַר קומט גאָרנישט ניט.
שרעק — אוועק אין הינטערגרונט!..
גאָרנישט אָן געפאַר ניט קומט.
שווער איז דורכלייגן א בריק
פאַר דעם מענטשנס פרייד
און גליק,
עמעצער עס מוז דאָך פאַרט
מאכן אים, דעם ערשטן טראָט,
אָנצינדן די ערשטע שײַן —

זאָלן מיר די ערשטע זײַן!
אין די הימלען, ווי א ליד,
אונדזער קאָמאַראָוו — ער פליט;
ער און וועלט, און פלאַם
און בראַנד,
ער — דער זון פון ראַטנלאַנד,
ווי ביז פּײַן און פּײַן ביז בלוט!
ס'אַרבעט ניט דער פּאַראַשוט!
די ראַקעטע יאָגט פאַרשײַט,
און די ערד איז שוין ניט ווײַט.
טראָגסט ווּהין דײַן ליכט און שײַן?
אין דער אייביקײַט אַרײַן!

• • •

ז. וועגדראַפּן

כ'האָב געפּרוּווט זיך צווינגען,
נאָר עס העלפט ניט, כ'שווער.
מיר איז גרינגער זינגען,
ריידן איז מיר שווער.

זאָלן מענטשן וויסן,
ווי ס'איז לעבן שיין,
וויל איך, פרײַנט, דיך גריסן,
גאָר ווי זיך אליין.

נײַנציק יאָר געוואָרן,
כ'נעם אראָפּ מײַן הוט.
קעגן פּײַן און צאָרן
האָסט באוויזן מוט.

נײַנציק איז קיין צאָל ניט,
גיי פאָרויס, און גאָר!
שווײַגן זאָל דײַן קאָל ניט
הונדערט צוואַנציק יאָר!

• • •

כאַיִמס טאַטע איז א באַדכן,
לייזערס טאַטע איז א שאַדכן,
יאַנקלס טאַטע איז א לאַטכן —
צו געזונט זאָל זײַן עס זיי!

ביז דעם לעצטן פונק פון אויגן,
קיינמאָל קיינעם זיך ניט נויגן,
האָט מײַן טאַטע מיך דערצויגן
און געלערנט אָט אזוי:

זאָלן באַדכענען באַדכאָנים,
זאָלן שאַדכענען שאַדכאָנים,
זאָלן לאַטכענען לאַטכאָנים, —
דו געדענק, וואָס דיר גייט אָן.

פון פארפרי ביז שאָ דער
שפּעטסטער,
ביז אין אויג דעם פונק דעם
לעצטן
היט דײַן וואָרט דאָס
הויכגעשעצטע —
ווען און וואָס דו זאָלסט
ניט טאָן...

מיניאַטורן

1. כאַכמע

מאכט איז גוט פאר זיך,
כאָכמע גוט פאר לײַטן.
מאכט פארגעסט זיך גיך,
כאָכמע בלײַבט אף צײַטן.

2. דאָס וואָרט

אויב פײַער ליבסטו פאָרט
און ס׳איז די שפּיל דיר טײַער,
דאן שפּיל זיך מיטן וואָרט,
עס איז א שפּיל מיט פײַער...

3. צו א שלעכטן דיכטער

מע וועט דיך איבערזעצן
אף אפולע שפּראכן.
וועט ווערן מערער מענטשן,
וואָס וועלן פון דיר לאכן...

• • •

ס׳פלעגן טרעפן: מענטשן, טיף אין זיך פארפאנצערט,
פון די אויגן ווילד געקוקט עס האָבן וועלף.
און איך האָב אלץ געזונגען: כ׳בין ניט אלט קיין צוואנציק,
מיר איז בלויז אינגאנצן צוויי מאָל צוועלף...

ס׳איז די צײַט מיט מיר געווען אָפּנהערציק,
זיך אנטפלעקט מיר בוילעט אין איר פּײַן און בלענד:
און געלייקנט האָב איך, אז מיר איז שוין פערציק,
צוויי מאָל פינף און צוואנציק איז מיר נאָר געווען...

איצט מעג זײַן מיר אכציק און מעג זײַן מיר הונדערט, —
קלינגען ניט געעלטערט וועט מײַן שטים, ווי שטאָל,
ווי בא צוועלף וועט קוקן פון מײַן אויג דער וואונדער,
ווי בא צוואנציק הילכן מונטער וועט מײַן קאָל...

יעכיעל שרײַבמאַן

יאשע

דאָס קינד שלאָפט שוין.

דאָס קינד איז שוין, קיין אײַנהאָרע, באַלד העכער פון דער מאַמען, גייט שוין אין דריטן קלאַס.

אפן קישן ליגן צעפלאָכטן דעם קינדס „גאָלדענע" האָר. די בעקלעך זײַנען פארפלאַמט. דאָס פּנעמל — אָנגעגוידערט.

דינע זיצט באַם טיש־לעמפּל און ענדיקט ארויס די טאָג־כעזשבוינעס.

אין איר פּראָמקאָמבינאַט באַלעבאַטעוועט זי מיט עטלעכערליי קאַסעס: די קאַוועפּע־קאַסע; די פּראַפּאַריינישע קאַסע; אַזוי אַמאָל אַ שטיקל ערעוו־יאַמטעווו־קאַסע, וואָס דער אוילעם אין קאַנטאָרע לייגט זיך צונויף אַפּצוהעפּען אײַנעם אַ נאַכט; און דעריקער, פאַרשטייט זיך, די סאַמע גלאַוונע, די פּראָמקאָמבינאַטישע קאַסע.

אַ גאַנצן טאָג לויפט זי אום אין די בענק, נעמט ארויס געלט, טראָגט אַרײַן געלט; איז יעדן פּאַרנאַכט מעקאַבל דאָס לייזעכץ באַ אַלע „טאָטשקעס", וואָס דער קאָמבינאַט פאַרמאָגט איבער דער שטאָט; צאָלט אויס צוויי מאָל אין כוידעש אַזאַ גרויסן אוילעם סכירעס; שנײַדט אַמאָל דורך די גאַס מיט גוטע עטלעכע הונדערט טויזנטער אין טאַש, אַ קליינינקע, אַן אײדעלינקע, אַ גרינגינקע. דער טאַש איז, דאַכט זיך, שווערער פון איר.

אַף אירע דאַרע פּלייצעס האָט מען אַרופגעלייגט אַ גרויסן אָל. אַ גרויסן צוטרוי, גאָר אַ גרויסן אָל. טאָג־באַ־טאָג שליסט זי אַלעמאָל אויף און שליסט אַלעמאָל צו דאָס שווערע אײַזערנע קאַסע־טירל, שרײַבט קוויטאַנציעס, ציילט פּעקלעך געלט, שפּײַט זיך קעסיידער אין די שפּיץ פינגער, קלאַפּט מיט די רעכן־ביינדלעך, פאַרפּלאָנטערט זיך אַמאָל אין כעזשבן און שוויצט גוט אָוועק, ביז זי פּלאָנטערט זיך אַליין צוריק אויס.

און דער טאָג סטײַעט ערשט ניט. די צוגאָב־קאַסעס האָט זי ליב אַמאָל אונטערצוציִען אין דער היים. אָט איצט־אָ. נאָכן טעלעוויזאָר. פאַרן לייגן זיך שלאָפן. ס'שלאָפט זיך עפּעס דערנאָך מיט אַ גרינגן קאָפּ: אָפּגעטאָן אַלע אַרבעטן, אָפּגעכעזשבנט זיך מיטן טאָג ביז צו דער מינדסטער קאָפּעקע.

יאשע פּאָרעט זיך אין קיך. הײַנט איז מיטוואָך. שאַבעס, זונטיק און מיטוואָך איז ער פרײַ פון דער אָוונט־שול.

ער שטייט אין דער הוילער מײַקע, אין דינקעס אַ פאַרטעך, און שנײַדט אַרום אַ היפּטל קרויט, שאַבט אָפּ אַ בורעקל, אַ פּאָר מערלעך, אַ פּעטרעשקע, שיילט אויס אַ ציבעלע. אַלע מײַכאָלים אין דער הוילער וועלט מעג פּראַוון זי אַליין, דינע: „נאָ, ווײַב מײַנס, ט'האָב איך דיר געבראַכט אַ פולן קויש און טו מיט אים וואָס דו ווילסט!" כוץ אַ באָרשטש. אָפּצוקאָכן אַן עמעסן באָרשטש, האַלט יאשע, דאַרף מען האָבן אַ באַזונדער מין טאַלאַנט. באָרשטש האָט זיך זײַנע קאַפּריזן, זײַנע סוידעס. מע דאַרף פילן ווײפל, ווען — מאָס. אָניט באַקומט זיך אַמאָל עפּעס יאָ און אַמאָל באַקומט זיך דער רועך ווייסט וואָס. צו וואָס זשע ריזיקירן? אָפּצוקאָכן אַ באָרשטש דאַרף מען האָבן פינגער.

און יאשעס גרויסע, פאַרגרעבטע פינגער, וואָס פײַלן אַ גאַנצן טאָג אײַזן, און „פײַלן" פיר מאָל אין דער וואָך, אין דער אָוונט־שול, נאָך עפּעס שווערערס פון אײַזן, לויפן איצטער גיך־גיך מיטן קיך־מעסער, בראָקן געלבלעך־רויטלעכע מערן, ראָז־פּיאָלעטעווען בורעק, גרינבלעכע קרויט, אַ ווײַס שטיקל פּעטרעשקע, בלאָולעכע ציבעלע, אַ פּאָר גראָוולעך־קרעמעווע קאַרטאָפל.

אַלצדינג ווערט וואָוקגעלייגט אײַנס לעבן אַנדערן. קופּקעסווײַז. אין אַ שיסעלע וויקט זיך דאָס שטיקל פלייש, אַ מאַרך־ביינדל. אין אַ סלאָיִקל שטייט שוין אָנגעגרייט אַ ביסל טאָמאַט. מאָרגן פאַרטאָג וועט דער באָרשטש איינס־צוויי ווערן אָפּגעקאָכט. יעדעס קופּקעלע האָט זיך זײַן

קאַליר, זײַן פאַרב. און װער װײסט? עפּשער גײט עס גאָר ניט אַזױ אין אַן עמעסן באַרשטש, װי אין דער דאַזיקער שפּיל פון פאַרבן, אַ־דאַ־אַ, אַרום־און־אַרום אפן קיך־טישל.

יאַשעס פאַרבן־שפּיל רײַסט פּלוצעם איבער דינעס אַ שעפּטש אַף דער קיך־שװעל:

— יאַשע... קום גיכער, װעסטו עפּעס זען... קוק, װי דאָס קינד לאַכט פונעם שלאָף!

יאַשע װישט זיך די הענט אין פאַרטעך, װי אַן עמעסע סאַרװערן:

— סע כאַלעמט זיך איר מיסטאַמע אַ פּינף.

— ט׳האָסטו דיר. װאָס זשע, זי איז זשעדנע פּינפן?

— נו, כאַלעמט זיך איר, אַז די מאַמע אירע האָט זיך אופגעהערט מישן אין אירע געשעפטן.

— דו מיט דײַנע שטיק. נו, מאַך שױן אַ סאָף צו דעם באַרשטש. נעם כאַפּ שױן אַמאָל אַ קוק אין ביכל. מאָרגן האָט איר פיזיקע...

— פירסט מיר, זע איך, גוט דעם כעזשבן, װײַב מײַנס. אָט בין איך באַלד פאַרטיק. סײַ־װיסײַ, כ׳על שױן אפן געלעגער!..

— כ׳לעבן, יאַשע, ס׳איז שױן שפּעט.

— װאָס האָסטו טײַנעס צו מיר, האָב טײַנעס צום טעלעװיזאָר.

— װיפל איך רעד, אַז מע דאַרף אים ניט אופעפענען אַלע טאָג. צװײ מאָל אין דער װאָך איז קאַרג?

— גײ. נישקאָשע. מ׳עט באַװײַזן. גײ ענדיק בעסער דײַנס.

— איך האָב שױן געענדיקט.

— באַלד בין איך אױך פאַרטיק.

דינע בעט. זי מאַכט עס גיך: אַרױסגעכאַפּט פונעם דיװאַן די צװײ קישנס, פאַרשפּרײט דעם לײַלעך, צעװאָרפן די קאָלדרע. צוקאָפּנס לעבן דיװאַן שטעלט זי אַװעק אַ בענקל, גרײט אָן אפן בענקל די פיזיקע, לײגט אַװעק יאַשעס שאַכטל פּאַפּיראָסן, דעם אַש־בעכער, אַ פּעקעלע שװעבעלעך.

זי טוט אױס דאָס קלײדל, שלעפּט אַריבער איבערן קאָפּ דאָס קאָפּטל. די נאַקעטע אַקסל אירע זײַנען שאַרפקאַנטיק. װײַס און יונג, װי בא אַ מײדל. דאָס העמד קײַלעכיקט זיך איבער די קלײנע בריסטלעך אירע. יאַשע װאַקסט אױס הינטער אירע פּלײצעס.

מיט אײן שפּרונג איז דינע אין בעט, אונטער דער קאָלדרע. אַ מעכײַע! אַ מעכײַע אױס־צוציִען זיך אין דער גאַנצער לענג, אױסגלײַכן זיך די בײנער. זי ליגט צוגעדעקט ביז צו דער נאָז. אפן װײַסן בעטגעװאַנט זײַנען די האָר אירע שװאַרצער, די שװאַרצע אױגן בלישטשענ־דיקער.

יאַשע פּליושקעט זיך אין באָד־צימער אונטערן קראַנט, װאַשט זיך די צײן, װי זײַן שטײגער איז, פאַרן לײגן זיך שלאָפן. ער קומט אַרײַן אין שטוב װישנדיק זיך, האַלב אױסגעטאָן, אָן דער מײַקע אפן לײַב, אַ ברײטבײנערדיקער, אַ הױכער, עפּשער אָנדערהאַלבן מאָל העכער פון דינען.

— אַזױ װילסטו דײַקע, מע זאָל דיר טאָמיד זאָגן, אַז מ׳האָט דיך ליב...

— זאָגן זאָג. װער לאָזט דיך ניט?

— האָב איך, הערסטו, אַ װײַב אַ צאַרע!..

— קאָנסטעך שױן טאַקע אָפּזאָגן פון איר... — שמײכלט אַף דער קאָלדרע דינעס לאַנג נעזל, און דער שמײכל אירער האָט אַלע טאַמען פון דער װעלט.

— װעגן אָפּזאָגן זיך װעלן מיר נאָך זען. מירן זיך נאָך מעיאַשעװ זײַן. כ׳פאַרלעש דאָס ליכט.

— פאַרלעש ניט, אומגליק, כ׳האָב דיר אָנגעגרײט אפן בענקל דאָס ביכל.

— נישקאָשע. די פיזיקע װעט ניט אַנטלױפן. אָט דרײ איך אָן דעם װעקזײגער אַף זעקס.

— דרײ אָן פּאַװאָליע. זאָלסט ניט אופװעקן דאָס קינד.

— כ׳פאַרלעש דאָס ליכט.

— אַ גוטע נאַכט... כ׳שלאָף!..

■

יאַשע האָט זיך אופגעכאַװעט אין אַ דאָרף. גאָר קײן פרײלעכע קינדער־יאָרן האָט ער ניט געהאַט.

נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דער מילכאָמע, װען בעסאַראַביע איז נאָך געװען אונטער רומעניע און יאַשע איז געװען גאָר אַ קלײנער, איז דער טאַטע זײַנער פּלוצעם אַװעקגעגאַנגען פון דער שטוב צו אַן אַנדערער. די קינדער זײַנען נאָך אַלע געװען פּיצלעך. אײן ציליע, די עלטסטע

שוועסטער יאשעס, איז שוין געווען א היפּש מיידל. די מאמע און ציליע האָבן זיך גוט אָנגעמוטשעט מיטן קליינווארג. מילכאָמע־צײַט האָבן זיי זיך עוואקויִרט ערגעץ אפן אוראל. דאָס עלטערע יִנגל, מענדל, האָט טאקע דערנאָך אפן אוראל כאסענע געהאט און איז שוין דאָרטן פארבליבן ביז הײַנט. צוויי יִנגערע ברידערלעך זײַנען אין דער עוואקואציע געשטאָרבן. ער, יאשע, האָט בא דרײַצן יאָר אָנגעהויבן ארבעטן אין א זאוואָד, א פּאָר יאָר נאָך דער מילכאָמע אוועקגעגאנגען אין דער ארמיי און אומגעקערט זיך דערנאָך אהער, אהיים, אי א פּארטיק אָפּגעדינטער, אי א שלאָסער.

דער טאטע יאשעס איז נאָך דאָ. ער וווינט איצטער ווידער טאקע אין יענעם דאָרף. וווינט שוין מיט א דריט ווײַב. ער איז א פֿין־אגענט איבער עטלעכע דערפער, פֿירט אָן מיט א דאָרפֿישער שפּאָרקאסע, גייט אָנגעטאָן ריין, שטאָטיש, טראָגט אינדערוואָכן א שניפּס און וויל ניט געדענקען, צי ער האָט אמאָל געהאט א פריִערדיקע מישפּאָכע.

איינמאָל, פארצווייאָרן, האָט ער, זײַענדיק אין שטאָט, אָפּגעזוכט יאשעס אדרעס. ווען יאשע און דינע זײַנען אהיים געקומען פֿון דער גאס, האָבן זיי געטראָפֿן זיצן אין דרויסן עפּעס א פֿרעמדן מענטשן אין א ווײַס רעקל און אין טונקעלע זון־ברילן אף די אויגן. אף איין קני האָט ער געהאלטן די שטרויענע שליאפּע זײַנע, און פֿון דער אנדערער קני האָט געטאָן א שפּרונג אראָפּ דאָס קינד, לינעטשקע, און איז טאטע־מאמע אנטקעגן געלאָפֿן מיט פֿרייד:

— פּאפּע, מאמע, דער זיידע, דער דיעדושקע, איז געקומען!

יאשע האָט אָנגעשריגן אפן קינד. מיט איין אויג האָט ער געכאפּט א קוק, ווי דער דאָזיקער פֿרעמדער מענטש, וואָס איז שטיין געבליבן מיטן שטרויענעם קאפּעליוש אין דער האנט, שטיין געבליבן און א שאָקל געטאָן מיטן נידעריק־געשוירענעם ווײַסן קאָפּ, איז עפּעס יאָ דער טאטע און איז עפּעס ניט דער טאטע.

ער האָט קיין סאך ניט געוואָלט קוקן, יאשע, און איז באלד ארײַן אין שטוב. דינע איז אים נאָכגעלאָפֿן. און הינטער זיי איז אומגעבעטן, א ביסל פארלוירן, א ביסל צעבראָכן, נאָכגעגאנגען דער מענטש מיטן ווײַסן קאָפּ און מיטן ווײַסן רעקל — דער טאטע.

דינע האָט אוועקגעשיקט דאָס קינד אין הויף ארײַן: „גיי, לינעטשקע, גיי שפּילן זיך!" — זי האָט ארויסגערוקט פֿון אונטערן טיש א בענקל: „זיצט!" — און יאשע האָט אָנגעהויבן אומלויפֿן פֿון דער שטוב אין קיך, פֿון דער קיך צוריק אין שטוב, ווידער אין קיך, ווידער אין שטוב.

— לויפֿסט מיסטאמע זוכן א האק, א מעסער, א קאָטשערע. כ'ווייס, אז סע קומט מיר, זון מײַנער.

יאשע האָט גערעדט מיטן טאטן אף איר. ער האָט אזש געהיקעט:

— ווו־וואָדען, ס'קומט אײַך ניט? מיטאמאָל געוואָרן א זון... א ווו־ווילער זון.

— כ'מיין... דאָס זעלבע קאָן מען דאָך רעדן פּאוואָליע, ווי א מענטש. שטילער.

יאשען האָבן אזש געקלונגען די ציין אין מויל. ער האָט אזש אָנגעהויבן שלוקערצן:

— איך? איך זאָל רעדן ווי א מענטש? אז די מאמע ליגט קראנק, ווייסט איר? אז עסטער איז געבליבן א מאלעגראמעטנע, ווייסט איר? אז ציליע האָט ביז הײַנט ניט כאסענע געהאט, ווייסט איר? ארויס פֿון מײַן שטוב, ראזבאָיניק!

נאָר ארויס פֿון דער שטוב איז ער אליין, יאשע. פֿונעם קנאק מיט דער טיר איז זיך צעפֿלויגן א שויב.

ארום דרײַ באנאכט האָט אים דינע געעפֿנט. זי האָט גערעדט מיט א פארלעגערט קאָל, הייזעריקלעך:

— מע דארף האָבן א הארץ פֿון כ'ווייס אליין ניט וועמען. ער איז נעבעך געזעסן און געוויינט, ווי א קליין קינד. דיר, אז ס'קומט אָן די רעציכע.

יאשע האָט ביז פארטאָג צוגעדרעמלט אף א בענקל, ניט געוואָלט זיך לייגן אין בעט. גאנצפֿריִ האָט ער א כאפּ געטאָן דאָס פּעקעלע עסן, וואָס דינע האָט אים מיטגעגעבן, און אפן אָרט פֿון א גוטן־טאָג א בורטשע געטאָן:

— און דו זאָלסט זיך ניט מישן, הערסט? כ'האָב ניט געהאט קיין טאטן און האָב ניט קיין טאטן. אויס!

זונטיק זײַנען אלע דרײַ — יאשע, דינע און דאָס קינד — דורכגעפֿאָרן זיך צו דער מאמען. די מאמע יאשעס וווינט מיט עסטערן ערגעץ אין עק שטאָט, מע דארף אהין פֿאָרן מיט צוויי טראָליבוסן און ערשט א שטיק וועג מיטן אווטאָבוס. די דירע האָט עסטער באקומען פֿון דער פֿאבריק, ווו זי ארבעט שוין עטלעכע יאָר בא א וועבשטול אין א צעך פֿון קילימעס. יאשע האָט זיך פארפּוצט אין דער שליאפּע. ער האָט אָנגעטאָן דאָס ווײַסע ניילאָן־העמדל, גענומען אף דער האנט דעם מאקינטאָש, כאָטש אין דרויסן איז געווען הייס און דער אוילעם אין טראָליבוס האָט זיך געווישט די פּענעמער מיט די פאטשיילעכלעך. נאָר, ערשטנס, ווער אפּדערנאכט, צו־

ריקפּאָרנדיק, זײַן קיל; צווייטנס, ווייסט יאשע, אַז די מאַמע קוועלט טאָמיד אָן פֿון אים, ווען זי זעט אים אָנגעטאָן אין מאַקינטאָש, האָט כּיעס. און אַז זי האָט דערפֿון כּיעס, וואָס זשע איז דאָ די שווערקײַט? דינע האָט זיך פֿאַרקעמט די האָר גלאַט, אָן פּאָקוסן. די שוויגער האָט ניט ליב קיין פּאָקוסן אויפֿן קאָפּ. כאָטש זי גייט שוין אַזוי לאַנג ניט אַרויס פֿון דער שטוב, די שוויגער, האַלט זי זיך בײַ אירס, אַז די דאָזיקע הויכע, צעשויבערטע און מעשוגענע פֿריטשאָסקעס טראָגן נאָר די גוטע שטיקלעך. אַן ערלעך קינד, ביפֿראַט אַ ווײַב פֿון אַ מאַן, ביפֿראַט אַ מאַמע, האָט ניט וואָס צו מאַכן מיט די האָר קיין כײַנעקוקעלעך. לינעטשקען האָט מען פֿאַרפֿלאָכטן אין „גאָלדענעם" קאָפּ אַ בלאָווע סטענגע, מ'האָט איר אָנגעטאָן אַ קורץ קליידעלע מיט סאַמע פּעל־דעלעך אַרום־און־אַרום, עפּשער הונדערט פּעלדעלעך. אויפֿן קליידעלע — אַ רויט סעקעלע. און אי די סטענגע, אי דאָס קליידעלע, אי דאָס סעקעלע, אי די שיינע בלאָע אויגן דעם קינדס — יאשעס בלאָע אויגן, — די שוואַרצע ווײַעס איבער די אויגן און דאָס קלוגע שמייכלענדיקע נעזל — דינעס ווײַעס און דינעס נעזל — האָבן שטאַרק אויסגענומען באַם גאַנצן עולם אי אין ביידע טראָלייבוסן, אי דערנאָך אין אויטאָבוס.

יאשע האָט געטראָגן דער מאַמען אַ פּופּציקער, אַ פּאַרטיק געמאַכטע הון, אײַנגעוויקלט אין אַ פּערגאַמענטן פּאַפּיר, אַ בײַטל עפּל און אַ פֿלעשל גוטן רויטן ווײַן. דאָס פּעקל האָט מען, אַראָפּ־קריכנדיק פֿונעם אויטאָבוס, געגעבן לינעטשקען. אַזוי איז שוין אײַנגעפֿירט: טאָמיד דערלאַנגט אַלע זאַכן דער באָבען דאָס קינד.

די מאַמע איז געלעגן אויפֿן דיוואַן אין אָנטועכץ, מיט איין קישן אונטערן קאָפּ, צוגעדעקט מיט אַ הוילן לײַלעך, ווי זי וואָלט זיך פּאָשעט צוגעלייגט כאַפּן אַ דרעמל זונטיק בײַטאָג נאָכן עסן.

נאָר צעקושט מיט די קינדער האָט זי זיך אַלץ אַזוי־אָ ליגנדיק, געטאָן זיך דערנאָך אַ דריי איבער אויף אַ זײַט מיט אַ מעסוקענעם אוי, קוים־קוים, פּאַוואָליע־פּאַוואָליע.

עסטער האָט געראַשט. זי האָט אויפֿגעשטעלט טיי, פֿאַרשפּרייט אַ טישטעך, אויפֿגעגעבן אויפֿן טיש אַ צעשניטענעם הערינג, אַ ווינעגרעט, עטלעכע געפֿילטע שטיקלעך פֿיש. זי האָט אויסגע־וויקלט פֿונעם פּאַפּיר יאשעס פֿלעשל ווײַן, צעשטעלט אויפֿן טיש גלעזלעך, טעלערלעך. זי האָט באַוויזן די געסט אַ שיין קילימל, וואָס זי האָט ניט לאַנג צוריק באַקומען אין צעך אַ פּרעמיע. אַ וואָלן מאָלדאַוויש קילימל, אַ קווייטנדיקס, מיט אַ זיגזאַגיש קענטעלע אַרום־און־אַרום. זי אַליין וועבט זיי, די דאָזיקע קילימלעך.

ווי מע זאָל עס ניט געוועז וועלן אויסמײַדן, האָט זיך שפּעטער, סײַוויסײַ, פֿון זיך אַליין, דער שמועס אַרופֿגעפֿירט אויפֿן אייערנעכטיקן פּלוצעמדיקן וויזיט דעם טאַטנס.

די מאַמע האָט זיך מיט אַ האַנט געהאַלטן באַם האַרצן, נאָר דאָס צעקאַרבטע, אַ ביסל ראָז געוואָרענע פּאָנעם אירס, די טיף־אײַנגעפֿאַלענע אויגן זײַנען געווען פֿול מיט באַרויקטקײַט, מיט מעכילע, אַפֿילע מיט מיטפֿיל.

— אַוואַדע האָט מען ניט געדאַרפֿט פֿאַרצאַפּן קיין בלוט. וואָס איז ער שולדיק, אַז עסטער איז פֿאַרבליבן וויניק גראַמעטנע? ווײַאַזוי זי האָט געוואָלט, אַזוי איז זי פֿאַרבליבן. ס'אי גאָר אַ בושע באַם איצטיקן לעבן אַרופֿוואַרפֿן אויף עמעצן די שולד. זי האָט ניט געוואָלט — האָט זי ניט. וויפֿל מ'האָט זי געבעטן, וויפֿל מ'האָט זי גערופֿן! זי וויל ניט. זי שעמט זיך. דו, מײַנסטו, יאשע, האָסט געוואָלט? האָסט זיך אויך שפּעט דערמאָנט. האָסט שוין געקענט זײַן אַן אינזשעניער פֿון לאַנג. נאָר דו וועסט נאָך, מירטשעם, האָף איך, זײַן. און זי וועט שוין קיינמאָל רעכט קיין בריוול ניט קענען אָנשרײַבן. מע דאַרף עס גאָר אויף די ליפּן ניט ברענגען דאַרף מען עס ניט. נאָר וואָס איז ער שולדיק? אַבי פֿאַרצאַפּן בלוט?

— אַז איך וויל גאָר דערפֿון ניט רעדן, מאַמע! — האָט זיך יאשע אַ הייב געטאָן פֿונעם בענקל.

— וויל, וויל. האָסט זיך באַנאַרישט אין די כאָכמעס, הער כאָטש אויס, וואָס מע זאָגט דיר. איר זאָלט געווען זען, ווי ער איז געבליבן זיצן. בלוט איז אים געגאַנגען פֿון די אויגן. עפּשער האָט גאָר דער מענטש עפּעס געוואָלט? עפּשער איז ער גאָר געקומען מיט אַ נייטיקער זאַך? באַלד שיסט עס אויס. באַלד גייט אין אים אַרײַן דער קאַס.

— דיר האָב איך געזאָגט, זאָלסט זיך ניט מישן, הערסט? אַז איך וויל גאָר דערפֿון ניט רעדן, מאַמע!

— אַוואַדע האָט מען אַזוי ניט געדאַרפֿט. וואָס איז ער שולדיק, אַז ציליע האָט ניט כאַסענע געהאַט? שוין אַ געלערנטע. גלאַוונע בוכהאַלטער. אויף אַזאַ גוטן פּלאַץ. איז זי אַן איבערקלײַבערן. אַ מעפּונעטשקע. דעם דאַרף זי ניט. יענעם וויל זי ניט. וואָס זשע איז ער שולדיק? און וואָס איז ער שולדיק, אַז איך ליג קראַנק? כ'בין קראַנק, ליג איך קראַנק. ווען ער האָט מיך איבערגעלאָזט, בין איך געווען געזונט, שיין, יונג.

— נישקאַשע, מאַמע. ער האָט אים גוט געזאָגט, דעם באַל־אָווירעניק. דו געפינסט אים נאָך זכוסן.

— קינדער, ער איז דאָך אײַער טאַטע. איר קענט זיך דען אָפּזאָגן פון אים? אַן אייגענער טאַטע.

— נו, שוין, האָב איך געטאָן א פּעלער. וואָס ווילט איר? איך זאָל זאָגן ווי לינעטשקע: כ׳על שוין מער ניט? נו, זאָג איך: כ׳על שוין מער ניט! שוין. אויס.

אַלע דרײַ — יאַשע, דינע און דאָס קינד — זײַנען אהיימגעפּאָרן פון דער מאַמען שפּעט. אין די טראַלייבוסן איז שוין געווען שיטערלעך. לינעטשקע האָט געכאַלעשט שלאָפן. אַלעמאָל האָט זי פּאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף דינען, און דינע האָט זי אַלעמאָל געטאָרעט — באַלד וועט מען זיך דאַרפן איבערזעצן, און דאָס קינד, אַז עס ווערט אנשלאָפן, איז גיי דערוועק עס.

יאַשע איז געזעסן באַם פענצטער אָנגעטאָן אין א ניט פאַרשפּיליעטן מאַקינטאָש, די שליאַפּע פאַרוקט אויפן שפּיץ קאָפּ, דער שניפּס אויפן ניילאָן־העמדל פאַרקרימט אין א זײַט. איז געזעסן פאַרקנייטשט, זויער, גלײַך ער וואָלט זיך אומגעקערט פון צו א פרײַלעך קערמישל, ווו מ׳האָט צופיל געטרונקען, געלאָזט זיך צופיל ווולגיין, און ס׳איז עפּעס איצטער, נאָך אַלעמען, דאָסיק אויפן האַרצן. ער האָט געקוקט אויף די הויכע הײַזער, וואָס האָבן דורכגעשווינדלט דורכן טראַלייבוס־פענצטערל, און אַלץ געזען, ווי די אַלטע מאַמע זײַנע ליגט אין בעט, קען זיך קוים א ריר טאָן און רעדט פונדעסטוועגן אזוי געלאַסן, אָפּגעקילט, גוט, — זי האָט אַלדאָסבייז פאַר־געסן און מוחל געווען. ער איז נאָך דעמלט געווען קליין. ער ווייסט ניט פּינקטלעך, וואָס צו געדענקען, און ווייסט ניט פּינקטלעך, וואָס צו פאַרגעסן. און קאָן ניט מוחל זײַן, העכסטנס איז דער דאָזיקער מענטש מיטן ווײַסן רעקל און מיט די טונקעלע זון־ברילן אויף די אויגן א פרעמ־דער, זײַטיקער מענטש. ער איז ניט געקומען, ער האָט אים ניט געזען, ער קען אים אפילו ניט, און אויס. אויס געשיכטע. קאַרג פאַדלע זײַטיקע מענטשן זײַנען נאָך דאָ אויף דער וועלט?

דינע האָט א רוף געטאָן:

— יאַשע... זע נאָר, ווי דאָס קינד איז אנשלאָפן געוואָרן... אָט גייען מיר שוין אראָפּ. נעם דאָס קינד!

יאַשע האָט א נעם געטאָן לינעטשקען אויף די הענט. ער האָט עפּעס באַזונדער דערפילט איצט אויפן האַלדז דאָס פאַרפלאַמטע פּענעמל אירס, אויף דער פּלייצע — די לאַנגע צעפּאַלענע האָר. ער האָט געהאַלטן ארומגענומען אירע פיסלעך, געהערט, ווי עס קלאַפּט איר אין שלאָף דאָס הערצל.

— די גרויסע מויד, — האָט ער א זאָג געטאָן, — האָט ניט אויסגעהאַלטן, איז אײַנמיטנדרי־נען אנשלאָפן געוואָרן. שלאָף, שלאָף, גרויסע, שיינע מויד אונדזערע...

■

א מאָדנער מענטש, יאַשע, האַ?

ביידע שוואָגערס — אי דינעס ברודער, יאַסל, אי דינעס שוועסטערס מאַן, פימע — זאָגן, אַז דער שוואָגער זייערער יאַשע איז א טײַערער באָכער, נאָר ער האָט זיך אמאָל זײַנע שטיקלעך. אנומלטן איז געשען אזא געשיכטע.

יאַשע איז א דרוזשיניק. צוויי מאָל אין כוידעש, זונטיק אָפּדערנאַכט, דעזשורעט ער אין דרוזשינע־שטאַב. ער טוט זיך אָן אויפן אָרבל א רויטן באַנד און מיט נאָך עטלעכע דרוזשיניקעס, וואָס טראָגן אזעלכע באַנדן אויף די אָרבל, דרייען זיי זיך אום ביז שפּעט אין דער נאַכט אין ראַיאָן זייערן, כאַפּן א קוק לעבן די „זאַקוסעטשנעס“, שפּאַצירן זיך דורך צווישן די פאַרוואַקסענע בענק אין די אַלייעס אויפן בולוואַר, שטעלן זיך אמאָל גלאַט אזוי אָפּ אין דרויסן לעבן קינאָ, וואַקסן באַלד אויס דאָרט, ווו עס הייבט עמעצער אָן סקאַנדאַלעווען.

יאַשע האָט ליב דאָס דאָזיקע דעזשורעווען. מיטן רויטן באַנד אויף דער האַנט זעט ער, דאַכט זיך, אויס נאָך א קאַפּל העכער ווי ער איז. ער באַקומט א מין וואַזשנע ערנסט אויסזען.

ער האָט טאָמיד האַנאָע, וואָס די דעזשורסטווע זײַנע גייט דורך שטיל, אָן געשעענישן. זיי דרייען זיך, דאַכט זיך, אום, טראַכט ער, אָן גאָרניט, מיט די הוילע בענדלעך אויף די אָרבל, געוויינלעכע אַרבעטאָרער און אַרבעטאָרערנס — און כוליגאַנעס האָבן דערעכערעץ. מענטשן שפּאַצירן זיך אָפּ־און־אויף אויף די טראָטוואַרן. טראַלייבוסן בלײַבן שטיין און פאָרן ווײַטער איבער־געפולטע. א קאָמפּאַניע יונגוואַרג שפּאַנט דורך מיט א שפּילנדיקן טראַנזיסטאָר. אַן אַנדער קאָמ־פּאַניע גייט און זינגט. פון קינאָ טוט זיך מיטאמאָל א שיט ארויס א גרויסער אוילעם. אין בול־וואַר אויף די בענק זיצן פּאָרלעך און קושן זיך. זאָלן זיי זיך קושן! זאָל מען אויף דער גאַס גיין און זינגען! זאָלן זיך ארום־און־ארום הערן געלעכטערן! דער רו־טאָג דאַרף באַשטיין פון סאַמע

פרייד. זאָל אומעטום זײַן רויִק, און זאָלן זיך דרוזשיניקעס אומדרייען פּוסט־און־פּאַס. זאָלן זיי זיך אומדרייען. ס'שאַדט ניט.

נאָר ניט טאָמיד, פאַרשטייט זיך, איז רויִק. ס'קומט אַמאָל אויס מיטנעמען עמעצן אין שטאַב און מאַכן אַ פּראָטאָקאָל. ס'טרעפט זיך אַמאָל, אַז מע דאַרף אַרויסרופן דורכן טעלעפאָן־אויטאָמאַט דעם מיליציע־אויטאָ. מאַלע וואָס עס קאָן זיך דאָרט אַמאָל טרעפן.

האָט זיך איינמאָל אַף יאַשעס אַ דעזשורסטווע פּלוצעם דערהערט אין עק גאַס, לעבן גאַסט־ראָנאָם, קוילעס, גוואַלדן, אַ פּײַפערײַ. ווען די דרוזשיניקעס זײַנען אָנגעלאָפן און דורכגעשטופּט זיך צווישן אוילעם, האָבן אַ פּאָר מענטשן געהאַלטן אַ באָכערל אַרונטערגעדרייט די הענט. דאָס באָכערל האָט געשטויסן מיטן קאָפּ, געדריגעט מיט די פיס, געוואָלט זיך אויסרײַסן. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען פאַרבלאָטיקט, דער אַרבל פונעם העמד אָפּגעפּליקט, דאָס העמד צעכראַסטעט. אוילעם האָט געשריגן:

— אָנגעזשליאָקעט זיך, האַ?

— הער, הער, עפּשער אַלט זיבעצן יאָר, ניט מערער.

— אַ מין שלעגער! אַ מין שלאָגן זיך מיט אַזאַ אוילעם!

— נעמט אים אַוועק!

— דאָרט וועט ער זיך אָפּקילן.

— פּופּצן מעסלעס איז ווייניק.

— פּאַר אַזעלכע שטיק.

איינער פון די דרוזשיניקעס האָט זיך געגעבן אַ לאָז צום באָכערל און אים אָנגעהויבן האַקן מיט די הענט אין פּאָנעם אַרײַן. און יאַשע, אַפן אָרט ער זאָל זיך נעמען צום כוליגאַן, איז גאָר פּלוצעם אַרוף אַפן דרוזשיניק, אָנגעכאַפּט אים באַם האַלדז און אָנגעהויבן שרײַען:

— סוואָלאָטש!.. סוואָלאָטש, וואָס דו ביסט!..

דער אוילעם האָט זיי ביידע אַרומגערעדלט:

— מיסטאָמע אַ פרײַנטל...

— ט'האָסטו דיר אַ נײַ געשלעג!

— אוילעם, וואָס קומט דאָ פאָר?

יאַשע און דער דרוזשיניק האָבן זיך באַלד באַרויִקט, נאָר דאָס באָכערל דער כוליגאַן האָט זיך דערווײַל אויסגעריסן און איז נעלעם געוואָרן.

אין דער היים האָט מען פון יאַשען געלאַכט. אין שטאַב האָט מען אים געזידלט. דעם דאָזיקן איניען האָט דער שטאַב אַרומגערעדט אַליין באַם מיליציע־נאַטשאַלניק אין קאַבינעט.

יאַשע איז געזעסן פאַרלוירן־שולדיקלעך. קיין סאַך האָט ער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ווי טאָמיד באַ אַן אופרעגונג, האָט ער אַזש געשלוקערצט, געהיקעט. ער האָט זיך אופגעשטעלט און גערעדט מיט הוילע פראַגעס:

— צוליב וואָס גיב איך אַוועק אַלע כוידעש צוויי זונטיקן? צוויי אָפּרו־טעג? צוליב וועמען? קעגן כוליגאַנעס, האַ? קעגן שלעגערס? זאָל איך אויך זײַן אַ שלעגער? אַ שלעגער קעגן אַ שלע־גער? דאָס הייסט אַ דרוזשיניק? אַ סאָוועטישער מענטש?

ער איז אַהיימגעקומען פריילעך. ער האָט זיך אַזוי מיט דער זײַט אַרײַנגערוקט דורך דער טיר, און ס'האָט אים געשמייכלט אַ וואָנצע.

דינע האָט אַ פרעג געטאָן:

— נו?

יאַשע האָט איר געענטפערט גאָר אופגעלייגט:

— נו, נו!

— לאָמיך שוין הערן, וואָס איז געוואָרן?

— וואָס האָט געהאַט צו ווערן, ווײַב מײַנס? דער נאַטשאַלניק האָט געזאָגט: פראַווילנע!..

— אַ שיינער נאַטשאַלניק! — האָט אַ שמייכל געטאָן דינעס נעזל. — אַזאַ קאַפּוירער קאָפּ, ווי דו. אַבי כ'האָב געמיינט, וועסט שוין פון הײַנט אָן זיצן אַלע זונטיק אין דער היים.

נאָך איין מענטש האָט פונקט אַזוי־אָ, ווי דער מיליציע־נאַטשאַלניק, אַ זאָג געטאָן: „ריכטיק".

גראַדע אין עטלעכע טעג אַרום איז געקומען צו יאַשען צוגאַסט אַזש פונעם אוראַל מענדלס ווײַבס אַ פעטער, יורי אַלעקסייעוויטש. איינינעם מיט אַ טעכטערל זײַנס איז ער געקומען פאַר־ברענגען זײַן אורלויב אַפן דאָרעם, באַם שוואַרצן יאַם. זיי זײַנען צוויי וואָכן געווען אין יאַלטע, אַ צען טעג אין אָדעס. און אַז ס'איז שוין אַזוי נאָענט, ווי פאָרט מען ניט אַרײַן כאָטש אַף אַ טאָג־צוויי קיין מאָלדאַוויע, אַ קוק טאָן אַף די מעכוטאָנים? טאַקע אַזוי־אָ האָט ער פריילעך אַ זאָג גע־טאָן, יורי אַלעקסייעוויטש, אַף יידיש: „מעכוטאָניך".

ער וווינט אין דעם זעלבן אָרט, ווו מענדל וווינט, ערגעץ לעבן טשעליאַבינסק. ער איז אַן אַלטער מײַסטער, אַ מעטאַל־טאָקער, יורי אַלעקסייעוויטש. מענדלס ווײַבל, קלאַווע, איז זײַנער אַן עלטערער שוועסטערס אַ טאָכטער.

אײַ, אַ ווילע, גוטע קלאַווע! די גוטסקײַט און ווילקײַט אַליין! די גאַנצע מישפּאָכע, דער־ציילט ווײַטער יורי אַלעקסייעוויטש, האָט מענדלען שטאַרק ליב. אַן אָפֿענער, אַ צוגעלאָזטער, ניט קיין אויסברענגער, אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, אַ ספּעציאַליסט אַ שטאָל־גיסער, מע דאַרף אַזוינעם זוכן. די צוויי ייִנגלעך זייערע זײַנען שוין גרויסע יונגאַטשעס, מע מעג זיי שוין גראָדע אָנקוקן. קלאַווע איז מיט זיי געקומען צום וואָקזאַל. זיי האָבן געהאַלטן אין איין נאָכשרײַען, מע זאָל איבערגעבן אַ גרויסן גרוס דער באַבושקע כײַקען.

דינען האָט יורי אַלעקסייעוויטש געבראַכט פֿון מענדלען און קלאַווען אַן אוראַלער שקאַ־טולקע. ליִנעטשקען — אַ מאַרמאָרן טינטערל, אַ קלעקער. יאָשען — אַ מין געדריידלטן טשו־הונענעם אַש־בעכער, ער אַליין, מענדל, האָט אים אויסגעגאָסן. דער מאַמען און עסטערן האָט קלאַווע געשיקט געקווייטלט זײַדנס אויף קליידלעך.

יאָשע האָט זיך אָפּגעבעטן אויף אַ טאָג פֿון דער אַרבעט און איז באַלד גאַנצפֿרי צוגעפֿאָרן מיט די אוראַלער קרויווים צו דער מאַמען, געבליבן דאָרט מיט זיי אויף אָנבײַסן.

נאָכן אָנבײַסן איז ער זיי געפֿאָרן ווײַזן די קאָמסאָמאָלסקע אָזערע, די נײַע מיקראָ־ראַיאָנען אין ביידע עקן שטאָט. זיי זײַנען געווען אין פּושקין־מוזיי, אין קאָטאָווסקי־מוזיי.

דערנאָך האָבן זיי שפּאַצירט אין שטאָט־צענטער, אומגעגאַנגען אין די קלייטן. און פֿאַר־נאַכט אַהיימגעקומען פֿאַרשוויצטע, רויטע אויף די פּנעמער, טויט־מידע, גלײַך זיי וואָלטן ביידע אָפּגעשטאַנען בײַ די סטאַנאָקן זייערע אָן איבערײַס אַ מעסלעס קעסיידער.

יאָשע און יורי אַלעקסייעוויטש האָבן זיך געמאַכט אַ קאַלטן דוש און זיך אוועקגעזעצט אין דרויסן בײַם זומערדיקן טישל אָן די העמדער און אָן די מײַקעס, ביידע מיט אַלציינע גרויסע באָרוועסע פֿיס. מײַע האָט געהאָלפֿן דינען אופֿגעבן צום טיש דעם באָרשטש, וואָס דינע האָט דאָס מאָל דאַפֿקע אָפּגעקאָכט אַליין, און דאַפֿקע זייער געראָטן. יאָשע האָט שוין געוווּסט, אַז יורי אַלעקסייעוויטש איז ניט קיין פּוסטער יורי אַלעקסייעוויטש. ער איז אויסגעווען אַ וועלט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען קיין בערלין, האָט פֿאַרענדיקט די מילכאָמע אין יאַפּאָניע. יורי אַלעקסייעוויטש האָט גערעדט באַדאַכט, גערעדט מיט אַ „ווידיטי לי". און יאָשע האָט אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן, אַלעמאָל צוגעשאָקלט: „פּאָניאַטנע".

שאַ, לאָז ער אים אומיסטן אַ פֿרעג טאָן, צי האָט ער דעמלט אויף יענער דעזשורסטווע געטאָן גוט, צי ניט גוט. פֿאַרקערט, זאָל טאַקע דינע הערן.

יורי אַלעקסייעוויטש האָט אוועקגעלייגט דעם לעפֿל, אַ וויש געטאָן זיך די פֿאַרנעצטע וואָנצעס:

— האָב, פֿאַרשטייט זיך, יאָשע טײַערער, קיין פֿאַריבל ניט. די זאַך איז גאָר ניט אַזאַ פּראָ־סטע. ווידיטי לי, וואָס הייסט אַ לײַטישער מענטש? אַ מענטש, וואָס אַרבעט גוט, פֿירט זיך גוט, לעבט גוט מיטן ווײַב, איז גוט מיט די שכיינים, טרינקט ניט, קריגט זיך מיט קיינעם ניט, מיט איין וואָרט — מע קאָן צו אים קיין שום טײַנעס ניט האָבן. כ'זאָג ניט, אַזאַ מענטשן דאַרף מען, פֿאַרשטייט זיך, שעצן, נאָר דאָס, וואָס ער איז — דאָס איז ער. מער וועט ער ניט זײַן. פֿאַרשטיי מיך ריכטיק, יאָשע טײַערער. ווידיטי לי? אַזאַ־אָ יונג באָכערל, לעמאָשל, ווי דאָס, וואָס דו דער־ציילסט. פּלוצעם הייבט עס אָן טרינקען, קידעט זיך, שלאָגט זיך. קאָן זײַן פּאָשעט פֿאַר נאַריש־קײַט, פֿאַר גרינקײַט. און קאָן זײַן, אַז עפּעס אַרבעט אין אים אַ ניט אויסגעלאָדענער קויעך. עפּעס רײַסט זיך אין אים אַרויף. טו אים נאָר אַ פֿיר אויף דער ריכטיקער אָרביטע! מע קאָן עס, פֿאַרשטייט זיך, ניט פֿאַראַלגעמיינערן. נאָר מע דאַרף זײַן זייער, זייער געהיט. ווידיטי לי, איין שווערער פּלעטש קאָן פֿון דעם דאָזיקן קויעך מאַכן טיל־טעל. האָב קיין פֿאַריבל ניט, יאָשע טײַערער, כ'ווייס ניט, צי דאָס האָסטו דעמלט אין זינען געהאַט. נאָר ביכלאַל האָסטו, פֿאַרשטייט זיך, געטאָן מענטשלעך.

דינע איז געזעסן און זיך צוגעהערט. עפּעס האָט זי ניט גאָר פֿאַרשטאַנען, צי האַלט ער יאָ מיט יאָשען, יורי אַלעקסייעוויטש, צי האַלט ער ניט מיט יאָשען. נאָר סײַוויסײַ האָט זי שפּעטער, ווען די געסט זײַנען שוין געהאַט אוועקגעפֿאָרן, געטײַנעט אירס:

— וואָס קאַפּויר, איז קאַפּויר. אַן אייגענעם טאַטן זאָגן „ראַזבאָיניק", און פֿאַר אַ פֿרעמדן רועך, אַ כוליגאַן, אַ שלעגער, אָנעמען זיך... אייסעך.

יאָשע האָט אַ בורטשע געטאָן:

— אין אײדעלע זאַכן, ווײַב מײַנס, זאָלסטו מיר מויכל זײַן, דאַרף מען פֿאַרשטיין אַ קאַפּעלע מערער. הערסט?

— איך הער, איך הער. גרויסער פאַרשטייער מײַנער! — האָט דינע, ווי טאָמיד, זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע.

ביידע שוואָגערס — אי דינעס ברודער יאָסל, אי דינעס שוועסטערס מאַן, פּימע, — האַלטן, אַז דער שוואָגער זייערער יאָשע איז אַ טײַערער באָכער, נאָר ער האָט זיך אַמאָל זײַנע שטיקלעך. ס'איז דעמאָלט, אין יענעם זונטיק אָפּדערנאַכט, זאָגן זיי, ניט געלעגן קיין שום פילאָזאָפיעס, קיין שום אופטועכצן, גאָרניט. פּאַשעט. אַ שטיקל פון יאָשעס שטיקלעך.

■

צוויי כאַסענעס

כאַסענעס פּראַוועט מען באַ אונדז אין גרויסע זאַלן.

אין קאַפעהויז־זאַלן.

אין רעסטאָראַן־זאַלן.

וויאַזוי מע זאָל זיך ניט פּיצלען די פינגער באַם צונויפשטעלן דעם מעכוטאָנים־צעטל, בלײַבן איבער פאַרבעטענע באַ די הונדערט פּופּציק מענטשן.

וויפל כאָסן־קאַלעס זאָלן ניט שרײַען, אַז זיי ווילן ניט קיין כאַסענע־בילעטן: ס'איז קליינ־שטעטלדיק, ס'איז אַלטמאָדיש, — ווילן עס אָבער טאַטע־מאַמע יאָ.

די בילעטן באַקומען זיך לענגעכדיקע, גלאַנצנדיקע, קאָנאַקנדיקע, אין ביידע זײַטן איידל פאַרבויגענע, אָפּגעדרוקט זײַנען זיי מיט בראָנז־אויסיעס. אויבן, אין איין עק, שטייט פּאָטאָגראַ־פירט אין אַ רעמל דער כאָסן. אין אַנדערן עק — די קאַלע. ביידע זײַנען זיי שיין, ווי די וועלט; ביידע זײַנען מאָלע־כיין; שײַנען ביידע טאַקע נאָר ווי כאָסן־קאַלע קאָנען שײַנען. ס'קומט פּאָרט דערפון צו טאַטע־מאַמע אַ סאַך געזונט.

שוועריעך אַ ביסל איז מיט דער מוזיקע.

די מוזיקער רײַסן די הויט.

קלעזמער־יונגען!

נאָר סאַפּקאָלסאָף רעדט מען זיך מיט זיי צונויף. אַ רענדל אַרוף, אַ רענדל אַראָפּ. צו די כאַסענע־הויצאָעס דאַרף מען דאָך קיין צעבראָכענעם דאָך ניט צורעכענען... שפּילט, קלעזמאָ־רימלעך, ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן! אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרוף! שפּילט אַ פריילעכס און אַ טרויעריקס! שפּילט, אַז די טאַפּליעס זאָלן אָזש ציטערן!

אײַ, שפּילן זיי!

לאָמיר טאַקע די ערשטע כאַסענע אָנהייבן מיט זיי, מיט די קלעזמער.

דער פידלער, דער ראָש־האַקאַפּעלע, שטאַמט, זאָגט מען, פון ציגײַנערס. ער פאַרמאָגט אַ סמאָלע־שוואַרצע טשופּרינע אָפּן קאָפּ, שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, כיטרע כיין־גריבעלעך אין די שוואַרצכיינעוודיקע באַקן. ער טראָגט אַ שוואַרצן קאָסטיום, אַ שוואַרץ באַנטיקל באַם האַלדז. און עס ווײַזט זיך אויס, אַז די ווײַסע ציין זײַנע און דאָס ווײַסע העמד זײַנען די ווײַסטע זאַכן אין דער וועלט.

צווישן די פערציק פידלער אין סימפאָנישן אָרקעסטער, ווו ער שפּילט אַ גאַנץ יאָר, זעט ער זיך ניט אָן. הײַנט, דאָ אָף דער כאַסענע, איז ער מײַלעך. ער שטייט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט אָף די פיס. ניט אָף די פיס — קימאַט אָף די שפּיץ פינגער, אָט באַלד־באַלד וועט ער זיך אָפּרײַסן פון דער ערד. אַ שטיק אויער און אַ שטיק באַק זײַנע ליגן צוגעטוליעט צום פידעלע. ער הערט זיך אײַן אין די ניגונים, וואָס די פינגער זײַנע שפּינען אויס.

די סטרונעס זינגען, רעדן, כליפּען, בייזערן זיך, פּישטשען, גוגערן ווי אַ קינד אין וויגל, פאַרקײַכן זיך, וויקלען אַרום אויערן לאַנגע פּאַפירענע סימכע־סטענגעס, גלעטן, שלעפּערן, טוען מיטאַמאָל אַ וועק אויף, צעיאָגן גלעקלדיקע שליטנס אָף פאַרשנייטע וועגן, צעוויכערן פיס, צע־רירן אַקסל, פאַרפלעכטן הענט, הערצער, געדאַנקען, ווערטער.

ער דיריגירט מיט דער קאַפּעלע מיט אַ ווונק פונעם אויג, מיט אַן עלנבויגן, מיט אַ טאַנצנ־דיק בינטל האָר אָפּן שטערן. טראָפּנס שווייס פינטלען אים אויס דאָס פּאָנעם, ווי שטופּלען, זיי באַווײַזן זיך און פאַרשווינדן, פאַרשווינדן און באַווײַזן זיך. לויט דער שטאַרקײַט פונעם שפּילן, לויטן ניגון נאָך.

לעבן פידלער זיצט אף א בענקל דער אקאָרדעאָניסט, מיט א גלאנצנדיק־פּייַכטן, כשיוועס־דיק־הויכן פּליך אפן קאָפּ און מיט א פלאטשיק, קאלטבלוטיק, קייַלעכדיק פּאָנעם.

דער אקאָרדעאָן זייַנער, וואָס קארבט אים קלוימערשט אייַן מיטן רימען דעם האלדז, ליגט זיך אינדערעמעסן גרינג אָנגעשפּארט אף זייַנע קני, ווערט אלעמאָל גרויס און ווערט אלעמאָל קליין, בלאָזט זיך אלעמאָל אָן און שרומפּט זיך אלעמאָל אייַן.

געמאָסטן.

ווי אויסגעכעזשבנט.

דאכט זיך, קאלטבלוטיק.

עס ווייַזט זיך אויס, אז די פינגער דעם אקאָרדעאָניסטס לויפן אף די שווארץ־ווייַסע אקאָרדעאָן־ביינדלעך באזונדער, און ער אליין, דער אקאָרדעאָניסט, זיצט זיך אפן בענקל אויך באזונדער. די אופגעהויקערטע פינגער זייַנע פליִען גיך־גיך הין־און־צוריק איבער די ביינדלעך, און די אויגן זייַנע גלאנצן פארטייַעטע צו דער סטעליע ארוף. עס ווייַזט זיך אויס, אז איינס שפּילט ער און איינס טראכט ער. ער האָט פאר זיך ארום־און־ארום כאסענע־ראַש, פּאָרלעך, פּיס, פּלייצעס, אָנגעהיצטע פּענעמער. און ער האָט איבער זיך, ערגעץ העט אויבן אף דער סטעליע, שטילקייַט, אָפּגעזונדערטקייַט, א זאמדיקן יאם־ברעג, וואלד־גראָז אונטער דער זייַט, א רעקל צוקאָפּנס און דער רועך ווייסט וואָס.

אזוי ווייַזט זיך אָבער נאָר אויס. קוקט זיך גוט אייַן אין אים. הערט זיך גוט אייַן אין זייַן שפּילן. עס פּליעסקען צווישן די אקאָרדעאָן־קנייטשן דינע כוואליעכלעך טייַך, צעשפּריצן זיך אין טויזנטער וואסער־שפּריצן. עס זשומען צווישן די קלאווישן־ציינדלעך ביימער־קרוינען — טויזנטער צעווינטיקטע ציטער־בלעטלעך. עס פּייַפט א פאסטעך. עס בלעקעט א פארבלאָנדזשעט שעפעלע. עס ליאפּעט א זומערדיקער רעגן אף דעכער. עס פארגייט זיך פּאָשעט און פּראָסט א הארמאָשקע אין א פארשטויבטן פארנאכט.

קוקט זיך גוט אייַן, אָט טאקע אין די פארטייַעטע אויגן זייַנע, וועט איר זען. ס׳איז גלאט אזא מענטש. שטורעמט עפּעס אין אים — שטורעמט עס ערגעץ טיף אינווייניק, באהאלטן. אין דרויסן איז דאָס פּאָנעם קאלטבלוטיק, רויִק־קייַלעכדיק. צו וואָס באווייַזן זיך?

דער סאקסאָפאָניסט, נאָך גאָר א יונגיטשקער, האָט, מיינט מען, א פּאָר באזונדער־צוגעקלייבענע פליישיקע בלאָז־ליפּן און פארמאָגט, זעט מען, א דין שיטער וואָנצעלע איבער די ליפּן. דער מאמעס מילך האָט נאָך, דאכט זיך, ניט אויסגעטריקנט אונטער דעם דאָזיקן פּוך־ווייכן קוים־קוים־וואָנצעלע.

דער סאקסאָפאָן איז בא אים א צוגאָב־אינסטרומענט. ענדיקן ענדיקט ער די מוזיק־שול אף אן אלט. אפן סאקסאָפאָן שפּילט ער אזוי־זיך, אמאָל־אמאָל, אף א כאסענע, אף א טאנץ־אָוונט — ס׳וועט גאָרניט שאטן, אז מ׳עט דאָס אויך קענען.

א ביסל פונדעסטוועגן שעמט ער זיך, זעט מען, מיט אזא מין שפּילן. ער האלט די וויִעס זייַנע שעמעוודיק אראָפּגעלאָזט צום סאקסאָפאָן און האָט א פּאָנעם, ווי איינער, וואָס פארמאכט די אויגן, מע זאָל אים ניט זען. ביסלעכווייַז טוט אים אָבער דאָס שפּילן א נעם. ער טוט א הייב דעם סאקסאָפאָן ארוף, צעגאָרגלט זיך, צעדריידלט זיך, שרייַט אלעמען איבער, און האָט בייסמייַסע אין זינען א ווונק טאָן גרויסהאלטעריש, פון אויבן־אראָפּ, מיט א שמייכעלע, צום פּייַקלער לעבן זיך, וואָס לייגט די גאנצע צייַט אריַין אין די טאצן און אין די פּייַקלעך זייַנע דעם טאטן מיט דער מאמען.

דער פּייַקלער איז א לאנגער און א דארער. זיצנדיק באקומט ער א פּאָר שפּיציקע קני, פאריסענע אף ארוף. און ארום די דאָזיקע פאריסענע קני שטייען זיך ברייט צעשטעלט אלע באכאצויצרעס זייַנע: די פּויק מיט די פּייַקלעך, טאצן און טעצלעך, גלעקלעך, גראגערס, און וואָס ניט? ווען ניט די לאנגע הענט זייַנע, ווי וואָלט ער גאָר צום גאנצן קלאפּערגעצייַג געקאָנט גרייכן?

די מעשענע טאצן שפּיגלען אים אָפּ אין זיך מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פּיס ארוף. ער טוט זיך אלע מאָל א וואָרף אהין און טוט זיך אלע מאָל א וואָרף אהער. דאָ פארהאלט ער א טאץ אינמיטן דרינדזשען; דאָ צעגראגערט ער א גראגער; צעגלעקלט גלעקלעך; און איבער אלעמען פּייַקלט דאָס פּייַקל, דונערט דאָס פּייַקל. עס לויפן בא אים אראָפּ און ארוף די ברעמען אפן שטערן. עס צעשאָקלען זיך די קני זייַנע. עס וויכערן די הענט.

איַי, פּייַקלט ער, דער פּייַקלער.

די כאסענע האָט זיך שוין לאנג אָנגעהויבן. ס׳איז שוין א גוטע שאָ אין דער נאכט. די קלעזמער האָבן שוין אלע וויוואטן אופגעשפּילט, — די מעכוטאָנים זייַנען זיך שוין לאנג צונויפגעקומען. אוילעם האָט זיך שוין אפילע געגנוג אָנגעהעפּעט. פארוואָס זשע שטייען נאָך די געגרייטע טישן ניט גערירט? פארוואָס פארבעט מען נאָך ניט אויסצוזעצן זיך ארום זיי? וואָס איז

געשען? וואָס ווארט מען? היי, קאַלעס צאַד! מע דאַרף א פרעג טאָן בא קאַלעס צאַד. אבעטעך, ווער איז קאַלעס צאַד? שא נאַר, ווו איז דער הויפּט־מעכוטן, דער קאַלעס פאָטער ווו איז?

די מומע ריווקע, דער קאַלעס פאָטערס שוועסטער, ראַשט זיך אום צווישן די געסט און ווערט מאַמעש באַטל צווישן אזא־אָ גרויסן אוילעם.

ענטפער דעם און ענטפער יענעם.

כאַטש נעם און דערציייל איבער יעדן באַזונדער די גאַנצע געשיכטע.

זי איז, דאַכט זיך, צופיל אָנגעפּודערט, די מומע ריווקע. די סימכע־טרער, וואָס גלאַנצט איר פון צײַט־צו־צײַט אויף אין די אויגן, ציטערט דאָרט א רעגע אונטער און קײַקלט זיך סאָפּקאָל־סאָף ארויס, האָט זיך אף וואָס אָנצוזען. זי קוקט אין א קליין שפּיגעלע און פאַרפּודערט זי, די טרער. נאָר אין עטלעכע מינוט ארום זוכט זי ווידער אין טאַש דאָס שפּיגעלע. מאַכמעס, ווי קאָן א כאַסענע זײַן אָן א טרער? און ווי קאָן מען אזוי־אָ גרינג, מיט א פאָשעט ביסל פּודער, פאַר־ווישן די דאָזיקע טרער?

די קאַלע, אין איר ווײַסן כאַסענע־קלייד, אויסגעשלייערט אין ווײַסן קאַלע־שלייער, מיט א פּאָר גרויסע שיינע בלאָע אויגן, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר ביז די אַקסל, שמייכלט די גאַנצע צײַט מיט א שמייכעלע אף די ליפּן, וואָס זאָגט ניט גאָרניט און זאָגט פונדעסטוועגן יאָ עפּעס. לעמאָשל: כ׳בין אי גליקלעך, אי מיד; אי עס געפעלט מיר דער דאָזיקער ראַש ארום מיר, אי עס וואָלט מיר שטאַרק געפעלן א קליין אָפּגעזונדערט ביסעלע שטילקײַט; אי איך וויל שוין דעם טאַנץ וואָס גיכער איבערקומען, אי איך וויל, ער זאָל זיך אזוי ציִען אייביקײַטן. און ביכלאַל שמייכל איך אזוי זיך. ווײַל עס שמייכלט זיך. ווײַל עס ווילט זיך גיכער שמייכלען, איידער זיצן אומעטיק־אָנגעבלאָזן, טרויעריק־פאַרזאָרגט, ווי א קאַלע, זאָגט מען, דאַרף אזוי זיצן אין טאָג פון איר כאַסענע.

דער כאָסן לעבן איר באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס אויסצוזען וואָס געוויינלעכער, וואָס ווײַ־ניקער כאָסן. עס גיט זיך אים אָבער, זעט מען, ניט אײַן. ער שטייט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט די הענט. אין איין האַנט האַלט ער דער קאַלעס נאַקעטן עלנבויגן, און מיט דער אַנדערער האַנט טוט ער אַלע מאָל א צי דאָס ווײַסע באַנטיקל זײַנס אפן האַלדז. טוט עס א צי אַוועק און לאָזט עס צוריק אָפּ, ווי ער וואָלט פּלוצעם, קליינערהייט, א צי געטאָן דאָס גומענדל פון א ראָ־גאַטקע־ביקסל און צום לעצטן מאָל אָפּגעלאָזט א שטיינדל אין א פייגעלע אף א צווײַג. ס׳א ביסל סטראַשנעוואַטע. סטראַשנער, דאַכט זיך, ווי בא די דיפּלאָם־עקזאַמענעס, וואָס ער האָט דאָ ניט לאַנג אָפּגעגעבן. סטראַשנער, ווי דעם ערשטן טאָג נאָכן פאַרענדיקן דאָס לערנען אַליין אָנפירן מיט דעם צעך אין זאַוואָד, ווו מ׳האָט אים געמאַכט פאַר באַלעבאָס. פריקרער פון אַלץ איז דאָס, וואָס מ׳עט באַלד אָנהייבן שרײַען: „גאָרקאָ! גאָרקאָ! קושן זיך! קושן זיך!״ וויִאַזוי טוט מען עס דער שענסטער דײַנער און דער בעסטער דײַנער א קוש לויט עמעצנס באַפעלן? נאָר גאָרניט, ער איז ניט קיין ייִנגעלע. א מענטש דאַרף אין לעבן אַלץ דורכגיין. א כאַסענע אויך.

דער אוילעם רעדלט זיך.

א רעדל מעכוטאָנים אין איין ווינקל.

א רעדל מעכוטאָנים אין א צווייטן ווינקל.

ווײַבער מיט אופגעפּוכקעטע, פריש־אָנגעקרויזטע קעפּ. מענער מיט יאָמטעוודיק־צוגעפּוצטע וואָנצעס. מיידלעך אין נײַע קליידלעך. קורץ־געשוירענע ייִנגלעך אין שוואַרצע קאָסטיומען. קינדער שטייען אויסגעשטעלט איינס לעבן אַנדערן אף א באַנק. די קאַפּעלע קנאַקט. פיר קלעז־מער פאַרטויבן א גאַנצן אוילעם. עס זעט אויס, ווי איינער רעדט מיטן אַנדערן אף שטומלאָשן, שושקעט זיך, ניט ער רעדט. און אז די קאַפּעלע בלײַבט שטיל, הערט מען, פאַרקערט, ווי איינער צום אַנדערן שרײַט, טײַנעט אים ארײַן אין אויער ארײַן, גלײַך דער גאַנצער אוילעם וואָלט געווען א טויבער אוילעם.

— וואָס זאַמט ער זיך דאָרטן אזויפיל וואָס?

— ווער זאַמט זיך? ווו?

— טאַקע ער. בומע.

— ווער ער? רעדט, מע זאָל אײַך פאַרשטיין.

— ער. דער קאַלעס טאַטע.

— הא, בומע. ווו זאַמט ער זיך?

— ס׳הייסט ווו? טאַקע דאָרטן, אפן אעראָדראָם.

— וואָס פאַר אן אעראָדראָם אינמיטנדרינען אף א כאַסענע?

— מע דאַרף מיט אײַך אַלעמאָל אָנהייבן פונעם אָנהייב.

— הייבט אָן. ס׳קאָסט אײַך געלט?

— מ'האָט איר ניט געקאָנט באַצײַטנס געבן קיין טעלעגראַמע?
— וועמען געבן א טעלעגראַמע?
— זי זאָל געווען אָנקומען נעכטן.
— וועמען א טעלעגראַמע?

— מאָלט אײַך, אז זי ווייסט שוין דעם טאָג פון דער כאַסענע פון א וואָך צײַט. דאָס האָט זי אליין הײַנט געקלאַפּט א טעלעגראַמע, אז זי פליט ארויס. גיי זײַ א נאָווי, אז ס'עט פלוצעם ווערן אויס ליאָטנע פּאָגאָדע.
— כ'בעט אײַך, ווער איז?
— די מאַמע.
— וועמעס מאַמע?
— הייבט זיך אָן א מײַסע מיט א ייִדן א נודניק. ציפּעלעס מאַמע.
— ווער איז די ציפּעלע?
— ווער איז די ציפּעלע. די קאַלע, די קאַלע!
— הא, ציפּעלע, קאָנט איר דאָך רעדן ווי א מענטש. מיך רופט ער נודניק.
— גייט, דער קאַלעס מאַמע, אַלע־האַשאַלעם, באַסיע, ליגט שוין אריבער צוואַנציק יאָר אין דער ערד. א געשאַסענע, ווײַ איז מיר. אן אייביקער, וויסטער בראָך צו די מערדער אונדזערע!

— מע ווייסט עס אָן אײַך. די טשערקעסערקע, זאָג איך, וואָס האָט דאָס קינד געראַטעוועט און אופגעכאָוועט. ווי דען זאָל מען זי רופן? אוואַדע די מאַמע.
— שוין גראַדע אָן אוקראַינערקע, ניט קיין טשערקעסערקע. טאַקע לעבן דער שטאָט טשערקעסק, טאַקע אַף יענער זײַט טײַך קובאַן, נאָר דער קאָלכאָז איז אָן אוקראַינישער קאָל־כאָז. כ'ווייס אפילע, ווי זי הייסט אויך. מאַרפע הייסט זי. מאַרפע ניקיטאָוונע.
— א ייִד — א געלעכטער, כ'לעבן. אז איר ווייסט אלצדינג אזוי גוט, וואָס זשע האלט איר אין איין פרעגן?
— כ'וויל וויסן, צי איר ווייסט.
די מומע ריווקע בארוזיקט געמיטער. א טאנץ גייט טאַקע ניט פאר קיין עסן. ביפראַט אַף א כאַסענע. א מײַסע גייט אָבער יאָ. טאָמיד. א מײַסע פארבײַט אלצדינג. און נאָך אזא מײַסע.
ווײַבער מיט אופגעפוצקעטע, פּריש־אָנגעקרויזטע קעפּ רעדלען זיך ארום דער מומע ריווי־קען, ווי ארום א באַדכן. טיכעלעך ציִען זיך צו די אויגן, ווי בא קאַלע־באַזעצן.

— ...יאַוועט זיך, הערט איר, פלוצעם ארײַן אין א טאָג דער גוטער סטאַראָסטע פונעם דאָרף און טוט אַף איר א יעכץ, אַף דער ניקיטעוונע: „כצופּע! — יעכצט ער. — נעם די זשי־דאָווסקע מאַמזערטע און הײַד אין שטאַב ארײַן! האָסט זיך דערוואַרט דײַנס. איר וועט הענגען ביידע אַף איין שטריקל. הײַדז!"

„הענגען איז הענגען, — זאָגט די ניקיטעוונע, — אַף איין שטריקל איז אַף איין שטריקל. גלײַכער, זאָגט זי, הענגען אַף א שטריקל פאר טאָן מענטשן גוטס, איידער אומגיין פרײַ אַף דער וועלט מיט אזא־אָ אָנגעזויפּטער מאָרדע, ווי דײַנע, פאר ראָצכענען און גאַזלענען. קום, זאָגט זי, קום אין שטאַב ארײַן!"

און זי האָט אָנגעטאָן אַף זיך דאָס בעסטע, וואָס זי האָט פארמאָגט, און זי האָט דאָס קינד אָנגעטאָן אין סאַמע שענסטן. און אזוי־אָ, אין ריינע קליידער, מיטן קינד אַף די הענט, איז זי אוועק אין שטאַב — געגאַנגען אַף דער אייגענער לעווײַע.

דאָס גאַנצע דאָרף איז זיי נאָכגעגאַנגען. טאַקע נאָר ווי נאָך א לעווײַע. און דער מעס ליגט ניט אין קיין שום אָרן. קיינער טראָגט אים ניט. דער מעס שפּאַנט זיך אליין פון פאָרנט, מיט די אייגענע פיס, צום קיווער־צו...

ארײַנגעקומען אין שטאַב, שטייט זיך אזוי דער קאָמענדאַנט דאָרטן מיט א פּאָר שוואַרצע שפּיציכיקע וואָנצעלעך — אָן איטאַליענישער קאָמענדאַנט, ווי מ'האָט זיך דערנאָך דערוווּסט, — און טוט מיט א געלעכטערל א מאַך:
— אַנו, ווײַז עס נאָר אהער, דאָס שמוציקע נעפעש!
וויקלט די ניקיטעוונע ציפּעלען אויס פון דער שאַל און לאָזט זיך ניט:
— זאָג ניט שמוציק, אַדוויני אָפיצער. א ריין קינד. א ריין נעשאָמקעלע!..

— ציץ! — טוט דער קאָמענדאַנט א יעכץ, טוט זי א כאַפּ, ציפּעלען, זעצט זי ארוף אַף דער דלאָניע, טוט זי א הייב ביז אין דער סטעליע ארוף, קוקט אַף די בלאָע אייגעלעך אירע, אַף די שיינע בלאָנדע הערעלעך, און ווייסט ניט, צי האלט ער אין די הענט א קינד, צי האלט ער אין די הענט א ליאַלקע. ער הייבט אָן סמאָטשקען צו דעם. און דאָס קינד, וואָס ווייסט א קינד, עס

ענטפֿערט אים מיט אַ לאַך. טוט ער נאָכאַמאָל אַ סמאָטשקע. טוט זיך דאָס קינד אַ גוידער, צע־העצקעט זיך אים אױף די הענט. טוט דער קאָמענדאַנט אַ געשריי:

— שווײַנע!.. פֿונוואַנען ווייסט מען, אַז ס'אַ ייִדיש קינד!

— מע ווייסט ניט, אַדוינִי אָפּיצער, — ענטפֿערט די ניקיטעווונע. — פֿונוואַנען זאָל מען וויסן? כ'האָב עס געפֿונען אינמיטן פֿעלד. אַ פּיצעלע. אין די וויקעלעך. מע ווייסט ניט. אַוואַדע ווייסט מען ניט.

טוט דער קאָמענדאַנט אַ מאַך מיטן געלעכטערל מיט זײַנעם:

— און עפּשער איז עס גאָר אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם הימל, האַ? אַ הימל־קינד. אַן אַראָפּגעפֿאַלן מאַלעכל, האַ?

— עפּשער, אַדוינִי אָפּיצער. פֿונוואַנען זאָל מען וויסן?

— און מיט וואָס קאָרמעסטו עס, האָדעוועסט עס מיט וואָס?

— מיט אַ ביסל אָקרעפּ. מיט אַ פֿאַרפּאַרעט שטיקל סעכערל. אַמאָל מיט אַ לעפֿל באָרשטש, אַדוינִי אָפּיצער.

— ס'איז ניט קיין ייִדיש קינד! — טוט דער קאָמענדאַנט אַ געשריי אױפֿן סטאַראָסטע און טוט אַ דערלאַנג ציפּעלען צוריק דער ניקיטעווונען. — וואָן! גיי האָדעווע עס ווײַטער, שווײַנע!..

בומע האָט זיך דעמלט געפֿונען אױפֿן פֿראָנט. ווו באַסיע איז אַהינגעקומען, האָט ער ניט געוווּסט. זי איז געווען אױף דער צײַט, ווען זיי האָבן זיך צעשיידט. האָט זי זיך עוואַקויִרט? האָט זי בעשאָלעם געבוירן? איז זי, כאָלילע, ניט פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿונעם דײַטש? ער האָט זיך אָפּגע־שריבן די פֿינגער. געזוכט זי אין אַלע עקן לאַנד. פּלוצעם, אין אַ צײַט אַרום שוין נאָך דער מיל־כאָמע, קומט אים אָן אַ בריוו פֿון מאָסקווע: אַזוי און אַזוי, אַזעלכע און אַזעלכע איז געווען עוואַ־קויִרט לעבן טשערקעסק, אין דעם און דעם קאָלכאָז. קלאַפּט ער אַוועק אַהין אַ טעלעגראַמע און קריגט באַלד פֿונעם סעלסאָוועט דעם גוטן ענטפֿער: באַסיען האָבן די דײַטשן אַרויסגעפֿירט שיסן. און דאָס קינד, ציפּעלען, האָט זי איבערגעלאָזט בײַ איינער אַ ניקיטעווונען. דאָס קינד לעבט און איז געזונט.

זעקס יאָר איז זי שוין אַלט געווען, ציפּעלע, ווען ער האָט זי גענומען צו זיך. טוט אױף איר אַ קוק, אױף דער קאַלע. ווי צוויי טראָפּן — באַסיע. אײַנגאַנצן באַסיע. אַן אויצער, ניט קיין קאַלע. אַ בראָכע אױפֿן גוטן האַרצן אױף אירן, אױף דער דאָזיקער ניקיטעווונע!

דער גאַנצער אוילעם ווייסט שוין פּאַוואָלינקע די געשיכטע.

הער נאָר, אַוואַדע דאַרף מען וואַרטן.

אַפֿילע ביז ווײַסעך וויפֿל וואַרטן.

נאָר קיין סאַך האָט שוין ניט געדויערט. בומעס עלטערער ברודער, דער פֿעטער יאָסל, האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן שטופּן זיך צווישן אוילעם מיט די עלנבויגנס, רײַסן זיך צו די קלעזמער, שרײַען:

— אַ מאַרש! שפּילט אַ מאַרש!

דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט איז דאָס געווען דעם פֿעטער יאָסלס אַרבעט: אַלע מאָל צולויפֿן צו די קלעזמער מיט באַפֿעלן. ער איז יעדעס מאָל אַרויס אין פּאָדערצימער צו דער אָפֿענער טיר, און האָט ער נאָר דערזען עמעצן אָנקומען, איז ער באַלד צוריקגעלאָפֿן מיט אַ געשריי צו די קלעזמער. די גיכקײַט פֿונעם צוריקלויפֿן און די שטאַרקײַט פֿונעם געשריי האָט זיך געמאָסטן לויטן מעכוטן. עפּעס אַ געהויבענער, נאָענטער מעכוטן — אַ גיך לויפֿן, אַ הויך געשריי. אַזוי זיך, אַ ווײַטלעכער מעכוטן — אַ ווײַז מיט דער האַנט, אַ מאַך מיטן קאָפּ: היי, טוט עס דאָרט אַ שפּיל, אַ מעכוטן גייט!

דאָס מאָל איז ער געשפּרונגען איבער מענטשן, געקערט וועלטן, געריסן זיך דעם האַלדז אױפֿן גאַנצן באַריטאָן זײַנעם, קינד־און־קייט אין זאַל זאָלן דערהערן:

— נו!.. קלעזמער!.. אַ מאַרש!.. שפּילט אָפּ אַ גרויסן מאַרש!..

אין דער טיר האָבן זיך באַוויזן בומע און די ניקיטעווונע. ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט די סוויטקע אירע. זי האָט אָפּגעוויקלט פֿונעם קאָפּ דאָס געקווייטלטע שאַלעכל.

זי איז שטיין געבליבן קעגן אוילעם מיט גלאַט־פֿאַרקעמטע, גראָוולעכע האָר. מיט טיפֿע קנייטשן אַרום אַ פּאָר לעבעדיקע אויגן. מיט אַ גוט צוגעלאָזט פּאָנעם.

אַ פֿליִעסקערײַ האָט פֿאַרהילכט די קלעזמער. דער אוילעם האָט זיך צערוקט, דורכגעלאָזט ציפּעלען אַנטקעגנלויפֿן איר און זיך מיט איר צעקושן. דערנאָך האָט זיך מיט דער ניקיטעווונען צעקושט די מומע ריווקע. דערנאָך — דער כאָסן. דערנאָך — דער פֿעטער יאָסל, דעם כאָסנס טאַטע־מאַמע. דערנאָך, אײנציקווײַז — אַלע מעכוטאָנים. אָרדענונג האָט געהאַלטן דער פֿעטער יאָסל:

— אוילעם, שטופּט אײַך ניט. שטעלט אײַך אַ־דאַ־אַ אויס. שטעלט אײַך אויס אין א ריי!

מ'האָט ענדלעך פארבעטן דעם אוילעם צו די טישן. מ'האָט אָנגעהויבן אופּפּראָפּקעווען פלעשלעך קאָניאַק, צעגיסן פאר די ווײַבער ווישניק אין די קעלישעקלעך. מ'איז שוין טאקע געווען גוט אויסגעהונגערט אויך. נאָך די ווארעמע ווערטער, וואס בומע האָט, אופשטעלנדיק זיך, מיטן גלעזל אין דער האנט, געזאָגט מיט א פּאָר נאסע אויגן דער ניקיטעווונען, האָט מען זיך א נעם געטאָן צו די צובײַסנס.

פולע טישן, קיין אײַנהאָרע. אָן א שיר קאָלערליי צובײַסנס. ווי האָט עס גאָר דער אוילעם אזא לאנגע צײַט אויסגעהאלטן? דאָס פײַנע שטיקל הערינג ארומגעלייגט מיט מאסלינעס. דאָס עמעסע געפילטע שטיקל פיש. טעלער כאָלאָדעץ פון פליגעלעך און פּופּיקלעך. אײַנגעהאקטער לעבער. שעלעכלעך שווארצן און רויטן רויג. העלדזלעך, אָנגעפילטע מיט אייער. א געקנאָבלט שטיקל פּאסטראמע. סארדינקעס. קעזן. בלאָע פארפראוועטע פּאָמידאָרן. געפּרעגלטע פּעפערס. מארינירטע אוגערקעלעך. געזײַערטע ארבוזעס. כריין.

ביז דער יויך מיט מאנדעלעך און דעם געבראָטענעם פּערטל אָף מיט מאַינע — עפּשער אכצן צובײַסנס.

— און אכצן, — האָט א זאָג געטאָן דער פעטער יאָסל, — הייסט כײַ.

— און כײַ הייסט לעבן.

מ'האָט געגעסן מיט א ראש, מיט א גלײַכווערטל, מיט געלעכטערן. מ'האָט צעגאָסן דעם ווײַן אין די באָקאלן. און דער פעטער יאָסל האָט געגעבן דעם טאָן אָנצוהייבן זינגען: „לאָמיר אלע איניינעם, איניינעם די ניקיטעוונע מעקאבל־פּאָנעם זײַן!"

די ניקיטעוונע.

די ניקיטעוונע.

די ניקיטעוונע.

דערנאָך האָבן יינגלעך און מיידלעך, קעגניבער כאַסן־קאַלע אין אנדערן עק טיש, אָנגעהויבן שרײַען „גאָרקאָ". און דער כאָסן, א ביסל שעמעוודיק, א ביסל ניט וועלנדיק, האָט זיך געטאָן א בייג צו צו ציפּעלען, פארשארט די עקן פון איר כאסענע־שלייער, ארײַנגענומען דאָס פּאָנעם אירס אין ביידע הענט, און פאר יעדן אין די אויגן געגעבן איר א שטארקן קוש אין די ליפּן — אפילע א ביסל צו א שטארקן. נאָר נישקאָשע. ער איז שוין ניט קיין יינגעלע. ער איז געזעסן און שוין ארויסגעקוקט אפן דאָזיקן שרײַען. און ס'איז טאקע ניט מעסוקן. א קוש לויט עמעצנס באפעלן, לאָזט זיך אויס, האָט דעם זעלבן טאַם, וואס אלע אנדערע קושן.

דער אוילעם האָט געגעסן און געטרונקען, געשמועסט און געלאכט. און דער פידלער, דער ראָש־האקאפעלע, איז צוגעקומען צום טיש מיטן פידעלע באם האלדז, און איינער אליין, שפּאַנענדיק פּאמעלעך, טראָט בא טראָט, ארום־און־ארום הינטערן אוילעמס פּלייצעס, אָנגעהויבן אויספלעכטן א קראנץ יידישע ניגונים.

די סטרונעס האָבן גערעדט, געזונגען, פארגאנגען זיך ווי א סאָלאָוויי, געגוגערט ווי א קינד אין וויג, געוויקלט ארום אוילעם לאנגע פארביקע סימכע־סטענגעס, געגלעט, געפּריט, געצערטלט פּענעמער, אויגן, הערצער.

שפּילט, קלעזמער.

ביז אין ווײַסן טאָג ארײַן.

שפּילט א פריילעכס און א טרויעריקס.

שפּילט, אז די טאפליעס זאָלן אזש ציטערן!

די צווייטע כאסענע:

אויך אזוי, ווי די ערשטע. אָף קיין האָר ניט געמינערט.

מיט דער זעלבער קלעזמער־קאפּעלע. אין זעלבן רעסטאָראן־זאַל. אויך מיט אזאַ־אַ גרויסן אוילעם. מיט דער זעלבער ברייטקײַט און סימכעדיקײַט.

כאַסן־קאַלע, פריידקע און וויקטאָר, ביידע סטודענטן פון איין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָבן זיך איינער אין אנדערן פארליבט ניט אָף קיין קאטאָוועס. מיט איבערלעבענישן. מיט הארצוויייטעק. מיט אלע זיסע און ביטערע נאָגענישן פון אָן ערשטן פארליבן זיך.

פריידקעס טאטע־מאמע זײַנען נאָך יונגע מענטשן. דער פּאָטער, דאָקטער דאָוויד נאומאָוויטש ווײַנער, איז א כירורג אין א קינדער־שפּיטאָל. די מוטער, סארא לאזארעוונע, איז א לערערן.

די שטוב פירט סארא לאזארעוונעס אלטע מאמע: די באָבע לייע. זי זיצט נאָך פעסט אין זאָטל, די באָבע לייע. זי איז נאָך די גאנצע באלעבאָסטע אין שטוב. זי מישט זיך צו די קינדערס

געשעפטן, גלײַך ווי די טאָכטער און דער אײדעם וואָלטן טאַקע נאָך געווען קינדער. עסן עסט מען דאָס, וואָס זי קאָכט. און קאָכן קאָכט זי דאָס, וואָס זי פאַרשטײט. מײלע, אַף דער טאָכטער, ווי אַף דער טאָכטער, נאָר זי קאָן נאָך אַמאָל אָנשרײַען אַפן אײדעם אױך, אַפן דאָקטער. פונעם אײניקל, פון פרײדקען, רעדט מען שױן ניט. די באָבע לײע איז קײנמאָל ניט געווען ניט אין דער טאָכטערס שול, ניט אין אײדעמס קינדער־שפּיטאָל, און אַוודאי ניט אין פרײדקעס פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. נאָר ווײסן ווײסט זי אַלצדינג, וואָס דאָרטן געשעט. כאָטש די קינדער שמײכלען צו פון איר געוועלטיקן, האָבן זײ שטילערהײט דערפון האַנאָע, ווילן עס אַפּילע אַלײן. זאָל זי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר אַזױ באַלעבאַטעווען, און זאָל זי טאָמיד זײַן אַזאַ קאָזעק, ווי זי איז, די אַלטע מאַמע.

זי האָט דאָס די ערשטע דערפילט פרײדקעס פאַרליבן זיך. מ'איז געזעסן אין אַן אָפּדערנאַכט און מ'האָט געגעסן וועטשערע. ס'איז שױן געווען שפּעטלעך, און פרײדקע איז, ווי געוויינלעך, נאָך ניט געהאַט אַהײמגעקומען. די באָבע לײע האָט געהאַלטן די גלאָז טײ אין בײדע הענט, עפּעס מערער ווי אַן אַנדערשמאָל געוואַרעמט זיך אין איר, אונטערגעקרעכצט, און פּלוצעם, אַזױ־אָ, מיט אַ קרעכצל, אַ מאַך געטאָן:

— ט'וועט איר אומיסטן זען. האַלעווײַ איך זאָל ליגן זאָגן. די קלײנע שפּילטעך אַ ליבע.

— פונוואַנען נעמסטו עס, מאַמע? — איז סאַראַ לאַזאַרעוונען באַפאַלן אַ געלעכטער.

— איך נעם עס? מײַנע צאָרעס נעמען עס. וואָס זשע, כ'זע דען ניט, ווי זי דאַרט אײַן פון טאָג צו טאָג, ווי זי גײט אום פאַרטשאַדעט זע איך ניט? כ'זע ניט, ווי ער דרײט זיך אָפּ־און־אוף בא די פענצטער זע איך ניט?

— אַ ליבע שפּילן איז, דאַכט זיך, גאָר ניט קײן קרומע זאַך, מאַמע?

— יאָ. מיט עפּעס לײַטישס.

— און דו ווייסט שױן, אַז דאָס איז ניט קײן עפּעס לײַטישס?

— איך ווײס? מײַנע צאָרעס ווײסן.

— אַשטײגער?

— ערשטנס, איז עס נישט קײן ייִדיש ייִנגל.

— און צווײטנס?

— ווילסט נאָך אַ צווײטנס?

— וואָס זשע, לעמאָשל, באַפעלט איר טאָן, שוויגער־לעבן? — האָט דער אײדעם אַ וווּנק געטאָן צו דער טאָכטער.

— מעגסט דיר דערפון, געניידעם מײַנער, געזונטערהײט לאַכן, וויפל דו ווילסט. נאָר איכ'ל מיר זאָגן מײַנס. צום ערשטן דאַרף מען זען, דער באָכער זאָל זיך אופהערן דרײען בא די פענצטער.

— אַוודאי. קאַרג פּאַרקן פאַראַן אין שטאָט?

— נע. אַ־דאַ־אַ. אין שטוב, זאָג איך, זאָל ער זיך דרײען.

— ווערט שױן דער ערשטנס ניט זײַן קײן ערשטנס, שוויגער־לעבן?

— לאַך, לאַך. וואָס די דאָזיקע אַלטע ייִדענע פאַרמאָגט אין דער פּיאַטע, פאַרמאָגן ניט קײן אַנדערע ייִנגערע אין קאָפּ. אַפּילע ווען זײ זײַנען דאָקטערס. מע ווײסט עס ווײל אַלײן, אַז מע קוקט הײַנט ניט אַף אַזעלכע זאַכן. אָבער אַ לײַטיש ייִנגל, אַ טאַטנס אַ קינד, דאַרף עס זײַן? אַדע־ראַבע, לאָמיר אים אױך זען. לאָמיר זען. לאָמיר הערן.

האָקיצער, וויקטאָר האָט אָנגעהױבן קומען אין שטוב אַרײַן. אַ ביסל האָט זיך דאָס פּאָרל אין אָנהײב געשעמט, אַ ביסל האָט מען זיך דערנאָך פּאַוואָלינקע צוגעווױנט. ס'איז פּאָרט אַ מעכײַע צו קוקן, ווי זײ זיצן בײדע אין אַלקער, אײנס לעבן אַנדערן, איבערגעבױגענע איבער די ביכער און איבער די צײכענונגען זײערע, פאַרפלאַמטע, פאַריאָצטע, מע לערנט קלאָמפּערשט, מע גרײט זיך קלאָמפּערשט טאָג און נאַכט צו די סעסיעס, ווי זײ רופן עס — זי זעט דען ניט, די באָבע לײע, וואָס דאָרטן טוט זיך. נאָר גאָרניט. ער איז גאָרניט קײן שלעכטער כעוורעמאַן, דער דאָזי־קער וויקטאָר. אַ שטאַלטנער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע קלוגע אױגן, מיט אַ קלוגן שמײכל אַפן פּאָנעם, אַ שטילער, אַ בעניִמעסדיקער, ס'אַ פאַרגעניגן, כ'לעבן, אױסצורײדן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. ליב האָט ער זי, פרײדקען, ווי דאָס לעבן, זאָגט ער, און אַזױ איז עס טאַקע, וואָרעם וואָס האָבן זײ אַזױפיל צו רעדן וואָס? מע רעדט און מע רעדט און מע קאָן זיך גאָרניט אָנרעדן. און וואָס האָבן זײ אַזױפיל צו זיצן וואָס? מע זיצט און מע זיצט, עפּשער ביז צוויי דעם זײגער זיצט מען, און מע קאָן זיך גאָרניט אָפּטײלן. פאַרלאָזט אײַך אַף דער באָבע לײען — זי האָט פּאַוואָלינקע אױסגעוואַרט בא זײ דעם יאָ מיטן נײן. ער מײנט עס טאַקע גאָר ערנסט מײנט ער עס. ער איז ביכלאָל אַן ערנסט ייִנגל. ניט קײן שוויצער, ווי אַנדערע. ניט קײן אױסברענגער, קײן פּאַטשער. ניט, כאָלילע, קײן אָפּנאַרער, קײן פאַרדרײער. ער באַקומט דאָרט אין אינסטיטוט

די סאמע גרעסטע סטיפּענדיע. ער ציט זיך צו הויכע וועלטן. ווארט אויס, ער וויל זיך ערשט, זאָגט ער, באַם אינסטיטוט ניט אָפּשטעלן. און ער ציט פריידקען, זעט מען, אויך מיט זיך. וואָס זשע קאָן, דאַכט זיך, זײַן גלײַכער, האַ? אײַ ער רעדט קיין ייִדיש ניט, וויפל מישטיינסגעזאָגט רעדט פריידקע ייִדיש? ער רופט זי „באָבע לייע״ מיטן זעלבן כיין, ווי פריידקע רופט זי. זי רעדט מיט אים מאָלדאוואניש, ווי זי פלעגט אמאָל אין שטעטל רעדן מיט די מאָלדאוואנער, ווען זיי פלעגן קומען צו איר לייזערן, אָלעווהאשאָלעם, מאַכן זיך א שפּאַן צו די פערד, א פאָר ווישקעס, שלייעס. ער איז געווען א פּראָסטער רימער, איר לייזער. נאָר א פארשטאנדיקער מענטש, א כאָכעם. אַז א מאָלדאוואַן פלעגט אמאָל בלײַבן באַ זיי איבערנעכטיקן, פלעגט ער הייסן אויסבעטן אים דאָס שענסטע געלעגער, אופגעבן די שענסטע וועטשערע. „הערסט, לייקע, פלעגט ער א זאָג טאָן, ס׳וועט אמאָל, גלייב מיר, קומען א צײַט, ווען אלע מענטשן און אלע פעלקער וועלן הייסן ברידער. יעשײַע־האנאָווי האָט עס נאָך פירגעזען. וואָס זשע דאַרפן מיר וואַרטן אַזש ביז יענער צײַט, ווען מיר מיט דיר וועלן שוין ניט זײַן דערבײַ?..״ אײַ, ווען איר לייזער לעבט איצטער! וואָס וואָלט ער געזאָגט? ער וואָלט געזאָגט, אַז ס׳איז גאָרניט קיין קרומע זאַך. ס׳וואָלט אים עפּשער טאַקע ביז גאָר האַנאָע געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך ביידע אַזוי גערן, די קינדער. א מענטש דאַרף ס׳ערשטע זײַן א מענטש. און אַז מ׳איז אפילע טויזנט מאָל ייִד, און מ׳איז קיין מענטש ניט, טויג עס אָף טישטשע נײַנציק קאַפּאָרעס. כ׳ווייס, וואָלטן זיי זיך ביידע אַזוי שטאַרק ניט ליב געהאַט, איז עפּעס אַנדערש. נאָר אַז מע זעט, ווי זיי גייען פּאַשעט אויס איינס נאָכן אַנדערן. וואָס קאָן נאָך טאַקע זײַן אין דער וועלט שטאַרקער פון ליבשאַפט? אין איר צײַט האָט מען אוואדע דערפון ניט געוווּסט. און גאָרניט — אָפּגעלעבט מיט לייזערן א לעבן. נאָר באַ די קינדער, באַ דאָווידן און באַ סאָרען, איז דאָס דער גאַנצער איקער. זיי ווילן אפילע ניט פרעגן ווער און וואָס. זיי ווילן וויסן איינס: צי זיי האָבן זיך עמעסדיק ליב. אבי זיי האָבן זיך עמעס ליב, מאַמע, דאַרף מען ווײַטער קיין שום זאַך ניט. באַ דאָווידן און באַ סאָרען האָט מען באַלד געפּויעלט. זיי זײַנען שוין געווען פּאַרטיק, די קינדער זאָלן כאַסענע האָבן נאָך פּאַראיאָרן. וויפל נעכט, אַשטייגער, איז זי געלעגן אָפן געלעגער, געדרייט זיך אַהין און געדרייט זיך אַהער, אָנגעקוועטשט זיך די אַלטע ביינער אירע, און קיין אויג ניט געקאָנט צומאַכן. געוויגן און געמאָסטן. געמאָסטן און געוויגן. טויזנט מאָל געמאָסטן דעם יאָ און טויזנט מאָל געוויגן דעם ניין. זומער איז זיך פריידקע דורכגעפאָרן מיט וויקטאָרן צו אים אין דאָרף אַרײַן. זי איז צוריקגעקומען אין זיבעטן הימל. א גליק האָט זי געטראָפן. וויקטאָרס טאַטע־מאַמע האָבן זי שטאַרק ליב באַקומען. „זיי האָבן מיך ליב בעסער, ווי דו, באָבע לייע״, — האָט זי א זאָג געטאָן. און ווער ווייסט, עפּשער איז עס טאַקע א גליק אויך. וואָסי? פּראָסטע, ערלעכע מענטשן. קאָלכאָזניקעס. פּאַראָרעוועטע מענטשן, ווי איר לייזער איז געווען. קענען זיי ניט קיין כומעש מיט ראַשע. איר לייזער האָט, הייסט עס, א סאַך געקענט. אבי זי, דאָס קינד, איז גליקלעך. הײַנטיקס יאָר ענדיקן זיי שוין ביידע. און אַז זיי וועלן זײַן כאַסענע געהאַטע, וועט מען זיי ביידע שיקן אַרבעטן אָף איין פּלאַץ. צי זיי וועלן ביידע פאָרן איניינעם לערנען ווײַטער? אָן איר יאָ האָט זיך עס, פאַרשטייט זיך, ניט אָפּגעטאָן. דעם קאָוועד און די דייע און דאָס לעצטע וואָרט האָט נאָך דערווײַל זי. און זי האָט אוואדע געזאָגט יאָ. וואָדען זאָל זי געווען זאָגן — ניין? זי איז נאָך, דאַנקען גאָט, ניט אויווערבאָטל.

און אָט איז איצט מיט מאַזל די כאַסענע.

די קלעזמער שפּילן. דער אוילעם טאַנצט. מ׳איז שוין געזעסן אַרום די טישן באַם לעקעך־און־בראַנפן, באַם גלעזל קאָניאַק און באַ די צובײַסנס. די מעכוטאָנים זײַנען שוין א קאַפּל ראָזעווע אָף די פּענעמער. פּיס הייבן זיך גרינגער. אויגן בלישטשען. אָף די הערצער איז גוט. אַלצדינג אַרום־און־אַרום דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך.

אוילעם טאַנצט.

אַזויפיל אוילעם, קיין אײַנהאָרע.

פּאָרל צו פּאָרל. ראָד אין ראָד.

כאָסן־קאַלעס כאַווײרים און כאַווערטעס. סטודענטן און סטודענטקעס (איין מינוט. צערוקט זיך א ביסל. יונגווארג טאַנצט טשאַ־טשאַ־טשאַ. אײַ, טאַנצט באַ זיי יעדער איווער, באַ די יונגע כעווריע).

דאָוויד נאַומאָוויטשעס דאָקטוירים און דאָקטערשעס. סאַראַ לאַזאַרעוונעס לערער און לערערנס (טוט א שפּיל, קלעזמער, א וואַלס. א לײַכטן, סאַמעטענעם וואַלס. א טאַנגאָ. א טאַנגאָ אָף פליגל. פּעכערס פּעכערן. עס שווינדלען נאַקעטע פּלייצעס. שפּיץ פינגער שוועבן, רירן קוים אָן די ערד).

קאַלעס צאַד. דער באָבע לייעס אַלע קרויווים. דעם דאָקטערס צוויי שוועסטער מיט די מענער. שכיינים. גוטעפרײַנט (עמעצער וויל גיין א שער. פאָרט אײַך אויס, אוילעם. ווער קען

פירן? די באָבע לֿייע טויג נאָך צו עפּעס? מיט אַ פּאַטשיילֿעכל, באָבע לֿייע. מיט אַן עק פון אַ פּאַטשיילֿעכל).

און כאַסנס צאַד. וויקטאָרס טאַטע־מאַמע. אַ בריגאַדיר זייערער אין אַ בלֿאָוון קאָסטיום, מיט פּריש־אַרומגעשוירענע וואָנצעס. וויקטאָרס אַ מומע. עטלֿעכע שוואַרצכיינעוודיקע שמעוודיקע מיידלֿעך. זיי זײַנען אָנגעפּאָרן מיט אַ פּעסל ווײַן אין די הענט, מיט קײַלֿעכדיקע געפֿלאָכטענע קוילֿעטשן. מיט כאַסענע־האַנטעכער, פֿאַרגאַרטלֿטע איבער די אַקסל. (היי, שפּילֿער, אַ וואָלֿעך! אַ האָרע. היימישע מאָלֿדעוועניאַסקע. הענט אויף אַקסל. אַ צעוויג זיך אַ רעגע אַהין און אַ צעוויג זיך אַ רעגע אַהער. קני̇עס הייבן זיך אינדערלֿופטן. פּיס טופּען אַלֿע צו מיט איין טופּ. אַ ראָד דרייט זיך אין אַ ראָד. און אין דער ראָד ווידער אַ ראָד. גיך. גיכער. פֿאַרפֿאַלֿיעטע פּענעמער, טשובן האָר אויף די שטערנס. נאָכאַמאָל. ווידעראַמאָל).

די באָבע לֿייע טאַנצט אין דער מיט. זי טאַנצט איינע אַלֿיין, בעיעכידעס, אַ באַזונדער מין טענצל. אירס אַן אייגן טענצל. דאָס טיכל פֿונעם קאָפּ האָט זיך איר אַראָפּגעגלֿיטשט אויף די אַקסל. דער ווײַסער, שיטערלֿעכער קובלֿיק האָר אירער האָט זיך צעפֿלאָכטן. דער קאָפּ איז בײַ איר מיט אַ כיינדל אַ ביסל אויסגעבויגן אויף אַ זײַט. זי טאַנצט מיט צוויי אונטערגעהויבענע הענט, ווי מיט צוויי צעשפּרייטע פֿליגל. אין איין האַנט האַלט זי דעם עק פֿונעם פּאַטשיילֿעכל, מיט דער אַנדערער האַנט קנאַקט זי זיך צום טענצל צו. אויף אַ רעגע בייגט זי זיך אַ קאַפּל אָן און קוקט אַראָפּ צו די דריבנע פֿאַ, וואָס די פּיס אירע טענצלֿען אויס. אויף אַ רעגע טוט זי זיך דערנאָך אַ גלֿײַך אויס, פֿאַרגײַסט די אויגן צו דער סטעלֿיע אַרויף, פֿאַרטײַעט זיך אַזוי־אָ טאַנצנדיק ערגעץ ווײַט־ווײַט אין די הויכע וועלֿטן.

— מאַזלֿטאָוו, באָבע לֿייע.

— מיט מאַזל זאָלֿט איר לֿעבן, פֿרײַנט מײַנע.

— איר זאָלֿט נאָך זוכע זײַן, באָבע לֿייע, אַן אור־אור־אייניקל.

די באָבע לֿייע הייבט זיך אָן דרייען אויף איין פּלֿאַץ, גיך־גיך, אַרום זיך, ווי אַ דריידל. מע זעט ניט, צי טאַנצט זי אַזוי, צי איז זי אַזוי פּלֿוצעם שטיין געבלֿיבן אינמיטן טאַנצן אַ פֿאַרטומלֿטע, אַ צעשאָקלֿטע, אָט וועט זיך איר געבן אַ פֿאַרוואַרף דער קאָפּ און זי וועט טאָן אַ פֿאַל אַוועק אויפֿן פּאָל.

פֿריידקע און וויקטאָר לֿויפֿן צו צו איר און כאַפּן זי אונטער. זי שטייט אַ רעגע אַ פֿאַרטשאַדעטע, מיט אַ צעקרימט שמייכעלֿע אויף די לֿיפּן: „ס'אי גאָרניט, נאַראָנימלֿעך. ס'אי גלאַט אַזוי!״ זי וואַרט אַ קאַפּל איבער, ביז די פֿאַרטשאַדעטקײַט טשאַדעט זיך אין איר אויס, און זי לֿייגט אַרויף ביידע דלֿאָניעס אירע אויף די קינדערס אַקסל, גייט מיט זיי, אינדרײַען, אַוועק אַ נײַעם טאַנץ.

פֿריידקע טוט אַ שלֿעפּ אַרײַן אין טאַנץ דעם טאַטן מיט דער מאַמען. און פֿריידקעס טאַטע־מאַמע שלֿעפּן אַרײַן אין טאַנץ וויקטאָרס טאַטע־מאַמע. אַ ראָד מיט זיבן טענצער. אַ מישפּאָכע־ראָד. אַ מישפּאָכע־טאַנץ. דער אוילֿעם אַרום דער ראָד פּלֿיעסקעט צו. די קלֿעזמער שפּילֿן שטאַרקער, העכער, לֿעבעדיקער. רעקלֿעך צעקנעפּלֿען זיך, פֿאָלֿעס צעפּלֿי̇ען זיך, קלֿיידלֿעך פֿאַרבלֿאָזן זיך. הענט אַרום האַלדז, הענט אויף אַקסל, הענט אין הענט. די ראָד ווערט קלֿענער, גרעסער, ווידעראַמאָל קלֿענער, ווידעראַמאָל גרעסער. זי צעשפּרייט זיך און נעמט זיך צוריק צונויף, צעציט זיך און גייט ווידער אײַן, קנייטשט זיך און פֿאַלֿדעוועט זיך, ווי אין אַקאָרדעאָניסטס הענט דער אַקאָרדעאָן, לֿעהאַוודל. די באָבע לֿייע פֿילט שוין ניט קיין פּיס, פֿילט שוין קיין איין אייוועך ניט. זי האַלט די אָרעמס שלֿאַבעריק צעשפּרייט, זי איז בלֿײַך אויפֿן פּאָנעם, זי האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צום האַרצן צו, נאָר זי גיט זיך ניט אונטער. זי וואַרפֿט מיט אַן אַקסל, הייבט פֿון אונטערן לֿאַנגן קלֿייד אויף אַ קני. טאַנצט. זי העפּעט. זי לֿעבט.

שטאַרקער!

העכער!

לֿעבעדיקער!

פּלֿוצעם... ס'הייסט, דערווײַל, נאָכן טאַנץ, איז נאָך קיין באַזונדערס ניט געשען. דאָס, וואָס ס'איז געשען, איז געשען שפּעטער, ווען דער גאַנצער אוילֿעם האָט זיך ווידער אויסגעזעצט אַרום די טישן. דערווײַל, באַלד נאָכן מישפּאָכע־טאַנץ, איז וויקטאָרס פֿאָטער, מאָש אַרכיפּ פּאַוולאָוויטש, ניט מער ווי געבלֿיבן זיצן אַ שווערער און עפּעס צו אַן אויסגעמוטשעטער אויף אַ בענקל, און וויקטאָר איז געשטאַנען לֿעבן אים און אים געווישט דאָס פּאָנעם מיט אַ פּאַטשיילֿעכל. ווער ס'האָט עס באַמערקט און ווער ס'האָט עס ניט באַמערקט. ווי האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז ער זיצט אַזוי די גאַנצע צײַט, וויקטאָרס טאַטע, און רײַסט פֿון זיך שטיקער, שלֿאָגט זיך אַלֿץ מיט דער דייע: יאָ זאָגן, צי ניט זאָגן? אויב יאָ זאָגן, איז ווען זשע זאָגן? שוין דאָ טאַקע, אויף דער כאַסענע, צי עפּשער שפּעטער, מיט דער צײַט, נאָך דער כאַסענע? ניין, פֿאַרוואָס אָפּלֿייגן? פֿאַרוואָס זאָל מען עס

טאַקע שוין ניט וויסן? אי זיי, די מעכוטאָנים, אי טאַקע ער, וויקטאָר? ווען קאָן נאָך זײַן גלײַכער, ווי איצט? און עפּשער איז גאָר גלײַכער קיינמאָל ניט. האַ? אַזוי ווי מ׳האָט עס ביז אַצינד ניט געוווּסט, אַזוי זאָל מען עס שוין ווײַטער ניט וויסן. ווי זשע פֿאַרלייקנט מען אַזאַ זאַך? און צוליב וואָס פֿאַרלייקענען? ער האָט זיך, דאַכט זיך, דערמיט ניט וואָס צו שעמען. פֿאַרקערט. און ווי פֿאַרלייקנט מען ביכלל זאַכן פֿאַר אייגענע? און אַז מ׳עט דערנאָך סײַוויסײַ געוווירע ווערן? מיילע, וואָלט זיך עס אָוועקגעלייגט אַנדערש, וואָלט טאַקע עפּשער וויקטאָר קיינמאָל גאָרנישט ניט געדאַרפֿט דערוויסן זיך. נאָר אַז ס׳האָט זיך אויסגעדרייט אַזוי. און, דאַכט זיך, גאָרניט שלעכט אויסגעדרייט. דער מישפּאָכע־טאַנץ האָט אַלע וואַקלעניש ארכיפּס געגעבן אַ וואַזשע איבער. אַזוי־פֿיל פֿרײַנטלעכקײַט, אַזאַ אייגנקײַט, אַזאַ ברידערלעכקײַט, קאָן מען זאָגן. ווי זשע טאָר מען פֿאַר אַזעלכע מענטשן באַהאַלטן דעם עמעס? און סײַוויסײַ — ס׳איז דען ניט אַלצײַנס, האַ? וויקטאָר האָט אַלץ אָפּגעווישט מיטן פּאַטשיילעכל די טראָפּנס שווייס פֿונעם טאַטנס פּאָנעם, און די טראָפּנס שווייס, פֿאַראַקשנטע, האָבן זיך אויפֿן טאַטנס פּאָנעם אַלץ אַרויסגעיאָוועט.

— נו, לאָז, זון מײַנער. מע דאַרף ניט. כ׳על שוין אַליין. גיי צו די געסט, צו דער קאַלע.

לעבן ארכיפּ פּאַוולאָוויטשן האָט זיך צוגעזעצט דאָס ווײַב זײַנס, וויקטאָרס מאַמע, מאַטושאַ לוקעריאַ. אַ נידעריטשקע און ברייטלעכע. מיט אַ קײַלעכדיק פּאָנעם. אין אַ לאַנגער בלישטשענדיקער קאָפּטע. בעטעווע אַ שווײַגערן.

— הערסט, ווײַב מײַנס? — האָט ארכיפּ פּאַוולאָוויטש אַ שעפּטשע געטאָן. — כ׳גיי זיי באַלד זאָגן גיי איך.

— מענטש איינער! — האָט אים דאָס ווײַב געענטפֿערט אַזוי, אַז ער האָט ניט אָנגעהויבן וויסן, צי איז זי יאָ מאַסקים מיט אים, צי איז זי ניט מאַסקים מיט אים.

— כ׳זאָג, כ׳האָב זיי באַשלאָסן צו דערציילן.

— מעשוגע מײַנע סאָנים, צי וואָס?

— כ׳ווייס נאָר ניט, וויִאַזוי מע טוט עס.

— מירן בלײַבן אָן וויקטאָרן, ארכיפּ.

— פֿאַרקערט.

— ס׳הייסט, וויִאַזוי פֿאַרקערט?

— כ׳קאָן עס שוין אין זיך אַזויפֿיל ניט האַלטן.

— כ׳מיש מיך ניט.

— וועסט אומיסטן זען. ער׳ט אונדז ליב האָבן נאָך שטאַרקער.

— כ׳ווייס ניט.

— און יעדערער וועט אונדז שטאַרקער ליב האָבן.

— כ׳מיש מיך ניט. טו ווי דו פֿאַרשטייסט.

מ׳האָט דעם אוילעם גערופֿן צו די טישן. אויבנאָן, אויף זייער אָרט, האָבן זיך אָוועקגעזעצט כאָסן־קאַלע. לעבן כאָסן — דעם כאָסנס טאַטע־מאַמע. לעבן דער קאַלע — די באָבע לייע, דער קאַלעס טאַטע־מאַמע. ייִנגלעך און מיידלעך האָבן ביז עפּעס וואָס זיך צעזונגען. מ׳האָט אָנגעהויבן אויפֿגעבן וואַרעמע פּערטלעך אָף, שטיקער שמעקעדיקע מאַיִנע. מ׳האָט צעגאָסן אין די גלעזער רויטן ווײַן. דאָס פֿידעלע האָט אָנגעהויבן צושפּילן.

פּלוצעם איז אַרום־און־אַרום מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. דעם כאָסנס טאַטע, ארכיפּ פּאַוולאָוויטש, איז געשטאַנען פֿאַרן אוילעם מיט דער גלאָז ווײַן אין דער האַנט; געשטאַנען מיט אַזאַ באַזונדערן אויסזען, געהאַלטן די גלאָז מיט אַזאַ באַזונדער מין האַלטן, אַז דער אוילעם האָט ווי דערפֿילט, מ׳עט באַלד הערן עפּעס ניט קיין פּאָשעטס. מ׳האָט אָנגעהויבן שרײַען: „שאַ!‟ מ׳האָט אַ מאַך געטאָן צום פֿידלער, ער זאָל אַ רעגע איבערוואַרטן.

מאָש ארכיפּ איז געשטאַנען אַ גלײַכער, אַ הויכער, אַלקאָלפּאָנעם אַ העכער געוואָרענער. די אויגן זײַנע האָבן געקוקט ערגעץ ווײַט איבערן אוילעם אַריבער, ערגעץ, אַפּאָנעם, אין ווײַטע דערמאָנונגען אַרײַן. די פֿולע גלאָז ווײַן אין זײַן האַנט האָט זיך אַ קאַפּל אויסגעבויגן, אַ קאַפּל פֿרום פֿאַרגאָסן זיך. זײַנע ליפּן האָבן זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן באַוועגן, דערווײַל אָן ווערטער, שטיל, און בראָכעדיק, גלײַך אָט וועט ארכיפּ פּאַוולאָוויטש באַלד אָנהייבן מאַכן קידעש. ער האָט אַ פֿיר געטאָן די אויגן איבערן גאַנצן אוילעם, אַ קוק געטאָן אַ רעגע אויפֿן ווײַב לעבן זיך און שטיין געבליבן מיט די אויגן אויף וויקטאָרן.

— זון מײַנער...

די ליפּן האָבן אים אָנגעהויבן אונטערציטערן:

— כ׳וויל דיר איצטער־אָ... אָ־דאָ־אָ... מעגאַלע זײַן אַ סאָד.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו אים, און פֿאָטער און זון האָבן זיך צעקושט. וויקטאָר האָט גע־

לאכט: אַפֿאָנעם, דעם טאַטנס אַ נאַיִוולעכער וויץ. ארכיפּ פּאַוולאָוויטש האָט זיך אויסגעקערעוועט צום ווײַב, אָנגעהויבן גלעטן מיט די שפּיץ פֿינגער דעם קאָפּ אירן:

— מיר האָבן מיט דער אַלטיטשקער מײַנער, ליבע פֿרײַנט, אַלע יאָרן אָפּגעמאַכט צווישן זיך אַזוי: ווערט ער כאַסענע האָבן וויקטאָר, מיט אַן אונדזעריקער, זאָל דער סאָד בלײַבן אַ סאָד... ווערט ער אָבער כאַסענע האָבן פֿאַר אַ זײַניקער... דערנאָך האָבן מיר זיך באַטראַכט: ניין, זאָל עס שוין סײַוויסײַ בלײַבן אַזוי ווי עס איז... נאָר הײַנט־אָ. די דאָזיקע שיינקײַט פֿון דער כאַסענע. דער גאַנצער אָפּדערנאַכט. איר אַלע. די דאָזיקע אייגנקײַט. פֿאַרוואָס זאָל ער ניט וויסן, ווער ער איז? צוליב וואָס זאָלן מיר אומזיסט און אומנישט הייסן ליגנער? מאַסקים, האַ, אַלטיטשקע מײַנע?

מאַטושאַ לוקעריאַ איז געזעסן מיט אַן אָפֿן מויל און די גאַנצע צײַט צוגעשאָקלט דעם מאַן מיטן קאָפּ. די שטילקײַט אַרום־און־אַרום איז געוואָרן טיפֿער, געדיכטער. יעדער מינדסטער שאָרך וואָלט געשטערט.

טוט אומיסטן אַ קוק אויפֿן אוילעם.

ווי קאָן אַ כאַסענע זײַן אָן דערמאָנונגען, אָן אַ טרער?..

— —

כ׳ווייס ניט, צי עס זיצט דאָ צווישן אוילעם אַזעלכער, וואָס איז אויף יענעם געהענעם־וועג געגאַנגען.

ווייניק האָבן זיך פֿון דאָרטן אומגעקערט, דערלעבט אייניקלעך. און גאָר־גאָר ווייניק, אויף די פֿינגער צו ציילן, האָבן, פֿאַרבליבענע פֿון יענעם־אָ וועג מיט אָפּגעקירצטע יאָרן, זוכע געווען צו דערלעבן כאַסענעס בײַ אייניקלעך.

אומגליק־וועג, געהענעם־וועג, טויט־וועג.

בעסאַראַבער ייִדן האָבן די פֿאַשיסטן אומגעבראַכט פּראָסט און אַלטמאָדיש, וואָלוול, ניט מיט קיין ציקלאָן־גאַז, ניט אַפֿילע געפֿירט אין עשעלאָנען, אָן איבעריק גרויסע הויצאָעס און אָן איבעריק גרויסע צערעמאָניעס — אַזוי־אָ געטריבענע וואָכנווײַז צופֿוס, געטריבענע אומיסטן אַהין־און־אַהער, אַרום־און־אַרום, אין דער ברייט און אין דער לענג אויפֿן דאָזיקן העפֿקער־וועג און אומקום־וועג. אויסגעהונגערטע און אויסגעדאָרשטיקטע, פֿאַרמוטשעטע, פֿאַרשוואָלענע; אונטערגעשאָסענע אין האַרבסטיק־נאַסע פֿאַרנאַכטן ערגעץ אין דער טונקל לעבן וועלדלעך; אַלטע און קראַנקע — צעשלאָגענע און צעטראָטענע מיט די פֿיס; בסולעס — פֿאַרגוואַלטיקטע אין דער בלינדקײַט פֿון יענע קאַלטע און רעגנדיקע נעכט; צעפּרעסענע פֿון מאַגייפֿעס; פֿריטשמעליעטע פֿון כויזעק און דערנידעריקטקײַט; אויסגעהאַרגעטע אויף אַ העלפֿט, נאָך איידער זיי זײַנען אָנגעקומען אין די טראַנסניסטריע־לאַגערן, וווּהין מ׳האָט זיי אַזוי־אָ העפֿקערדיק געטריבן.

טייל פּויערים אין די דערפֿער זײַנען אַרויס אויף די פּריזבעס, געציילעמט זיך; אויפֿן אומגליק, וואָס שוואַרצט זיך פֿונדערווײַטנס לענגויס דעם וועג, פֿאַרבראָכן די הענט. פּויערטעס האָבן זיך צעקנײַפּט די פֿענעמער, אַפֿילע צעקלאָגט זיך אויף אַ קאָל, ווי דער אומגליק וואָלט געווען אָ־דאָ־אָ בײַ זיי אין שטוב, וואָלט געווען אַ נאָענטער אומגליק.

אייניקע האָבן זיך אײַנגעשטעלט דאָס לעבן. געלאָפֿן איבער די הויפֿן: „קומט, לאָמיר עפּעס זען טאָן. ווי קאָן מען שווײַגן? עפּשער עמעצן אָפּראַטעווען, כאָטש מיט עפּעס העלפֿן“. אין די טונקעלע פֿאַרנאַכט־שאָען האָבן זיי זיך דאָ און דאָרט געגאַנוועט צווישן די גערטענער, געקראָכן הינטער פּלויטן, ווי־ניט־איז דערנעענטערט זיך צו די געטריבענע און ביז עפּעס וואָס אַריבער־דערלאַנגט זיי אַ טאָרבעלע קעז, אַ פֿלעשל מילך, אַ ברויטל.

ארכיפּ און לוקעריאַ האָבן צונויפֿגענומען בײַ די שכיינים וואָס ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אין שטוב, און אַזוי־אָ, מיט צוויי פֿולע סאַקוועס[1], זײַנען זיי ביידע פֿאַרלאָפֿן די געטריבענע דעם וועג, אַרויס אין אַנדערן עק דאָרף, צו די ווײַנגערטענער־צו, לעבן אַלטן נוסנבוים, לעבן די דרײַ הויכע קרענעצעס איינע לעבן דער אַנדערער באַרג־אַראָפּ בײַם סאַמע וועג. מאַן־און־ווײַב האָבן זיך אוועקגעזעצט אונטערן נוסבוים, ווי זיי זײַנען קלוימערשט נאָרוואָס פֿון ערגעץ אָנגעקומען און רוען זיך דאָ פֿאַרן אַרײַנגיין אין דאָרף אַרײַן אַ קאַפּל אָפּ.

אָט הערט מען שוין הינטערן בערגל דעם אוילעם דערנעענטערן זיך. עס הערן זיך קרעכ־צערײַען, געשרייען. די דרײַ קרענעצעס, מיט די לאַנגע דרײַ איבערגעקרייצטע שטעקנס, פּאַריסענע אויף אַרויף, הייבן אָן אויסזען, ווי דרײַ הויכע שוואַרצע טליִעס. וויי, וויי, וואָס ס׳האָט זיך טאַקע דעמלט אָפּגעטאָן בײַ די דאָזיקע דרײַ קרענעצעס!

דער אוילעם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די וואַסער־קאָרעטעס, צו די דרײַ הענגענדיקע טשוטערס[2]. די גאַזלאָנים האָבן אָנגעהויבן האַקן מיט די ביקסן איבער קעפּ, איבער פּלייצעס.

---

[1] אַזעלכע מאָלדאַווישע טאָרבעס, וואָס מע טוט אָן איבערן אַקסל.

[2] הילצערנע עמערס.

ארום די קרענעצעס האָט זיך אופגעהויבן א מעסוקענער יאָמער, א לויפערײַ, אָן ערדטרעטעניש. ארכיפּ און לוקעריא האָבן עמעצן איבערגעגעבן די סאקוועס און קוים מיטן לעבן פארקראָכן דער־נאָך הינטער א פּלויט אין א ווײַנגאָרטן. ס׳האָט זיך געהערט א שיסערײַ, א טרײַבערײַ. און אָט אין יענער־אָ סומאטאָכע האָט א יונג צעשויבערט ווײַבל זיך געטאָן א בייג איבער איבערן פּלויט מיט א פּיצל קינד אין די הענט:

— נעמט עס, גוטע מענטשן... כ׳לאָז עס איבער בא אײַך... ס׳וועט לעבן... איר׳ט זען, אז ס׳וועט לעבן!..

וואָס האָט דאָ געקאָנט לעבן, אז ס׳איז געווען פארבלאָווט און פארכאלעשט, אז ס׳איז געווען הוילע הויט און הוילע ביינדעלעך? אלע קרענקען האָט עס איבערגעקרענקט. אלע אָנשיקענישן איבערגעהאט. נאָר ס׳האָט געלעבט. ס׳האָט איבערגעלעבט.

אין דאָרף האָט מען אומיסטן א רעד געטאָן, אז לוקעריא האָט געשענקט ארכיפּן א בען־זקונימל. א זון אָף דער עלטער. ווער ס׳האָט געוווסט און ווער ס׳האָט ניט געדארפט וויסן. וויִאזוי ס׳איז שוין דאָרט געווען. אבי דאָס קינד לעבט. אבי דאָס קינד וואקסט.

לוקעריא האָט יענץ ווײַבל רעכט דעמלט ניט געזען, זיי האָבן זיךביידע אפילע גוט אין די אויגן ניט א קוק געטאָן, זי האָט איר קיין וואָרט ניט באוויזן צו ענטפערן. נאָר זי האָט זי די גאנצע צײַט געפילט לעבן זיך. בא יעדער איבערלעבעניש דורכגערעדט זיך מיט איר. דאָס קינד האָט זי אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, אָן אייגן קינד האָט זי אזוי ניט אָפּגעהיט, גלײַך זי וואָלט דעמלט דעם ווײַבל, ווי א שוועסטער, געגעבן א שוווע און זי דארף די שוווע האלטן:

— דאָס קינד וועט לעבן... איר׳ט זען, אז ס׳וועט לעבן!..

— —

נו, יאָ, ווי קאָן א כאסענע זײַן אָן א טרער?

די ווײַבער האָבן נאָס געמאכט טיכעלעך, האָבן טאקע מאמעש גוט צוגעכליפּעט. די מאנצב־לען האָבן זיך גענומען אין די הענט ארײַן: ניט מער, ווי א קרים געטאָן א ליפּ, א רײַב געטאָן זיך מיט דער האנט ארום די וואָנצעס — מ׳איז דאָך עפּעס מאנצבלען.

די טרער האָט, כאָלילע, די כאסענע ניט פארשטערט. פארקערט: זי האָט זי געמאכט גע־לײַטערטער, געהויבענער און כאָשעווער.

די קלעזמער האָבן ווידער געשפּילט. צו וויקטאָרס טאטע־מאמע האָבן זיך פון אלע זײַטן א צי געטאָן הענט. צענדליקער הענט האָבן זיי א כאפּ געטאָן און א הייב געטאָן אין דער הייך, איבער די קעפּ, און אזוי־אָ, א רעדל דאָ מיט לוקעריען אין דער הייך, א רעדל דאָרט מיט ארכיפּן אין דער הייך, ווי אין א מין טאנץ, האָט זיך דער אוילעם אלץ געדרייט און געדרייט, געכוואליעט און געכוואליעט.

נאָר אין יענעם ערשטן ניצאָכן־טאָג, געדענק איך, אין יענעם נײַנטן מײַ, האָט מען אזוי אומעטום אָף די גאסן, ווו מע האָט נאָר באגעגנט א רויטארמייער א ניצאָכן־ברענגער, אזוי־אָ, אָף צענדליקער הענט, אים געהויבן און געכוואליעט.

די באָבע לייע האָט ווידער געטאנצט אין דער מיט. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו וויקטאָרן און אים געפילט לעבן זיך א שטאלטנעם, א הויכן, א נאָענטן. ס׳האָט זי, דאכט זיך, גאָרניט איבע־ראשט, וואָס ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט אזוי. מאכמעס סײַוויסײַ, ווען ס׳איז אנדערש, וואָלט דען געווען אנדערש? זי וואָלט אים, גלייבט מיר, פּונקט אזוי־אָ געפילט לעבן זיך, א הויכן, א האר־ציקן, א נאָענטן...

די קלעזמער האָבן ווידער געשפּילט, און דער אוילעם האָט ווידער געטאנצט.

שפּילט, קלעזמער, ביזן ווײַסן טאָג ארײַן.

שפּילט א פריילעכס און א טרויעריקס.

שפּילט, אז די טאפּליעס זאָלן אזש ציטערן!

הירש בלאָשטיין

דאָס ליכט פונעם וואָרט

פרילינג

איך וויל היינט פון גאָרנישט, פון גאָרנישט ניט קלערן.
ס'איז מײַנע די זון, ס'זײַנען מײַנע די שטערן.
מײַן אויג איז אליין היינט א שטיקעלע הימל,
און ס'שפילט דאָרט א וואָלקנדל הימלער און ראָז.
און ס'ווינקט מיר די ערד מיט אן אויג פון א בלימל,
און ס'רופט מיך די לאָנקע — זיך קײַקלען אין גראָז.

איך וויל היינט פון גאָרנישט, פון גאָרנישט ניט קלערן,
כ'קאָן וויינען און כליפּען, כ'קאָן לאַכן ביז טרערן.
כ'בין עלטער פון אייניקל בלויז לויט די מאָסן
פון כאָכמע און צײַט... און איך זינג אפן קאָל.
כ'בין ווידער אינגאַנצן מיט פרילינג פארגאָסן,
און כ'בענק יעדן אָוונט נאָך דיר, ווי אמאָל...

• • •

דער הימל האָט מיליאָנען מאָל געטאָגט שוין,
און ס'האָט מיליאָנען מאָל דעם טאָג די נאכט פאַריאָגט שוין,
דאָך יעדער זון־אופגאנג איז אלץ א נײַער נעס...
אין ביכער טויזנטער איז אלץ געזאָגט שוין,
דאָך יעדער וואָרט, וואָס קומט פון טיף געמיט,
איז שטענדיק פריש פאר מיר, ווי ס'ברויט, וואָס כ'עס,
און ווי דעם סאָלאָווייס שוין לאנג געהערטע ליד...

עס שפּילט זיך א קעצל...

עס שפּילט זיך א קעצל אף דר'ערד מיט א זוניקן „העזל",
א קעצל א ווײַס, מיט א שוואַרצינקן פלעק אפן נעזל...
וואָס איז דען? ס'האָט גאָרנישט געטראָפן. נאָר ס'הארץ מײַנס — עס פּיבערט:
דאָס איז דאָך דאָס זעלביקע קעצל — פון קינדהײַט מײַן ליבער!..

דאָס זעלביקע קעצל! עס וואַקסט ניט, עס שטאַרבט ניט, — עס שפּילט זיך...
עס האָט נאָר דאָס זוניקע „העזל" א ביסל אין שאָטן פארהילט זיך.
כ'בין גרייט איצט, ווי קינדווײַז, א שנעל טאָן אין נעזל אין שוואַרצן.
ס'איז בלויז צוגעקומען א ביסעלע בענקשאַפט אין הארצן.

א מיידעלע שפרינגט ארום קעצל, א שפיגעלע האלט עס, דאָס פיצל,
און טוט מיט זײַן אָפּשײַן דעם קעצל אין אויגן א קיצל.
דאָס קעצל בייגט אויס, ווי א טיגער באם שפרינגען, דעם רוקן,
פארמעסט זיך מיט אימפעט דאָס שטיקעלע זון צו פארצוקן.

וואָס איז דען? ס'איז גאָרנישט. וואָס האָסטו זיך, בענקעניש מײַנע,
צעזונגען מיט שטילן באדויער? צו ווענען די רייד און די טײַנעס?
דעם צוויט פון די פרילינגן דײַנע פון לאנג שוין פארוויעט דער ווינט האָט...
פאראן אזא קעצל, וואָס שפּילט זיך, אין יעדערנס קינדהײַט!

סאָנעט

עפּעס נאָגט מיך... זאָגט מיר, מענטשן,
וואָס זאָל דאָס באטײַטן? —
ס'איז פארליבט האפיז דער אלטער
ווי אמאָל, פארצײַטן!

(ה א פ י ז, אלט־פערסישער קלאַסיקער)

שוין זאט אין יאָרן איז דער הארציקער האפיז —
איראנס באליבטער און געגרויסטער זינגער,
ער זיצט אין לענשטול. און א לופטיק־גרינגע
מיט הארף אין האנט — פאטמא בא זײַנע פיס.

דאָס מיידל זינגט זײַן ליד, פארבענקט און זיס
עס קושן יעדע סטרונע אירע פינגער.
דאָס אלטע הארץ דעם דיכטערס ווערט אלץ ייִנגער,
נאָר אומעטיקלעך־שטיל זײַן קלוגער שמייכל איז.

פאטמא איז אכצן אלט. דער ציטער פון איר ליפּ,
די בענקשאפט אין איר אויג איז ניט אין אים פארליבט.
זי ליבט ניט אויך דעם מאן, וואָס פארבט די באָרד די גרויע...

די זון איז הייס. דער הימל בלענדיק בלוי איז.
נאָר ס'איז דעם דיכטער קאלט און ס'שטיקט א טרער אין האלדז.
ער פילט, ווי ס'זינגט די הארף: „דער רום איז נאָך ניט אלץ...“

• • •

דאָס ליכט פונעם וואָרט
איז פיל שטארקער און העלער
פון בלענדיקסטן זונשטראל
אין גאָלד־בלאָנדן יון, —
אפילע ווען ס'האָט עס
געבוירן א קעלער,
א קעלער, וואָס ווייסט בלויז
פון בענקען נאָך זון.

דער מעכטיקסטער שטראל
קאָן דעם וואָלקן דעם שווארצן,
וואָס דריקט דײַן געמיט ווען,
ניט רירן פון אָרט, —
עס ווערט אָבער כיִעסדיק
ליכטיק אין הארצן,
ווען ס'פאלט דאָרט איין פונק
פון א צערטלעכן וואָרט...

און ס'האָט נאָך קיינמאָל
אין דעם פלאָנטער פון וועגן
דער העלסטער לאמטערן
דײַן גאנג ניט פאריכט,
אויב ס'איז ניט געקומען
מיט הילף דיר אנטקעגן
א קלוג מענטשלעך וואָרט
מיט זײַן פירנדיק ליכט...

שלוימע טשערניאַווסקי

זיבן פּלאַמיקע קאָלירן

אַלע טויטן אַפּצולאָכעס

האָב איך שוין אַזאַ האַצלאָכע,
האָב איך שוין אַזאַ מין גליק,
אַלע טויטן אַפּצולאָכעס
כ׳לעב, און כ׳פיר מיט זיי אַ קריג.

כ׳ווייס דעם סאָד פון דער רעפּוּע:
פרייד פון שאַפן, פרייד און פּײַן,
ס׳דאַרף די פּען אין האַנט ניט רוען,
שטענדיק נאָר אין פלאַטער זײַן.

אויב דו, זון, ביסט איצט אַ באַלן,
לאָז אַראָפּ זיך פון זעניט,
לייג אַוועק די פינגער־שטראַלן
אויף די אַקסלען פון מײַן ליד.

זאָל אַ וואַרעמקײַט אַ מילדע
זיך צעגיין אין יעדן גליד
און אַ רעגנבויגן בילדן
פון די פערזן פון מײַן ליד.

זיבן פּלאַמיקע קאָלירן
ערשט געבוירן, בונט צעבליט,
זאָלן מונטערקײַט געבירן
באַם געפּאַלענעם געמיט.

קיינמאָל זען אים אײַנגעבראָכן,
שטענדיק זײַן פון דיר באַזונט.
אַלע טויטן אַפּצולאָכעס
גיב פאַר שאַפן מיר געזונט!

שיידוועגן

אָ, וויפל זײַנען שיידוועגן פאַראַנען,
און גוט איז דעם, וואָס האָט זיך זיי פאַרטרויט.
עס לויפן טאָג און נאַכט אויף זיי די באַנען
און סעמאַפאָרן ווינקען גרין און רויט...

טרעט אָפּ די נאַכט פון זיי, דער טאָג זאָל גינען,
און ס׳בײַטן זיך די צײַטן פונעם יאָר,
ווען ס׳וואָלט דער מענטש די וועגן ניט געפינען,
ווי אָרעם־קליין דאָס לעבן זײַן וואָלט גאָר.

אָט שטײַגט ער באַלד אַראָפּ, אָט פאָרט ער
ווײַטער,
באַגלייט דורך עמעצנס אַ מילדן בליק,
נאָר אונטערטעניק איז ער שוין די ווײַטן
און פאָכעט מיט אַ טיכל אויף צוריק...

ווער איז ער, אַ געאָלאָג, צי אַ בויער?
ער איז אין גרויסער זוכעניש, אין וועג —
דעם ערשטן ציגל לייגט ער אינעם מויער,
דער ערשטער גייט ער דורך אַ נײַעם שטרעק.

טאָ זאָל זײַן האַרץ די שיידוועגן געהערן,
ניט בענקען נאָך קיין רו און נאָך קיין שלאָף,
און וווּ ער זאָל ניט ווענדן זיך און קערן,
זיי זאָלן לויפן אים אַנטקעגן אָן אַ סאָף.

זיי גייען זיך צונויף און גלײַך פאַנאַנדער,
און פירן אים אין קאָסמאָס אויך אַוועק.
ער ציט פון ווײַטע אורזיידעס זײַן וואַנדער
און לייגט פאַר ווײַטע דוירעס דורך אַ וועג.

כ׳געדענק דעם טאָג

כ׳געדענק דעם טאָג, און כ׳קאָן אים ניט פאַרגעסן,
דעם גליקלעכסטן אין לעבן — יענעם טאָג.
— מע וועט דיך קליידן דאָ און געבן עסן, —
האָט פראָסט מיר אַ דערצי̇ערן געזאָגט.
אַראָפּגעצויגן מ׳האָט פון מיר די שמאַטעס
און אָפּגעוואַשן פונעם לײַב די קויט,
און ס׳האָט אַ לעפל אין מײַן האַנט געפּלאַטערט,
און טאַם־גאַניידן איז געווען דאָס ריפּטל ברויט...
און צווישן בעטלעך — אַ ריי אַ לאַנגע —
מײַן בעטל שטייט. אַ גוטע, טרײַע האַנט
די פענצטער האָט מיט פאָרהענגלעך פאַרהאַנגען,
און לעניִן האָט אַראָפּגעקוקט פון וואַנט...
כ׳געדענק זײַן שמייכל און דעם הויכן שטערן.
ווי טײַער פון דער קינדהײַט איז דאָס בילד!
ווײַל אַלע פריידן אונדזערע און טרערן,
האָט ער, איליטש, פאַרשטאַנען און געפילט.
אוי, ווי געשמאַק עס איז זיך דאַן געשלאָפן
אַף פראָסטן סעניק, אָנגעשטאָפּט מיט שטרוי,
און אַפן שטרויען קישעלע צוקאָפּנס —
אונטער זײַן שוץ אין פראָסטיקן געוואָי.
און דורכן שלאָף געזען האָב איך בודיאָנען
און זײַן באַפעל אין כאָלעם כ׳האָב געהערט.
מיט דורכגעשאָסענע, מיט רויטע פאָנען
געפלויגן זײַנען רײַטער אַף די פערד.
כ׳האָב אופגעכאַפּט זיך, מיט דער האַנט געפּאַכעט,
ווי כ׳וואָלט אין האַנט געהאַלטן אויך אַ שווערד,
און אויך דעם פײַנט געשניטן און געשטאָכן,
ער זאָל ניט אופשטיין קיינמאָל אַף דער ערד.

מײַן דיכטונג

דו טראָגסט, מײַן דיכטונג, ניט קיין ווײַסע הענטשן,
בלויז פאַרן עמעס נעמסט אַראָפּ דײַן הוט.
געוואַקסן ביסטו צווישן פראָסטע מענטשן
און ס׳פליסט אין דיר איצט זייער וואַרעם בלוט.

מיט זיי געגעסן האָסטו פון איין שיסל
אַזאַ באַטאַמטן גרויפּענעם קוליש,
און מאַשקע אויך גענומען האָסט אַ ביסל
מיט זיי אַמאָל באַם יאָמטעוודיקן טיש.

און זייער פרייד, און אויך די שטילע טרערן
אַרײַנגענומען האָסט אין דײַן געזאַנג.
אָן דיר, נו, זאָג, וואָס וואָלט פון מיר דען ווערן —
אָן אויסגעדראָשענער, אַ פּוסטער זאַנג.
טאָ זײַ זשע שטרענג, און ווען מע דאַרף — געלאַסן,
זײַ ווייכהאַרציק צו מיר, ווי צו אַ קינד.
פאַרגיב מיר אַלע גענג און מעשוגאַסן,
באַשטראָף מיך האַרב פאַר יעדער מינדסטער זינד.

איך בין דיר טרײַ, פון אַלעמען געטרײַער.
אין אויסדויער פון צײַט־ווערט רײַף די ליד,
די ליד, וואָס גליט, וואָס בריט און ברענט ווי פײַער,
די ליד, וואָס טוט באַם האַרצן אויך אַ שניט,

אַ טיפן שניט אַף ניט קיין וווּנד פאַרשאַפן,
ער וועקט בלויז דײַנע לײַדנשאַפטן אויף,
אַז שטענדיק זאָלסטו זײַן אין ברויז פון שאַפן
און גיין אַהין, וווּהין דאָס לעבן רופט...

מאַטל טאַלאַלאַיעווסקי

איך, דער גערטנער

מאמעס

אין אונדזער הויז איך זע זי אָפּט —
דאָס ווײַסע שאַלעכל פאַרבונדן מיט צוויי שפּיצן,
די אויגן צוגעמאַכט, עס דאַכט — זי שלאָפט...
א קליינינקעטשקע, זי וואָלט געוואָלט גאָר זיצן
אונטער איר באַרנבוים אף הויכן דניעפּער־ברעג,
ווו ס׳האָט געבליט איר קינדהײַט
און געוועלקט איר עלטער.
נאָר ניט באַשערט איז איר, זעט אויס,
פאַרענדיקן איר וועג
דאָרט, אינעם דאָרף...
איר זון — א כאָשעוועך און א געשטעלטער,
איר זון — דער מאַרך פון אירע ביינער,
דער ייִנגסטער זון —
איר אויג אין קאָפּ, איר שטערן,
וויל, זי זאָל זײַן מיט אים. אומזיסטע רייד —
ער וויל פון גאָרניט הערן!
נאָר דאָ מיט אים! נאָר דאָ בא אים!
ווי שווער ס׳איז אים אָן איר — עס ווייסט ניט
קיינער!

ס׳איז אונדזער הויף פון ציגל און אַספאַלט,
און זי — געוווינט צו שטילע גרינע גראָזן,
צום זילבער־ווײַסן זאַמד, צום גאָלדן־רויטן
ליים,
זי ז׳גרייט — ס׳מעג זײַן צופוס —
אהין, צום דניעפּ, זיך לאָזן,
אבי אהיים, אבי אהיים,

צום פראָסטן שטיבעלע, צום ערדן דיל,
צו דעם געוווינטן וואָכעדיקן גריל
פון זיידנס היים...

איך קוק אף איר און זע פאַר זיך מײַן מאַמע...
די האַנט, מיט שוואַרצע אָדערן די האַנט,
אין איר, מײַן אַלטיטשקער, דערמאַנט,
ווי אף איין וועג זיי וואָלטן דורכגעשפּאַנט צוזאַמען,
איין דייזשע קאָרנברויט געקנאָטן,
איין טרוים געהאַט, איין ווייטעק, איין באַגער:
די קינדער זאָלן זאַט זײַן און געראָטן,
און זייער לעבנס־אָל ניט זײַן זאָל אזוי שווער.

איך וואָלט געוואָלט, אז זייער שטילע עלטער
זאָל זײַן ווי אויסגעוועבט פון לײַכטן זײַד.
עס ווערט דאָך אונדזער ערד אַצינד באַנײַט,
און דער גערוך פון פרילינגדיקע פעלדער
איז פול מיט האָפענונג:

עס וועט נאָך בעסער זײַן!

נאָר ס׳איז מײַן אַלטיטשקע
ווײַט אָפּגעשיידט פון אונדז,
זי קאָן צו מיר צוגאַסט ניט קומען...
כ׳וואָלט אויסגעשפּרייט דעם וועג צו איר
מיט בלומען,
מיט אָט אָ־די, וואָס כ׳טראָג אַצינד
מײַן כאַווערס מאַמע, —

איך בין אויך איר קינד.

מײַנע לערער

כ׳האָב ניט פאַרזוכט קיין כיידער־לעבן,
קיין קאַנטשיק האָב איך קיינמאָל ניט געזען,
די זכיִע ניט געהאַט צו לערנען זיך באַם רעבן —
אין דאָרף אַ באָרוועס ייִנגל כ׳בין געווען.

געלערנט האָבן מיך צוויי פּאַסטעכלעך פאַרשײַטע,
צוזאַמען האָבן מיר געפּאַשעט פרעמדע פּי.
דאָס פּײַערל פון יענעם ווײַטן שײַטער
נאָך לעבט אין מיר.

איך פיל זײַן הייסן גלי
אין פופציק יאָר אַרום. מיר שײַנט זײַן פלאַם.
אין פופציק יאָר אַרום איך פיל דעם טאַם
פון די געבראָטענע קאַרטאָפּליעס אינעם שײַטער
אינמיטן סטעפּ, באַנאַכט, אַף דער פּאָלעסיער ערד.

הײַנט סאַראַ מײַסעס האָב איך דאָרט געהערט!

זיי האָבן מיך געלערנט. אַך, קונדייסים!
אין אַלטע סוויטקעס, אָרעם — דאַר און בלאַס...
נאָר ניט אומזיסט אַף זיי דער גאַלעך איז אין קאַס —
זיי זינגען לידלעך קעגן קייסער.

באַ איינעם איז דער טאַטע אין סיביר,
און וואָס אַזוינס סיביר — דאָס דאַרף מען וויסן!
מע זאָגט, ער האָט געוואָלט דעם קייסער שיסן...
דאָס איז אַ סאָד פאַר ייִנגלעך פּריצישע, נאָר ניט פאַר מיר.

באַ אונדז אין דאָרף איז ניט געווען קיין ראָוו,
קיין כיידער, קיין בעסמעדרעש און קיין שאַמעס.
נאָר ס׳האָט געוואַרעמט אונדז דער טרוים, ווי זון אין טאַמעז,
געווען איז ליכטיק אונדז, די פּאַסטעכלעך פון דאָרף,

וואָס האָבן אין די טונקלע נעכט פּאָלעסיער
געשוווירן איינס דעם צווייטן זײַן געטרײַ.
ס׳איז איינער איצט אַ גענעראַל, דער צווייטער אַ פּראָפעסאָר.
און איך — דער דריטער —
לערן זיך באַ זיי אַפּסנײַ,

באַ מײַנע ערלעכע, געטרײַע לערער...

עס טוט זיך אויס דער סאָד

עס טוט זיך אויס דער סאָד
און בלײַבט אינגאַנצן נאַקעט.
ערשט פאַראַכטאָגן אַף דער זון ער האָט געפּלאַקערט,
און ס׳האָט געדאַכט:
דער האַרבסט האָט אים פאַרפּוצט
אין עכטע גאָלדענע מאַלבושים.

ער ווייסט, דער סאָד, פון גרעסטן קישעף,
און דאָך — די ביימער שטייען הויל
און ס׳טראָגט דער ווינט מיט זיך

פאר זיי א גרויל,
ער איז אין סאָד אצינד דער באַלעבאָס...
די ביימער ציטערן, און גרויס איז זייער שוויַיגן,
די צווייַגן
זיך גרייטן שוין צום ערשטן פראָסט...

און איך, דער גערטנער, איך הייב אוף דעם קאָפ
און זאָג:
— מייַן סאָד איז הויל,
מייַן סאָד איז אָדעם־נאַקעט,
נאָר ער וועט אויסשטיין אויך די שווערסטע ווינטער־קעלט.
אזוי איז שוין באשאפן אונדזער וועלט,
אז נאָך די אויספרווון און ווייען
די בליִונג קומט —
די הערצער אונדז דערפרייען.

הארבסטיקער ווינט

עס האַלט אין איין רוישן דער הארבסטיקער ווינט,
און אומרויִק ווערט אינעם וויגל דאָס קינד.
דער רויש פון די טרוקענע בלעטער אים וועקט,
די ליד פון באנאכטיקן וויכער אים שרעקט,
א צווייַג א דערשראָקענע קלאַפּט אין א שויב,
ווי זי וואָלט זיך בעטן באם פענצטער:
— דערלויב!
דערלויב אין דער שטוב זיך באהאַלטן פון ווינט —
איך האָב זיך ערשט האיאָר צעבליט און צעגרינט.
וואָס וויל ער פון מיר און וואָס דארף ער פון מיר?
ער בייגט מיך און דרייט מיך און וויגט אָן א שיר.
דאָס קינד צום געבעט פון דער צווייַג הערט זיך צו
און, פונקט ווי דער צווייַג, פעלט דעם שטילקייַט און רו.

בארויִק זיך, קינד, האָב קיין מוירע ניט, קינד,
אזא איז בעטעווע דער הארבסטיקער ווינט —
ער קומט פונדערווייַטן — אמיינסטן באנאכט,
און ס'דאכט, אז אָט וויינט ער, און אָט — אז ער לאכט.
ער איז, ווי אים פאסט צו זייַן, גאדלעסדיק־דרייסט,
ער ברענגט מיט זיך אימפּעט, האנאָע און טרייסט.
און מיין ניט, אז ער איז נאָר פרעך און נאָר ווילד,
דו זייַ מיט אים היימישער, זייַ מיט אים מילד,
דו זאָג אים, דעם אקשן:
— היי, פלי ניט אוועק,
פארבלייַב לעבן אונדז אין די הארבסטיקע טעג,
מאך פליסיִקער ס'וואסער פון טייַכל אין טאָל,
און פייַף דיר דייַן לידל, און זינג אף א קאָל,
יאָ, זינג אף א קאָל, ווי עס פאסט פאר א ווינט...
ס'וועט בליִען די צווייַג,
און ס'וועט וואקסן דאָס קינד!

●

יעכיִעל פאַליקמאַן

דער שוואַרצער ווינט

(ראָמאַן)

XIII. דער לעבעדיקער אַמולעט. אַ פּערס האָט געשמיסן דעם יאַם... די שטים פֿון געוויסן

1 באַ דער צעעפֿנטער טיר פֿונעם גענעראַל־מאַיאָר עבערגאַרדטס קאַבינעט האָט צוערשט זיך דערהערט: „נאַ, נאַ!“, דערנאָך — אַ שטילער פֿײַף מיט אַ צוטשמאָקען, דערנאָך — אַ פֿליעסק אין דלאָניעס. אַ פּיצינק שוואַרץ הינטל אַף דינע זיך טרייסלענדיקע פּיסלעך איז דורכגעלאָפֿן פֿונעם שוועל צום ברעג פֿון טעפּיך, און צי פֿון פֿאַרלוירנקײַט, צי סטאַם פֿון הינטישער האָזע, הויך, מיט אַ קוויטשיקל, זיך צעבילט אַפֿן באַלעבאָס פֿון קאַבינעט, וועלכער האָט באַם ברייטן שרײַבטיש, וואַרטנדיק אַף דעם, וואָס דאַרף באַלד אַרײַנקומען, אַ ביסעלע אַף אַ זײַט, אַף רעכטס, זיך אָנגעלענט אַף דעם ווענטל פֿונעם ווייכן לעדערנעם שטול. ערשט נאָך דעם, ווי דאָס הינטל האָט אָפּגעבילט אַ האַלבע מינוט, באַוויזן, אַזוי צו זאָגן, דעם גאַנצן דיאַפּאַזאָן פֿון זײַן שטים, האָט מיט אַ שטיפֿעריש־האַנאָעדיקן שמייכל אַפֿן רויטן דאַרלעכן פּאָנעם זיך באַוויזן אַפֿן שוועל פֿון דער הויכער טיר דער אָבערסט העגריך פֿאָן גליײַעוויץ.

— ווייסט כאָטש, וואָס אָט דער טאָי־טעריער באַטײַט, קאָמענדאַנט? — האָט פֿאָן גלייעוויץ געפֿרעגט מיט יענער באַזונדערער אינטאָנאַציע פֿון אָפּשײַ און אינטימקײַט, מיט וועלכער ער שטרײַכט לעצטנס אונטער אי די געוויסע דיסטאַנץ צווישן זיי, די אַלטע פֿרײַנט, אי טאַקע די ניט אָפּגעשוואַכטע אַלטע פֿרײַנטשאַפֿט זייערע. — אַ לעבעדיקער אַמולעט! אויסערגעוויינלעך, איאָ? איך ווייס נאָר ניט, ווי מע באַגייט זיך מיט אַזאַ אַמולעט — אין קעסטל וועט ער ניט אײַנליגן, און אַף דער וואַנט קאָן מען אים ניט אויפֿהענגען. כאַ, כאָ! טראַכט שוין אַליין צו... — ער האָט אַ טופּע געטאָן אַפֿן הינטל: „מאַרש!“ און עס האָט, צופֿאַלנדיק אַ ביסעלע אַף די הינטערשטע פּיסלעך (דער עק איז אָפּגעהאַקט, צודריקן איז ניטאָ וואָס), שטיל גענומען אומלויפֿן איבערן קאַבינעט, באַשמעקט דעם שטייענדיקן הענגער אין ווינקל, וווּ ס׳איז געהאַנגען דעם גענעראַלס שינעל, דעם פּוסטן ביכער־שראַנק, די פֿאָטעלן, און אַוועקגעלייגט זיך באַ פֿאָן גלייעוויצעס פּיס, ווען יענער האָט, נאָך דעם, ווי ער האָט געדריקט דעם גענעראַל־מאַיאָרס האַנט, זיך אַוועקגעזעצט באַ דער צווייטער זײַט פֿון טיש.

זיי האָבן מער פֿון אַ מינוט שווײַגנדיק באַטראַכט איינער דעם אַנדערן, דער גענעראַל־מאַיאָר און דער אָבערסט, באַמיִענדיק זיך אָפּשאַצן יעדערער דעם צווייטנס צושטאַנד און שטי־

סאָף פֿון צווייטן טייל. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נום. 7, 8.

מונג, ווײַל אַנדערש וועט זיך ניט פאַרקניפּן דער פּריַינטלעך־פּאַרטרויִלעכער שמועס, זאָל זײַן אַפילע אַ קורצער, וואָס זיי זײַנען געווינט צו פירן אַלעמאָל, ווען זיי קומען זיך צונויף.

פאַן גלייעוויצעס שטימונג איז, אָן ספאָפעק, געווען אַ גוטע. עפּעס האָט ער, צו זען, געדאַרפט פּויעלן, נאָר ניט גאָר געזאָרגט — ער וועט עס פּויעלן, און עפשער האָט דאָס אַפילע ניט געהאַט קיין גרויסע באַדײַטונג פאַר אים אויך. שווערער איז געווען צו זאָגן, וואָס פאַר אַ שטימונג ס'איז באַ עבערגאַרדטן, און ניט נאָר פאַן גלייעוויץ האָט דאָס ניט געקאָנט פעסטשטעלן — עבערגאַרדט אַליין האָט ניט געוווּסט.

דער קאָמענדאַנט האָט ערשט דורכגעקוקט די פּאָטשט, וואָס איז אָנגעקומען אין מעשעך פון טאָג. ס'איז ניט פון די באַליבטע באַשעפטיקונגען זײַנע: שטענדיק ברענגט דאָס נײַע זאָרגן. צומאָל גייט שוין ניט אײַן דער אָפּדערנאַכט מיט די קנאַפּע פאַרווײַלונגען, פון וועלכע מע קאָן דאָ געניסן, און עס טרעפט, אַז די זאָרגן וועקן אויך אויף באַנאַכט, ווי ציינווייטעק. הײַנט זײַנען געווען באַזונדערע סיבעס אָף פאַטערן די שטימונג, כאָטש, פון דער צווייטער זײַט, האָבן די זעלבע סיבעס געקאָנט אויך אויפהייבן די שטימונג. באַזונדערס איז דאָס שײַעך געווען דער ערשטער שיפּראָווקע פון די דרײַ אויסערסט געהיימע. אין איר איז מיטגעטיילט געוואָרן, אַז הימלער און קאָך — דער רײַכספּיורער פון עסעס און דער גאַולייטער פון אוקראַיִנע — קומען אַראָפּ קיין קיִעוו. קלאָר, אַז ניט די גאַנצע זאָרג פאַר זייער געפאַרלאָזיקײַט און פאַרן אופנאַם פאַלט אָף זײַנע פּלייצעס — עס זײַנען דאָך דאָ אי דער גענעראַל־לייטענאַנט פון עסעס יוטנער, אי דער שעף פון אָפּעראַטיוון אָפּטייל פון עסעס דער גרופּענפיורער דאָקטאָר ראַאַש, אי דער שטאַדטקאָמיסאַר פּאַול ראָגואַש און פיל אַנדערע, און פּונקט אַזוי וועט דער קאָוועד פון אופנעמען די הויכע פּערזאָנען אויך, פאַרשטייט זיך, אײַנגעטיילט ווערן אַנטשפּרעכיק. נאָר וואָס אָנבאַלאַנגט אים, עבערגאַרדטן, וואָלט ער גערן מויכל געווען דעם קאָוועד, אַבי ניט וויסן פון דער זאָרג.

די צווייטע שיפּראָווקע איז אַן אויסדרוק פון שטענדיקער געסטאַפּישער אָפּעקע: מעלדן אין שטאָט אַ רעגיסטראַציע פון קאָמוניסטן. פּונקט ווי ער זאָל אַליין ניט וויסן, אַז מע דאַרף דאָס טאָן. קיינער וועט, געוויינלעך, ניט קומען זיך רעגיסטרירן — סײַדן עטלעכע פּאַכדאָנים, וואָס האָבן די ווערט אַן אויסגעבלאָזן איי. און אַז מע וועט זיי שפּעטער־צו אַרעסטירן, די רעגיסטרירטע, וועט עס זײַן אַ נישטיקער פאַנג. צו די עכטע קאָמוניסטן דערגראָבן זיך איז פּונקט אַזוי, ווי צוקומען צום יאָדער פון דער ערד. גרויסע בעריעס זײַנען זיי, די געסטאַפּאָווצעס, און וואָס ווײַטער פון פראָנט — אַלץ גרעסערע בעריעס. ס'וועט נאָך דאָ אַלעמען אויסקומען נישטערן און גראָבן.

די דריטע שיפּראָווקע איז, פאַרקערט, וועגן די, וואָס זײַנען אָף דער אויבערפלאַך. עמעס, די דאָזיקע וועלן אין ערגעץ ניט אַנטרונען ווערן אויך שפּעטער. מע דאַרף זיי אָבער ניט געבן קיין מעגלעכקײַט ארומקוקן זיך, ניט דערלאָזן, אַז עס זאָלן פון זייער סוויווע זיך אויסטיילן די אַמערסטן קאַמפּספּייִקע, און דעריקערשט דאַרף אַלץ געטאָן ווערן, ביז עס וועט קומען צו זיך די באָלשעוויסטישע אונטערערד, ווײַל דעמלט וועט שוין אַלץ זײַן אַנדערש.

דאָס, וואָס עס ווערט פאַראָרדנט אין דער דריטער שיפּראָווקע, איז אויך ניט בלויז זײַנע, דעם קאָמענדאַנטס, זאָרג, נאָר די זאַך איז ביז גאָר אַ דעליקאַטע און עפשער אַ קאָמפּליצירטערע, איידער אופנעמען די וואַזשנע און שטאַרק קאַפּריזע געסט אין דער ערשט ניט לאַנג דעראָבערטער שטאָט.

כאָטש פון ערשטן בליק קאָן זיך אויסווײַזן — וואָס פאָדערט דען אַזוינס שווערס די דריטע שיפּראָווקע? אַ געוויינלעכע רעזאָליוציע פאַרן געהעריקן סעקטאָר פון דער פעלד־קאָמענדאַטור, און ער האָט זי שוין אָנגעשריבן: „אויספּילן“. ווײַטער קומט אַ קליינע דעטאַליזירונג: „צוגרייטן פאָרשלאָגן, וואָס זאָלן דיסקאָנטירן דרײַ מאָמענטן: ווו, ווען און ווער; קאָאָרדינירן אַלץ מיט די אַנטשפּרעכיקע אינסטיטוציעס, וואָס זײַנען אויסגערעכנט אין דער שיפּראָווקע; מיטיילן אין צוויי טעג אַרום“. נאָר די זאַך איז אַ דעליקאַטע און פון גרויסן מאַסשטאַב. ווען מע האָט מיט דרײַ יאָר צוריק דורכגעפירט אַן ערעך אַזאַ אָפּעראַציע אין דײַטשלאַנד, זײַנען מאָביליזירט געוואָרן אי באַזונדערע עסעס־טיילן, אי די אַלגעמיינע עסעס, אַלץ און אַלע, און אין פלוג איז דער מאַסשטאַב אין גאַנצן רײַך געווען מיסטאַמע פיר מאָל קלענער, ווי דאָ, אין אָט דער שטאָט, און קיין טאָטאַלן כאַראַקטער, אַזוי ווי דאָ, האָט די אָפּעראַציע אויך ניט געטראָגן. פונדעסטוועגן ווייסט דערפון די געשיכטע, און מע רופט יענע אַקציע פּונקט אַזוי, ווי די געסטאַפּאָ האָט איר אַ נאָמען געגעבן אינעם געהיימען דעוויז: „די קרישטאָל־נאַכט“[1]

1 „ק ר י ש ט אָ ל־נ אַ כ ט“ — פּאָגראָמען אָף ייִדן, וואָס די פאַשיסטן האָבן געמאַכט אין 1938 אין פיל דײַטשישע שטעט.

אַף דעם, וואָס דאַרף דאָ, אין קיִעוו, דורכגעפירט ווערן, זײַנען געגעבן געוואָרן פינף טעג — טעג, ניט קיין נעכט. עמעס, דאָס, וואָס די אָפּעראַציע פאַלט צונויף מיטן באַזוך פון הימלערן און קאָכן און נאָך פון איינעם, וואָס זײַן אַמטלעכער איניען איז עס טאַקע, קאָן באַטראַכט ווערן פון צוויי זײַטן: בעסער וואָלט זײַן, ווען קיין העכערער שטייט ניט איבערן קאָפּ, בייס דו טוסט אַזוינס, נאָר, פון דער אַנדערער זײַט, איז אַדעראַבע, גוט, וואָס זיי וועלן זען, ווי דאָס ווערט געגרייט און געטאָן דאָ, אין אָסט. און ניט נאָר זען — און דאָס איז דער איקער, זאָלן זיי אַליין מיט זייער בײַזײַן נעמען אַף זיך אַ טייל פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. עס שאַדט ניט.

אָט וועגן דעם האָט ער געטראַכט, עבערגאַרדט, און די שטימונג איז בא אים געווען ניט וואָס אַ שלעכטע, נאָר אַן אומבאַשטימטע, ווען דער אַדיוטאַנט האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דער אָבערסט פאָן גלייעוויץ וויל אַרײַנקומען. דער אַדיוטאַנט האָט אויך אַ שעפּטשע געטאָן וועגן דעם סורפּריז, וואָס דער אָבערסט האָט צוגעגרייט, כאָטש ער האָט זיך אָן סאָפּעק געשווירן העניכן, דער מיידלש־שיינער אַדיוטאַנט, אַז ער וועט גאָרנישט ניט אויסזאָגן דעם שעף. דער טאַי־טעריער האָט אַנטוישט עבערגאַרדטן: אַזאַ הינטל פּאַסט פאַר אַן אַלטער פּריצטע. זאָל דאָס זײַן סטאַם אַ שפּאַס העניכס? אָבער זאָגן, אַז ס'איז אַן אַמולעט — הייסט שוין ניט שפּאַסן, נאָר אָפּשפּעטן. דאָס איז צופיל, אַזוינס וועט ער זיך ניט דערלויבן.

— טאַקע אַ מערקווירדיקע געשיכטע באַם הינטל? — האָט עבערגאַרדט געפרעגט, ניט קוקנדיק אַפן טאַי־טעריער, און געבנדיק דערמיט און אויך מיטן שמייכל, וואָס איז אי אופגערוימט, אי ער פאַרמאָגט נאָך אַ שאָטנדל פון טיפער באַשעפּטיקטקײַט, צו דערפילן פאָן גלייעוויצן, אַז ער איז צופרידן פונעם באַזוך, כאָטש עס פאָדערט אַ ביסעלע געדולד און אָנשטרענגונג, און דאָס איבעריקע איז ער גרייט ניט אָנעמען פאַר ערנסט, כאָטש וויִאַזוי עס אויסטײַטשן, ווייסט ער נאָך ניט.

— אַ מערקווירדיקע.

— קומען נאָך בא אונדז פאָר מערקווירדיקע געשיכטעס, העניך? — עבערגאַרדט האָט שוין געשמייכלט לוסטיקער. די גוטע שטימונג האָט פּאָרט אין אים געזיגט, און העניך האָט אים פאַרוויַלט מיט זײַן מאַמעש ייִנגלשער באַמיִונג צו רעדן איבערצײַגעוודיק. — אַלזאָ, איך האָב אָנגעשטעלט מויל און אויערן.

— איך בין דאָך ווידער געווען אין ליובאַטש, עבי...

(דאָס איז פון די יוגנט־צײַטן אַ כאַווערישע פאַרקירצונג פון עבערגאַרדט).

— אָך האָסטו, העניך, פאַרדינט אַ שטעקן!

— דערווײַל האָב איך דאָרט פאַרדינט אַ קוש.

— פאַרדינט צי באַקומען?

— באַקומען, עבי, באַקומען...

— יאָ, קיין אַלטער טערעך וועסטו נאָך לאַנג ניט ווערן, העניך, אויב אַ קויל צי אַ סנאַריאַד וועט דיר אומדערוואַרט ניט איבערלויפן דעם וועג.

— צוליב דעם טאַקע האָב איך דיר געבראַכט אַן אַמולעט, אַז זאָלסט מיר אַזוינס זאָגן, עבי!

— דערווײַל זע איך נאָר אַ הינטל, ווי אַ פּלוי די גרייס.

— עס האָט געראַטעוועט דעם ליובאַטשער בורגאָמיסטער.

עבערגאַרדט האָט זיך ווידער אָנגעלענט אַפן ווענטל פון שטול און, ניט אַרויסברענגענדיק קיין קלאַנג, אין זיך, ווי זײַן טעווע איז, געלאַכט, דערבײַ האָט בא אים מער זיך געטרייסלט יענער אַקסל, ווו ס'איז אָנשטאָט דער האַנט געווען אַ פּראָטעז, און די אויגן האָבן פאָרשערישטרענג און וואָרענענדיק געקוקט אַפן גאַסט.

— גלייבסט ניט, עבי? באַנאַכט האָט עמעצער אופגעריסן אַ פענצטער אינעם בורגאָמיסטערס שלאָפצימער, און אָט דאָס דאָזיקע שנעקל האָט אין צווייטן צימער, בא דער פרײַלן וואַליאַ, געמאַכט אַ טומל און דורכגעטריבן די פאַרברעכער... איז אָט האָסטו איינעם פון די אַמולעטן, וואָס דו קאָלעקציִאָנירסט, — אַזאַ, וואָס האָט געראַטעוועט אַ מענטשן דאָס לעבן!

פאָן גלייעוויץ האָט זײַן קרומלעך־שמייכלענדיק פּאָנעם צוגעגעבן אַזאַ אויסדרוק, ווי ער זאָל זיך אַ ביסעלע האָבן באַליידיקט, וואָס די גוטע קאַוואָנע זײַנע ווערט ניט אָפּגעשאַצט. אינדערעמעסן אָבער האָט אָט די אָנשטרענגונג אַף זײַן שמייכלענדיק פּאָנעם אַרויסגערופן עפּעס אַנדערש. דאָס הינטל האָט געהערט דער מישפּאָכע פון אַ ליובאַטשער דאָקטער, וועלכע איז פאַרשווונדן אינעם טשאַרטאָריִער זומפּ. די אַלטע פּיאָקלע האָט זיך פאַרהאַלטן פרײַנטלעך מיט יענער מישפּאָכע, און ווען זי האָט דערזען דאָס הינטל אומבלאָנקען אין גאַס, האָט זי עס גענומען צו זיך אין צימערל. דער בורגאָמיסטער האָט ניט געוואָלט לײַדן דאָס „ייִדישע הינטל“, און כאָטש פּיאָקלע האָט געטײַנעט, אַז עס האָט דורכגעיאָגט די ייִנגלעך, וואָס האָבן געוואָלט צונעמען אירן אַ סאַק, וועלכן זי האָט אַרויסגעהאַנגען לופטערן אַפן פּלויט (דאָס אַלץ האָט דער ליובאַטשער

פּאָליציי־שעף, זאבוזשניוק, דערציילט אין שפּאס), איז דעם בורגאָמיסטערס הארץ ווייכער ניט געוואָרן. דערזען, אז דאָס הינטל איז געפעלן דעם אָבערסט, האָט דער בורגאָמיסטער עס געפּאקט און אריַינגערוקט אין מאשין פארן סאמע אוועקפאָרן. דער איַינפאל, אז דאָס הינטל קאָן מען פאָרשטעלן אלס אן אמולעט, וויַיל עס האָט גראַטעוועט פּיאָקלען פון א העזעק, איז פאָן גלייעוויצן געקומען שפּעטער, שוין אלס א ניַיער שפּאס, און מיט דעם דאָזיקן שפּאס, א צוגע־פּעפּערטן מיט דעם פאקט, אז דאָס איז א יידיש הינטל, האָט ער זיך געקליבן אראָפּקומען צו עבערגארדטן און דערשלאָגן זיך בא אים, ער זאָל דערלויבן א זאך, וואָס פאר פויעלן עס האָט וואליע סאנזשארא ניט געגעבן, נאָר בעפיירעש צוגעזאָגט אים, דעם אָבערסט, א קוש. פאָן גלייע־וויץ האָט אָבער באציַיטנס זיך געכאפּט, אז עבערגארדט האָט ניט פארשטאנען דעם שפּאס. יעדנ־פאלס, ער פילט זיך געטראָפן. דערפאר האָט דער אָבערסט באשלאָסן, כאָטש אין א טאָן פון ליַיכטער איראָניע, נאָר פאָרשטעלן די זאך אלס א פולקום ערנסטע און בא דער ערשטער מעג־לעכקיַיט אומגעצווונגען איבערגיין צו דעם וויַיטערדיקן — צו וואליעס ביטע.

— זי האָט א פיַינעם פּלאן, די פריַילן וואליע, — האָט ער געזאָגט, ארופנעמענדיק דעם טאָי־טעריער אף די קני און פּאטלענדיק אים די פּיצינקע ווייכע אויערן, — זי וויל קומען קיין קיִעוו און אָרגאניזירן א טרופּע, וואָס זאָל באדינען דעם גארניזאָן און די פארבײַפאָרנדיקע טיילן. ווי וואָלסטו געקוקט אף דעם, עבי?

— דאָס איז די קאָמפּעטענץ, מיסטאמע, פון דער אופראוועו. פאראן דאָרט, צי עס וועט היַינט־מאָרגן שוין זיַין, דער שעף פון פּערסאָנאל־אמט, דער דאָקטאָר ארטור באָס. אָט צו אים וועט זי זיך דארפן ווענדן, דיַין שיינהיַיט, צווערשט — צו אים. און איך — איך בין אין פּרינציפּ ניט קעגן. זי איז, ווי עס שיַינט, פּראקטישער, דיַין שיינהיַיט, איידער דו מיינסט, הענריך.

דעם קאָמענדאנטס בליק איז געפאלן אף דער צעעפנטער פּאפּקע, ווו עס זיַינען סאמע פון אויבן געלעגן די שיפראָווקעס. ער האָט צוגעמאכט די פּאפּקע, ניט אופהייבנדיק זיך פון שטול, פארשלאָסן זי אין סייף, וואָס איז געשטאנען לעבן דעם שריַיבטיש, און געזאָגט מיט א גרימאסע פון זאָרג:

— האָסט מיר געהאט דערציילט, הענריך, וועגן א פּיפּיקן עסדע־קאָמאנדיר, וואָס האָט גלענצנדיקע איַינפאלן, די פאמיליע איז בא אים אזא קלינגעוודיקע — געדענקסט ניט?

פאָן גלייעוויץ האָט אראָפּגעשטופּט פון קני דאָס הינטל, וויַיל עס האָט מיטן קליינעם פּיסקל גענומען כאפּן און ביַיסן פונדערליַיכט זיַין גראָבן פינגער.

— אָ... — האָט ער ניט הויך געזאָגט און געטראָפן זיך מיט עבערגארדטס אָנגעשטרענגט־צוגעזשמורעטע אויגן, ווי קלינגלעך פון א פארמאכטן קעשענע־מעסערל. — מאָלטקע רופט מען אים, ווילי מאָלטקע, אן אָבערשטורעמפיורער. — און גאָר שטיל: — דאָ אויך?..

עבערגארדט האָט ווי ניט געהערט די פראגע.

— אהא, מאָלטקע, מאָלטקע... ביכלאל איז עס דעם דאָקטאָר ראאשעס קאָמפּעטענץ קענען די דאָזיקע ליַיט, נאָר גוט, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט. א יונג מיט גאָלדענע איַינפאלן דיַין מאָלטקע.

— אין קיִעוו אויך? — האָט פאָן גלייעוויץ אן איבעראשטער איבערגעכאזערט די פראגע.

עבערגארדט האָט א שמייכל געטאָן, און געווען איז אָט דער שמייכל שוין ניט סטאם פון קיין פריַינט, וועלכער קאָן פארגעבן, אויב אפילע מע פארגעסט אין טאקט, נאָר פון א מענטשן, וואָס איז אמטלעך באלעסטיקט און געדענקט קעסיידער סיַי וועגן דער לאסט, סיַי וועגן דער הויכער לאגע זיַינער:

— ווי זאָגט מען דאָס, אָבערסט, דאָ, אין אוקראיִנע: באבא ז וואָזו, קאָניאם לעגשע...[1]

2

פאָן גלייעוויץ איז בעפיירעש אוועקגעגאנגען א ביסל שאָקירט, דאָס האָט עבער־גארדט באמערקט. טשיקאווע, פון וואָס מער: פון דעם, וואָס אים איז באוווסט גע־וואָרן, צי פון זיַין, עבערגארדטס, האלטונג. דאָס, וואָס הענריך האָט אין אלגעמיינע שטריכן זיך דערוווסט וועגן דער זאך, וואָס וויסן וועגן איר דארפן געציילטע מענטשן, שאדט ניט — זיַין דיוויזיע וועט אלציינס זיַין באשעפטיקט בא אָט דער ארבעט. מע האָט די דיוויזיע דאָך געלאָזט אין שטאָט ניט פאר קיין צירונג. און דאָס, וואָס הענריך האָט היַינט בייסן שמועס בעפיירעש דערפילט, אז פריַינטשאפט איז טאקע פריַינטשאפט, נאָר א העכער טרעפל איז פאָרט א העכערס, שאדט אוואדע און אוואדע ניט. זאָל ער יעדנפאלס קלערן ניט נאָר וועגן דער שיינהיַיט זיַינער. ער זוכט זיי אויס אומעטום, אָט די שיינהיַיטן, פונקט ווי זיי זאָלן נאָר צוליב אים בליִען אינעם גרויסן גאָרטן, וואָס די ערד איז, און דו, וואָס דו קלערסט אי וועגן פליכט, אי וועגן ווירדע,

[1] אראָפּ א פרוי פון וואָגן, איז גרינגער פאר די פערד.

דאַרפֿסט זיך באַנוגענען מיט אַ באַשטענדיקער ציבעלע, מיט בערטען, דער טעלעפֿאָניסטקע, וועלכע גייט דיר נאָך טרעפֿל נאָך טרעפֿל און וואַקסט אויך אַף איר אויפֿן, ווי אַ ציבעלע, — איצט איז זי שוין דער שעף פֿון קאָמוטאַטאָר אין דער קאָמענדאַטור.

דעם טאָי־טעריער, איז עבערגאַרדטן אײַנגעפֿאַלן, וועט מען איר, בערטען, קאָנען איבערגעבן — זאָל זי זיך מיט אים באַשעפֿטיקן. איין זאַך נאָר — צי האָט עס כאָטש קיין פֿליי ניט, דאָס הינטל, וואָס איז אי גרויס אי שוואַרץ ווי אַ פֿלוי.

מע וואָלט דאַרפֿן אַרײַנרופֿן דעם אַדיוטאַנט, זאָל ער כאַפּן דאָס הינטל און עס באַקוקן. נאָר ס׳איז אַן איבעריקע דערמאָנונג וועגן דער פֿעלנדיקער האַנט. נישקאָשע, מע קאָן זיך אויך אַליין אַן אײַצע געבן. ער האָט אַ פּאַק געטאָן דאָס הינטל, וואָס האָט זיך שוין געדרייט בײַ זײַנע פֿיס, מיט צוויי פֿינגער אויפֿגעהויבן עס פֿאַרן קאַרק. ס׳האָט זיך צעסקאַווטשעט, נאָר באַלד, אַ הילפֿלאָזס, אָנשוויגן געוואָרן, ראַטשענדיק די אַזוי אויך גרויסע, אומעטיקע אויגן. עבערגאַרדט איז אַוועק מיט דעם אין ווינקל פֿון קאַבינעט, צווישן צוויי ברייטע אָפֿענע פֿענצטער, אַף האַלב פֿאַרדעקטע מיט זײַדענע שטאָרעס (איין פֿענצטער צו דער סווערדלאָוו־גאַס צו, וואָס מע האָט נאָך ניט באַוויזן אַנדערש אָנרופֿן, דאָס צווייטע — צו קרעשטשאַטיק) און גענומען באַקוקן דאָס קימאַט הוילע אײַנגעשרומפּענע הינטישע בײַכל. ס׳איז דאַפֿקע געווען אַ ריינס, דאָס קאַרליקל, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אַף דער מירמלנער ברעט פֿונעם פֿענצטער, וואָס קוקט אַרויס אַף קרעשטשאַטיק, און גענומען גלעטן מיט דער איינציקער האַנט... ערשט, עס לאָזט זיך אויס, ס׳האָט ליב זיך לאַשטשען, דאָס וואַרעמע קעפּל איז מאַמעש נאָכגעגאַנגען נאָך דער דלאָניע.

גלעטנדיק אַזוי דאָס הינטל, האָט עבערגאַרדט געקוקט אַ מינוט אין גאַס. אָט איז פֿאָן גלייעוויץ אַוועקגעפֿאָרן אַף זײַן בלויען „מערסעדעס“, אַ באַדעקטן מיט אָראַנזשעווע מאַסקירונג־פֿלעקן, אָט איז זײַן, עבערגאַרדטס, שוואַרצער לימוזין. ביכלאַל שטייען דאָ אַנטקעגן דער קאָמענדאַטור, פֿון ביידע זײַטן ברוק, צופֿיל אויטאָמאַשינעס, די שאָפֿערן קומען זיך צונויף אין רעדלעך, ווי ווײַבער אין מאַרק. מע וועט דאַרפֿן אויסטיילן פֿאַר די מאַשינעס איינעם־צוויי גראַמע הויפֿן ערגעץ דערנעבן, און זאָלן די, וואָס האָבן איניאָנים אין דער קאָמענדאַטור, גיין אַ פּאָר הונדערט טריט צופֿוס. מע וועט אויך דאַרפֿן באַפֿוילן, האָט דער גענעראַל שוין ווײַטער געטראַכט, אַרויספֿירן ערגעץ די קעגנגאַז־מאַסקעס און דאָס פֿאַרזשאַווערטע געווער, די ביקסן, צומיינסטנס אָן שלעסער, די קאַליע פּיסטאָלעטן, וואָס די באַפֿעלקערונג האָט, אויספֿילנדיק זײַן באַפֿעל, צונויפֿגעטראָגן אין דער קאָנדיטערײַ, וואָס אַנטקעגן. דאָס, וואָס טויג, האָט מען אַלציינס ניט געבראַכט. ליגן אַן־אָ בערג פֿונעם דאָזיקן ברוכוואַרג אַפֿילע אַפֿן טראָטואַר — בײַ דער טיר און בײַ דער צעבראָכענער וויטרינע. הײַנט האָט מען, דאַכט זיך, שוין ביכלאַל געטראָגן אַ סך ווייניקער, און איצט איז גאָר קיינער ניטאָ, נאָר דאָס קאָן אויך זײַן דערפֿאַר, ווײַל גיך הייבט זיך אָן די צײַט, ווען מע טאָר זיך אין גאַס ניט באַווײַזן. דער קינדער־מאַגאַזין, לינקס, אַפֿן ראָג, איז ביז דער סטעליע פֿאַרפֿולט מיט ראַדיאָ־אויפֿנעמערס, וואָס די אײַנוווינער האָבן אָפּגעגעבן, — זיי דאַרף מען אָפּשיקן קיין דײַטשלאַנד. די מערהײַט איז גאַנץ, און אויב ניט, מאַכט אויך ניט אויס — מע וועט פֿאַריכטן. אָט אַזוי זײַנען געפֿלאָסן די געדאַנקען בײַם גענעראַל, און פּלוצעם... נאָר וואָס ס׳איז געשען, האָט עבערגאַרדט פֿאַרשטאַנען ערשט אין אַ פּאָר שאָ אַרום, ווען ער איז נאָכן פֿלאַם, וואָס האָט אים פֿאַרבלענדט, און נאָכן מעכטיקן הילך, וואָס האָט אים פֿאַרהלושעט, געקומען צו־זיך אַף אַ ווײַס בעט אין שפּיטאָל.

3 די דאָקטוירים האָבן זיך געייסעקט מיט אים צוויי מעסלעס און וואָלטן נאָך ווער ווייסט וויפֿל געייסעקט זיך, ווען ער אַנטלויפֿט ניט. פּאָשעט, בײַס דער שטאַדטקאָמיסאַר ראָגאַוש איז צו אים געקומען מיט אַ באַזוך אין שפּיטאָל, האָט ער געזאָגט ראָגאַושן: „ווילסט, איך זאָל דיך געדענקען, פּאַול, וויפֿל איך וועל לעבן? נעם מיך צו פֿונדאַנען אַף דײַן מאַשין, אָט אַזוי־אָ, אין דער פּיזשאַמע“. ס׳הייסט, די מעדשוועסטער — אַ מויד אַ מאַלעך! — וואָלט אים די אוניפֿאָרם אויך געגעבן, ווען ער טוט זי אַ בעט, זי האָט געצאַפּלט פֿון איין קוק זײַנעם און איז מאַמעש צעגאַנגען, ווי אײַז־קרעם אין קאָניאַק, אויך פֿון איין קוק זײַנעם, נאָר דאָס וואָלט שוין געווען צופֿיל: די מויד וועט אַזוי אויך אַרײַנכאַפּן פֿונעם הויפּט־דאָקטער, נאָר זײַן וועט זי אומשולדיק, ווי אַ לעמעלע. דעריקער אָבער איז אַן אַנדער זאַך: עס וואָלט ניט אויסגעזען אַזוי ראָמאַנטיש, ייִנגלש, עכט זעלנעריש, נו, זאָל מען עס אָנרופֿן ווי מע וויל, דאָס אַנטרונען ווערן זײַנס פֿון שפּיטאָל.

טאַקע בײַס יענע מעדשוועסטער האָט דעזשורעט, — זי איז געזעסן אין דער אָפּגעזונדערטער פּאַלאַטע ניט ווײַט פֿון זײַן בעט, לעבן פֿענצטער, און באַטראַכט אין אַ קליינינקן שפּיגעלע דעם בלאָנדן לאָק און דאָס שוואַרצע בראָדעווקעלע איבער דער לינקער ברעם, — איז ער געקומען צו־זיך צי פֿון כאַלאָשעס, צי פֿון טיפֿן שלאָף, לאַנג געקוקט אַפֿן מיידל און געפֿרעגט:

— וואָס טו איך דאָ?

— ליגט, ליגט, איר טאָרט ניט רעדן! — האָט זי זיך א הייב געטאָן פון אָרט.

— איך טאָר ניט? אויב איך קאָן, מעג איך, — האָט ער א שפּאַס געטאָן פּונקט אזוי, ווי ער איז געוווינט געווען צו שפּאַסן, ווען ער איז נאָך דער אַמפּוטאַציע פון דער האַנט עטלעכע כאַדאָשים געלעגן אין שפּיטאָל. איצט האָט ער אפילו רעכט ניט פאַרשטאַנען, צי איז שוין עפּעס געווען זינט יענער צײַט, ווען ער האָט די האַנט פאַרלוירן, צי דאָס ליגט ער אלץ נאָך אין שפּיטאָל, נאָר באַלד זיך דערמאָנט: דאָס שוואַרצע הינטל אָף דער מירמלנער פענצטער־ברעט, אווטאָמאשינעס פון בײדע זײַטן קרעשטשאַטיק, א באַרג פאַרזשאַווערט געווער און קעגנגאַז־מאַסקעס בא א צעפּראַלטער טיר און א צעבראָכענער וויטרינע פון א קראָם, פאַרבײַ וועלכער עס שפּאַנט אום א וואַך, א רויטער פלאַם מיט א ווײַסן בליץ אינמיטן, צעשפּאָלטענע, פאַלנדיקע ווענט...

— איר דאַרפט שווײַגן, הער גענעראַל!

— באַלד... באַלד וועל איך שווײַגן... נאָר ווי קום איך אהער?

דאָס מיידל איז אוועק צו דער טיר, עפּעס געזאָגט עמעצן אין קאָרידאָר, און באַלד זײַנען געקומען עטלעכע דאָקטוירים. מער פון אַלע האָט זיך צו אים גענומען יענער, אין די ברילן, שטאַרק אַן ענלעכער אָף א ייִדן, נאָר ער איז, נאַטירלעך, ניט קיין ייִד. זעץ זיך אזוי, און זעץ זיך אַנדערש, דריי דעם קאָפּ אהער, אהין, פאַרמאַך די אויגן און שטרעק אויס די הענט — אַלע קונצן פון א נעווראָפּאַטאָלאָג. דאָס איז נאָך געווען צו דערלײַדן, אָבער אַז ער האָט אָנגעהויבן די שמועסן זײַנע, יענער דאָקטער, האָט דאָס שוין טאַקע געקאָנט אַרויסבריינגען פון געדולד. ניטאָ קיין מינדסטער פאַרלאַנג צו ענטפערן, ווי מע רופט דאָס ווײַב, אין וועלכן פּאָלק דו האָסט אַמאָל געדינט, וואָס האָסטו געטאָן אינדערפרי, גלײַך נאָך פרישטיק, — דו שווײַגסט, און ער דרייט אומצופרידן מיטן פליכעוואַטן פּלאַטשיקן קאָפּ: ס׳הייסט, נו, יאָ, געדענקסט ניט, א שאָד, א שאָד...

— ווו זײַנען מײַנע אַדיוטאַנטן? פון צוויי וואָלט כאָטש איינער זיך באַוויזן.

— ניטאָ, ניטאָ, הער גענעראַל. דאָ זײַט איר א קראַנקער.

— און בערטע? שוין זשע איז זי ניט געקומען געוווירע ווערן?

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז די פרוי אײַערע רופט מען... אַנדערש...

גיי דערקלער אים, דעם דאָקטער, אַז דו פאַרשטייסט שוין — די קאָמענדאַטור איז אופגעריסן, און אַז דאָס ווילסטו וויסן, צי לעבן די, אָף וועמען דו פרעגסט זיך נאָך.

— ערגערט זיך ניט. קיין שום אופרײַסן, קיין שום דערשיטערונגען. איר זעט דאָך, הער גענעראַל, די ערד איז אַן ערד, און מיר טרעטן איבער איר.

— און דאָס הינטל? אַזאַ שוואַרץ הינטל?

וועגן הינטל האָט ער געפרעגט אי א ביסל אָפּצולאָכעס דעם דאָקטער, זאָל דאָס טאַקע אויסזען, ווי אַן אַלאָגיזם, אי ווײַל ס׳האָט דורכגעבליצט א געדאַנק, אַז עפּשער איז ער גאָר אַדאַנק העגריכס מאַטאָנע לעבן געבליבן — פאָרט אַן אַמולעט.

— א שוואַרץ הינטל? — האָט דער דאָקטער זיך געכאַפּט און טרויעריק־טראַוּמפירנדיק איבערגעקוקט זיך מיט די אַנדערע דאָקטוירים. — אָך, דאָס שוואַרצע הינטל... אין אָרדענונג, עס נאַשט מילך פון א טעלערל, נאָך א מין נאַשן!

א טאָלק איז עבערגאַרדט דערגאַנגען ערשט שפּעטער, בא דער מעדשוועסטער, טאַקע בא דער דאָזיקער מיטן בלאָנדן לאָק און מיטן בראָדעווקעלע איבער דער ברעם. ניט נאָר די קאָמענדאַטור אַליין — עטלעכע געבײַדעס אַרום זײַנען אויך אופגעריסן. דאָ, אין שפּיטאָל, ליגן פיל פאַרוווּנדעטע און אַרומגעברענטע דײַטשן. אים, דעם קאָמענדאַנט, האָט אָפּגעגליקט מער פון אַלעמען: די אופרײַס־כוואַליע האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון צווייטן שטאָק דורכן אָפענעם פענצטער אָפן קרעשטשאַטיק. געפאַלן איז ער, ווײַזט אויס, אָפן פראָטעז, און דאָס האָט אַמאָרטיזירט דעם קלאַפּ. די האַנט, די קינסטלעכע האַנט, איז צעבראָכן, און אַליין איז ער גאַנץ, קימאַט גאַנץ.

דער ערשטער האָט אין שפּיטאָל זיך דורכגעריסן העגריך פאָן גלייעוויץ. דאָס איז שוין געווען אַן עמעסער גרוס פון אויסן און אַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע — העגריך האָט ניט ליב זיך דרייען אָפן קאָרעק. דער האָטעל, ווו די קאָמענדאַטור האָט זיך געפונען, איז אָדער פאַרמינירט געוואָרן ביז דעם, ווי די סאָוועטן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, אָדער דערנאָך, ווען די קאָמענדאַטור האָט זיך דאָרט שוין אײַנגעאָרדנט. דאָס איז איצט אומעגלעך פעסטצושטעלן. נאָר אָנגעהויבן האָט זיך אַלץ גראָד ניט פונעם האָטעל — אין יענער קינדער־קראָם, ווּהין מע האָט צונויפגעטראָגן די ראַדיאָ־אופנעמערס, האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן. די געבײַדע איז געווען פאַרמינירט, און דעם אופרײַס־מעכאַניזם האָט מען געקאָנט אַרײַנטראָגן אין איינעם פון די ראַדיאָ־אופנעמערס. פון דער דעטאָנירונג איז אופגעפלויגן אינדערלופטן סײַ די קאָמענדאַטור, סײַ די

קאָנדיטעריַי, ווו דאָס געווער איז געווען צונויפגעזאַמלט. קלאָר, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט קאָפּ.

— די קאָמענדאַטור, קאָן מען זאָגן, ווערט אָפּסניַי קאָמפּלעקטירט, — האָט הענריך פאַרגעזעצט, — איך האָב אויך אויסגעטיילט פאַר איר דריַי אָפיצערן. איינער דיַינער אָן אָבערסט־לייטענאַנט[1] לאַמערס, וועלכער האָט ניט געליטן — ער איז ערגעץ געהאַט אַוועקגעפאָרן, — באַשעפטיקט זיך מיט דער קאָמפּלעקטירונג. און ווייסט, ווו מע אָרדנט איַין דיַין רעזידענץ, עבי? אין אַ שול ניט וויַיט פון יעוובאַז. מיַינע מיניאָרן האָבן דאָרט שוין יעדער ציגל באַטאַפּט.

— אַ דאַנק דיר פאַר אַלץ, הענריך. און פאַרן הינטל אַ דאַנק דיר.

— אַ, דאָס הינטל! אַגעוו, ליגט עס דאָרט אָפּן ברוק אַ צעקוועטשטס.

דעם נעוראָפּאַטאָלאָג האָט עבערגאַרדט געשטעלט פאַר אַ נייַער רעטעניש:

— אַז דאָס שוואַרצע הינטל נאַשט שוין ניט קיין מילך, הער דאָקטער, דאָס ווייס איך, — האָט ער געזאָגט בייסן אָרדנטלעכן שמועס, — נאָר אויב איר ווילט אויך וויַיטער שוינען מיַינע נערוון, איז הייסט, ביטע, אָפּהיטן מיין פּראַטעז. און נאָך בעסער — איך באַשטיי דערויף — זאָל מען אים אַריַינטראָגן אַהער, אין מיַין פּאַלאַטע.

און ער האָט טאַקע מיטגענומען דעם צעקלאַפּטן פּראָטעז באַם אַנטלויפן אויף ראַגאַושעס מאַשין.

4

אויב אַ קוק טאָן דעם עמעס אין די אויגן, האָט דאָס אַנטלויפן זיַינס פון שפּיטאָל אויסגעזען גאַנץ פּראָזאַיִש, פּאָשעט אַראָפּגעלאָזט זיך אין הויף — אַראָפּגיין פון בעט איז אים געווען דערלויבט, אַוועקגעזעצט זיך אין דער מאַשין לעבן פּאולן, און דער וואַכמאַן באַם טויער, אַ באַיאָרטער סאָלדאַט, פון די, וואָס מע פאַרשטעקט מיט זיי אין הינטערלאַנד ווו אַ לאָך, האָט, אָן איבעראַשטער פון פּאולס הויכן ראַנג, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן און אויסגעצויגן זיך, ווי אַ סטרונע. אין דער ווילע באַ זיך האָט עבערגאַרדט אָנגעטאָן די פּאַראַד־אוניפאָרם, אַרויסגערופן דעם לימוזין זיַינעם און געזעצט זיך שוין אין אים ווידער אַלס קאָמענדאַנט פון שטאָט. דאָס איינציקע, וואָס האָט אינעם קאָמענדאַנטס אויסערלעכן אויסזען דערמאָנט וועגן דער איבערגעלעבטער אופּטרייסלונג, איז געווען דער פּוסטער אַראָפּהענגענדיקער אַרבל — קיין צווייטן פּראָטעז האָט ער ניט געהאַט, עס וועט אויסקומען באַשטעלן אין בערלין. נאָר אָט דער הענגענדיקער פּוסטער אַרבל האָט אונטערגעשטראָכן דאָס, וואָס עבערגאַרדט האָט געוואָלט אונטערשטריַיכן, — אַז דער גענעראַל איז ניט געבליבן אין דיַיטשלאַנד אין אָט דער שטורמישער ציַיט, אַז ער האָט זיך ניט דערלויבט אַפילע ליגן אַן איבעריקן טאָג אין שפּיטאָל, און אויב עמעצער פון די העכער שטייענדיקע וועט אים פונדעסטוועגן וועלן מוסערן פאַר דעם, וואָס ער האָט דערלאָזט אַ פאַרזען, געזעסן אויף אַ פּעסל מיט פּולווער און ניט געוווּסט דערפון, איז זאָל מען געדענקען, אַז ער האָט שוין פּולווער געשמעקט, געשמעקט אים זיכער מער, ווי יענער, וואָס קאָן זיך דערוועגן אים עפּעס פאָרוואַרפן...

געהאַט האָט ער, פאַרשטייט זיך, אין זינען דערבייַ די צוויי געסט, וואָס האָבן געזאָלט אַראָפּקומען אין שטאָט, און דעריקערשט — הימלערן. עבערגאַרדט האָט אָבער געוווּסט, אַז אין דער געשאַפענער לאַגע האָט ער איינס פון די צוויי — אָדער געדאַרפט זיַין שווער פאַרווונדעט, אַרומגעבּרענט, אָדער פולשטענדיק געזונט און טעטיק. אָט פאַרוואָס ער האָט געיַילט ווידער אָנציִען אויף זיך דעם מונדיר. דעם דאָזיקן באַשלוס האָט ער אָנגענומען בייס הענריך פאָן גליַיעוויצעס באַזוך אין שפּיטאָל. און די שאָען, וואָס ער איז נאָך געבליבן אין שפּיטאָל ביז ראַגאַושעס באַזוך (עס האָט זיך פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן דעם רעזולטאַט פון די פיל אַנאַליזן, וואָס מע האָט אים געמאַכט, צי איז טאַקע אַלץ אין אים גאַנץ), האָט ער אויסגענוצט אויף צו באַטראַכטן, וואָס ער האָט צו טאָן באַלד, ווי ער וועט אַרויס פונדאַנען. די געסטאַפּאָ און די פּאָליציי טוען זיך מיסטאַמע זייערס אין צוזאַמענהאַנג מיטן געשעענעם, אָבער ער דאַרף פאַרנעמען גאָר באַזונדערע שריט. צעשיסן די צוויי הונדערט אָרוועסלייַט, וואָס מע האַלט אין טפיסע, און מעלדן וועגן דעם דער באַפעלקערונג? ווייניק. וואָס זשע? מע דאַרף, אַז הימלער און קאָך, ווען זיי וועלן אַהער אַראָפּקומען, זאָלן דערפילן, אין וואָס פאַר אַ שטאָט זיי געפינען זיך, אַז אָט די שטאָט האָט מער פון צוויי כאַדאָשים געצוווּנגען טאָפּטשען זיך באַ אירע ראַנדן דאָס דיַיטשישע מיליטער, אַז ס'איז דאָ אויך איצט פראָנט, כאָטש דער פראָנט איז וויַיט אויף מיזרעך, אַז ס'איז דאָס אָרט, ווו עס שלאָגט דער קוואַל פון פאַרבאָרגענעם און זייער פאַראַקשנטן ווידערשטאַנד, וואָס כאַפּט אַרום די שטעטעכן פון סאַן ביזן פּסיאָל. אָט דאָס, וואָס דאַרף דאָ אָפּגעטאָן ווערן פאַר פינף טעג, דרינגט אויך אַרויס דערפון. כאָץ אַלע איבעריקע מאָטיוון פון דער אַקציע, וועט זי אָנוואַרפן אַ מוירע אויף

---

[1] אָבערסט־לייטענאַנט — אַ פּאָדפּאָלקאָווניק.

דער גאַנצער באַפעלקערונג סיי פון דער שטאָט גופא, סיי אויסער איר. און פאַר די געסט וועט דאָס אויך אויסזען, ווי אַ וועזנטלעכער אויפטו. פונדעסטוועגן אָבער איז ער, עבערגאַרדט, אין דעם דאָזיקן איניען בלויז איינער פון די אויספילער. דאַרף מען צוטראַכטן עפעס אַזוינס, וואָס זאָל אי אויסזען אָריגינעל, אי פולשטענדיק קומען פון אייגענער איניציאַטיוו. און ער האָט שוין צוגעטראַכט, נאָר אַלץ אָפגעוויגן, צי האָט עס טאַקע אַ באַטרעף, און אַלץ מער צוגעשמייכלט פאַרטייִעט — אַ באַטרעף. ס'איז אַ קלאַפ דער שטאָט אין סאַמע האַרצן, און אַ פייעריע פאַר די געסט, וואָס האָבן בעפּיירעש ליב עפעס אַזוינס, וואָס זאָל קיצלען די נערוון. פאַן גלייעוויצעס מיניאָרן קאָנטראָלירן דורך אַלע הייזער אַף קרעשטשאַטיק און אַף די אַרומיקע גאַסן — עפשער זײַנען זיי פאַרמינירט. אין אַ פאָר ערטער האָט מען זיך ווידער אָנגעשטויסן אַף מינעס און ס'איז דערגאַנגען צו אַ נײַעם אויפרײַס. איז נאָך וואָס זוכן, נישטערן, ריזיקירן — בעסער אויפרײַסן סיי די פאַרדעכטיקע הײַזער, סיי די שכײנישע — דעם גאַנצן צענטער, קרעשטשאַטיק און די גאַסן, וואָס לאָזן זיך צו אים אַראָפּ, פאַרוואַנדלען אין רויִנען. אָט דאָס וועט זײַן ראַדיקאַל, און אַרויסשטעלן קאָן מען עס אַפילע אַלס אַ נויטווענדיק מיטל...

און אָט איז ער, דער קרעשטשאַטיק, אין פלאַמען, און אָט זײַנען זיי — די געסט.

ער, עבערגאַרדט, האָט זיך זײַן שטאָלץ, זײַן ווירדע, וואָס קומט פון דעם הויכן ראַנג. ער ווייסט, צו וואָס ער האָט געשטרעבט אין לעבן און וואָס ער האָט דערגרייכט. עס שטימט ניט שטענדיק? נאָר דאָס וויכטיקסטע, צו וואָס ער האָט געגרייט זיך פון דער סאַמע יוגנט, האָט ער זיך דערשלאָגן, — ער האָט צו שאַפן איבער מענטשן. מער מענטשן, ווייניקער מענטשן — מע קאָן אין אַלץ זען אַ גאַנץ קיניגרײַך. און אָט קאָן ער זיך דערלויבן — אומברענגען, פאַרברענען דעם צענטער פון דער דעראָבערטער שטאָט, באַשטראָפן אַזויאַרום די אַלע, וואָס אַקשענען זיך דאָ און מיינען, אַז זיי קאָנען נאָך פאַרהיטן זייער שטאָלץ, און טאַקע אויך פאַרווײַלן די כאָשעווע געסט.

כאָשעווע? און דאָס הריזעט אים בעפּיירעש, דעם גענעראַל: בא וועמען וויל ער עס אויסנעמען? בא די, וואָס שטאַמען פון דער סאַמע נידער?..

אָט שטייט ער, הימלער, — אַ מענטש, די הייך מיסטאַמע ניט מער, ווי אַ מעטער מיט פינף און זעכציק, מיט שמאָלע פלייצעס, איןברילן, וואָס שנײַדן זיך אײַן אין דער נאָז און זי באַקומט דערפאַר אַ הויקערל. אַ שוואַרצער איז ער, מיט קליינע וואָנצעלעך, אָפגעצויגענע אַף אַראָפּ בא די מויל־ווינקלען, ווי בא אַ פראָסטאַק, אַ פראָווינציאַל, צי פאַרקערט, בא אַ גרויסשטאָטישן שווינדלער, וואָס באַמיט זיך אויסזען באַשיידן. אויגן פון אַ טכוירל, זיי לויפן אום אונטער די שטענדיק עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע וויִעס און באַהאַלטן דעם בייזן, עגבערנדיקן בליק זייערן אינעם גלאַנץ פון די גלעזלעך. גאָר קליינע הענט בא אים, און אַזאַ מאַכט... מע ווייסט, אַז אין דער פאַרגאַנגענהייט איז ער געווען אַ לערער. מיסטאַמע האָט ער געהאַלטן אין איין שרעקן דעם דירעקטאָר פון דער שול, ווו ער האָט געאַרבעט, אַז ער ווייסט אי וועגן אַלץ, וואָס יענער טוט, וואָס יענער רעדט, אי אַלץ, וואָס מע רעדט וועגן אים, דעם דירעקטאָר, און טאַקע מאַכמעס דעם געווען דער צווייטער מענטש אין שול. און דאָס זעלבע אויך איצט, ווען ער איז דער צווייטער מענטש אין רײַך. און עפשער — אין פאָטענץ — דער ערשטער מענטש? געהיימען קויעך איז ניט אָפצושאַצן.

דער צווייטער גאַסט, דער גאַולייטער קאָך, איז העכער, שטאַלטנער. דער פאַרמאָגט די אויסערלעכקייט פון זייער אַ פאָרזיכטיקן, נאָר אויך אַן אומגעהייער פרעכן אינטריגאַן, וועלכן עס גליקט קעסיידער. ער שטאַמט, לויט ווי מע שרײַבט, פון אײַזנבאַנער, גאָטספאָרכטיקע און געענגטע אין מיטלען. נאָר אָך, ווי שנעל עס ווערט אויס גאָטספאָרכטיקייט און געצוימטקייט, ווי נאָר מע באַקומט מאַכט! עריך קאָך פרוווט זיך אַפילע אַרויסשטעלן צומאָל, אַז ער האָט אַ גלויבן — דעם סאָציאַליזם, דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. ער, עבערגאַרדט, ווייסט זיך זײַנס: די זעלבער זאָגט מען, אַז מע איז אויסער פאָליטיק, און אַליין איז מען אַף דורך און דורך אַ פאָליטיקער, די אַרבעטער זאָגט מען, אַז מע איז פאַר פאָליטיק, און אין זינען האָט מען זיך, בלויז זיך.

איז אָט שטייען זיי בײדע, צוויי זײַלן פון דער מאַכט, וועמעס זעלבער און וועמעס גענעראַל ער איז, עבערגאַרדט, און ער ווייסט, אַז זיי האָבן שוין ניט איין מאָל אונטערגעשטעלט פיסלעך איינער דעם אַנדערן, הימלער און קאָך, און אַז איצט, דאָ, אין קיִעוו, הערשט, דאַכט זיך, צווישן זיי פולקומער פרידן, ווײַל בײדע שטעלן זיי פאָר די ריכטונג, וואָס האַלט, אַז מע קאָן זיך אַף קיינעם ניט אָנשפאַרן אין אָסט, בלויז אַף דײַטשישן קויעך, אַלץ דערשטיקנדיקן און פאַרניכטנדיקן קויעך, און ער, דער גענעראַל, טראַכט אויך דאָס זעלבע. און ווײַל ער וויל דאָס באַזונדערס אונטערשטרײַכן, פלאַקערט דער קרעשטשאַטיק.

אַזוינס, מיט וואָס ער פאַרווײַלט די געסט, האָט זיך אַפילע כאָלעמען ניט געקאָנט קיינעם

פון די עבערגאַרדטס, און דאָס לעשט טײַלווײַז זײַן אגמעס־נעפעש, וואָס קומט אויב ניט פון הוילן שטאָלץ, איז פון קינע. דער זיידע פלעגט אויסנעמען בא קיניגן, פירשטן, וואָס האָבן באַזוכט זײַן גוט, מיט טשוטשעלעס פון בערן, וואָס אַלע עבערגאַרדטס האָבן אין מעשעך פון דרײַ הונדערט יאָר געהאַרגעט. דער טאַטע האָט צו די טשוטשעלעס צוגעגעבן א טשאַטע פּאַוועס, א טשאַטע פּעליקאַנען און פאַרשיידענע מינים גענדז, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט אין א סאַך לענדער. גאָר אַן אויסשליסלעכער פאַל איז געשען, בייס דער האַנאָווערער קראָנפּרינץ האָט באַזוכט די עבערגאַרדטס, דאַכט זיך, דעם עלטערזיידן: א בליץ האָט אָנגעצונדן א סטויג טוווע אין פעלד און דער ווינט האָט באַלד אַריבערגעוואָרפן דאָס פײַער אויף נאָך צוויי סטויגן, וואָס זײַנען געשטאַנען ניט ווײַט. דער פּרינץ מיט דער סוויטע זײַנען אַוועקגעריטן קוקן אויף דער סרייפע, האָט דער עלטערזיידע שטילערהייט באַפוילן ניט אײַלן זיך שטאַרק מיטן לעשן — זאָל דער גאַסט האַנאָע האָבן פונעם בילד... נאָר וואָס איז עס אין פאַרגלײַך מיט דער סרייפע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם קרעשטשאַטיק און די גאַסן, וואָס לאָזן זיך צו אים אַראָפּ? דעם גאָוליײַטער איז אַפילע קנאַפּ געווען צו קוקן אויף דער סרייפע פונעם העכסטן באַלקאָן פון דעם האָטעל, וואָס געפינט זיך אויף דער וולאַדימירער גאַס, א פּאַראַלעלע צום קרעשטשאַטיק.

— אײַך איז ניט אײַנגעפאַלן, גענעראַל, אַז מיר קוקן דאָ איבער די דעכער, ווי יינגלעך איבער א פּלויט? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט זײַן קלוימערשט אופגעליײַגטן, נאָר בײַסיקן שמייכל, — פו, און נאָך איבער אַזעלכע שמוציקע דעכער... שוין זשע קאָן מען ניט צוזוכן קיין מער פּאַסיק אָרט?

עס זײַנען געווען גרייט עטלעכע פּאַסיקע ערטער, און איינס פון זיי איז דאָס, ווו מע געפינט זיך איצט, — אין זײַטיקן פליגל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע: די עקסטע פענצטער פונעם פערטן שטאָק, פון וועלכע עס איז פּאָרלויפיק, ביז א ברעקל, אַרויסגענומען געוואָרן דאָס צעקלאַפּטע גלאָז, קוקן גלײַך אויף קרעשטשאַטיק, אויף זײַן צענטראַלן טייל, און כאָטש ס'איז פונדאַנען ניט פיל נעענטער, ווי פון האָטעל, קאָן מען אַלץ זען אַפילע אָן א בינאָקל.

דער בורגאָמיסטער אָזנאָבלין — ער פאַרבײַט א גיד — האָט נאָרוואָס דערציילט, אַז ווען מע האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געבויט דעם גרויסן אוניווערמאַג, וואָס זעט זיך לינקס, אַפּן ראָג פון קרעשטשאַטיק, האָט מען שוין געהאַט אופגעשטעלט די ווענט ביזן סאַמע דאַך און צעוואַלגערט זיי, ווײַל עמעצן פון די היגע אָנפירנדיקע באָלשעוויקעס איז ניט געפעלן געווען דעם אַרכיטעקטאָרס פאַרטראַכט: די געבײַדע האָט געזאָלט דערמאָנען א שיף. דערנאָך האָט מען אופגעבויט דעם בינין, וואָס שטייט איצט, — א שלאַנקן, אין קאָנסטרוקטיוון סטיל. א שאָד, איצט וואָלט זייער געפּאַסט א שיף — א שיף, וואָס שווימט, שנײַדט זיך אײַן אין צעבושעוועטן פײַער.

אין רויך, צווישן פלאַם־צונגען און מיריאַדן פונקען, גייען אום, ווי שוואַרצע שאָטנס, איבערן קרעשטשאַטיק און אין אָנהייב פון דער באַרגאַרופיקער גאַס, וואָס ציט זיך פאַרבײַ דעם פליגל פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, הענריך פאָן גלייעוויצעס מיניאָרן. פאַרשטייט זיך, אַז קעדיי זיי זען, מוז מען פונדעסטוועגן קוקן אין בינאָקל. אָט קומען די מיניאָרן צו צו א מויער אויף יענער זײַט קרעשטשאַטיק — דאָס איז שוין די צווייטע ריי הײַזער נאָכן טראָטואַר, אַפּן שיפּוי, וואָס איז גאַנץ א שטיילער. מע פאָרעט זיך ניט לאַנג, — פאַרמינירט איז דאָס הויז געווען באַצײַטנס, — און מע אַנטלויפט אין באַהעלטענישן. פלוצעם טוען זיך די פענצטער אינעם קעלער און אַפּן ערשטן שטאָק פונעם מויער, וואָס די מיניאָרן האָבן פאַרלאָזט, א פיל אָן מיט ווײַסער, בלענדיקער ליכט, און איר אָפּשײַן גיט זיך א וויג אויף די אַרומיקע רויִנען, אויף די קנוילן רויך. אין דער זעלבער רעגע טוט די פראָנטאָוונע וואַנט פונעם הויז א שפּאַן נעענטער צום טראָטואַר, א שפּאַן צוזאַמען מיט די באַלקאָנען, מיט די אופגעפּראַלטע טירן און פענצטער, פון וועלכע עס פליִען זיך פאַנאַנדער די אויסגעזעצטע ראַמען. אויף אייניקע פענצטער און טירן פלאַטערן נאָך די צעווייעטע פאָרהענגלעך און פאָרטיערעס. די וואַנט פאַלט לאַנגזאַם, עס פאַלן אויך די אַנדערע ווענט אין שטויב, אין רויך, אין געלע סנאָפּעס פײַער, עטלעכע מינוט ווימלט דאָרט שטאַרקער, ווי אומעטום, ביז א נײַער פאָנטאַן רויך, שטויב און פײַער טוט א זעץ אין אַן אַנדער זײַט צום באַטאָגיקן בלוטיק־רויטן הימל.

— גרויסאַרטיק! — האָט ניט הויך אַרויסגעבראַכט הימלער, צונעמענדיק דעם בינאָקל פון די אויגן, און פלוצעם א קערעוווע געטאָן זײַן דאַרלעכן קערפּער צו אָזנאָבלינען, פונקט ווי דער האַלדז זאָל בא אים, בא הימלערן, זײַן פאַרשטײַפט. — וואָס טראַכט וועגן דעם אַלעמען דער בורגאָמיסטער?

דאָס פלײַסיק אויסגעגאָלטע, קײַלעכדיקע, צעקנייטשטע פּאָנעם אָזנאָבלינס, כאָטש איבעריק גאָלן איז ניט געווען וואָס, עס זײַנען אויף דעם קימאַט קיין האָר ניט געוואַקסן, האָט א ציטער געטאָן. א ראַטשע געגעבן די גרויע, אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן, האָט אָזנאָבלין ניט זיכער געזאָגט:

— איך טראַכט... עס רופט אַרויס גרויסע געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס, הער רײַכספיורער.

נעראָן, האַלט מען, האָט אונטערגעצונדן רוים, קעדיי זיך פאָרשטעלן, ווי עס האָט געברענט טראָיע. און מיר קאָנען איצט זיך פאָרשטעלן אי ווי עס האָט געברענט טראָיע, אי רוים.

— דאָס איז א פּראָפעסאָריש דריידל! — האָט הארב געזאָגט הימלער. — וואָס טראכט איר אפאנעמעסן?

טראָפּנדלעך שוויס זײַנען ארויסגעטראָטן בא אָזנאָבלינען אף דער אייבערשטער ליפּ און ארום די אויגן. און מיטאמאָל האָט ער פארשטאנען, אז בעסער פון אלץ איז אָפּקומען מיט לעצאָנעס:

— איך טראכט, אז גוט, וואָס מײַן פּאָטער האָט אמאָל געקויפט א מויער ניט אף קרעשטשאטיק, נאָר אף פּאָדאָל.

— יאָ, דאָס קאָן ווירקלעך זײַן א טייל פון דעם, וואָס איר טראכט, — האָט הימלער זיך אָנגערופן, דערבײַ האָט זײַן פּאָנעם קיין זאך ניט אויסגעדריקט, און עס איז ניט קלאָר געווען — ער שפּאסט, צי ער בייזערט זיך. — אײַך האָט, בורגאָמיסטער, אָפּגעגליקט ניט דעמלט, ווען דער פּאָטער האָט דעם מויער אײַנגעהאנדלט, נאָר דאָ ניט לאנג, ווען דער קאָמענדאנט האָט אויסגעקליבן אן אָרט פאר זײַן רעזידענץ.

איצט האָט בא עבערגארדטן פארכאפּט דער אָטעם, איצט האָט זײַן פּאָנעם זיך באדעקט מיט דריבנע טראָפּנס שוויס.

— נאָר זאָל זײַן אזוי, — האָט מיט א דידאקטישן טאָן, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפילט סארקאזם, פאָרגעזעצט הימלער, — נעראָן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אין וואָס מע איז אים כוישעד, האָט ארופגעוואָרפן די שולד אף די ערשטע קריסטן — דאָס זײַנען אין גרונט געווען ייִדן. ער האָט דערקלערט, אז דאָס האָבן זיי אונטערגעצונדן רוים. און עס האָבן גענומען פאלן קעפּ. מיר וועלן זען, צי קלײַבט זיך דער קאָמענדאנט און די היגע אדמיניסטראציע אָפּטאָן דאָס זעלבע...

קאָך האָט צוגעשמייכלט און, האלטנדיק די צונויפגעפלאָכטענע הענט אפן בויך, שטיל־שטיל געקלאפּט מיטן נאָסעק פון שטיוול אין דיל.

5

פילנדיק זיך שטארק געטראָפן פון הימלערס באמערקונג, האָט עבערגארדט מיט באזונדערער צערייצטקײַט אופגענומען אן עפּיזאָד, אף וועלכן קיינער, כוץ אים, האָט, צום גליק, דערווײַל קיין אכט ניט געלייגט.

הינטערן הויז, וואָס איז ניט לאנג צוריק אופגעריסן געוואָרן, ווײַטער א ביסל אפן שיפּוּע, אין א סאָד, אן אָפּגעטיילטן פון קרעשטשאטיק מיט א פּלויט, האָט זיך געזען א ווײַס דרײַשטאָקיק מויערל. פּלוצעם איז צו יענעם מויערל, דורך א זײַטיקער גאס, צוגעפאָרן א פײַערלעשער־מאשין. אין בינאָקל האָט עבערגארדט גוט געזען, אז עטלעכע מענטשן שמײַען דאָרט אום, מע האָט פּאַנאנדערגעוויקלט א שלאנג און מע קלײַבט זיך לעשן דאָס פײַער, וואָס האָט ארומגעכאפּט א הילצערן געבײַ, א פּארוואקסנס מיט פּליושטש, באם פּלויט. מער טאקע איז אים ניט אָפּגעגאנגען, נאָר אז הימלער און קאָך זאָלן דאָס דערזען. זיי ווייסן דאָך וועגן זײַן באפעל ניט לעשן די סרייפע. קאָך האָט אפילע געזאָגט: „ריכטיק, גענעראל, א שאָד דאָס וואסער פון דניעפּער“. איז אָט האָסטו דיר!

ביכלאל זײַנען די געסט נאָכן אופּרײַס פון דער קאָמענדאטור און נאָכן שפּיטאָל געווען פאר אים, פאר עבערגארדטן, א גרויסע אָנלאָדונג. כאָטש, פון דער אנדערער זײַט, האָט דער באזוך זייערער, און דאָס, וואָס איז דאָ צוגעגרייט געוואָרן צום באזוך, אויסגעזען ווי זײַנער א בעפיירעשער טריוּמף. ער טאָר אָבער פאָרט ניט איבערלאָדן אזוי שטארק די נערוון. יעדעס מאָל בייס אן אומאָנגענעמלעכקײַט ווערט אף עטלעכע רגעס פינצטער אין די אויגן, דער קארק נעמט ווייטאָן, דער קאָפּ דרייט זיך.

און טאקע — אומאָנגענעמלעכקײַטן קומען איינס נאָך איינס. די שטאָט איז אָנגעשפּיגעוועט מיט געסטאפּאָווצעס, פּאָליציי־לײַט, עסעסאָווצעס, עס באוואכן זי אזויפיל קאָמענדאנטישע פּאטרולן, דער גאנצער גארניזאָן איז אף די פיס, הײַנט יענע, וועגן וועלכע אפילע ער, דער קאָמענדאנט, האָט קיין אנונג ניט, — זיי זײַנען מאמעש ווי שאָטנס, אײַנגעוואקסענע אין די ווענט, אין די פענצטער־לעכער, אין די שטיינער פון ברוק — אומעטום, ווּ די געסט טראָגן זיך דורך אף די מאשינעס און ווּ זיי גייען ארויס פון די מאשינעס, און דאָך קאָן עפּעס אומדערוואַרטס ארויסשפּרינגען א האלבן מעטער פון דעם אָרט, ווּ מע קלײַבט זיך שטעלן דעם פוס. דאָ, אין פליגל פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע, האָט מען שוין אלץ דורכגענישטערט, און דאָך, ווי נאָר מע איז ארײַן אהער, איז א קאץ, א דארע, אן אומריינע, דורכגעלאָפן פארבײַ הימלערס פיס... אלץ דורכגעקוקט, און די נימעסע קאץ פארזען! און דאָס זעלבע איז מיט אָט דער רויטער מאשין — פונוואַנען האָט זי זיך גענומען?!..

ארויס אין ברייטן קאָרידאָר, ווּ עס איז געבליבן א טייל פון דער היפּשער סוויטע, וואָס באגלייט די געסט, האָט עבערגארדט אָפּגעזוכט דעם נײַעם געהילף זײַנעם, לאמערסן, א לאנגן,

טשאקנדיקן, נאָך געגוג יונגן אָבערסט־לייטענאנט, דורכגעקליבן זיך מיט אים צום פענצטער, וואָס האָט אויך ארויסגעקוקט אפן קרעשטשאטיק, און אזוי, אז קיינער זאָל ניט פארשטיין, וועגן וואָס עס גייט א רייד, באוויזן אים אפן בערגל, ווו די פײַערלעשער־מאשין איז געשטאנען.

— טייקעף זאָל זי פארשווינדן! — האָט שטיל באפוילן דער גענעראל. — און מאכט קלאָר, ווי קומט זי אהין... נו, נו!..

ווען עבערגארדט האָט זיך אומגעקערט אין צימער, זײַנען הימלער און קאָך שוין אוועק פון די פענצטער און האָבן געשמועסט וועגן עפּעס. עס האָט אים בעעמעס דערפרייט, וואָס זייער אינטערעס צו דער סרייפע איז געפאלן. אינגיכן האָבן זיי גאָר געלאָזט זיך גיין. אין עק פון קאָרידאָר, לעבן די טרעפּ, ביז אלע האָבן זיך אראָפּגעלאָזט, האָט עבערגארדט פארהאלטן אף א פּאָר מינוט דעם גענעראל־לייטענאנט פון עסעס יוטנערן און אָפּגערעדט מיט אים, אז אף די אנדערע באַאָבאכטונג־פּונקטן וועט מען אליין יעדנפאלס ניט פאָרלייגן פאָרן.

א פארסאָפּעטער איז עבערגארדט ארויס אף די דרויסנדיקע טרעפּ, גענומען זיך דורכשטופּן דורך דער סוויטע, וואָס האָט זיך דאָ פארהאלטן, און דערזען, אז פאר הימלערן, וועלכער איז שוין אראָפּ אפן טראָטואר, שטייט אויסגעצויגן און טיילט מיט וועגן זיך א דארלעכער שטורעמבאנפיורער[1] — א מענטש פון א יאָר פינף און דרײַסיק, מיט א נערוועזן, אויסגעצערטן, בלאסן געזיכט, זייער א באוועגלעכן און דערפאר, געוויס, אזא צערונצלטן. ער האָט זיך ניט געוואָרפן אין די אויגן, אָט דער שטורעמבאנפיורער — א מיטלוווּקסיקער, מיט קאשטאנעווע האָר, אָנזיכטיק שיטער געוואָרענע איבערן שמאָלבלעכן הויכן שטערן. נאָר עפּעס איז גלײַכצײַטיק געווען אין אים (אי אין זײַן פּאָנעם, אי אין דער פיגור, אין דעם, ווי ער האָט געהאלטן דעם קאָפּ א ביסל פאריסן און אינעם גאנצן שטעל זײַנעם) אזוינס, וואָס האָט צוגעצויגן די אופמערקזאמקײַט. און כאָטש דאָס האָט געקאָנט זײַן דער אויסדרוק פון פּאָשעטער דינסטגרייטקײַט, איז עס אָבער געקומען פון אייגענער פארגלייבטקײַט, פון זעלבסטליבע, וואָס ווייסט קיין גרענעץ ניט און דערפירט צו שווערסטע פארברעכנס.

— גוט, גוט... — האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ הימלער און געהאלטן אים דערבײַ אויסגעקערעוועט רעכטס, ווי ער זאָל קוקן ניט אפן שטורעמבאנפיורער, נאָר אפן קרעשטשאטיק; דער שטארקער ווינט, וואָס איז יענעם טאָג געווען, האָט געבלאָזן פון דער בארגאראָפּיקער גאס אף קרעשטשאטיק און דער רויך האָט אהער ניט דערגרייכט, — קומט איר גלײַך פון אעראָדראָם? גוט... געגוי וועט איר מיטיילן שפּעטער. — און צו עבערגארדטן (ווי האָט ער אים גאָר באמערקט, אז ער האָט פּאָרט געקוקט, דער רײַכספיורער, אין אן אנדער זײַט, אף קרעשטשאטיק צי אפן ראָג פון דער נעענטערער פּושקין־גאס?): — קאָמענדאנט! דאָ האָט איר א גראָס־ספּעציאַליסט פארן איניען, וואָס שטייט אײַך פּאָר. איך גיב אין אײַערע הענט א שווערד. באקאנט זיך. דאָס איז אייכמאן. — און גלײַך טאקע האסטיק מיטן גאנצן גוף זיך א קערעווע געטאָן רעכטס: — וואָס איז עס דאָרט?

פונעם רויך, וואָס האָט נידעריק זיך געשפּרייט ביזן ראָג פון דער פּושקין־גאס, איז אפן ברוק ארויסגעלאָפן א ציווילער, וועלכן ס'האָבן נאָכגעיאָגט צוויי מיניאָרן אין קאסקעס, אין ברעזענטענע קורטקעס, מיט אוטאָמאטן אין די הענט. אָנגעקומען איז מען, ווײַזט אויס, טאקע פון דער פּושקין־גאס. די סאָלדאטן האָבן ניט געשאָסן, ווײַל בא די טרעפּ פון דער אקאדעמיע האָבן זיי באמערקט א גרופּע אָפיצערן, און נאָך העכער זײַנען אין א שטרענגער אָרדענונג, מיט א ווינקל צום טראָטואר, געשטאנען פיל לײַכטע מאשינעס. אנטקעגן דעם ציווילן, וועלכער האָט פארקערעוועט ארוף־גאס (פונדערווײַטן האָט מען געזען נאָר די באָרד זײַנע), האָבן פון א זײַטיקן מאגאזין מיט אויסגעזעצטע וויטרינעס זיך א לאָז געטאָן צוויי געסטאַפּאָווצעס, איינצײַטיק האָבן אויך פון די קעגניבערדיקע ניט הויכע הײַזער זיך א וואָרף געטאָן נאָך עטלעכע מיליטערישע, נאָר געכאפּט האָבן דעם בערדיקן יענע צוויי, וואָס זײַנען ארויס פונעם מאגאזין, פארבראָכן אים די הענט אף הינטן און מאמעש אוועקגעטראָגן צו א צעקלאַפּטן קיאָסק.

— ווער איז עס? — האָט הימלער, ניט אויסקערעווענדיק זיך, געזאָגט צום אדיוטאנט, א יונגן, שלאנקן עסעס־אָפיצער, וועלכער איז געשטאנען הארט הינטער אים; בלויז א הייב פון דער ווײַסער זאמשענער הענטשקע, וואָס איז פארדריקט געווען אין לינקן פויסט, האָט באוויזן, אז דאָס מיינט ער דעם אדיוטאנט. — מאכט קלאָר!

— דערלויבט, הער רײַכספיורער, איך וועל אויך צוגיין אהין, — האָט עבערגארדט זיך אָנגערופן. ער האָט ווידער דערפילט א טעמפּן ווייטעק אין קארק, אלץ האָט זיך א וואקל געטאָן פאר די אויגן, און ער איז ניט זיכער געווען, צי די פיס וועלן אים פאָלגן. גלײַך, ווי ער האָט

---

[1] אן עסעס־טיטל, וואָס אנטשפּרעכט א מאיאָר.

די ווערטער ארויסגעבראכט, האָט ער כאַראָטע געהאַט: „נאָך וואָס האָב איך זיך ארויסגעכאַפּט, איך בין דאָ איינער? עד, אַלץ די נערוון...“

— ווארט דאָ! — האָט הימלער אָפּגעהאַקט, און דאָס האָט באַטייַט: „מע וועט זיך שוין אָן דיר באַגיין“.

אייכמאַן, וועלכער איז נאָך ניט אָפּגעגאַנגען אין א זייַט, האָט ווידער א הייב געטאָן די האַנט צום דאַשעק, ווי קעדיי צו ראַפּאָרטירן, און מיט זיכערקייַט אין קאָל (זיכערקייַט, וואָס האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די פאַרלוירנקייַט פון דער גאַנצער סוויטע) געזאָגט:

— דאָס איז א יודע, הער רייַכספיורער.

— א יודע? איר זייַט זיכער?

— ער דערשמעקט א יודע, דער שטורעמבאַנפיורער, פונדערווייַטנס, — האָט קאָך זיך אָנגערופן מיט א טאָן, וואָס האָט געקאָנט באַטייַטן אי לויב, אי שפּאָט, — און דער איז אַן אַלטער, דעם איז גאָר לייַכט צו דערשמעקן.

הינטן, אין דער סוויטע, האָט עמעצער כניפּעדיק, נאָר צוריקגעהאַלטן־שטיל א לאַך געטאָן.

עבערגאַרדט האָט א טיף־צעערגערטער, א באַליידיקטער, מיט א פאַרשאַרפטן שמערצלעכן געפיל, געטראַכט, שפּירנדיק מיט די אויגן סייַ נאָכן אַדיוטאַנט, וועלכער האָט, פאָכנדיק מיט אַן אופגעהויבענער האַנט, געייַלט צום קיאָסק, סייַ נאָך הימלערן: „ווען די קאַץ האָט זיך אים שיר ניט פאַרפּלאָנטערט צווישן די פיס, האָט ער א ציטער געטאָן און אַזא קוק געגעבן אף יוטנערן פון אונטערן דאַשעק, וואָס איז אָנגערוקט אף די ברילן, אַז אַלעמען איז קאַלט געוואָרן. בא יוטנערן איז, עמעס, א גראָבע פעל... און דער בערדיקער יודע איז דאָך שוין עפּעס ניט קיין קאַץ — פאַר אים וועט גוט אַרייַנגעטיילט ווערן, און מיר מיסטאָמע מער, ווי עמעצן אַנדערש, ווייַל איך האָב זיך אָפּגערופן“. באַנאַנד מיט דעם האָט ער פיבערדיק געזוכט א טרייסט און אַלץ מער זיכער געווען, אַז ער האָט זי געפונען: „פאַר דער קאַץ האָט ער זיך דערשראָקן, און אָט דער דאָזיקער צופאַל האָט אים אופגעשרויפט, נאָר, דאַכט זיך, פריידיק אופגעשרויפט. און ניט ווייַל עס האָט געקאָנט פּאַסירן עפּעס געפערלעכס, נאָר טאַקע ווייַל דער אינצידענט איז געווען. פּונקט אַזוי פילט זיך א יעגער, ווען דער שאַרפער מאָמענט בייסן יאַגד גייט דורך“.

עס האָט זיך אומגעקערט דער אַדיוטאַנט און מיטגעטיילט:

— א יודע האָט מען געפאַקט.

ער האָט, צו זען, געהאַט נאָך עפּעס וואָס צו זאָגן, נאָר איז געווינט געווען צו לאַקאָנישקייַט. דאָך, מיט קוים מערקבאַרער לוסטיקייַט אין די אויגן, האָט ער אין א רעגע אַרום, אף וויפל דער רייַכספיורער האָט געשוויגן, צוגעגעבן:

— אַן עכטער אָסט־עקספּאָנאַט.

— געוועער?

— קיין געוועער, הער רייַכספיורער.

באַם קיאָסק האָבן, האַלטנדיק דעם געכאַפּטן יידן פאַר די הענט, די געסטאַפּאָווצעס געוואַרט, וואָס וועט באַפוילן דער רייַכספיורער.

— ווייַזט אהער דעם אָסט־עקספּאָנאַט! — האָט הימלער געזאָגט, און הינטער די גלעזלעך פון זייַנע ברילן האָבן זיך צעשפּילט לוסטיקע פייַערלעך, פּונקט ווי זיי וואָלטן אהער האָבן אַריבערגעשפּרונגען פונעם אַדיוטאַנטס אויגן.

צוויי געסטאַפּאָווצעס האָבן געבראַכט צו פירן דעם אַלטן. זייַן געקרייַזלטע שוואַרץ־גראָווע פאַרקייַלעכיקטע באָרד האָט גוט אונטערגעשטראָכן די שטריכן פון זייַן פּאָנעם — גראָב, נאָר פעסט געצייכנטע. אין די גרויע אויגן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט שרעק, פאַרלוירנקייַט, אָבער ניט בלויז דאָס — זאָרג, טיפע, ווייטעקדיקע זאָרג, און ניט נאָר דאָס אויך — שטאָלצע, מעסירעסנעפעשדיקע גרייטקייַט צום סאַמע ערגסטן, צו דעם, וואָס מע לעבט איבער איין מאָל און מער ניט. מיט גרויסע, אָדערדיקע, פון האָרעוואַניע צעקאַרבטע הענט האָט ער, ניט פאַרשטייענדיק עפּשער, וואָס ער טוט, פאַריכט די פּאָלעס פונעם צעריסענעם פּידזשאַק, א טאַפּ געטאָן מיט די פינגער, צי די צוויי קנעפּ זייַנען אָפּן אָרט, א ביסל ווי קווענקלענדיק און א ביסל צעשטרייט אופגעהויבן די האַנט אף אַראָפּנעמען דאָס היטל, נאָר דערמאָנט זיך, אַז עס איז געבליבן ליגן ערגעץ אָפּן ברוק, אַראָפּגעלאָזט די האַנט און פּרעגעוודיק א קוק געטאָן אַרום זיך — צו ווועמען זאָל ער דאָ רעדן, אַזויפיל גלאַנציקע פּאָגאָנעס, און צייכנס, און קנעפּ, און וויאַזוי רעדן, ער קאָן דאָך ניט דאָס לאָשן זייערס, און וואָס האָט מען אים געבראַכט אהער, און עפּשער איז עס גוט, וואָס מע האָט אים געבראַכט אהער, צו גרויסער נאַטשאַלסטווע?

ס'איז בא אים געשען אַן אומגליק, באַם אַלטן. עס טרעפן דאָך פּאָרט אַזעלכע אומגליקן, וואָס יעדערער מוז פאַרשטיין, אַז זיי זייַנען אומגעהייערע. אַלע מענטשן, ווער זיי זאָלן ניט זייַן,

מוזן עס פֿאַרשטיין. עטלעכע הונדערט שפּאַן פֿונדאַנען סאַכאַקל איז ער, דער אומגליק זײַנער, דער שוין געשעענער און דער, וואָס קאָן באַלד געשען. אינעם הויז, וואָס האַלט בײַ אופֿגעריסן ווערן, אויפֿן העכסטן שטאָק, ליגט זײַן ווײַב, און ניט וואָס ער קאָן זי ניט אַראָפּטראָגן פֿון דאָרט — קויעך וואָלט נאָך עפּשער געקלעקט, מע טאָר זי ניט טשעפּען, דאָקטוירים האָבן אָנגעזאָגט, מע זאָל זי לעמאַן־האַשעם ניט טשעפּען. איז ער געלאָפֿן זוכן אַ שאַכן, וואָס זאָל אים העלפֿן פֿאָרזיכטיק אַראָפּטראָגן דאָס ווײַב אויף דער גאַס, האָט מען אים גענומען נאָכיאָגן, און אָט...

נאָר ווי זאָגט מען דאָס אַלץ די דאָזיקע, און ווער ווייסט ווען העלן הערן?..

הימלער האָט ווי אויף אַן אַקס אַ קער זיך געטאָן אין איין זײַט, אין אַ צווייטער — ער האָט צווישן דער סוויטע געזוכט אָזנאָבלינען, קיין אַנדער איבערזעצער איז ניט געווען. אָבער ער האָט נאָך גאָרנישט ניט באַוויזן זאָגן דעם ציווילן רוס מיטן ווײַבערשן פּאָנעם, אויף וועלכן די הויט איז אָפּגעצויגן געווען, ווי אייכמאַן האָט זיך געכאַפּט, וואָס ער פֿאַרלאַנגט. שטאַרק גרויס בײַ זיך, וואָס ער האָט ווירקלעך דערקענט, אַז ס'איז אַ ייִד, האָט דער שטורעמבאַנפֿירער, פֿלינק אַ הייב טוענדיק די געבראָכענע ברעמען, פֿון וואָס דער שטערן האָט זיך באַדעקט מיט האָריזאָנטאַלע קנייטשן, ווידער אַ ציי אויס זיך געטאָן פֿאַר הימלערן און געזאָגט:

— דערלויבט, הער רײַכספֿירער, איך וועל אים אויספֿרעגן. אויף זײַן שפּראַך. אַזאַ שווײַנסקערל קען קיין רוסיש רעכט ניט פֿאַרשטיין.

— אינטערעסאַנט, אינטערעסאַנט, — האָט אונטערגעכאַפּט קאָך.

הימלער האָט, ניט אופֿהייבנדיק די ווייִעס, קוים אַ קאָסיקע געטאָן צום גאַולייטער די אויגן, און ווי ער זאָל ניט אייכמאַנען, און אַוואַדע ניט זיך, נאָר אים, קאָכן, צוליב טאָן, צושטימענדיק אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— מאַ שמעכאָ? — האָט אייכמאַן זיך געווענדט צום אַלטן.

— שלוימע. שלוימע ווײַנער, — האָט דער אַלטער מיט פֿאַרכידעשט צעעפֿנטע אויגן געענטפֿערט נאָך אַ קליינער וואַקלעניש.

— זאַלאַמאָן, — האָט ווי קיינעם ניט, און אַלעמען, און דעריקערשט הימלערן פֿאַרטײַטשט מיט אַ כויזעק־נאָטקעלע אייכמאַן, און ווידער, האַסטיק, אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צום ייִדן: — מעלאַכטעכאָ? — געווען איז עס ניט דאָס, וואָס ער האָט געמיינט, — ער האָט געוואָלט פֿרעגן, צי האָט דער ייִד אַ צונעמעניש, און האָט דערבײַ געדענקט, אַז צונעמענישן נעמען זיך אָפֿט פֿון דעם, מיט וואָס מע באַשעפֿטיקט זיך; אַ הייב געטאָן די רעכטע האַנט אינדערלופֿטן, ווי וועלנדיק כאַפּן דאָס נייטיקע וואָרט, פּונקט ווי מע כאַפּט אַ פֿליקע, האָט ער צוגעגעבן אויף דײַטש: — שפּיצנאַמע? — און אַרויסגערעדט דאָס הויך, מע זאָל פֿאַרשטיין, ווײַזן ער קערעוועט דעם געשפּרעך.

— מעלאָכע? — האָט דער ייִד אין פֿאַרלעגנהייט איבערגעפֿרעגט, — ניט קיין באַלמעלאָכע... אַן איזוואָזטשיק, אַ באַלעגאָלע בין איך...

— באַל אַגאָלאָ, — האָט דײַטלעך איבערגעכאַזערט אייכמאַן און עפּעס געזאָגט די דײַטשן, — בײַ אייניקע האָבן זיך באַוויזן שמייכלען, נאָר די מערהײַט איז געבליבן כמורנע. — מעאַין באָסאָ? — און באַלד זיך דערמאָנט אויך דאָס ייִדישע וואָרט: — שטעדטל?..

— פֿון וועלכן שטעטל? אַן אָסטראָפּאָליער...

אויף דעם, וואָס אייכמאַן האָט ווײַטער געוואָלט פֿרעגן, האָבן אים ניט קיין העברעיִשע, ניט קיין ייִדישע ווערטער ניט געקלעקט, האָט ער בלויז ברייט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט אין די זײַטן, אויסגעדריקט די פֿראַגע מיט דער מימיק און מיט דער שפּאָטיש־פֿרעגעוודיקער אינטאָנאַציע: — קיִעוו, קרעשטשאַטיק? — ס'הייסט: „ווי זשע קומסטו אַזש אַהער?"

— מע האָט געמעגט, — האָט שלוימע ווײַנער געענטפֿערט. — די קינדער האָבן דאָ געלערנט, אין קיִעוו...

— אַך! קינדער! באָנים... פֿיל?

שלוימע ווײַנער האָט געשוויגן. עפּעס האָט זיך ניט געוואָלט רעדן וועגן די קינדער פֿאַר די דאָזיקע. און וואָס איז דאָס ביכלאַל פֿאַר אַ פֿרעגן?

אייכמאַן האָט געוואַרט.

— נו, נו, דאַבער! — האָט ער אומגעדולדיק אונטערגעיאָגט.

— דאָס ווײַב ליגט בײַ מיר אַ קראַנקס דאָרט, אויבן, די אישע, — האָט שלוימע אַ בעט געטאָן, — די פֿרוי... מע קאָן דערווײַל דאָס הויז אופֿרײַסן... זעקס און פֿערציק יאָר האָבן מיר אָפּגעלעבט צוזאַמען. לאָזט מיך גיין צוריק, איך וועל שוין בעסער בלײַבן מיט איר.

אייכמאַן האָט עפּעס אופֿגעכאַפּט פֿון דעם, וואָס דער ייִד האָט געזאָגט, נאָר איבערגעגעבן האָט ער עס אין קאָמישע אויסדרוקן. הימלער האָט געהערט מיט אַ שטיינערנעם געזיכט. בלויז

אַף דער צעצווייטער קין, אין סאַמע גריבעלע, האָט קוים־קוים געציטערט די הויט, ווי ער זאָל האָבן שטאַרק צונויפגעדריקט די ציין, און אין די טיפע מויל־ווינקלען האָט זיך געלאָזט מערקן עפּעס ענלעכס אַף אַ שמייכל — אַ האַנאָעדיק־בייזן. קאָך האָט געבלאָזן די אייבערשטע ליפּ, דער־לאַנגענדיק מיט די שאַרף אַרומגעהאַקטע, קימאַט פּירעקיקע וואָנצעלעך ביז דער נאָז און אַרויס־געבראַכט אַן אומבאַשטימטן קלאַנג: — פּ־פּ־פּר־ו...

— פיל באָנים? — האָט אייכמאַן איבערגעכאַזערט די פראַגע, פונקט ווי דער אַלטער זאָל גאָרנישט ניט האָבן געזאָגט.

שלוימע ווײַנער האָט זיך אויסגעגלײַכט, פאַרזיכטיק, גאָר אַ ביסעלע, אַ קער געגעבן דעם קאָפּ אַף ביידע זײַטן, קעדיי זען יענע דײַטשן, וועלכע ער האָט ביז איצט ניט געקאָנט זען, און געענטפערט פעסט:

— פינף, זיי זאָלן לעבן און געזונט זײַן. צוויי זין, דרײַ טעכטער.

— פינף! — האָט ווי דערפרייט זיך אייכמאַן, — און בענייס באָנים?

— אייניקלעך? פאַראַן אייניקלעך אויך. זעקס.

— זינד אַלע דאָ?

— קיינער ניט, כוץ מיר און לייען.

אייכמאַן האָט איבערגעזעצט.

— דער אַסט איז אַ קוואַל פון זייער ביאָלאָגישער באַנײַונג, זייערער און אַלע אַנדערע אונטערמענטשן! — האָט געזאָגט הימלער.

שלוימע האָט צוגעגעבן, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף אַ נײַער פראַגע:

— איך האָב אויך דרײַ איידעמס, אַלע — אָפּן פראָנט. דער עלטערער זון, לייבע — אַן אינזשעניער, אַרבעט אין מאָסקווע.

— גענוג! — אייכמאַן האָט אויפגעהויבן די האַנט מיט דער צעעפנטער דלאָניע און וואַרטנ־דיק געקוקט אַף הימלערן. דער רײַכספירער האָט געשוויגן.

קאָך האָט זיך אָנגערופן:

— זאַלאַמאָן... אַ קלוגער קייסער זייערער האָט געטראָגן דעם דאָזיקן נאָמען. אָט דער זאַו־יודע איז ווי דער צייכן פון זייער דוירעסדיקן רעגרעס. זאָל ער עפּעס זאָגן קלוגס, מיר וועלן הערן!

— זאָגן עפּעס? — האָט שלוימע ווײַנער איבערגעפרעגט, ווען אייכמאַן האָט דערקלערט, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים. — וועגן וואָס זאָגן?

— וויר דאַ זינד... קרעשטשאַטיק ברענט.

— איר זײַט מיסטאָמע פון די דײַטשישע קאָלאָניסטן, איר קענט דאָס לאָשן אונדזערס, — דער אַלטער באַלעגאָלע האָט ניט געוווּנדערט די אויפמערקזאַמקײַט אַף דעם, וואָס מע דערוואַרט עפּעס פון אים, — פון די כערסאָנער סטעפּעס קערט איר זײַן. איך בין דאָרט געווען. לײַטישע מענטשן, מע האָט זיך פאַרהאַלטן גוט מיט ייִדן און מיט אַלעמען.

אייכמאַנען האָט האַנאָע געטאָן, וואָס דער אַלטער מיינט, אַז ער איז אַ כערסאָנער, דערפאַר האָט ער אים געלאָזט רעדן. נאָר איבעריקס מיסברויבן מיט הימלערס און קאָכס אויפמערקזאַמ־קײַט האָט מען ניט געטאָרט.

— כאָכמע, שלוימע, — האָט ער דערמאָנט, — זאָגען זי, זאָגען זי כאָכמע!

דער אַלטער האָט אין אַנגסטן אַ קוק געטאָן אַרום זיך — אַלץ איז אין רויך, אין פײַער. און אָט די, וואָס שטייען דאָ, — עס איז דאָך שוין אויך געווען, — מע האָט אַלעמאָל געקוקט אָפּן בייזוווּנדער... ער האָט זיך דערפילט, ווי אַף אַ שײַטער, ווען עס בלײַבט בלויז אויסשרײַען „שמאַ יִסראָעל“, און לייען דערזען אָפּן צווייטן שײַטער... — כאָכמע? — האָט ער איבערגעפרעגט; פאַר די אויגן האָט זיך דורכגעטראָגן אַלדאָס גוטע, וואָס איז געווען אין לעבן באַ אים און באַ לייען, און פאַרהאַלטן זיך מיטן געדאַנק אינעם סאַמע ליכטיקן ווינקעלע, — כאָכמע? איר וועט עס זיי ניט איבערדערציילן מיסטאָמע. איך בין וועסנע־צײַט געווען צוגאַסט באַ מײַן עלטערן זון, האָט דאָס אייניקל מײַנס, ער גייט אין שול, דערציילט מיר וועגן אַ פּערסישן הערשער, וועל־כער האָט געוואָלט אײַנעמען אַ פרעמד לאַנד אַף יענער זײַט יאַם...

— יאַם? — האָט אייכמאַן אונטערגעכאַפּט, — יאַם האַמעלאַך, יאַם סוף...

— כ'וויס, אַ יאַם, אַ יעוואָנישער יאַם. נאָר אַ שטורעם האָט דערטרונקען יענעם הערשערס אַלע שיפן, האָט ער געהייסן שמײַסן דעם יאַם... מיט בײַטשן... איר טוט דאָס זעלבע — איר שמײַסט דעם יאַם.

— וואָס זאָגט ער? — האָט קאָך געפרעגט, באַמערקנדיק, אַז באַם שטורעמבאַנפירער האָט אַ צוק געטאָן דאָס בלאַסע פּאָנעם.

— דאָס איז אַ פּלוידערזאַק! — האָט אייכמאַן געענטפערט אומגעצווונגען און וואַרטנדיק אָנגעשטעלט די אויגן אַף הימלערן.

דער רײַכספּיורער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער מאַש׳ן.

— פיר זאַנדערבעהאַנדלונג![1] — האָט ער אַ בורטשע געטאָן איבערן אַקסל.

דער פאַרדריסלעכער עפּיזאָד מיטן ייִדן האָט אומדערוואַרט פאַרוויילט די געסט. דעריבער האָט דער גענעראַל עבערגאַרדט ניט בלויז פרײַער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, נאָר דערלויבט זיך קריטיש אַ קוק טאָן אויף דעם עפּיזאָד און שטילן אַזוי־אַרום דעם אייגענעם אָנגערירטן שטאָלץ (הימלערס „וואַרט דאָ!" האָט אַלץ געקלונגען בײַ אים אין די אויערן).

„פלעבס, — האָט ער געטראַכט וועגן הימלערן און קאָכן, — פאַרט ניט מער, ווי פלעבס". וועגן אייכמאַנען האָט ער באַשלאָסן: „דער ווייסט, ווי זיי צושפּילן".

ער האָט קימאַט ניט געהערט, וואָס אייכמאַן זעצט איבער, ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואָלט פאַרשטיין, אין וואָס עס שטעקט דאָס קאָמישע. בײַ אים איז ביכלאַל אויסגעקומען, אַז מע פרעגט אויס אַ ווילדן מענטשן. „פלעבס, — האָט ער מיט האַנאָע ווידער און ווידער איבערגעכאַזערט בײַ זיך, — ווי הויך פלעבס זאָל ניט שטײַגן, בלײַבט ער דאָך דאָס, וואָס ער איז. ער דאַרף אַ שפּילכל, און וואָס אויסטערלישער, וואָס לעפּישער דאָס שפּילכל איז, אַלץ בעסער. עמעצע מי־ליטערלײַט טוען זייער זאַך ערנסט, שטרענג — פאַר זיי איז עס פליכט און פאַך. וואָס מע דאַרף, ראַמט מען אַראָפּ פון וועג מיט פײַער און שווערד, און די הענט בלײַבן ריין..."

אָט די געדאַנקען האָבן שנעל געהאָלפן עבערגאַרדטן אופשטעלן דעם אינערלעכן גלײַכ־געוויכט, און דערפאַר האָט ער שוין גאַנץ רויִק אופגענומען לאַמערסעס יעדיִע (דער אָבערסט־לייטענאַנט האָט אים דעריאָגט, בייס מע איז געגאַנגען צו די מאַשינעס), אַז דאָס האָט דער גע־הילף פון שטאַטישן פּאָליציי־שעף שיבײַעוו געפונען ערגעץ אַ פײַערלעשער־מאַשין און, ניט ווייסנדיק וועגן דעם קאָמענדאַנטס באַפעל, געפּרוווט ניט דערלאָזן, דאָס פײַער זאָל זיך אריבער־וואַרפן אויף אַ זײַטיקער גאַס.

— ער איז פון הימל אַראָפּגעפאַלן, צי וואָס? — האָט עבערגאַרדט סטאַם אַזוי זיך אַ בייזער געטאָן.

— דערלויבט באַמערקן, הער גענעראַל־מאַיאָר, — האָט זיך אָנגערופן וואָלפגאַנג ראַגאוש, דער געסטאַפּאָווּעץ (ער איז צוזאַמען מיט לאַמערסן געקומען פון קרעשטשאַטיק), — עס איז גאַנץ אַ טיכטיקער מענטש, פון די רוסישע עמיגראַנטן, אַ געבוירענער אַ היגער.

הימלער האָט זיך שוין געזעצט אין דער ערשטער מאַשין, און זי האָט זיך אַ ריס געטאָן אַרוף־גאַס, עס האָבן מיט אַ קלאַפּ זיך פאַרמאַכט די טירלעך פון די אַנדערע מאַשינעס, מאָטאָרן האָבן גענומען רוישן. מע האָט זיך געמוזט צוײַלן.

— אַ היגער? — האָט עבערגאַרדט זיך געכאַפּט, — אַ קיִעווער? ער ווייסט גוט די שטאָט?

— אויסגעצייכנט! — דער געסטאַפּאָווּעץ האָט זיך ניט געצויגן פאַרן גענעראַל, געהאַלטן זיך פרײַ, נאָר דאָס, וואָס דער גענעראַל רעדט מיט אים, איז געווען אָנגענעם.

— איז אָט וואָס, לאַמערס! נעמט אים, יענעם, דעם היגן, — דער שעף זײַנער, אָרליק, איז דאָך ניט קיין היגער, — נעמט אים און טוט אַ זוך ערגעץ עק שטאָט דאָס אָרט, וואָס מיר דאַרפן צוקלײַבן. עס איז שוין דאָ דער שטורעמבאַנפיורער, וועלכער ווערט דערמאָנט אין דער שיפ־ראַוועקע, און דאָס איז אַזאַ... יעדנפאַלס, ניט שפּעטער, ווי אין צוויי שאָ אַרום, דאַרף איך וויסן, וואָס איר לייגט פאָר.

6

שיבײַעוו האָט זיך פאַרהאַלטן לעבן דער פײַערלעשער־מאַשין, ניט ווײַט פון דעם אָרט, פון וועלכן מע האָט אים דורכגעטריבן צוזאַמען מיט דער מאַשין, — אויף דער קרוגלאָ־אוניווערסיטעטסקע; בייס מע איז אײַליק אַרויסגעפאָרן פונעם שמאָלן טויער, נאָך ווען לאַמערס האָט דאָ געבושעוועט, האָט מען פאַרטשעפּעט אַ סלופּ און עפּעס איז קאַליע געוואָרן אינעם מאָטאָר. און אָט האָט ווידער זיך באַוויזן דער זעלבער אָבערסט־לייטענאַנט, נאָר איצט האָט ער אײַנגעלאַדן שיבײַעוון צו זיך אינעם גרויען „סיטראָען".

אויף די קני בײַ לאַמערסן, וועלכער איז געזעסן לעבן דעם שאָפער, איז געווען פאַנאַנדער־געוויקלט אַ קאַלקירטע מאַפּע פון קיִעוו, שיבײַעוו האָט געדאַרפט זיך אַריבערבייגן איבערן וועגטל פונעם פאָדערשטן געזעס און איבערן אָבערסט־לייטענאַנטס אַקסל, קעדיי צו זען, וואָס יענער באַווײַזט אים אויף דער מאַפּע.

— ווו זײַנען טיפערע ריוון — דאָ, דאָ צי דאָ?

דעם געהילף־קאָמענדאַנטס פינגער האָט אַ טיטשע געטאָן אין דרײַ ערטער: אויף די טשאָקאָ־לאָווקער און סאַלאָמינקער יאַרן, וואָס האָבן געבילדעט ווי אַיין צעקנייטשטן אַרבל, אויף די יאַרן

---

[1] אומברענגען.

פון יענער זײַט פּעטשערסק, לעבן שוואַרצן באַרג, און אַפֿן יאָר פֿאַרן סירעצער וועלדל — דעם באַבי יאַר.

— טיפֿערע? — האָט שיבײַעוו איבערגעפֿרעגט. — זיי זײַנען, לויט ווי איך געדענק, אַלע טיפֿע. די טשאָקאַלאָווקער בין איך אַנומלטן דורכגעגאַנגען. אַלץ איז אָפּהענגיק פֿון דעם, צוליב וואָס איר דאַרפֿט די ריוון.

— מיר וועלן זיי באַקוקן אַלע — האָט אָפּגעהאַקט לאַמערס. — איר וועט אונדז פֿירן אַהין. באַלד וועלן מיר נאָר אַרופֿנעמען נאָך איין פּאַסאַזשיר...

שיבײַעוו האָט געזען פֿאַר זיך פֿלײַסיק אונטערגעשווירענע נאַקנס: דעם שאָפֿערס — אַ ברייטער, אַ פֿאַרברוינטער, די האָר זײַנען שוואַרצע, גלאַנציקע, דעם אָבערסט־לייטענאַנטס — אַ שמאָלבלעכער, דאַרער, מיט שיטערע העלע האָר; געזען פֿון מאָל צו מאָל די פּראָפֿילן: דעם שאָפֿערס — אַן אָנגעשטרענגטער, דעם אָבערסט־לייטענאַנטס — אַ לאַנגווײַליק־צעשטרייטער. באַם אָבערסט־לייטענאַנט האָט דאָס פּנים, אַ דינס, דערמאָנט אַ ביסעלע אין אַן אינדיק טכילעס נאַכט, ווען ער איז שלעפֿעריק. זיי זײַנען געפֿאָרן דורך פּעטשערסק.

אַרויסגענומען פֿון אַ קעשענע אין מונדיר עפּעס אַ טאַבלעטקע, האָט לאַמערס זי אַ וואָרף געטאָן אין מויל. דער שאָפֿער האָט, ניט אָפּרײַסנדיק די הענט פֿון רודער, אַ קערעווע געטאָן צום אָבערסט־לייטענאַנט דאָס פּנים און געזאָגט:

— שוין? ווידער?..

— ווידער, וואַלטער, ווידער... אַז מע ווייסט אַ סך, וויל מען אַ סך פֿאַרגעסן.

„אַ נאַרקאָטיק“, — האָט שיבײַעוו פֿאַרשטאַנען.

און זי האָט טאַקע אײַנגיכן געווירקט, די טאַבלעטקע.

— אַז מע ווייסט אַ סך, וויל מען אַ סך פֿאַרגעסן, — האָט לאַמערס שוין גאָר מיט אַן אַנדער טאָן זיך אָנגערופֿן אין עטלעכע מינוט אַרום, און ניט צום שאָפֿער, נאָר צו שיבײַעוון, האַסטיק אויסקערעווענדיק זיך צו אים; די בלויע פֿויגלשע אויגן האָבן פֿיבערדיק געגלאַנצט, און דאָס גאַנצע פּנים, בלוילעך־בלאַס, מיט שמאָלע, אַזוי ווי אײַנגעשלונגענע ליפּן, האָט זיך געצוקט. — און באַ אײַך איז דען ניט אַזוי?

שיבײַעוו האָט שווײַגנדיק אַ צוק געטאָן מיט די אַקסל.

— איר האָט שוין ווען געזוכט אַ קיִווער פֿאַר פֿופֿציק צי עפּשער אַפֿילע הונדערט טויזנט מענטשן? — האָט לאַמערס מיט אַ היסטערישן כליפּ אין קאָל געפֿרעגט. — איר, שיבײַעוו, האָט געזוכט? דו, וואַלטער, האָסט געזוכט? ניין? כאַ, כאַ! איצט וועלן מיר זוכן אַזאַ אָרט אַלע צוזאַמען. אָט וועלן מיר נאָר אַרופֿנעמען נאָך איינעם, וואָס פֿאַרשטייט מער פֿון אונדז אין די דאָזיקע זאַכן...

דער שאָפֿער האָט אומצופֿרידן צוגעבויגן דעם קאָפּ צום רודער, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. שיבײַעוו האָט האַרב, ווי געוויינלעך, בײַס מע רעדט מיט אַ שיכּור, געפֿרעגט:

— פֿאַר וועמען — אַ קיִווער?

— כאַ, כאַ! — לאַמערס, אַ לאַנגער, און פֿונעם נאַרקאָטיק — אַ מאָדנע בייגעוודיקער, ווי ער זאָל זײַן אָן ביינער, האָט זיך אָנגעלענט אין עם ווייכן ווענטל און גאָרנישט ניט געענטפֿערט. ער האָט ווי אײַנגעדרעמלט. דאָך האָט ער באַמערקט, וווּ מע דאַרף זיך אָפּשטעלן, און קורץ באַפֿוילן: — דאָ!

זיי האָבן זיך געפֿונען לעבן דער פּעטשערער לאַווראַ. באַ אַ גרויסן הויף, אין וועלכן ס'האָבן זיך געזען פֿיל פּראַכט־מאַשינעס מיט ניט געוויינלעך הויכע קוזאָוון, איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ זשאַנדאַרם אין שוואַרצן מיט אַ שאַרבנדל אויף דער קאַסקע. באַ שיבײַעוון האָט אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: „אַ זאָנדערקאָמאַנדע... ער פּלאָפּלט ניט, דער אָבערסט־לייטענאַנט!“

לאַמערס האָט צוגערופֿן דעם וואַכמאַן און געזאָגט, וועמען ער זאָל אַרויסרופֿן. דער זשאַנדאַרם האָט דאָס איבערגעגעבן אַ צווייטן, וועלכער איז גראָד פֿאַרבײַגעגאַנגען. יענער איז אַוועק.

שיבײַעוו האָט פֿאַרפֿיקסירט אין זיקאָרן: „אָבערשטורעמפֿיורער מאָלטקע“.

— פֿאַר וועמען אַ קיִווער? — האָט ער איבערגעפֿרעגט.

דער שאָפֿער האָט אויסגעקערעוועט צו אים דעם קאָפּ און וואָרענענדיק אַ ווונק געטאָן.

לאַמערס האָט פֿון ערגעץ אַרויסגענומען אַ מאַראַנץ, אויסגעצויגן אים איבערן אַקסל שיבײַעוון און געזאָגט מיט אַזאַ שטים, ווי ער זאָל האַלטן באַ אײַנדרעמלען:

— פֿאַרבײַסט — דאָס איז פֿון אַפֿריקע, פֿון ליביע... מיר האָבן צו טאָן מיט גרויסע קוואָרים און ברייטע ראַכוועסן, מיסטאַמע וועלן די קוואָרים זיך ניט אָנזען אויף אַזעלכע ראַכוועסן... דער ריוו איז פֿאַר די קיִעווער ייִדן, דערווײַל פֿאַר זיי...

7

דער מאראנץ האָט זיך געוואַלגערט אפֿן גומענעם טעפּיכל, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אין מאַשין, און דער אָבערשטורעמפֿירער, וועלכער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן שיבײַעוון, האָט אים א פּאָר מאָל א קײַקל געטאָן מיט די נאָסקעס פֿון די שטיוול און ענדלעך א ביסל צעקוועטשט. שיבײַעוו האָט געקוקט אף די דאָזיקע שטיוול, גלאַנציקע, מיט הויכע כאַליעווס, קעדיי ניט זען דעם שאַכנס פּאָנעם — א צעקרימטע, צאַרנדיק־פּאַרגליווערטע מאַסקע: צעשפּאַלטענע ליפּן, א צוגעפּלעטשטע נאָז, שווארצע, בייזע, אָנגעשטרענגטע אויגן, וואָס פֿינטלען קימאַט ניט. עפּעס האָט דער דאָזיקער העפֿטיק זיך איבערגערעדט מיט לאַמערסן, פֿון וועלכן דער דרעמל האָט זיך אָפּגעטאָן, — מע האָט באַהאַנדלט די זיטן פֿון א באַרימטער בערלינער קינאָאַקטריסע; דעם אָבערשטורעמפֿירערס שטים איז געווען א פֿאָנפֿעדיק־פּאַרדומפּענע, און דער געלעכטער זײַנער האָט געשווידערט: — כמ־זשו־ו...

שיבײַעוו האָט זיך פֿאַרטראַכט, — פֿון דער לאַווירע צום שווארצן בארג, וווהין מע איז געפֿאָרן, איז אין פֿלוג געווען ניט ווײַט, אָבער א סאַך געדאַנקען האָבן פֿאַר די מינוטן באַוויזן זיך דורכטראָגן בא אים אין קאָפּ.

דער ערשטער געדאַנק — ווי א בליץ:

„אָט צו וואָס עס האָט געבראַכט די סינע, וואָס דער טאַטע האָט אין מיר געפּלאַנצט!“

דאָס האָט געקאָנט אויסזען ניט לאָגיש: ער האָט א טראַכט געטאָן וועגן דעם טאַטן בלויז דערפֿאַר, ווײַל יענער איז געווען די דירעקטע סיבע דערפֿון, וואָס ער איז הײַנט געזעסן אין לאַמערסעס מאַשין. אָבער באַגלײַך דערמיט האָט ער געוווּסט, אַז דאָס, וואָס ער האָט אַזוי א טראַכט געטאָן וועגן טאַטן, איז לאָגיש, און דאָס, וואָס ער פּאָרט איצט מיט לאַמערסן און מאַלטקען, איז דער לאָגישער סאָף פֿון דעם קרומען וועג, מיט וועלכן ער איז דורכגעגאַנגען דאָס לעבן.

אַפֿן היפּאָדראָם, ווו ער האָט זיך אָנגעשטויסן אף דער ניט צעשעדיקטער פֿײַערלעשערמאַשין, איז ער געקומען מיט א פּאָר שאָ צוריק, אויספֿילנדיק דעם טאַטנס א ביטע: אָנשרײַבן אים, ווי זעט ער איצט אויס, דער היפּאָדראָם, און צי זײַנען דאָרט ניט געבליבן קיין רײַט־פֿערד. דאָס איז אי אַן אײַנגעוואָרצלטע לײַדנשאַפֿט דעם טאַטנס, אי א פּראָפֿעסיאָנעלער אינטערעס: ער האָט נאָך אַלץ געדינט אפֿן בערלינער היפּאָדראָם.

דער טאַטע האָט אויך געשריבן וועגן דעם זאַוואָד אף שוליאַווקע: מע דאַרף אַמשנעלסטן מעלדן וועגן די רעכט אף אים. דעם זאַוואָד האָט קאָנסטאַנטין באַזוכט — אין די צענער איז ווייניק וואָס געבליבן. נאָר דער איקער איז ניט דאָס. אויב א טראַכט טאָן, וואָס פֿאַר א זאַוואָדל דער טאַטע האָט דאָ אַמאָל געלאָזט, באַטרעפֿט אַפֿילע די איצטיקע כורווע א סאַך מער. א סוואָרע אָבער, אַז דעם זאַוואָד נעמט איבער עפּעס אַן אמט, מיט וועלכן עס פֿירט אָן הערמאַן גערינג. פּונקט ווי אף אייניקע אַנדערע אונטערנעמונגען, שטייט אויך דאָרט א דײַטשישע וואַך. און וואָס עס וועט זײַן מיט אים, דעם באַלעבאָס, שווײַגט מען דערווײַל.

קעדיי כאָטש וואָס־ניט־איז ענטפֿערן דעם טאַטן, האָט קאָנסטאַנטין באַשטימט אָנשרײַבן אים וועגן דעם היפּאָדראָם, און וועגן דעם זאַוואָד אף יעדן פֿאַל אַרײַנוואַרפֿן א וואָרט, אַז ער איז שטאַרק רויִנירט.

מיטן פּאָסטן, וואָס ער האָט דאָ באַקומען, איז אויך אַזוי, ווי מיט דעם אייגנטום, — ווײַט ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. אין דער שטאָטישער פּאָליציי איז ער געהילף פֿון שעף. זײַנע פֿונקציעס זײַנען ניט פּינקטלעך באַשטימט, נאָר לויט ווי ער פֿאַרשטייט זיי און לויט ווי אָרליק, דער שעף (א פּעטליוריסטער פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט זיך ווידער דערקליבן צו דער מאַכט און איז ניט געניײגט זי מיט עמעצן צו טיילן), האָט דאָס שווײַגנדיק באַשטעטיקט, איז זײַן, שיבײַעווס, זאַך — האָבן צו טאָן מיט דער ווירטשאַפֿט פֿון דער שטאָט, זען אַז זי זאָל גיכער אופֿגעשטעלט ווערן, קעדיי די דײַטשן, אין דער ערשטער ריי די דײַטשן, זאָלן ניט לײַדן קיין שום אומבאַקוועמלעכקײַטן. נאָך גוט, וואָס זײַן טעטיקײַט איז באַגרענעצט מיט דעם דאָזיקן — די פּאָליציי טוט אַזוינס אין שטאָט, אַז עס ווילט זיך ביכלאַל ניט האָבן צו דעם קיין נאָענטע שײַכעס. נאָר דאָס, וואָס ער טוט, איז אים אויך ניט צום האַרצן. די היגע אַרבעטער, וועלכע דאַרפֿן אויספֿילן זײַנע פֿאַראָרדענונגען, קוקן אַפֿילע אף זיך מיט פֿאַראַכטונג, ווײַל זיי טוען עפּעס, זאָל זײַן ביגוואַלד, פֿאַרן סוינע. הײַנט ער?..

ווי זשע האָט זיך עס באַקומען פֿונדעסטוועגן, וואָס ער זעט אַלץ מער אין די דײַטשן א פֿרעמדן קויעך? איבערן זאַוואָד, וואָס מע קערט אים ניט אום, איבערן פּאָסטן, וואָס איז אים דערווידער צי איבער די אַכזאָריִעסן זייערע? דער זאַוואָד — דאָס איז מער דעם טאַטנס דײַגע, ער, קאָנסטאַנטין, האָט קיינמאָל ניט באַטראַכט דאָס דאָזיקע אייגנס, ווי עפּעס רעאַלס. א פּאָסטן קאָן מען קריגן אַן אַנדערן, לעס־ברייִרע — א נידעריקערן. בלײַבט — די עקסצעסן? ס'איז אָבער ניט עמעס, אַז ער האָט זיך דאָרט, אין בערלין, ניט פֿאַרגעשטעלט, וואָס עס וועט אויסקומען צו טאָן דעם פּאָליציישן קאָרפּוס אף דער טעריטאָריע, וועלכע היטלער האָט קלוימערשט געוואָלט באַ־

פֿרײַען פֿון באָלשעוויקעס און ייִדן, און קלאָר איז געווען, אַז ער וויל זי פּאַשעט פֿאַרכאַפּן. ער, שיבײַעוו, האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיך אומקערן אַהער — בלויז מיט די דײַטשן. האָט ער, הייסט עס, באַוויליקט אויך אַלץ, וואָס האָט דאָ געדאַרפֿט געטאָן ווערן. אַזאַ, אַ דינסטגרייטער, איז ער געפֿאָרן אַלס פּאָליציי־שעף קיין ניקאָלײַעוו, און געפּרוּווט זיך דערשיסן, ווען ער האָט דערזען, אַז פֿאַר אים איז די שפּיל אויס — דאָס ווײַטערדיקע לעבן האָט קיין זין ניט געהאַט. אַזאַ איז ער געקומען אויך קיין קיִעוו, עמעס שוין מיט געווייסע וואַקלונגען, — אַז אַ מענטש בלײַבט לעבן נאָך דעם, ווי ער פּרוּווט באַגיין זעלבסטמאָרד, ווערט דאָס, צוליב וואָס ער איז שיִר ניט אומגעקומען, וועלוועלער, און דאָס לעבן — טײַערער. אָבער אויך דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך דאָ באַגעגנט, — אָט אין וואָס עס איז דער טאָך.

ער זעט די, וואָס גייען מיט די דײַטשן, — אַ הײַפֿל פֿינצטערע, שלעכטע, זעלבסטפֿאַרליבטע מענטשן. און די איבעריקע — פֿאַר זיי איז די דײַטשישע אָקופּאַציע אַ גרויסער אומגליק, וואָס וועט ניט פֿאַרבײַ, ביז די לאַסט וועט דריקן, ווי עס הערט ניט אויף צו דריקן אַ שטיין אויף גראָז, ביז מע וואַרפֿט אים ניט אַראָפּ. אויסגלײַכן זיך, וואַקסן, לעבן אונטערן שטיין — איז אומעגלעך, אָט איז דער עמעס.

די קאַלינקעס מיט זייער דערצויגלינג, לידע טאַנאַגאַז, דאָס ייִנגל שוניע, וואָס וועט איצט הייסן אַנאַניע טאַנאַגאַז, דער טויבלעכער קעסל־אַרבעטער מאַרקיאַן סאָלאָמאַכאַ, דער מאַמעס קיִווער אַפֿן בײַקאָווער בעסוילעם און דער ברענענדיקער קרעשטשאַטיק — דאָס איז דער קרײַז, אין וועלכן די געדאַנקען זײַנע האָבן זיך געדרייט, בייס די מאַשין איז געפֿאָרן דורך דער שטויביקער ציטאַדעל־גאַס, פֿאַרבײַ די אַלטע רעדוטן, דערנענטערנדיק זיך צו די יאַרן אַרום שוואַרצן באַרג.

איידער ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דער פֿײַערלעשער־מאַשין, האָט ער באַם טויער פֿון היפּאָדראָם, צווישן די, וואָס ווילן זען די אייגענע זייערע, פֿאַרשפּאַרטע הינטערן הויכן פּאַרקן, באַמערקט די אַלטיטשקע קאַלינקאַ. ניט פֿרעגן, וואָס זי טוט דאָ, וואָלט געווען אומענטשלעך. די אַלטיטשקע האָט אים ניט דערקענט — דאָס איז גראָד גוט. די שוואַרצע פּאָליציי־פֿאָרם, אָנשטאָט דעם באַנדאַזש — אַ פּלאַסטער אויפֿן שלייף. און וויפֿל האָט זי אים דעמאָלט, באַנאַכט, ביכלאַל געזען? אַ געוויינלעכער אומגליק: דער מאַן און דאָס ייִנגל, וואָס מע דערציט, מוטשען זיך שוין אַ וואָך פֿון יענער זײַט פּאַרקן, ניט צו וויסן פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען. טרעפֿן זיך מיט טיכאָן וואַסיליעוויטשן האָט קיין מוט ניט געקלעקט, האָט ער געשיקט מיט דער אַלטיטשקער איינעם פֿון די פּאָליציען — זאָל זי אָנווײַזן, ווער זײַנען אירע אייגענע, און נעמען זיי אַהיים.

שפּעטער אַ ביסל האָט דער פּאָליציי דערציילט:

— אַ כיטרע אַלטיטשקע. זי האָט ניט צווייען, נאָר דרײַען אַרויסגעשלעפּט. דער מאַן, ווי דער מאַן, אָבער דאָס ייִנגל און דער דריטער, אַן עלטערער מענטש שוין, אויף וועמען זי האָט אָנגעוויזן. זײַנען זיכער ייִדליקעס. איך האָב זיי פֿונדעסטוועגן אַרויסגעפֿירט. אויב איר האָט געהייסן, האָב איך אַרויסגעפֿירט.

איז וואָס זשע — פֿרייען זיי זיך איצט, די קאַלינקעס, און יענץ ייִנגל, וועגן וועלכן טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט געזאָגט, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ גאָלדענעם קאָפּ, און יענער, דער דריטער, וואָס אויב די אַלטע האָט אים געראַטעוועט, איז ער דאָס געוויס ווערט, — אַלע פֿרייען זיי זיך און ווייסן ניט, אַז ער, שיבײַעוו, אַדאַנק וועמען זיי זײַנען פֿרײַ, פֿאָרט אויסקלײַבן אַ יאַר, ווו מע וועט זיי אומברענגען...

אין בוזעם־קעשענע האָט זיך באַ אים געוואַרעמט אַ צונויפֿגעלייגט בייגעלע פּאַפּיר. דאָס איז אַ צײַגעניש פֿון דער שטאָטישער אופּראַווע, געכאַסמעט פֿונעם גליטשיק־כניפּעדיקן וואַשטשענקאָ־זאַכאַרטשענקאָ, אָזנאָבלינס סעקרעטאַר, אַז יענץ ייִנגל, שוניע, וואָס לידע טאַנאַגאַזס ברודער, ניט יורע, מישע הייסט ער, האָט אייערנעכטן געבראַכט פֿון ליובאַטש, איז אַ קאַראַימער, אַנאַניע טאַנאַגאַז, און אַז ער איז פֿון אַ קינדערהיים. דאָס ייִנגל אַליין, מיט די בלאָנדע, דריבנע־געקוטשעראַוועטע האָר, האָט ער ניט געפֿירט אין דער אופּראַווע — וואַשטשענקאָ־זאַכאַרטשענקאָ האָט געמוזט גלייבן אויפֿן וואָרט, אַז אַלץ איז ראַיעל. און לידע האָט דאָך פֿון אים, פֿון שיבײַעוון, ניט אויסבאַהאַלטן, אַז ס׳איז אַ ייִדיש ייִנגל, איינער פֿון די געציילטע, וואָס זײַנען לעבן געבליבן אין ליובאַטש. זי האָט אויך דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין יענעם שטעטל מיט די ייִדן, מיט די קריגסגעפֿאַנגענע און אַקטיוויסטן, און דאָס ייִנגל מיט די בלויע אויגן האָט אַלץ אויסגעהערט, ווײַל וווהין זאָל ער אַוועקגיין, — אין צימערל, און אַן איבעריק מאָל באַווײַזן זיך אין דרויסן איז ניט קעדײַ.

פֿאַרוואָס מע האָט שוניען פֿון ליובאַטש אַראָפּגעבראַכט קיין קיִעוו? אָט דאָס איז עס דאָך — מענטשן מיינען שטענדיק, אַז בעסער איז דאָרט, ווו זיי זײַנען ניטאָ. דאָס שטעטל איז קליין, עמעצער האָט שוין דערשמעקט, אַז באַ די קאַראַימער באַהאַלט זיך אויס אַ פֿרעמד ייִנגל, און

קיִעוו איז גרויס... און דער יאר דארף זײַן א גרויסער. דאָרט, אין ליובאַטש, האָט מען צוגעטראַכט א זומפ, און דאָ — א יאר. מיט שוניעס צײַגעניש אין קעשענע וועט ער באַלד שטיין באַם ברעג פון איינעם פון די יארן, וואָס דארפן אָפּגעקליבן ווערן. און אויב מע וועט זיך כאַפּן, ווער שוניע איז אינדערעמעסן, וועט דאָס ייִנגל אוועק אין יענעם יאר צוזאַמען מיט לידען. באַ די דײַטשן איז עס פּאָשעט.

„ווען לידע ווייסט, ווו איך בין איצט, וואָס איך פאָר זוכן, און ווען זי ווייסט, ווער איך בין ביכלאַל!“ אָט דער געדאַנק „ווען זי ווייסט“ האָט אים אָפּט געמאַטערט, נאָר איצט האָט ער זיך געפילט אַזוי, ווי עמעצער וואָלט אים אָנגעכאַפּט פארן האַלדז און געפרעגט: „ווער ביסטו?!“

דעמלט, באַנאַכט, ווען דער פּאַטרול האָט אים שיר ניט פארהאַלטן אַף די טרעפּ, וואָס פירן פון דער גאָנטשאַרנע, האָט א קויל פונדעסטוועגן אים פארטשעפּעט א פּוס. א גליק, וואָס דער ביין איז געבליבן גאַנץ. קיין אַנדער ברייִרע איז ניט געווען, ווי דערקלײַבן זיך סאָף נאַכט אַף דער סטרעלעצקע. לידע האָט אים אויפגענומען מיט דער גאַנצער זאָרג, וואָס קאָן נאָר געמאָלט זײַן. ס'איז באַ איר קיין מינדסטער סאָפּעק ניט געווען, אַז דאָס האָט טאַקע א צופעליקע קויל אים פאַר־טשעפּעט. און קלוימערשט איבער דער וווּנד, כאָטש א לײַכטער, איז ער געבליבן אין קיִעוו.

אין די שאָען, ווען די שטאָט איז געווען, קאָן מען זאָגן, קיינעמס ניט, איז ער, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף א שטעקל, אוועק פונעם מיידל מיטן אויסרייד, אַז ער וועט פּרוּוון זוכן אַנדערע באַקאַנטע, און בלויז איבערגעטאָן זיך באַ איר אין יענעם שמאָלבלעכן גרויען אָנצוג, אין וועלכן ער האָט באַ־געגנט די דײַטשן.

דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך אומגעקערט צו לידען. דער אויסרייד איז דאָס מאָל געווען, אַז ער האָט די באַקאַנטע ניט געפונען. מע האָט אים געגעבן אָן אָרט אין האָטעל, נאָר אים האָט ווי־דער און ווידער געצויגן אין לידעס געמיטלעך צימערל, הינטער דער גרינער שירמע, וואָס האָט אָפּ־געטיילט דעם דיוואַן, אַף וועלכן ער איז געשלאָפן, פון איר שמאָלן, זויבערן בעטל. אַזוי האָט מען דאָרט געוווינט ביז אייערנעכטן, ביז דער ברודער אירער איז געקומען און איבערגעלאָזט יענץ ייִנגל — שוניען.

א פּיִאַסקאָ האָט ער שוין דאַפקע געליטן באַ לידען, נאָר אָפּגעשטויסן האָט עס זי ניט פון אים. פאַרקערט, אין דער אויפמערקזאַמקײַט, וואָס זי ווײַזט אים אַרויס, איז בעפּיירעש פאַראַן עפּעס וואַרעמס, צאַרטס. ער איז א מיִון. אָבער וואָס ווײַטער, איז אים אַלץ שווערער וועגן זיך אַליין זאָגן, וואָס איז עס: אָן אַלטבאַכערישע לאַוועלאַסן־שפּיל צי שוין ניט קיין שפּיל? ער איז געוווינט צו לײַכטע זיגן באַ פרויען, צו זיגן אָנעם אָנטייל פונעם האַרצן. און דאָ פאַרכאַפּט אים טאַקע דאָס, וואָס עס גייט צו מיט האַרץ, און ניט נאָר פון לידעס זײַט.

אָט אַזאַ, א פאַרשטעלטן, ציט עס אים צו איר. שפּעט אין אָוונט טוט ער זיך איבער אינעם גרויען אָנצוג און לאָזט זיך אַוועק צו לידען, — פונעם מויער אַף כמעלניצקי־פּלאַץ, ווו עס געפינט זיך די שטאָטישע פּאָליציי, ביז דער סטרעלעצקע איז פינף מינוט גאַנג. אין דער אוניפאָרם האָט זי אים נאָך ניט געזען. נאָר דאָס קאָן פּאַסירן יעדער רעגע, און ס'איז אויך גענוג, אַז עמעצער פון אירע שכיינים זאָל אים דערזען. האָט ער אָנגענומען מיטלען צו באַוואָרענען, טאָמער דער־ווייסט מען זיך, ווו ער דינט. איר ברודערס, מישעס, קומען האָט אים אומדערוואַרט מיטגעהאָלפן. זי האָט דערציילט: דער ברודער אַרבעט אין דער ליובאַטשער אויפראַווע. און צוגעגעבן: „מע דאַרף אַזוי“ מיטן טראָפּ אַפן „מע דאַרף“. דאָס איז געווען אָן ענטפער אַף זײַנע, שיבײַעווס, אָנ־דײַטן. ער האָט, קלוימערשט, פאָרזיכטיק אַלץ מער איר אַנטפּלעקט, אַז ער געפינט זיך דאָ ניט סטאַם אַזוי, און זי קאָן מיט דער צײַט זיך עפּעס וואָס דערוויסן וועגן אים. דאָס, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט נעמען פאַר שוניען א צײַגעניש „באַ א באַקאַנטן, וועלכן ער האָט אין דער אויפראַווע“, איז אויך געטאָן געוואָרן מיט דעם דאָזיקן מיין. אָבער ניט נאָר מיט דעם דאָזיקן. ער האָט פּאָשעט געוואָלט עפּעס טאָן פאַר דעם ייִנגלס־וועגן. געוואָלט. און דאָס איז דער בראָך אין אים. דער בראָך? און עפּשער עפּעס נײַס, אַפּאַנעמעסן אָנשטענדיקס?

די מאַשין האָט געהאַלטן אין איין אונטערשפּרינגען אַפן צעפּאָרענעם, ניט ברוקירטן וועג. לאַמערס, וועלכער איז אַלץ מער אַרײַנגעפאַלן אין נאַרקאָטישן טראַנס, האָט איבערגעקרימט א הון, וואָס איז א צעפּאָלאָכעטע, מיט צעשפּרייטע פליגל, איבערגעלאָפן די גאַס. דערנאָך האָט ער געמומען אויספײַפן עפּעס א דזשאַז־מעלאָדיע. מאָלטקע האָט מיט קורצע, גראָבע פינגער אויסגע־פויקט דעם טאַקט, און שיבײַעוו האָט קוקנדיק אַף דעם אָבערשטורעמפּיורערס האָריקע הענט, וואָס זײַנען געווען אָנגעשפּאַרט אין די קני, זיך געטראַכט זײַנס:

„אויב זי איז מיר טאַקע טײַער, לידע, אָט דאָס מיידל מיט די ניט־געוויינלעכע, טונקעלע אויגן פון טיורקישן שניט, מיט די עטוואָס בוילעטערע סקולעס, איידער דאָס וואָלט דאַרפן זײַן, מיט דער ברוינלעך־גאָלדענער הויט, מיט איר טמימעסדיקײַט און גרייטקײַט מאַקריוו זײַן זיך, אויב דער, פאַר וועמען מע דאַרף זיך מאַקריוו זײַן, פאַרדינט עס, — און אַז ס'איז אַזוי, ווייס

איך, — אויב איך קאָן דאָס פאַרשטיין און אויב איך קאָן צו איר, דער ערשטער פאַר אַזויפיל יאָרן, פילן דאָס, וואָס איך פיל, ווי זשע קאָן איך פאָרן מיט לאַמערסן און מאָלטקען זוכן אַן אָרט אַף אומבערענגגען מענטשן, וועלכע האָבן אויך עמעצן ליב און וועלכע עמעצער האָט ליב?“

און נאָך געדאַנקען, אָפּגעריסענע (ער האָט פונדעסטוועגן געמוזט זאָגן פון מאָל צו מאָל דעם שאָפער, ווּהין פאַרקערעווען, זאָל זײַן, ניט אַף דער גאַס, וואָס מע האָט באַדאַרפט, אָבער אַבי ס׳זאָל הייסן, אַז ער פירט, און דאָס האָט איבערגעריסן דעם געדאַנקענגאַנג זײַנעם):

„מאַרקיאַן סאָלאָמאַכאַ, לידעס שאָכן, דער טויבער קעסל־אַרבעטער, בא וועלכן זי האָט אויסגעבעטן צי געקויפט דעם גרויען אָנצוג פאַר מיר, האָט אַכצן יאָר אָפּגעאַרבעט אַף דעם זאַוואָד, וואָס איז אויפגעקומען אַפן אָרט פונעם טאַטנס זאַוואָדל. גלײַך נאָכן בירגערקריג איז ער אַהין אָנגעקומען אַרבעטן. געווּג איין אָפּדערנאַכט אויסהערן מאַרקיאַן סאָלאָמאַכען, קעדיי פאַרשטיין, ווי מע האָט דאָ מיט פלײַס און מיט סייכל געבאַלעבאַטעוועט. און דאָס האָט ער אויך דערציילט, סאָלאָמאַכאַ: „וואָלסט, אַשטייגער, געזען, אַ מין באַנאַכטיקע סאַנאַטאָריע מיר האָבן אַפן זאַוואָד געהאַט! ע־הע, עס קאָן זיך נאָר כאָלעמען! באַסיע לוואָוונע, די דאָקטערן אונדזערע, האָט שוין געוווּסט, אַז בא מיר איז קראַנק דער מאָגן, האָב איך וועגן אַ פּאָטיאָווקע דײַגענען ניט געדאַרפט, זי האָט אַליין אין זאַווקאָם אַלץ דערליידיקט. אַף סענטיאַבער בין איך בא באַסיע לוואָוונע פאַרשריבן געוועזן קיין יעסענטוקי, איך וואָלט פונקט איצט דאָרט די קישקעס געשווענקט, אָט ווי ס׳איז בא אונדז געוועזן!“

„באַסיע לוואָוונע... עפּשער איז זי געבליבן אין שטאָט? ווּהין וועט איר טרעפן די קויל — אין בויך?“

„וועגן איינס פרעגט דער טאַטע ניט: צי איז גאַנץ דער מאַמעס קיוווער אַפן בײַקאָווער בעסוילעם. גאַנץ, און דער אײַזערנער צײַלעם, וואָס איך און זשאַנע האָבן אוועקגעשטעלט, שטייט, אַן אָרומגעוואַקסענער מיט ריאַבינע־ביימלעך, געדיכט באַהאַנגענע מיט יאַגעדעס. פאַרוואָס איז זי אים ניט נאָכגעפאָרן, די מאַמע, אַהין, ווּ די ווײַסע זײַנען געוועזן? איבער דער דאַנטיסטקע, וואָס איז פון אים ניט אָפּגעטראָטן. און עפּשער ניט נאָר איבער דעם? דעם טאַטנס פאָלק האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אין קרעמענטשוק. „זיי האָבן בא מיר נאָך דעמלט, אין נײַנצעטן, געפּישטשעט, די יִדלעך!“ — באַרימט ער זיך מיסטאַמע אויך איצט פאַר די זשאָקייען. און די מאַמע האָט דעמלט, אין נײַנצעטן, אַ שלאָפע, אַ צאַנקענדיקע, באַהאַלטן בייסן דעניקינישן פּאָגראָם, בא אונדז אין שטוב, די שכיינים יִדן, אוועקגעזעצט זיך אַף די דרויסנדיקע טרעפּלעך און ניט אַרײַנגעלאָזט די פּאָגראָמשטשיקעס. און איצט וועלן יענע שכיינים, די, וואָס לעבן נאָך, צי די קינדער און אייניקלעך זייערע, פאַרטריבן ווערן אינעם יאַר. איז אָט פונוואַנען עס קומט צו מיר דאָס אַלץ, וועגן וואָס איך טראַכט איצט, — פון דער מאַמען! דעם נאָטאַריִוסעס זון, קלאַוודיק לאַגאָדיוקן, דעם באָלשעוויק, וועלכן די פּעטליוראָווצעס האָבן געזוכט, — בא קלאַוודיקן איז אַ לונג געוועזן דורכגעשאָסן, — אים האָט זי אויך באַהאַלטן בא אונדז, און באַשווירן מיך און זשאַנען, מיר זאָלן זיך פאַר קיינעם מיט קיין וואָרט ניט אַרויסכאַפּן...“

„וואָס בין איך אַרויסגעשפּרונגען מיט דער פײַערלעשער־מאַשין? געמיינט זיך מאַכן טאַמעוואַטע? איך ווייס קלוימערשט ניט וועגן דעם באַפעל, אַז מע דאַרף ניט לעשן? איך וועל נעמען גיסן וואַסער בא אַ זײַט, וועט שוין אַוועק?.. אָט, גענומען לעשן, און געפּאַקט זיך צו לאַמערסן אין דער מאַשין...“

דער מאָטאָר האָט אויפגעהערט רוישן, די מאַשין האָט אַ וויג זיך געטאָן און איז שטיין געבליבן.

לאַמערסן און מאָלטקען זײַנען די יאָרן ניט געפעלן. הוילע. די ברעגן זײַנען ניט קיין שטיילע. און ס׳איז נאָענט צום הויפּט־טראַקט — צו דער וואַסילקאָווער גאַס.

— מיר פאָרן ווײַטער! — האָט לאַמערס געמאָלדן.

— איין ווײַלע, הער אָבערסט־לייטענאַנט! — שיבײַעוו האָט באַוויזן אַף אַן אויסבייג פון יאַר, אַ באַוואַקסענעם מיט קוסטעס, ער דאַרף אַהין. דער דײַטש האָט פאַרשטאַנען.

געבליבן איינער אַליין, האָט שיבײַעוו ניט געוווּסט, וואָס צוטראַכטן: אַראָפּשפּרינגען אין יאַר, אַהין, ווּ עס ריזלט אַ ריטשקעלע, אַ געלס פון אויסגעשווענקטער ליים, צעברעכן זיך אַ פוס, אַ ריפּ? און אויב עס וועט ניט אָפּגיין גלאַט? עפּשער — אַ קויל אין שלייף, און פאַרטיק? דאָס מאָל — אַף זיכער... אַ שאָד. עפּעס איז אים איצט טײַער געוואָרן אין לעבן. איז וואָס זשע טוט מען פאָרט? זײַן בליק איז געפאַלן אַף אַ שטיין, און אַפילע ניט קיין שטיין — אַ צעמענט־הליבע מיט אַן אײַנגעמויערטן אָפּגעבראָכענעם ציגל. דאָס טויג!

ער האָט מיטביידע הענט אויפגעהויבן די הליבע, אַרויסגעשטעלט דעם רעכטן פוס, אָנגעשפּאַרט אים מיטן אָפּצאַס אין דער ערד. ניין, דער איז פאָרט אַ פאַרווּנדעטער, בעסער — דעם

לינקן. פאַרביסן די ציין און צוגעמאַכט ניט פעסט די אויגן, אַזוי, אַז ער האָט קוים געזען דעם פוס אינעם פאַרשטויבטן שטיוול, האָט ער אונטערגעהויבן די הליבע נאָך העכער, צו די אַקסל, און אָפּגעלאָזט זי... ער איז געפאַלן פון דעם ווילדן ווייטעק, ווײַזט אויס, אַ געשריי געטאָן. אין די אויגן איז פינצטער געוועזן. ער האָט געהערט דעם רויש, וואָס די הליבע האָט געמאַכט, קײַקלענדיק זיך איבערן שיפּוע, צווישן ווילדגראָז, דעם פליוך אירן אין ריטשקע. באַלד איז געקומען צו לויפן דער שאָפער, געהאָלפן שיבײַעוון זיך אופהייבן און דערקלײַבן זיך אַף איין פוס צו דער מאַשין.

לאַמערס האָט זיך געזידלט און אַלץ איבערגעפרעגט:

— פאַרוואָס אויסגעלונקען? צום טײַוול!

דעם שטיוול האָט מען צעשניטן, ווײַל דער פוס איז אַלץ מער געשוואָלן געוואָרן. לאַמערס האָט אָפּגעשטעלט אַ דײַטשישע לאַסטמאַשין און באַפוילן דעם שאָפער:

— דעם דאָזיקן רוס, דאָנערוועטער הימל־קראַיץ, — אין שפּיטאָל!

ביז ביידע שאָפערן האָבן אַרופגעזעצט שיבײַעוון אין קוזאָוו, האָט לאַמערס צוגערופן אַן אַלטן אין אַ קאַמזויל און פאַרלאַטעטע פּליודערן, וועלכער האָט ניט ווײַט פון וועג געפּאַשעט אַ ציג.

— קום, שײַסקערל, אַהער! סאָלאָמינקאַ, סירעץ, הײַדאַ, הײַדאַ, אוקאַזיווײַט!

קרימענדיק דאָס אַזוי אויך צעקרימטע פּאָנעם, האָט מאָלטקע אָנגעכאַפּט דעם אַלטן פאַרן קאָלנער פונעם העמדל, אָנגעבויגן אים און אַרײַנגעשטופּט אין אָפּענעם טירל פון דער לײַכטער מאַשין.

שיבײַעוו איז געזעסן אין קוזאָוו אַף אַ צונויפגעדרייטן ברעזענט, באַמיט זיך ווי־עס־איז אײַנאָרדענען דעם צעשעדיקטן פוס און געטראַכט:

— אַ מענטש, וועלכער ווייסט פון גאָרנישט, וועט זיי פירן צו יענע ריוון, אַ מענטש, וועלכער האָט געטאָן דאָס אומשולדיקסטע — געפּאַשעט אַ ציג... ניט אין דעם גייט דאָס, ניט אין דעם...

XIV. בלומען פאַר דער לאָרעלײַ פון דער שפּרייע. וואָלעכשע ניס. אַ באַפעל אָן אַן אונטערשריפט

1 די קעראָסין־גאַס. אַזוי האָט געהייסן די קרומע, פאַרוואָרפענע גאַס מיט אַ באַרגאַרופ צווישן אַלטע ביימער און ליימיקע פּוסטקעס, ווו עס זײַנען געווען צעוואָרפן עטלעכע סקלאַד־געבײַדעס. אין איינער פון די דאָזיקע געבײַדעס, מיט הויכע ווענט פון שלאַקבלאָקן און אַ גאָפּרירטן שיפערנעם דאַך — אַמאָל איז דאָ געווען צי אַן עלעקטרישע סובסטאַנציע, צי אַ מעכאַנישער וואַרשטאַט — אינעם צעמענטירטן דיל זײַנען געבליבן סימאָנים פון מאַשינסטאַנינעס, און לעצטנס — אַ באַקאַליי־סקלאַד, וועגן וואָס מע האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן ניט נאָר לויט די רייכעס, מיט וועלכע דער דיל און די פּאָליצעס זײַנען געווען דורכגעזאַפּט, נאָר אויך לויט די סטײַעס גרויסע טשורעס, וואָס האָבן זיך אָן שרעק דאָ אומגעדרייט, — אין אָט דער געבײַדע האָט מען פאַרשפּאַרט אַרום צוויי טויזנט ייִדן, דורכויס מאַנצבלען — קריגסגעפאַנגענע און ציווילע. פון סקלאַד האָט מען קיינעם ניט אַרויסגעלאָזט. אין דער שכיינעסדיקער ציגלנער געבײַדע, האָט מען געוווסט, זײַנען פאַרשפּאַרט קאָמיסאַרן, פּאָליטרוקן און קאָמוניסטן ביכלאַל — יענע האָט מען אויך ניט אַרויסגעלאָזט. נאָך ווײַטער — אַ באַראַק פאַר אָפיצערן. זיי האָט מען גרופּעסווײַז פון צײַט צו צײַט געפירט ערגעץ אונטער אַ קאָנוואָי — אַף אַרבעט צי אַף אַ פאַרהער. אַף יענער זײַט גאַס, אין די הילצערנע, געקאַלכטע סקלאַדן, וועלכע מע האָט געזען דורך די קימאַט ביז אַרוף פאַרמויערטע און פאַרגראַטעטע פענצטער פון „ייִדישן בלאָק“, און אַפן פּלאַץ לעבן אָט די סקלאַדן האָט מען געהאַלטן סטאַם קריגסגעפאַנגענע — אַ שוואַרץ־גרויע מאַסע האָט דאָרט אָן אויפהער פּולסירט הינטער אַ צוים פון שטעכדראָט.

מיט נאָך אַ צוויי הונדערט, וואָס זײַנען העגדעם־פּענדעם אַרויסגעכאַפּט געוואָרן פון היפּאָדראָם, האָט מען ליאָניען געבראַכט אַהער, אַף דער קעראָסינע. ער האָט שוין אַפילע אופגעהערט ציילן די טעג, נאָר מענטשן האָבן געזאָגט, אַז מע איז דאָ דעם זעקסטן מעסלעס, און עמעצער האָט אַפילע אונטערגעכעזשבנט די שאָען. נאָר ציילן וואָלט מען דאַרפן די מינוטן, ווײַל יעדער מינוט איז געווען פּײַן, פּונקט אַזאַ, ווי בייס מע ברענט דאָס לײַב מיט אָנגעגליטן אײַזן.

אַרום צוויי טויזנט מענטשן, וואָס האָבן בײַ די פאַשיסטן געהאַט איין סימען און איין זינד — מע איז ייִדן. אַמאָל, קינדווײַז, האָט ליאָניע געוווסט וועגן זײַן פאָלק דאָס, וואָס די באָבע האָט אים ווען געלייענט, ווען איבערדערציילט פון דער ביבל: אַ פאָלק פון פּאַסטעכער, ווײַנציכטלער, שניטער, פּאָלגט מען די נעוויִים, לעבט מען גליקלעך, פּאָלגט מען זיי ניט, לײַדט מען. נאָר געזען האָט ער די ייִדן אַנדערע: סטאָליאַרעס, זייגערמאַכערס, קאָוואַליעס, לערער, מילנער, קאָלווירטניקעס,

און אַלץ מער ניט געקאָנט אונטערשיידן, ווער זײַנען אין שטעטל ייִדן, און ווער ניט, ווײַל פּונקט אַזעלכע קאָוואַליעס, לערער, טראַקטאָריסטן זײַנען אויך געווען אוקראַיִנער, פּאָליאַקן, רוסן, און אפֿילע אַ דײַטש איז געווען, אַ גוטער מאַליער — האַנס. ווײַטער האָט פּאַר אים שוין גאָר קיין באַדײַטונג ניט געהאַט, ווער וואָס עס איז, ווײַל עס האָט פּאַר קיינעם קיין באַדײַטונג ניט געהאַט. אין טעכניקום, באַם טאַטן אין באַטאַליאָן, אין הויף, ווו מע האָט געוווינט, אין פּיִאָנערן־לאַגער, אין פּראַקטיקאַנטן־לאַגער, און אַט דאָ, נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק, אַפֿן פֿאַנצערצוג — אַלע גלײַך. און שטענדיק, אויב מע האָט געפֿרעגט, ווער ער איז, האָט ער רויִק, ניט אײַנזעענדיק אין דעם קיין סיבע ניט פֿאַר באַזונדערן שטאָלץ, ניט פֿאַר כאַרפּע, געענטפֿערט — אַ ייִד. פּונקט ווי אַנדערע האָבן געזאָגט, ווער זיי זײַנען. ווען מיכאָעלס האָט געשפּילט, איז דער גאַנצער טעכניקום אַוועק אין טעאַטער, און האָט מען דורך ראַדיִאָ געזונגען ייִדישע לידער, האָבן אַלע אין צימער פֿון צוזאַמענוווינונג געהערט. און ביכער אױף ייִדיש האָט מען פֿאַרקויפֿט אין די זעלבע קראָמען, וואָס אַנדערע... און פּלוצעם: ייִדן — אַ שאַנדפֿלעק!

ער האָט זיך צוגעקוקט צו די מענטשן, וואָס זײַנען דאָ מיט אים צוזאַמען געווען פֿאַרשפּאַרט, צוגעקוקט זיך צו די ייִדן. ס'הייסט, אָפּטער האָט אין קאָפּ זיך געדרייט גאָר עפּעס אַנדערש, אַזוינס, וואָס איז אַלץ מער געקומען פֿון הונגער־ און דאָרשט־האַליוצינאַציעס. „אַ זשומענדיקע ריטשקע מיט ווײַסע, דורכזיכטיקע שטראָמען. ווו האָב איך דאָס געזען? אַהאַ, אין טײַגע, באַ דער לאַנדיש־סאָפּקע... אַ סקאָרינקע, אײַנגאַנצן אַ פֿאַרצוויטעטע. ווו איז דאָס געווען? דעמלט, אין צוזאַמענוווינונג, בייס מע האָט אָפּגערוקט די בעטלעך, קעדיי איבערפֿאַרבן דעם דיל". אָבער ער האָט אויך געטראַכט: „ייִדן, אָט זײַנען זיי, די ייִדן — מענטשן ווי אַלע מענטשן".

מע איז, זעט אויס, געשטאַנען פֿאַרן לעצטן ניסאָיען. אין אַזעלכע מינוטן ווערט אַנטפּלעקט די סאַמע טיף פֿון דער נעשאָמע — דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע. און אַזוי איז אויך פֿאָרגעקומען מיט די מענטשן דאָ, אין סקלאַד. יעדערער האָט זיך געוווּסט זײַן צאָרע, זײַן זאָרג, געטראַכט און גערעדט וועגן די אייגענע, וואָס זײַנען געבליבן אין שטאָט אָדער אַוועקגעפֿאָרן אין דער ווײַט. מע האָט איינס באַם אַנדערן געזוכט אַ טרייסט און ביטער אָפּגעוואָרפֿן די טרייסט־ווערטער, ניט ווייסנדיק אױף וואָס צו האָפֿן, מע האָט באַהאַלטן פֿון אַנדערע אַ ביסן, אַ קאַפּעטשקע טוטין, אַ טראָפּן וואַסער, וואָס מע האָט פֿאַרהיט, און פֿאַרקערט, מע האָט געטיילט דעם ביסן, דאָס קאַפּל וואַסער, דאָס זשמענקעלע טוטין צווישן צווייען, דרײַען, פֿינפֿן. עס האָבן זיך אויסגעטיילט אייניקע פֿרעכע, האָזעדיקע, וואָס האָבן קעסיידער זיך געהאַלטן באַ דער הויכער, ברייטער טיר און געקוקט אַפֿילע אױף דעם, ווי אױף זייערער אַ פּריווילעגיע, — באַ דער טיר קאָן מען זיך דורכריידן מיט אַ וואַכמאַן, פּרוּוון נויסע־כיין זײַן באַ אים, אונטערקויפֿן אים; באַ דער טיר קאָן מען הערן עפּעס נײַס, פֿרישע לופֿט שטראָמט דורך די שפּאַלטן, און אויב מע וועט אַרײַנטראָגן שפּײַז, וואַסער, וועט מען זײַן די ערשטע. עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אױף אַלץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געזעסן אָדער געלעגן דאָרט, ווו מע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט, גלײַכגילטיקע, טעמפּ געוואָרענע. אָבער סײַ די פֿרעכע, סײַ די אינערטע, דערשלאָגענע האָבן געקאָנט באַטראַכט ווערן בלויז ווי פּאָליוסן. די גרעסטע מערהײַט זײַנען געווען געוויינלעכע מענטשן, מער איידעלע אָדער ווייניקער איידעלע, וועלכע ס'האָט געטראָפֿן אַן אומגליק, גאָר אַ גרויסער אומגליק, נאָר מע פֿאַרלירט ניט די ווירדע, די שטאָלץ, די האָפֿענונג און די מוט — די מוט, ווען עס זאָל אַפֿילע האַלטן דערבײַ, אַז מע וועט זיך דאַרפֿן צעשיידן מיטן לעבן.

אָט פֿון דער דאָזיקער מאַסע האָבן זיך אויסגעטיילט אַזעלכע, וואָס האָבן גענומען אױף זיך די זאָרג וועגן אַלעמען. מע האָט געמאַכט אַן אָרט פֿאַר די קראַנקע, פֿאַרוווּנדעטע, צונויפֿגעטראָגן מאַרליע, וואַטע, רעפֿועס, וואָס האָבן זיך באַ אייניקע פֿאַרהיט, און דעריקערשט — מע האָט געקראָגן וואַסער. אַ מענטש קאָן הונגערן פֿערציק טעג, אָבער אָן וואַסער קאָן ער זײַן בלויז צוויי־דרײַ טעג. אין סקלאַד האָט מען קיין וואַסער ניט אַרײַנגעטראָגן שוין צוויי מאָל אַזויפֿיל צײַט, איידער אַ מענטש קאָן אויסהאַלטן, און דאָך איז מען ניט אומגעקומען, ווײַל מע האָט געקראָגן וואַסער, שטרענג פֿאַנאַנדערגעטיילט עס צווישן אַלעמען אױף געציילטע שלונגען — דאָס האָט געקלעקט אױף צוויי טעג, און עטלעכע סאָלדאַטישע באַקלאַגעס האָט מען נאָך אַלץ געהיט אױף צו באַנעצן מיט אַ פֿײַכט שמאַטקעלע די ליפּן באַ יענע, וועמען די קויכעס האָבן פֿאַרלאָזט ענדגילטיק.

צווישן די מענטשן פֿון זײַן פֿאָלק האָט לאָניע זיך געפֿילט, ווי צווישן מענטשן בכלל, און דאָס איז איצט געווען דער שטאָלץ זײַנער.

2

באַם קריגן וואַסער האָט די שווערסטע אַרבעט אָפּגעטאָן יאַשע קאַפּער — אַ יונגער באָכער, אַ לייטענאַנט פֿון מיליציע. ער האָט זיך דערבײַ שטאַרק צעקלאַפּט. די מענטשן, בייס ער איז געפֿאַלן פֿון אַכט מעטער די הייך, זײַנען זיך ניט צעלאָפֿן, זיי האָבן אים אונטערגעכאַפּט אױף די הענט. ער האָט אָבער באַקומען אַ קלאַפּ אין בויך, איידער ער איז געפֿאַלן

אַף די אויסגעשטרעקטע הענט — אָנגעטראָפֿן אַף אַן אײַזערנעם באַלקן. יאַשע האָט זיך שטאַרק געמאַטערט, און אים דעם איינציקן האָט מען אויך איצט אַפּנעמעסן געגעבן אַ שלונג טאָן וואַסער...

אונטערן סאַמע דאַך פֿון סקלאַד, צווישן די מעטאַלענע קאָנסטרוקציעס — קיין סטעליע איז ניט געווען — איז געשטאַנען אַ מעטאַלענער קאַסטן. געהאַלטן האָט ער זיך אַף שטאַנגען, צוגע־פֿעסטיקטע צו די קראַקוועס. מע האָט אַרויסגעזאָגט פֿאַרשיידענע השערות וועגן דעם, אַף וואָס דער דאָזיקער קאַסטן האָט אַמאָל געדינט. גיכער פֿון אַלץ האָט דאָרט, אינווייניק, געקאָנט זײַן אַן עלעקטרישער מאָטאָר אָדער אַן איבערשליסער פֿאַר די הייב־קראַנען, וואָס האָבן דאָ עפּשער אַמאָל געאַרבעט. נאָר דאָס זײַנען געווען פּוסטע כקירעס — אַלעמען איז אָנגעגאַנגען אַן אַנדער זאַך: צי האָט דער קאַסטן אַ דעקל, אויב ניט, איז עפּשער אין אים פֿאַראַן וואַסער, ווײַל דער שיפֿער אַרום אים איז געווען ווי אונטערגעהויבן. און עפּשער גאָר אַזוינס: פּרוּוון אַפּרײַסן די טשוועקלעך און אַרופּרוקן אַ ביסל איינעם־צוויי בלעטער שיפֿער, קעדיי דער שפּאַלט זאָל אויסקומען פּונקט איבערן קאַסטן, בייס אַ רעגן וועט אַהין אַנרינען וואַסער. רעגנס האָבן גראָד געגאָסן פֿון צײַט צו צײַט, ס׳האָבן זיך אויסגעגעבן כמורנע טעג.

אַלץ האָט מען געמוזט טאָן באַנאַכט — סײַ אַרופֿקלעטערן צום קאַסטן, סײַ אײַסעקן זיך מיטן שיפֿער, סײַ פֿאַנאַנדערטיילן דאָס וואַסער, אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז דאָרט איז דאָ וואַסער.

ס׳האָט צוגעשפּילט — די נאַכט. ווען מע האָט באַשטימט פֿאַרנעמען זיך דערמיט, איז זי געווען אַ רעגנדיקע, מיט דונערס און בליצן. אין קאַסטן איז קיין וואַסער ניט געווען, נאָר דעם שיפֿער איז טאַקע געלונגען אָפּרוקן, און דורכן שפּאַלט האָט די גאַנצע נאַכט און דעם גאַנצן קומענדיקן טאָג געגאָסן וואַסער. יענע שטורעמדיקע נאַכט, און די צווייטע, די שטילע, האָט מען מיט באַקלאַ־געס, צוגעפֿעסטיקטע צו רימענס און שטריק, געשעפּט און אָפּגעשיקט דאָס וואַסער אַראָפּ, און ווידער געשעפּט, און ווידער אָפּגעשיקט, שטיל, לויט אַ סיידער. דאָס איז בעפּיירעש געווען אַ גרויסער פּרוּוו פֿאַר די לעכצנדיקע מענטשן, דערפֿירטע צום העכסטן גראַד פֿון אומגעדולד, לייד און פֿאַרצווייפֿלונג. נאָר דאָס אַלץ איז פֿאַרגעקומען מיט צוויי טעג צוריק — מער קיין רעגן האָט ניט געגאָסן...

יאָ, באַם קריגן וואַסער האָט די שווערסטע אַרבעט אָפּגעטאָן יאַשע קאַפּער, ווײַל ער האָט אין שטאָקפֿינצטערניש, באַ דער שײַן פֿון בליצן, וואָס האָט פֿון מאָל צו מאָל אַרײַנגעריסן זיך דורך די שמאָלע, קימאַט ביז אַרוף פֿאַרמויערטע פֿענצטער, דער ערשטער אופֿגעהויבן זיך אַף די קאָנסטרוקציעס און דערקליבן זיך צום קאַסטן. נאָך אים איז געגאַנגען ליאָניע. ווען יאַשע האָט זיך אָפּגעריסן, — ער האָט שוין געהאַט זיך אונטערגעצויגן אַף די הענט, האַלטנדיק זיך פֿאַרן ראַנד פֿון קאַסטן, געוואָלט אַרײַנקריכן אינווייניק, שטיל געזאָגט צו ליאָניען, וועלכער האָט אים געהאַלטן פֿאַר די פֿיס: „לאָז אָפּ“, און דאָ האָט אַ שטשור אים דערשראָקן, יאַשען, אומדערוואַרט אַ שפּרונג געטאָן פֿון קאַסטן גלײַך אין פּנעם אַרײַן, — ווען דער אומגליק איז געשען, האָט ליאָניע פֿאַרגעזעצט טאָן דאָס, וואָס מע האָט געדאַרפֿט: ער איז אַרײַנגעקראָכן אין קאַסטן, אויסגערייניקט אים, אונטערגעהויבן דעם שיפֿער און דערנאָך צוויי נעכט נאָכאַנאַנד געשעפּט דאָס וואַסער. אים האָט מיטגעהאָלפֿן אַשאָט סאַרקיסיאַן. און אופֿגעגעבן האָט דעם געדאַנק אויסנוצן דעם קאַסטן יאָסיף מאַרקוס.

מיטן באַיאָרטן מאַרקוס האָט ליאָניע זיך באַפֿרײַנדעט אין דער ערשטער שאָ, ווען מע האָט זיי אַהער געבראַכט. אַשאָט סאַרקיסיאַן איז צוגעשטאַנען צו זיי בייסן אײַסעקן זיך מיטן וואַסער, און מע האָט זיך שוין אויך ווײַטער געהאַלטן צוזאַמען.

אַשאָט איז געווען אַן אַרמענער. אַלע אין „בלאָק“ האָבן אים געגלייבט, אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי. אַ סאָפּעק האָט עס באַלויז אַרויסגערופֿן באַ איין דײַטש, באַ יענעם, וועלכער האָט ערגעץ אַרום דאַרניצע אים, דעם קאָנטוזיעטן קאָמאַנדיר פֿון אַ זעניט־באַטאַרייע, אַ שוואַרצן, אַ קוטשע־ראַוון, מיט לײַדנשאַפֿטלעך צעעפֿנטע טונקעלע אויגן, אַ קליינינטשקן, אַ באַוועגלעכן, ווי קוועק־זילבער, דער ערשטער אָנגענומען פֿאַר אַ ייִדן. און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג... מיסטאַמע האָט אַשאָט געפּרוּווט אײַנטײַנען מיט די פֿאַשיסטן, אַז ס׳איז אַ טאָעס. איצט האָט ער געקוקט אַף דער זאַך פֿילאָסאָפֿיש:

— אַ טיגער, וואָס האָט פֿאַרזוכט מענטשיש בלוט, איז געפֿערלעך פֿאַר אַלע מענטשן. דאַרף איך, הייסט עס, דערווײַזן, אַז מײַן בלוט איז ווייניקער געשמאַק?

יאָסיף מאַרקוס איז געווען טאַניעס טאַטע, טאַניעס פֿון דער אײַזנבאַן־פֿאַרוואַלטונג. אַמאָל, געוויס מיט הונדערט יאָר צוריק, איז ליאָניען געגאַנגען אין לעבן אופֿהייבן זיך איבער די מירמלנע טרעפּ אָפּן צווייטן שטאָק פֿון דער אײַזנבאַן־פֿאַרוואַלטונג און, קלוימערשט אַלפֿי־טאָעס,

אן עפן טאָן די טיר פון קאדרען־אָפטייל, קעדיי זען זי, טאניען, בא דער שרײַבמאשינקע אָדער באם צעעפנטן שראנק מיט די פאפקעס. ער פלעגט איר נאָכגיין פונדערווײַטנס אין קאָרידאָר, הערן מיט א ציטער, ווי עס קלאפן דריבנע איבערן פארקעט אירע הויכע אָפצאסן, באוווּנדערן איר שלאנקײַט. וויפל מאָל ער האָט דאָס געטאָן, בייס ער איז מיט זשאָרזש דודאקאָוון געקומען אין שטאב? סאכאקל דרײַ־פיר מאָל, ניט מער. אָט דאָס אלץ האָט אים אמאָל אינטערעסירט. ער איז אפילע געוועזן אופגעבראכט אף זיך אליין סײַ פאר דעם, וואָס ער גיט נאָך דעם דאָזיקן געפיל, סײַ פאר דער האָזע זײַנער, און איינצײַטיק שטאָלצירט דערמיט געהיים. געהיים, ווײַל ער האָט דאָך אפילע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט מיט טאניען אזוי, אז זי זאָל וויסן, אז דאָס איז ער. דעמלט, אין דער פינצטער, ווען מע האָט זי אָפגעפירט אפן מאָטאָציקל אהיים, האָט ער יאָ עפעס געזאָגט צו איר, נאָר וואָס האָט דאָס געהאט פאר א ווערט, אז זי האָט אפילע זײַן פאָנעם רעכט ניט געזען?

איצט, דאָ אין סקלאד, זײַנען די געדאנקען וועגן טאניען און וועגן די שלאכט־עפיזאָדן, וואָס האָבן זיך באזונדערס פארגעדענקט, געוועזן דער שײַטער, בא וועלכן ער האָט די נעשאָמע געווארעמט.

און אפילע ניט נאָר טאניע. ער האָט, נאָך זײַענדיק אין טעכניקום, זיך געהאט אויסגעטאטוירט אף דער האנט „ל. ביליטש", אזוי ווי אנדערע יינגלעך האָבן זיך טאטוירט די נעמען, די פאמיליעס פון מיידלעך, וואָס זײַנען זיי געפעלן. לינע ביליטש — א פעסטינקע אזא, א ווייצענע, מיט ריכטיקע, נאָר ניט באזונדערס איבעראשנדיקע שטריכן פון פאָנעם. און טאקע א גאנץ הארבלעכע. נו, וועגן דער הארבקײַט אירער האָט ער זיך פארטראכט ערשט דערנאָך, ווען זי האָט אים אָפגעשטעלט אין הויף פון צוזאמענוווינונג און גוט ארײַנגעזאָגט, לעמײַ ער האָט געמאכט זיך די טאטוירונג „אָן שום גרונט". זי איז אפילע באשטאנען, מע זאָל זי אף דער פראקטיק שיקן ניט אפן ווײַטן מיזרעך, וואָס דאָס האָט זיך גערעכנט פאר דאָס אינטערעסאנטסטע, נאָר ערגעץ אף מײַרעוו, הינטער לוואָוו. ביז איצט האָט ער ניט געוווּסט, צי איז ער איר טאקע געוועזן אזוי דערווידער, צי ס'איז אן אָנשטעל. ער אליין איז דערנאָך, און איצט נאָך מער, שוין בעפיירעש ניט זיכער געוועזן, אז גראָד איר פאמיליע האָט געדארפט אף שטענדיק בלײַבן בא אים אף דער הויט.

וועגן דער דארניצער לאריסקע, יענער, בא וועמען ער האָט דאָס פארוווּנדעטע יינגעלע געלאָזט, האָט ער אויך אָפט געטראכט. אירע בלויע אויגן, פולע מיט שרעק, זאָרג און צארטקײַט, דאָס בלאסע, מאמעש קינדערשע פאָנעם אירס, די בלאָנדע, גלײַכע האָר, די שמאָלע פלייצקעס — דאָס אלץ האָט געשוועבט פאר אים אמאָל אין דעם קורצן, אומרויִקן שלאָף, און אמאָל אף דער וואָר, ווי א גרוס, וואָס מע ווייסט ניט פון וועמען, א טרייסט־וואָרט, וואָס מע הערט ווי דורך גלאָז, מע כאפט עס בלויז אוף לויט דער באוועגונג פון די ליפן.

אָט דאָס אלץ איז געוועזן זײַן קלייניקער און עפשער דער גרעסטער פארמעג דאָ, אין דעם האלב־טונקעלן סקלאד, אין דער ענגשאפט, צווישן די אויסגעמאטערטע, דאָרשטיקע, הונגעריקע מענטשן, וועלכע ווייסן שוין ניט, ווו איז די גרענעץ צווישן קאָשמארע זעונגען און דער קאָשמארער ווירקלעכקײַט, וואָס איז פאָרט נאָך ניט דאָס סאמע שוידערלעכע, — דאָס שוידערלעכסטע איז פון יענער זײַט שוועל, ווו עס שײַנט די זון אָדער די לעוואָנע, ווו עס הערן זיך טריט און אויסרופן פון דער וואך, ווו עס קליאמצען ביקסן־שלעסער, ווו עס פאלן שאָסן...

יאָסיף מארקוס איז געוועזן א טרעגער אפן קיִעווער וואָקזאל. די ביינערדיקע גווורע פון זײַן ניט הויכער פיגור, די הארטע שטריכן פון זײַן פאָנעם — גאָרנישט, דאכט זיך, האָט ניט דערמאָנט אין זײַן איידעלער און שלאנקער טאָכטער. און דאָך האָט טאניעס געזיכט אזוי ווי ארויסגעקוקט דורך די שטריכן פון אָט דעם ברייטן, גוטמוטיקן פאָנעם. אין די לענגלעכע, טונקעלע אויגן, קוים־קוים שמייכלענדיקע, ביטער און דאָך ניט ייִעשדיק, האָבן געפלאטערט די זעלבע פונקען, וואָס בא טאניען. און דאָס מויל אירס, מיט עטוואָס אונטערגעהויבענע ליפן־ווינקלען, איז פאָשעט ווי אראָפגעגמאָלט געוועזן פונעם טאטן.

אז דאָס איז טאניעס טאטע, האָט ליאָניע זיך דערוווּסט אָט וויאזוי: ווען מע האָט זיי ארויסגעפירט פון היפאָדראָם, און דער אוילעם, וואָס האָט פון פרי ביז שפעט געטויטשעט זיך אפן טראָטואר און אף די טראמווײַ־רעלסן, האָט א שפאר געטאָן צו דער קאָלאָנע, האָפנדיק געפינען אייגענע, האָט ליאָניע באמערקט טאניען אין א געקווייטלט קאָסינקעלע. אינעם האוועדיקן אוילעם האָט א פינקל געטאָן איר בלאס, שיין געזיכט, נאָר ווען ער זאָל עס אפילע ניט געוועזן דערזען, וואָלט ער אלציינס דערקענט זי לויטן בייג פון דער פלייצע, לויטן סילועט פון איר קערפער מיט דער ניט הויכער, שטײַף־אָנגעשטרענגטער ברוסט, אן אײַנגעצויגענער אינעם בלויען קאָפטל, לויט די דינע, ווײַסע רופנדיקע הענט. וועמען זי האָט גערופן, האָט ליאָניע ניט געזען, יענער איז געוועזן פאָרויס אין דער קאָלאָנע. איינצײַטיק מיטן גליוער אין הארצן: „זי איז געבליבן דאָ!" האָט

אויך אַ קלעם געטאָן: „און מיך זעט זי ניט, ווער בין איך דען פאַר איר...“ פון אָט דעם געדאַנק האָט ליאָניע זיך דערפילט נאָך עלנטער.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער באַמערקט: אַן עלטערער מענטש מיט אַ גראָוולעכן, קורץ־געשוירענעם קאָפּ, דרייַ רייען פּאָרויס אין דער קאָלאָנע, פּאַקט מיט אַן אייַזנבאַנער־היטל און שרייַט: „טאַניע! טאַניעטשקע!“ עפּעס האָט אָפּגעווענדט דעם קאָנוואָי, און פון האַמוין האָבן גענומען פליִען אין דער קאָלאָנע אוגערקעס, עפּל, שטיקער ברויט. טאַניע האָט אויך געוואָרפן אַ קליין פּעקעלע אין אַ ראָזן נאָזטיכל. דאָס פּעקעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן אינדערלופטן, דורכגעטראָגן זיך איבער ליאָניעס קאָפּ און געפאַלן אינעם שאָכנס אָנגעשטעלטע דלאָניעס. איצט האָט דאָס מיידל ענערגיש געמאַכט מיט די הענט צו ליאָניעס שאָכן, און אַף אים, אַף ליאָניען, האָט זי אויך אָנגעוויזן, און באַלד באַוויזן מיט די פינגער פאָרויס. דאָס האָט באַטייַט: „אַהין, אַהין גיט איבער, זעט, אַז עס זאָל איבערגעגעבן ווערן!“

ליאָניע האָט גענומען באַם שאָכן דאָס פּעקעלע, איבערגעלייענט דעם אויפשריפט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ כימישן בלייַער: „יאָסיף סאַמוילאָוויטש מאַרקוסן“, נאָר אין דער זעלבער מינוט, ווען ער האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן, קעדיי באַווייַזן טאַניען מיט אַ זשעסט, אַז זי מעג זיך ניט באַאומרויִקן, האָבן עטלעכע קאָנוואָיִרן זיך אַרייַנגעריסן אין דער קאָלאָנע און אָנגעהויבן צונעמען דאָס, וואָס די געפאַנגענע האָבן באַוויזן צו כאַפּן. די איבעריקע האָבן גענומען פאַנאַנדעריאָגן דעם אוילעם.

ליאָניע האָט באַהאַלטן דאָס פּעקעלע אין בוזעם און אָפּגעגעבן עס יאָסיף מאַרקוסן שוין אין סקלאַד אַף דער קעראָסינע. און פון דעמלט אָן האָבן זיי זיך ניט געשיידט. מע האָט צוזאַמען אויפגעגעסן דאָס, וואָס איז געווען אין פּעקעלע, — אַ שטיקל האָלענדער קעז, עטלעכע ריפּטלעך וווּרשט, אַ פערטל לעבל ברויט. מאַרקוס האָט אַפילע מעכאַבעד געווען נאָך עמעצן פון זייַנע באַקאַנטע. כאָטש מע האָט ניט געוווּסט, ווען מע וועט דאָ געבן עסן און צי מע וועט ביכלאַל עפּעס געבן, האָט ער זיך גאָרנישט ניט איבערגעלאָזט, און דאָס איז געפעלן געוואָרן ליאָניען. נאָר דער איקער — ס'איז געווען טאַניעס טאַטע. און מאַרקוס אַליין האָט זיך אויך אָנגעכאַפּט אין ליאָניען: דער באָכער האָט געזען טאַניען און גערעדט מיט איר קורץ פאַר דעם, ווי די דייַטשן זייַנען אַרייַן אין שטאָט, און ער, דער טאַטע, איז שוין מיט איר צעשיידט עטלעכע כאָדאָשים. עמעס, מאַרקוס האָט גיך אָפּגעשאַצט, ווי ווייניק ליאָניע קען די טאָכטער זייַנע. ליאָניע איז אים אָבער ביכלאַל געווען צום האַרצן, און כאָטש דער טרעגער איז, באַ זייַן גאַנצער צוגעלאָזטקייַט צו מענטשן, ניט געווען קיין שטאַרק באַריידעוודיקער, האָט ער פאַרן באָכער זיך פון מאָל צו מאָל אויסגערעדט דאָס האַרץ, עמעס, בלויז מיט געציילטע פראַזן, וואָס זייַנען געווען ווי שטיקלעך פון געדאַנקען, די, וואָס האָבן אים געמאַטערט אָן אויפהער.

אָפּטער פון אַלץ האָט מאַרקוס פּאַשעט אָפּגעזיפצט:

— אוי, האָט זי מיר אָפּגעטאָן, די טאָכטער מייַנע! האַ, פאַרשטייסט כאָטש, וואָס זי האָט אָפּגעטאָן?

איינמאָל, ווען דער יִיעש האָט אים שוין צו שטאַרק באַהערשט, האָט ער דערציילט, אַז טאַניע איז געווען אין בעסאַראַביע, מע האָט זי געשיקט אַהין אַלס אַ קאָמיוגישן אָרגאַניזאַטאָר, סאָף ווינטער. ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, איז טאַניע ווי אין וואַסער אַרייַן. דערווייַל האָט די מישפּאָכע זיך געמוזט עוואַקויִרן, און ערשט ווען מע האָט זיך דערקליבן ביז כאַרקאָוו, האָט עמעצער געבראַכט אַ גרוס, אַז טאַניע איז אין קיִעוו.

— דאָס ווייַב מיט די שניר, מיט די אייניקלעך האָב איך אָפּגעשיקט ווייַטער, — האָט מאַרקוס דערציילט, — און אַליין האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק קיין קיִעוו, דערקליבן זיך, אַף וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, און אָט — פאַרשפּעטיקט...

— זי האָט דאָך געקאָנט אַליין אוועקפאָרן? — האָט ליאָניע ניט פאַרשטאַנען.

— געקאָנט, זי האָט אָבער געדאַרפט וועלן, און ניט נאָר וועלן — מעגן...

— מעגן? — מער האָט ליאָניע ניט געפרעגט, און מאַרקוס האָט מער גאָרנישט ניט געזאָגט.

אין אַן אַנדער מינוט, ווען די פאַרצווייפלונג האָט אים אַ בראָך געטאָן, אָט דעם שטאַרקן מענטשן:

— דרייַ זין פאַרמאָג איך, און אַלע — אַפן פראָנט. איז, דאַכט זיך, גענוג? ניין, דאַרף זי זיך אויך רוקן... אוי, האָט זי מיר אָפּגעטאָן! און מייַן אידע, יענע ווייסט דאָך דאָרט נעבעך ביכלאַל פון גאָרנישט!..

און ווידער אין אַ טאָג אַרום:

— אַז זי איז גאָר אַזאַ אידעלע, טאַניושע... שפּילט פּיאַנע — באַ אונדז איז מוזיק אַ מישפּאָכע־זאַך. זעסט די גראָבע ליפּן מייַנע — פון קלאַרנעט. ביכלעך איז באַ איר דאָס כיִעס, אַ גוט ביכל וועסטו באַ איר מיט גוואַלד ניט צונעמען ביז קאַיאָר. און וואָס עמעס איז — פּעסט־

קיַיט פאַרמאָגט זי דאָפּקע. עס פֿלעגט טרעפֿן — א שלעכט יִינגל, א כוליגאַן אַף דער גאַס, האָט זי זיך שוין מיט אים אַליין ספּראַוועט, דורכגערעדט זיך, און מעגסט זײַן זיכער — דערזעט ער טאַניען, ווערט ער א זײַדענער... נאָר אַן אײדעלינקע — קומט הארבסט, ווינטער, לײַדט זי פֿון פּאַרקילעכצן... איז אָט זי...

און אײנמאָל — גאָר אַזאַ פֿראַגע:

— האָסט ניט באַמערקט — דעמלט, ווען זי האָט דאָס פּעקעלע געוואָרפֿן, איז א שוואַרצער אַזאַ, א פֿעסטער, פֿון א יאָר דרײַסיק, ניט געווען מיט איר צוזאַמען?

עס האָט זיך דערמאָנט זשאָרזש דודאַקאָוס זאָג וועגן אײנעם, וואָס איז אַוודע אַנדערהאַלבן מאָל עלטער פֿון טאַניען.

— א געשטופּלטער? — האָט באַ ליאַניען זיך אַרויסגעכאַפּט.

— אַזוי זיך, עטלעכע שטופּלען — פֿון פּולווער, וואָס ער האָט קינדווײַז געצונדן... האָסטו אים, הייסט עס, געזען?

— ניין, דאָס מאָל האָב איך אים ניט געזען, נאָר ביכלאָל...

מאַרקוס האָט דעם געשפּרעך ניט פֿאַרגעזעצט.

איז אָט, וואָס עס קאָן, לאָזט זיך אויס, פּאַרט נאָך אָנגיין א מענטשן, אויב אַפֿילע ער האָט שוין צוויי טעג ניט געהאַט קיין טראָפּן וואַסער אין מויל און נאָך מער טעג — קיין ברעקל שפּײַז: ליאַניען — פֿאַרוואָס איז טאַניע ניט אויפֿגעוועקט און ווער איז דער געשטופּלטער? יאָסיף מאַרקוסן — די טאָכטער זאָל ניט קומען אַהער, אַף דער קאַראַסינע, אַרויסקוקן אַף אים, כאָטש עס ווילט זיך אים זייער נאָך איין קוק טאָן אַף איר און וויסן, אַז זי לעבט; סאַרקיסיאַנען (זיי זײַנען געלעגן אינדרײַען — ליאַניע, מאַרקוס און סאַרקיסיאַן — אַף דער העכסטער פּאָליצע, באַם ניט פֿאַרמויערטן רעשט פֿון פֿענצטער, געקוקט דורך די גראַטעס און דורך א קרײַזעלע אין דער פֿאַרשטויבטער טאַפּליע, אַפּן הויף און אַף דער גאַס) — צי איז דער עלטערער אָפֿיצער אין אַן אָפּגעריבענער גאַבאַרדינעווער אוניפֿאָרם, וועלכער איז נאָרוואָס, מיט א לאָפּעטע אין האַנט, אונטער א קאָנוואָי נאָכגעגאַנגען אין הויף צוויי אַנדערע אָפֿיצערן, וואָס האָבן געטראָגן א מעס, א פֿאַרוויקלטן אין א קאָלדרע, צי איז יענער מיט דער לאָפּעטע ווירקלעך דער קאָמאַנדיר פֿון זײַן, סאַרקיסיאַנס, אַרטילעריסטער דיוויזיע? מע האָט פֿון א זײַט בלויז באַוויזן באַמערקן א געדיכטע ברעם, דעם אויסבייג פֿון דער באַק, דעם שפּיץ נאָז, אַן אַראָפּהענגענדיקע שוואַרץ־גראָווע וואָנצע. סאַרקיסיאַן איז זיכער געווען, אַז דער פּאָלקאָווניק איז אומגעקומען — אַנומלטן, בײַס א קאָלאָנע דײַטשישע טאַנקען האָט צוגעדריקט די אָפּטרעטנדיקע טיילן צו אַן אָזערע באַם דניעפּער, האָט דער קאָמדיוו אַליין זיך געשטעלט צו א הארמאַט אַנשטאָט דעם אָנצילער און געשאָסן, ביז א סנאַריאַד האָט געטראָפֿן אין יענעם הארמאַט. ערשט ער לעבט, דער פּאָלקאָווניק, און הינקט בלויז א ביסל.

זיי זײַנען געלעגן און געגנודיעט זיך, און ס'איז אַפֿילע קיין נודיעניש ניט געווען — טויט־אַנגסטן, וועלכע מע טרײַבט פֿון זיך, מע וויל ניט גלייבן, אַז דאָס הייבן זיי זיך אָן; געלעגן אַף דער פּאָליצע און, טראַכטנדיק יעדערער זײַנס, אַנטוענדיק זיך קויעך, גערעדט וועגן דעם, וואָס מע האָט שוין ניט איין מאָל אַרומגערעדט און געוווּסט, אַז ס'איז אַן אומזין, ס'איז דער טויט, נאָר געוווּסט אויך, אַז מע וועט עס טאָן, טאַקע הײַנט באַנאַכט, אויב קיין אַנדער פּלאַן וועט ניט אויפֿקומען: מע וועט אויפֿברעכן דעם שיפֿער פֿון דאַך און אַראָפּשפּרינגען גלײַך אַף די עסעסאָווצעס און אַף די הינט, וואָס באַוואַכן דעם סקלאַד.

פּלוצעם האָט סאַרקיסיאַן אויסגערופֿן:

— זעט, ס'איז דאָך טאַקע דער פּאָלקאָווניק רודקאָ, אַן־אָ גייט ער צוריק!

און ליאַניע:

— וואַרט, דאָס האָב איך צוזאַמען מיט אים אין דאַרניצע געטראָגן יענעם דײַטש און...

ליאַניע האָט ניט באַוויזן ענדיקן. א גרופּע דײַטשן, זעט אויס, הויכע נאַטשאַלסטווע, האָט זיך באַוויזן אין הויף.

3

דאָס איז ווירקלעך געווען גאָר הויכע נאַטשאַלסטווע — הימלער, קאָך און די גאַנצע סוויטע זייערע.

נאָך דעם, ווי מע האָט זיך צו זאַט אָנגעקוקט אַף דער סרייפֿע, איז מען אויפֿגעפֿאָרן צוריק אין האָטעל אַף דער וולאַדימירער גאַס עסן וואַרמעס (דעם אויפֿשריפֿט „רויטער קיִעוו“ אַף דער ברייטער שילד באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל האָט פֿאַרשטעלט א לײַוונט, אַף וועלכן ס'איז מיט גרויסע גאָטישע אויסיעס געווען אָנגעשריבן „קיִעוו“, און מיט קלענערע — „נור פֿיר דויטשע“).

דערנאָך איז הימלער, אין דער באַגלייטונג פון צוויי אַדיוטאַנטן זײַנע — דעם יונגן און אַן עלֿטערן, אַן עסעס־גענעראַלֿ, אַוועק אין טונקלֿ־גרויען מויער אַנטקעגן דעם האָטעלֿ — דאָרט האָט זיך געפונען די געסטאַפּאָ, און קאָך האָט בעראָש פון דער סוויטע צופוס אַוועקגעלאָזט זיך צום דערבײַיִקן סאָפּיער קלויסטער, וועמעס ווײַסע אַלטערטימלעכע טורעמס, באַקרוינטע מיט גאָלדענע קופּאָלן, זײַנען ווי געשווומען אין שטראַליקן, נאָר האַרבסטיק־קאַלטן הימלֿ, איבערן זשאַווערדיק־געלן געקנויל פון קאַשטאַנען און לינדנביימער. מע איז אַרײַן אין הויף פון דעם קלויסטער, נאָר אינעם האַלב־טונקעלן געבײַ, מיט די אָפענע אין אײַזן געשמידטע טירן, אַ קוק געטאָן בלויז פון דער שוועלֿ און אַוועק ווײַטער, דורך די סקווערן, צום וואָלאדימירער בערגלֿ, וואָס האָט זיך געהויבן איבער דער שטאָט און איבער די אומענדלעכע דניעפּערשע פּליינען. אַהער, אָפן סאַמע שפּיץ פונעם בערגלֿ, גלײַך אָפן מיט ציגלֿ אויסגעפּלאַסטערטן ברייטן שטעג, אונטער די ביימער, איז אינגיכן, באַגלייט פון מאָטאָציקליסטן, געקומען צו פאָרן הימלער. אַרויס פון זײַן שוואַרצן „מערסעדעס־אַדמיראַל“, האָט ער, בײַסנדיק דעם נאָגל פונעם גראָבן פינגער, געוואָרפן עטלעכע בליקן אָפן אַרום, אײַנגעהאָרבעט זיך אַ ביסעלע, ווײַל דער ווינט האָט דאָ געבלאָזן שטאַרקער, און שווײַגנדיק, מיט אַ ניט דורכדרינגלעכן געזיכט, ווידער געזעצט זיך אין דער מאַשין. פון יענער זײַט נידעריקן פּלויטל, אָפן פּלאַץ פאַרן פוניקוליאָר, האָבן געוואַרט די אווטאָמאַשינעס פון אַלע איבעריקע. איז מען אַוועקגעפאָרן אין סאַמע מאַלערישן, מיזרעכדיקן טייל פון שטאָט, אַף פּעטשערסק, און באַקוקט אויך דאָרט דאָס מערקווירדיקע, וואָס ווערט געוויינלעך באַקוקט. אומעטום האָט מען זיך פאַרהאַלטן ניט מער ווי פינף, צען מינוט.

פון פּעטשערסק האָט די ריי מאַשינעס, ווײַט אַרומפאָרנדיק דעם ברענענדיקן קרעשטשאַטיק, אַוועקגעצויגן זיך אַף מײַרעוו, און דאָ איז דער ערשטער אָפּשטעלֿ געווען אַף דער קראַסינע, אינעם גרעסטן קיִעווער קאָנצלאַגער.

אַדאָלף אייכמאַן, דער שעף פון אַ געהיימען סעקטאָר פון דער אימפּערישער געסטאַפּאָ, וואָס איז באַצייכנט געווען ווי מיט אַ מין קריפּטאָגראַמע — אַ רוימישע פיר, אַ געוויינלעכע פיר און דער צווייטער אָס פון אַלפאַוויט, האָט די גאַנצע צײַט פון דער יאָזדע שיר ניט קראַפּירט פון אומגעדולד. ער איז געפלויגן אַהער, קיין קיִעוו, און געוווּסט, אַז דאָס איז ניט סטאַם אַן אַמטלעכע נעסיִע, געגרייט זיך אָפּגעבן אַ באַריכט הימלערן, און געוווּסט, אַז ניט דאָס איז דער איקער, ער האָט שוין ניט איין מאָל אָפּגעגעבן באַריכטן דעם רײַכספיורער, ס'איז געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך, ער איז געפלויגן קיין קיִעוו און געוווּסט, אַז ער פירט אינעם שמאָלן, ברוינעם פּאַפּקעלע די רעזולטאַטן פון זײַן טעטיקייט ניט בלויז פאַר די לעצטע זיבן כאָדאָשים, זינט ער שטייט אין דער שפּיץ פונעם געהיימען סעקטאָר, נאָר פאַר יאָרן, די וויכטיקסטע יאָרן פון זײַן באַוווּסטזיניקן לעבן, ווען עס האָט באַקומען אַ ציל, אַ זין דאָס לעבן זײַנס. און נאָך — אין קיִעוו האָט ער געדאַרפט דעמאָנסטרירן דעם רײַכספיורער אַ שפּאָגל־נײַעם וואַריִאַנט, וואָס שיידט זיך אונטער פון יענעם, וועגן וועלכן ער וועט אָפּגעבן דעם באַריכט, נאָר אין פּלוג איז עס דאָס זעלבע און זאָגט בלויז איידעס וועגן קראַפט, אַנטשיידנקײַט און אומגעדולד, וואָס באַצייכנט דעם דײַטשישן גײַסט דאָ, אין אָסט, ווו ער קומט, ענדלעך, צום פולן אויסדרוק.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, אייכמאַן, פון דער באַזונדערער אווטאָמאַשין, וואָס מע האָט אים פאָרגעלייגט אין געסטאַפּאָ, און געפאָרן מיטן שעף פון אָפּעראַטיוון אָפּטייל פון היגן עסעס — דעם דאָקטאָר ראַאש. דער מיין איז געווען: ביז וואָס־ווען אויסקלאָרן די לאַגע אין שטאָט און ווי עס האַלט דאָ מיט דער ייִדן־אַקציע — ראַאש איז איינער פון די, וואָס דאַרפן זי צוגרייטן. און טאַקע דאָס אויך — מע איז אַלטע באַקאַנטע מיט ראַאשן, צוזאַמען געווען אונטערשאַרפיורערס[1] אין דאַכאַו. נאָר ס'איז יענער שלײַען, דער דאָזיקער ראַאש, ער לאָזט זיך ניט אָנכאַפּן פאַר די זשאַברעס. וועגן דעם, וואָס ס'איז דיר ניט קיין מוז צו וויסן, דערציילט ער גענוי, און וועגן דעם, ווו זײַנע און דײַנע אַמטלעכע אינטערעסן שטויסן זיך צונויף, קאָן מען אים גאָר ניט צווינגען רעדן ערנסט. פון איין זײַט, איז עס אָנגענעם — ער קוקט אַף דיר ווי אַף אַ העכערן פון זיך און ווילֿ די עמעסע לאַגע ניט אַנטפּלעקן, נאָר פון דער צווייטער זײַט, איז דאָס אויסדרייען זיך זײַנס פון געבן אַ פּינקטלעכן ענטפער, דאָס כאָכמענען זיך זײַנס, אַפילע אַ גוטמוטיקס, אַן אויסדרוק פון געוויסער גרינגשעצונג. „וויפל ייִדן זײַנען דאָ אין שטאָט?“ — „וויפל? פאַר מיר איז צופיל, וויפל עס זאָל ניט זײַן“. — „אָבער, ראַאש! כאָטש אַן ערעך האָט איר דאָס געפּרוווט קלאָר מאַכן?“ — „מירן זיי איבערציילן פאַרטיקערהייט, כעזשבנפירערס וועלן שטיין בא די וועגן, וואָס פירן סײַ אין געהענעם, סײַ אין גאַניידן“. — „דאָס איז ניט קיין פּאָשעטע אַקציע, אַ סאַך דעטאַלן דאַרפן דורכגעטראַכט ווערן“. — „זאָלן, כאַ, כאַ, טראַכטן די, אַף וועמען די אווטאָמאַטן וועלן

[1] אַן אונטעראָפיצער פון עסעס.

זײַן אָנגעצילט״. פֿאַרשטייט זיך, אַז וואָס מע דאַרף, וועט ער אָפּטאָן, ראַאָש, אַזאַ מאַניר איז בײַ אים נאָך אין דאַכאַו געווען — וויצלען זיך. און דאָך איז ער, ניט געקוקט אויפֿן נישקאָשעדיקן פּאָסטן און אויפֿן טיטל (ווען האָט ער עס באַוויזן אײַנהאַנדלען דעם „דאָקטאָר״, און זינט ווען איז בײַ אים אויסגעוואַקסן אַזאַ קײַלעכיק בײַכל?), געבליבן אַ געוויינלעכער קאַצעוו, וועלכער זעט ניט די באַדײַטונג פֿון דעם, וואָס ער אַליין טוט, און אַוודאי ניט פֿון דעם, וואָס יענער טוט.

נאָך מער, ווי מיט די כאַכמעס, האָט ראַאָש דערעסן אייכמאַנען מיט זײַנע דערינערונגען — אין גרונט דאַכאַו־דערינערונגען. דעריבער, בײַס מע איז אַרויס פֿון די מאַשינעס, קעדיי באַקוקן די ראָטאָנדע פֿונעם אַסקאָלד־קייווער אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם ווינקל אויפֿן הויכן ברעג פֿון דניעפּער און דער גענעראַל עבערגאַרדט האָט מיט דער איינציקער האַנט אָנגענומען אייכמאַנען אונטערן אָרעם, אָפּגעפֿירט אים אין אַ זײַט און אָנגעזאָגט, אַז עס איז שוין אויסגעקליבן דאָס אָרט פֿאַר דער ייִדן־אַקציע — דער באַבי יאַר, איז דעם שטורעמבאַנפֿיורערס פֿרייד געווען אַ דאָפּלטע: ערשטנס, טאַקע ווײַל דער איניען האָט זיך אַ רוק געטאָן, און צווייטנס, ווײַל ס׳איז געווען אַ געלעגנהײַט זיך שיידן מיט ראַאָשן. ווען מע האָט זיך געלאָזט פֿאָרן ווײַטער, האָט אייכמאַן זיך געזעצט אינעם קאָמענדאַנטס לימוזין.

דער גענעראַל איז אַ שווײַגער. צו דעם, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן יענעם באַבי יאַר, אַז ס׳איז אַ פּאַסיק אָרט, האָט ער גאָרנישט ניט צוגעגעבן. דאָך איז עס פֿאַרן באַריכט, וואָס דאַרף אָפּגעגעבן ווערן הימלערן, אַ גוטע דעטאַל. אייכמאַן האָט, לײַכט אונטערשפּרינגענדיק אויף די ווייכע פּרוזשינעס, אַ צופֿרידענער געפּויקט מיט די לאַנגע פֿינגער אינעם לעדערנעם פּאַפּקעלע. און גראָד די דערינערונגען ראַאָשס, וואָס זײַנען אים אַזוי דערעסן, האָבן איצט אויפֿגעוועקט אויך זײַנע דערינערונגען און אַ ביסעלע פֿאַרטויבט דעם אומגעדולד.

נאָך אין דרײַ־און־דרײַסיקסטן יאָר, ווען ער איז, אַ געוויינלעכער עסטרײַכישער פֿליכטלינג, האַלב אומלעגאַל געקומען קיין דײַטשלאַנד, קעדיי דורכגיין די מיליטערישע לער אין אַן עסעס־לאַגער, נאָך דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן גלייבן, אַז עס וועט זײַן אַמאָל דער דאָזיקער פּאָסטן, וועלכן ער פֿאַרנעמט איצט. און ניט אין פֿאַנאַטישן עקסטאַז האָט זיך דאָס אים אַנטפּלעקט, ער האָט עס דערשמעקט מיטן געשעפֿטלעכן כוש פֿון אַ געוועזענעם קאָמיוואָיאַזשאָר. שוין דעמאָלט איז אים אײַנגעפֿאַלן דער געדאַנק, אַז זײַן באַהאַוונט אין אַלץ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו ייִדן, קאָן מיט דער צײַט האָבן אַ ווערט. ס׳איז אַ געפֿינס, אויף וואָס בײַ אַנדערע קלעקט ניט קיין סייכל, ניט קיין ווײַטזיכטיקײַט. אָט פֿאַרוואָס ער האָט גלײַך נאָכן צוריקקומען קיין ווין גענומען זיך לערנען בײַ אַ האַלב־דולן, אָפּגעלאָזענעם ישיבֿה־בחור, אַן אָנגעפֿאָרענעם פֿון פּוילן, העברעיִש און אַ ביסל אויך ייִדיש. ער האָט זיך געגריבלט אין דעם, וואָס ער האָט מיט אַלץ מער אויסגערעכנטקײַט און אַלץ טיפֿער געהאַסט, ווי אַ סאַפּיאָר גריבלט זיך אין אַ פֿרעמדער מינע, דערוווּסט זיך וועגן אַלע ייִדישע מינהאָגים און מידעס, געוואָלט דערגרונטעווען זיך צו דעם, וואָס איז די כאָכמע, דער גײַסט פֿונעם פֿאָלק, פֿאַרשטיין דאָס שטאַרקע אין דעם און דאָס שוואַכע. יענער ישיבֿה־באָכער האָט געהאַט סמיכעס אויף ראָוו, קיינער אָבער האָט אים דאָס דאָזיקע אָרט ניט געגעבן, און די בענקשאַפֿט נאָך אַן איידע אויף צו דערציִען האָט אין זײַן קראַנקן מויעך צעגליט די האָפֿענונג, אַז דאָס דערציט ער פֿון אים, פֿון דעם דײַטש, אויב ניט קיין גער, איז כאָטש אַ ייִדן־פֿרײַנט, און ער פֿלעגט, אַ הונגעריקער, מיט אַסקעטישער מעסירעסנעפֿעשדיקײַט אָפּזאָגן זיך גאַנץ אָפּט פֿון די פּאָר מאַרק, דעם סכאַר־לימעד, קעדיי עס זאָל נאָך הייליקער זײַן דער אופֿטו זײַנער. יאָ, דער ישיבֿה־באָכער האָט זײַן זאַך געטאָן ערלעך, און ווען ער זאָל ניט געווען פֿאַרברענט ווערן פֿון אַ לונגען־אָנצינדונג אין עפּעס אַן אָרעמיקלעט, וואָלט ער, אייכמאַן, אים, דעם איינציקן, עפּשער וועלן טאָן עפּעס גוטס. וואָס? נו, איבערלאָזן אים אַלס דעם לעצטן ייִדן אויף דער ערד, עמעס נאָך אַ געוויסער באַוואָרענונגס־אָפּעראַציע, אַז עס זאָל פֿון אים קיין געמישטער דאָר ניט קומען.

אייכמאַן האָט אַ שמייכל געטאָן, און אַרויסגערופֿן האָט דעם שמייכל אַ זעונג, — נעכטן, אין דער־אָ שאָ, האָט ער געקוקט אין אַ קליין פֿענצטערל, דאָרט, פֿונוואַנען ער איז הײַנט געקומען צו פֿליִען: עטלעכע עלעקטרישע לעמפּעלעך באַלײַכטן קוים אַ גרויסן צימער מיט גרויע, בעטאָנירטע ווענט און פֿונקט אַזאַ גרויסער, נידעריקער סטעליע. דער צימער איז פֿול מיט נאַקעטע מענטשן, ס׳איז אַזאַ געדיכטעניש, אַז מע זעט בלויז קעפּ, הוילע אַקסלען, ווו־ניט־ווו אויפֿגעהויבענע הענט. און אָט ווערט פֿאַרצויגן דאָס פֿענצטערל פּונקט ווי מיט אַ לײַכטן רויך, און דאָרט, אינווייניק, אינעם ריזיקן בעטאָנירטן קאַסטן, וואַרפֿט מען זיך איינער אויפֿן צווייטן, מע דראַפּעט זיך אויף די ווענט, מע קאָרטשעט זיך אויפֿן דיל. די געשרייען — מע זעט בלויז אויפֿגעריסענע מײַלער — גיסן זיך צונויף אין איין דורכויסיקן, צאַנקענדיקן גוואַלד. דאָס לענגערע ווײַזערל אויפֿן האַנט־זייגער רוקט זיך — צען, פֿופֿצן מינוט, און אַלץ איז פֿאַרטיק. דער האַלב־דולער ישיבֿה־באָכער האָט געטרוימט וועגן אַן איידע. ער, אייכמאַן, מעקט זי אָפּ פֿון דער ערד פֿאַר איין פֿערטל שאָ.

ער האָט געקוקט אַף דער גאַס, איבער וועלכער מע איז געפֿאָרן, געזען אין די פֿענצטער דערשראָקענע פּנעמער און געטראַכט וועגן דעם צווייטן וואַריִאַנט, דעם, וואָס פֿאָדערט ניט קיין גאַז און ניט קיין קאַמערעס, נאָר פּאַטראָנען: וואָס איז וועלוועלער, און אויב ניט וועלוועלער, איז מיט וואָס פֿאָרט איז ער פּאַסיקער? נאָר דאָס אַלץ איז, אייגנטלעך, שוין געווען אַרומגעטראַכט, אַרײַנגעפּרעסט אין זײַלעכלעך ציפֿערן אַף די עטלעכע זײַטלעך, וואָס זײַנען צונויפֿגעשפּיליעטע געלעגן אין פּאַפּקע. דערפֿאַר האָט ער זיך דערלויבט אַ ביסעלע טראַכטן וועגן דעם, וואָס איז זײַן געווייינלעכע אַנטפּלעקונג און וואָס דערציילן וועגן דעם קאָן מען עפּשער בלויז דעם ווײַב, ווען מע וויל, אַז זי זאָל בעסער שעצן די שעפּע, וואָס פֿילט אָן די שטוב, און טאַקע דעם, ווער עס ברענגט אַרײַן די שעפּע.

אין דאַכאַו, דעמלט, דינענדיק מיט ראַאַשן צוזאַמען, האָט ער אָפּט געהערט דעם קאָמענדאַנט אייקעס ווערטל: „דולדן — הייסט זײַן שוואַך", און פֿאַרשטאַנען: די ייִדן זײַנען איינס פֿון דעם, וואָס דאָס אויפֿקומענדיקע דײַטשלאַנד וועט ניט דולדן. טראָט נאָך טראָט האָט ער געהויבן זיך צו זײַן איצטיקן פּאָסטן, אַלץ העלער, אַלץ נעענטער האָט געשײַנט זײַן שטערן. פֿריִער, ווען ער האָט געהאַט באַשלאָסן דערלערנען העברעיִש און געווענדט זיך מיט אַ ראַפּאָרט אין געסטאַפּאָ, מע זאָל אים אויסטיילן אַ קליינע סומע אַף דעם, האָט הימלער אַליין אים אָפּגעזאָגט. אײַנגיכן אָבער האָט טאַקע ער, הימלער, שוין ברייט סובסידירט זײַן יאָזדע קיין פּאַלעסטינע. מע האָט אים אָפּגעשאַצט, און עס איז אַפֿילע קיינעם ניט אָנגעגאַנגען, וואָס ער קען העברעיִש ניט מער, ווי אַפֿן שפּיץ פֿינגער, ווי אַ מיליון וואָלט עס פֿאַרשטאַנען הײַנט, בייס ער האָט גערעדט מיט שלוימע ווײַנערן. זײַן צײַט איז געקומען, און גאָר. דעם ערשטן זעלבשטענדיקן פּאָסטן האָט ער פֿאַרנומען אין עסטרײַך, באַלד נאָכן אַנשלוס — אין ראָטשילדס פּאַלאַץ האָט ער געעפֿנט זײַן ביוראָ, וואָס האָט פֿאָרסירט די ייִדישע עמיגראַציע. אַ ייִד האָט געקאָנט באַקומען אַ פּאַס בלויז אַף אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד אָן אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן. איצט, אין זײַן בערלינער סעקטאָר, ווערט פֿאַר יעדן ייִדן געפּלאַנט אַ דורכלאָז־שײַן אַף יענער־וועלט — שוין בעפּיירעש אָן אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן... דעם איין־און־צוואַנציקסטן יול איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו פֿאַרניכטן אַלע ייִדן אַף דער טעריטאָריע פֿון דײַטשישן רײַך, און אין דער שמאָלינקער פּאַפּקע איז געלעגן דער ערשטער באַריכט וועגן דעם, ווי דאָס ווערט פֿאַרווירקלעכט אַף דער נײַסטער טויט־פֿאַבריק — אין אָשווענטשים.

אייכמאַן האָט געמיינט, אַז הימלער וועט אויסהערן זײַן באַריכט נאָך מיטיק. נאָר אויב דאָס איז ניט געשען, אויב מע איז אומגעפֿאָרן איבער דער שטאָט, האָט ער שוין ניט געוווּסט, ווען ער וועט אָפּגעבן דעם באַריכט — ניט פֿריִער, מיסטאַמע, ווי סאָף טאָג, און עפּשער אַפֿילע מאָרגן. עטלעכע מאָל, בייס מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער רײַכספֿיורער פֿאַרהאַלטן אַף אים דעם בליק. אייכמאַן האָט שוין דערלערנט דעם שעף און געוווּסט, אַז דאָס באַטײַט אַ געוויסע צוגע־לאָזטקײַט, עס האָט אויך געקאָנט באַטײַטן, אַז ער קלײַבט זיך אים געבן אַ נײַע אויפֿגאַבע. דאָס אַלץ האָט עלעקטריזירט, און דאָס האַרץ באַ אייכמאַנען האָט געפּלאַטערט. און פּלוצעם דאָ, אין קאָנצלאַגער, נאָכן ראַפּאָרט פֿונעם לאַנגן, פֿאַרשוויצטן, מאַמעש דול געוואָרענעם קאָמענדאַנט, האָט הימלער, אויפֿהייבנדיק זיך צוליב עפּעס אַפֿן גאַנעקל פֿון דער קאַנצעליאַריע — אַ מויערל פֿון רויטע ציגל, אַ רוף געטאָן מיטן פֿינגער אייכמאַנען, וועלכער איז געשטאַנען נאָענט צו די טרעפּלעך:

— קומט, שטורעמבאַנפֿיורער!

צו קאָכן האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ס'הייסט — זאָל ער דאָ אַליין אַלץ באַקוקן.

פֿון דער קאַנצעליאַריע האָט ער גלײַך ווי מיט אַ ווינט אַרויסגעיאָגט די עטלעכע קליינע לאַגער־באַאַמטע און עסעסאָווצעס. הימלערס יונגער אַדיוטאַנט האָט זיך גענומען צונויפֿלייגן די פּאַפּירן אַף איין זײַט טיש, אַראָפּגעשאַרט מיטן נאָזטיכל די ברעקלעך און טוטין־פּעדעמלעך פֿונעם שטיק צעלולאָיִד, וואָס איז געלעגן אַפֿן טיש, אונטערגעהויבן און אָפּגעטרייסלט דאָס בענקל. נאָר הימלער האָט זיך ניט געזעצט. אָנגעוויזן מיט די אויגן אַפֿן טעלעפֿאָן, האָט ער באַ־פֿוילן דעם אַדיוטאַנט: „אַרטורן!" — און, הריזענדיק דעם נאָגל פֿונעם גראָבן פֿינגער, גענומען אומשפּאַנען לענגויס דעם הילצערנעם באַריערל, וואָס האָט צעטיילט דעם צימער אַף העלפֿט און פֿאַרשטעלט דעם טיש.

אייכמאַן איז געבליבן שטיין באַ דער טיר. דערהערט, ווען הימלער הייסט אַרויסרופֿן דורכן טעלעפֿאָן, האָט ער זיך דערמאָנט: „אַרטור — דאָס איז דער שעף פֿון אויספֿאָרשונג־אָפּטייל אין דער היגער געסטאַפּאָ. ראַאַש האָט דערציילט, אַז ער איז אויך אָן אונדזעריקער, פֿון דאַכאַו. וואָס האָט ער עס נאָך אַזוינס דערציילט? נו, יאָ, דאָס האָט ער געוואָלט דערווײַזן, אַז מיר איז

לײַכטער. ארטור באַברעט זיך מיט די ערשטע קאָמוניסטן, וואָס מע האָט דאָ געפּאַקט, און ס'איז ווי צאַפּן מילך פון א שטיין...״

דער אדיוטאַנט האָט זיך דערקלונגען, אוועקגעשטעלט דעם טעלעפאָן אפן באַריערל. הימלער האָט גענומען דאָס טרײַבל און א בורטשע געטאָן:

— נו?

ס'האָט זיך דערהערט א גרילץ — דער, וואָס איז געווען אפן צווייטן עק דראָט, האָט, ווײַזט אויס, גערעדט אײַליק, געערגערט זיך. הימלער האָט בלויז גענומען ריידן עטוואָס העכער, דערבײַ ארויסגעבראַכט יעדעס וואָרט קלאָר און מיט אזא אינטאָנאַציע, אז ס'האָט געשוידערט אפילע די, צו וועמען דאָס האָט קיין שײַכעס ניט געהאַט.

— הערט אויס, ארטור. איך וועל אײַך די פּיס ארויסרײַסן פון דעם אָרט, מיט וועלכן איר טראַכט אוועדע. וואָס הייסט — געשטאָרבן? ער האָט געדאַרפט שטאַרבן דעמלט, ווען מיר ווילן! א הארץ־אטאַקע... דער באָבע זײַנער וועט איר דאָס דערציילן. א צווייט מאָל זאָל א טעראַפּעווט באַטראַכטן אזא איינעם, איידער איר נעמט זיך צו אים. יאָ, א טעראַפּעווט, צווײ טעראַפּעווטן, א קאָנסיליום!

אין טרײַבל האָט געגרילצט. הימלער האָט דאָס אָפּגעטוליעט ווײַטער פונעם אויער, נאָר באַלד ווידער צוגעדריקט און מיט זײַן דידאַקטישן טאָן געזאָגט:

— צוויי שטאַטישע קאָמיטעטן פון די באָלשעוויקעס זײַנען דאָ טעטיק: איין גרונט־קאָמיטעט און דער צווייטער — א רעזערוונער. זיי ווייסן ניט איינער פונעם אנדערן. און איר ווייסט. פון נײַן ראַיקאָמען האָבן אופגעלעבט זיבן, דאָס ווייסט איר אויך. און דאָך קאָנט איר גאָרנישט ניט אופטאָן. וואָס די באָלשעוויקעס דארפן, רײַסן זיי אוף. עס האָבן זיך שוין באוויזן פלוגבלעט־לעך. און אז אזא פויגל האָט זיך צו אײַך ארײַנגעפּאַקט, האָט איר אים דערקוועטשט! איצט טראַכט צו, וואָס איר ווילט, קריכט פון דער הויט, ביז איך האָב זי פון אײַך ניט געהייסן אראָפּשינדן!

ער האָט א וואָרף געטאָן דאָס טרײַבל.

בא אייכמאַנען האָט געציטערט יעדער איוווער. זײַן באַריכט וועט, געוויינלעך, באַפרידיקן דעם רײַכספיורער, נאָר אז ער איז אין אזא קאס ארײַנגעפאַלן!.. איבערקלײַבנדיק פיבערדיק אין גדאַנק אלע וויכטיקסטע פונקטן פונעם באַריכט, האָט ער איינצײַטיק באמיט זיך פאָרשטעלן ארטורס פּאָנעם און בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, ווי ער זעט אויס. פאַר די אויגן איז גאָר ארויסגעשוווּמען אן אנדער פּאָנעם — דעם גענעראַל־פעלקאָווניק פריטשס. פריִער א ביסל, אין עבערגאַרדטס לימוזין, ווען עס האָט זיך דערמאָנט אייקעס ווערטל, איז געקומען אפן גדאַנק אויך פריטשס אָן ארויסזאָגונג. דרײַ שלאַכטן דאַרף געווינען דײַטשלאַנד, קעדיי זײַן שטאַרק: קעגן די ארבעטער, קעגן די קאַטוילן און קעגן די יידן. נאָך מיט פיר יאָר צוריק האָט פריטש, דער דעמאָלטיקער אויבערקאָמאַנדיר פונעם יאַבאַשע־מיליטער, דאָס געזאָגט, און ער, אייכמאַן, האָט אים אפּלאָדירט. נאָר ווען פריטשס קאַריערע האָט זיך געמוזט ענדיקן, ווײַל ער האָט געקאָנט פּרעטענדירן אפן וואַקאַנטן פּאָסטן פונעם הויפּט־קאָמאַנדיר איבערן גאַנצן ווער־מאַכט, א פּאָסטן, וועלכן היטלער האָט אליין געוואָלט פאַרנעמען, האָט הימלער איינס און צוויי קאָמפּראָמעטירט פריטשן, צוגעשטעלט באַווײַזן, אז יענער איז א האָמאָסעקסואַליסט. כאָטש אין דער ווירקלעכקײַט איז דאָס געווען די זינד פון גאָר אן אנדערן, און אפילע ניט פריטש, נאָר פריש, פאָן פריש, א קאַוואַלעריע־קאַפּיטאַן. אָט וואָס עס שטעקט אינעם רײַכספיורער! נאָר כוץ דער שרעק, וואָס ער דינט אזא גרויזאַמען מענטשן, האָט אין אייכמאַנען איצט, ווי אלע מאָל, ווען ער זעט דעם שעף, דערוואַכט אויך א שטאָלץ, וואָס טאַקע אים דינט ער, און וואָס אין טאָך איז ער, דער געוויינלעכער שטורעמבאַנפיורער, וואָס אין רײַך איז דאָ ניט ווייניק אזעלכע, דער פעלד־מאַרשאַל, דער הויפּט־סטראַטעג פון איינעם פון די דרײַ פראָנטן — קעגן די יידן. כאָטש דער הויפּט־סטראַטעג איז גאָר עפּשער הימלער אליין. „בעסער אזוי, און דאָס דאַרף איך אונטער־שטרײַכן, ווו מע קאָן נאָר, — האָט אייכמאַן געטראַכט, — בעסער אלעמאָל זיך באַהאַלטן הינטער יענעמס פּלייצע...״

— ווײַזט, וואָס האָט איר דאָרטן!

הימלער האָט דאָס געזאָגט אומדערוואַרט, ניט קוקנדיק אין אייכמאַנס זײַט — די גלעזלעך פון זײַנע ברילן זײַנען געווען אָנגעשטעלט אפן פענצטער. א רעגע האָט אייכמאַן אפילע געמיינט, אז די דאָזיקע ווערטער זײַנען געווענדט צום אדיוטאַנט, וועלכער איז געשטאַנען באַם טיש. נאָר הימלער האָט עטוואָס א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צו דער טיר, אויסגעשטרעקט די האַנט און מיט בייזלעכן אומגעדולד איבערגעכאַזערט:

— ווײַזט!

— „ווײַזט״, — הייסט עס, מיינט ער די פאַפּקע. אייכמאַן האָט זיך געגרייט צו א מינדלעכן באַריכט, געניי אויסגעשטעלט אין קאָפּ די ווערטער, מיט וועלכע ער וועט אָנהייבן, געוווּסט, וועל־

כע אויסדרוקן ער וועט באַנוצן אינמיטן, מיט וואָס ער וועט פֿאַרענדיקן — דאָס אַלץ האָט זיך אונטערשיידט פֿונעם געדרוקטן טעקסט, וואָס איז געווען טריקענער, לאַקאָנישער.

הימלער איז דורכגעלאָפֿן מיט די אויגן די צונויפֿגעשפּיליעטע זײַטלעך, געקלערט אַ מינוט, ווידער האַלטנדיק דעם נאָגל באַ די ציין, אויסגעשטרעקט דעם באַריכט זײַן אַדיוטאַנט און געזאָגט:

— גוט. גוט, אײַכמאַן. שטורעמבאַנפֿיורער אײַכמאַן... אַגעוו, איך וועל פֿאָראָרדענען אײַך צושטעלן צו אַ העכערן ראַנג — אָבערשטורעמבאַנפֿיורער.

אײַכמאַן האָט זיך אַ צי אויס געטאָן, הימלער האָט צושטימענדיק אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— יאָ, איר האָט געטאָן אַלץ, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. איצט איז אינעם רעזערוואַר, וואָס הייסט „אײראָפּעיִש יִדנטום", געעפֿנט געוואָרן אַ קראַן, דורך וועלכן דאָס בלוט וועט אָפּפֿליסן פּלאַנמעסיק, באַשטענדיק, און קיין צווייטער קראַן, דורך וועלכן דאָס בלוט זאָל צופֿליסן, איז ניטאָ. פּראָסט, ווי אין אַ שול־אויפֿגאַבע. מע קאָן שוין הײַנט אויסרעכענען, ווען דער רעזערוואַר וועט ווערן ליידיק. און גאָרנישט וועט אונדז ניט שטערן עפֿענען עטלעכע צוגאָבלעכע קראַנען, ווען מיר וועלן געפֿינען פֿאַר נייטיק שנעלער ליידיק מאַכן דעם רעזערוואַר. ס׳איז אַ פּערספּעקטיוופֿולער פּרוּוו, די דערפֿאַרונג וועט אויסגענוצט ווערן אויף אַנדערע אונטערמענטשן. אײַך וועט אפֿילו ניט אויסקומען איבערקוואַליפֿיצירן זיך... — ער האָט ניט געלאַכט, ער האָט צוגעשמידט געקוקט אויף אײַכמאַנען, און דאָך געלאַכט, און אין דעם איז ניט געווען קיין שפּאָט, ס׳איז געווען אַנציקונג. — יאָ, איז אָט הערט, שטורעמבאַנפֿיורער. ביז איצט האָבן אײַערע פּלענער דיסקאָנטירט בלויז די טעריטאָריע, וועלכע עס באַטרעט שוין דער שטיוול פֿון אונדזער זיגרײַכן סאָלדאַט. איצט שטעלן מיר פֿאַר אײַך — דער פֿיורער און איך — נײַע, העכערע אויפֿגאַבן. איר דאַרפֿט אַרומכאַפּן מיטן בליק די גאַנצע וועלט, גרייטן אויף אײַער אויפֿן אונדזער פֿאָרויסמאַרש. מיר וועלן קומען אומעטום, איצט איז דאָס קלאָרער, ווי ווען־ניט־איז אַנדערש. דאַרף מען צוגרייטן די פֿעלקער פֿון יענער זײַט פֿראָנט אין אַזאַ ריכטונג, אַז דאָס, וואָס קאָן אויסזען אומגעוויינלעך, ווילד, זאָל ווערן אָנעמבאַר פֿאַר דער מאַסע אין אַלגעמיין, און אומעטום זאָלן מיר באַצײַטנס דערווערבן אָנהענגער. אַלזאָ, אײַער סעקטאָר דאַרף וויסן די זיטן און טראַדיציעס פֿון יעדן פֿאָלק, וויסן זײַנע סימפּאַטיעס און זײַנע געשיכטלעכע אוולעס, וויסן, וואָס מע דאַרף לעשן און וואָס פֿאַנאַנדערבלאָזן. איר דאַרפֿט האָבן ספּעציעלע עקספּערטן, וואָס זאָלן דורכקוקן די מעלדונגען און די כראָניק אין אַלע ענגלישע און אַמעריקאַנער צײַטונגען. ווי נאָר עס וועט זיך דאָרט באַווײַזן אַ מיטיילונג, אַז ערגעץ איז פֿאַרפֿאַלן צי דערמאָרדעט געוואָרן אַ קריסטלעך קינד, דאַרף מען טייקעף דורך אונדזער אַגענטור קלאָר מאַכן, צי איז ניט מעגלעך דערקלערן עס אַלס אַ יִדישן ריטועלן מאָרד, ווי מע האָט דאָס אַמאָל געטאָן דאָ, אין קיִעוו, נאָר ווײַט ניט קלוג. די ראַדיִאָסטאַנציעס אונדזערע זײַנען אין אײַער רעשוס — געהעריקע אָנווײַזונגען זײַנען שוין געגעבן געוואָרן. וויִאַזוי אַגיטירן? די סלאָוואַקן און אונגאַרן דאַרף מען אײַנדויבען, אַז יִדן און באָלשעוויקעס איז איינס און דאָס זעלבע. די איטאַליענער מאָלט אויס די יִדישע מאַכינאַציעס אויפֿן שוואַרצן מאַרק. די שוועדן שיקט פּאָסט־קאַרטלעך מיט אַנטיסעמיטישע אַנעקדאָטן און שפּריכווערטלעך, אין דער שווייץ — בראָשורן, די שווייצער האָבן ליב לייענען נאָכן וואַרעמעס עפּעס פּיקאַנטס. די טערקן וועלן אָנגעצונדן ווערן, ווען איר וועט זיי אונטערוקן די „פּראָטאָקאָלן פֿון זיקניי־ציִען". אין פֿראַנקרײַך און האָלאַנד עפּעס אַנטיסעמיטישע אויסשטעלונגען... מיט איין וואָרט — טראַכט!

הימלער האָט ווידער גענומען באַם אַדיוטאַנט דעם באַריכט, אויפֿגעמישט דאָס לעצטע זײַטל און אַ טיטשע געטאָן אין דעם מיטן פֿינגער.

— דאָ איז באַ אײַך ריכטיק אָנגעוויזן, אַז פֿירן די יִדן פֿון די אָסט־געביטן אינעם פּוילישן פֿאַרניכטונג־לאַגער, ווי מיר פֿירן זיי פֿון פֿראַנקרײַך און האָלאַנד, פֿון טשעכיע און יוגאָסלאַוויע, — איז ניט קעדײַ. עס לוינט ניט, ווײַל פֿאָרן וועט מען דאַרפֿן דורך די געגנטן, וווּ עס באַוועגן זיך העפֿטיק מיליטערישע טראַנספּאָרטן אַהער, צום ווײַטסטן פֿראָנט. און האַלטן דאָ די יִדן לענגער אין רעזערוואַציעס, געטאָס — לוינט אויך ניט. זיי זײַנען באָלשעוויזירט און, הייסט עס, די געפֿערלעכסטע. אויסער דעם, שטייט פֿאַר די אָסט־געביטן, און דעריקערשט אוקראַיִנע, אַ הונגעריק יאָר. מיר וועלן אַלץ אַרויספֿירן פֿונדאַנען. קאָך ווייסט, וואָס ער האָט צו טאָן. איז די מאָמענטאַלע ליקווידאַציע — דאָס סאַמע צוועקמעסיקע. און עס וועט אויך זײַן אַ גוטע וואָרענונג פֿאַרן איבעריקן מענטשן־געמויזעכץ. קיִעוו איז דאָ, אין אָסט, דער ערשטער פּרוּוו, ווי אין פּוילן — אָשווענטשים. פּאַשעטער נאָך און ראַדיקאַלער. אויב דאָרטן, אויף מײַרעוו, קאָמופֿלירן מיר עס, טוען מיר דאָ אַלץ אָפֿן. עס וועט וויסן די שטאָט, וועט וויסן די וועלט — און זאָל זי וויסן. אַזוי טוען מיר אויף דער ערד פֿון די באָלשעוויקעס. אויב עס וועט זיך אויפֿהייבן אַ טומל אויף יענער זײַט פֿראָנט, וועלן קיין שום אָפּלייקענונגען פֿון אונדזער זײַט ניט קומען. קיין שום. דאָס איינציקע, וואָס עס באַפֿרידיקט מיך דאָ ניט, נעמט עס אין אַכט, איז דער שוואַכער טעמפּ.

אייכמאַן האָט געהערט דעם רײַכספּיורער, שטייענדיק אויסגעצויגן. בײַ די לעצטע ווערטער האָט ער זיך אַ צי געטאָן נאָך מער, אין זײַנע פֿאַנאַטיש־אָנגעשטרענגטע אויגן האָט אָבער אַ בליץ געטאָן אַ פֿריילעך פֿײַערל — ס׳איז געקומען דער מאָמענט פֿאַר אַ טרעפֿלעכער רעפּליק:

— דערלויבט מיטיילן, הער רײַכספּיורער. דער שטאָט־קאָמענדאַנט האָט מיר נאָרוואָס געזאָגט, אַז עס איז שוין אָפּגעקליבן דאָס אָרט, ווו די אַקציע וועט דורכגעפֿירט ווערן, — אַ ריוו. ער הייסט — באַבי יאַר. אָט איז ער...

הימלער האָט גענומען די מאַפּע, וועלכע אייכמאַן האָט אַ האַלב־פֿאַנאַנדערגעוויקלטע אים אויסגעשטרעקט. ניט ווײַט פֿון דער פּוסטקע, וואָס איז אײַנגעשלאָסן געווען אין אַ דרײַעק, געמאַכט מיט אַ בלויען בלײַער, האָט דעם רײַכספּיורער פֿאַרינטערעסירט נאָך עפּעס, אויף וואָס ער האָט מיטן פֿינגער אָנגעוויזן דעם אַדיוטאַנט, און מע האָט זיך איבערגעשמייכלט.

— גוט, — האָט הימלער געזאָגט, — מיר וועלן צופֿאָרן אַ קוק טאָן אויף דעם דאָזיקן באַבי יאַר.

4

ווען אַ כאָפּטע געסטאַפּאָווצעס האָט אין דער צווייטער העלפֿט טאָג זיך אַראָפּגעיאָגט אויף דער קעראָסינע, האָט דער שטאַט פֿון לאַגער פֿאַרשטאַנען, אַז עס שטייט פֿאָר עפּעס אַ באַזוך. אויף יעדן פֿאַל איז באַפֿוילן געוואָרן באַגראָבן די מייסים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין הויף און אין די באַראַקן. דאָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט געהאַט קיין שײַכעס צום ייִדישן באַראַק, וואָס איז ביכלל באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מין קיוווער־סקלעפּ. ס׳איז בלויז ניט קלאָר געווען, וויאַזוי לעבט מען נאָך דאָרט ביכלל אָן וואַסער און אָן שפּײַז. און אָט דעמלט, ווען דער פּאָלקאָווניק, וועלכן אַשאָט סאַרקיסיאַן און ליאָניע האָבן דערקענט, האָט אַן אויסגעשמירטער אין ליים, מיט אַ לאָפּעטע אין האַנט, זיך אומגעקערט מיט אַנדערע צוויי אָפֿיצערן פֿון אַן אײַליקער און שוידערלעך־פּאַשעטער לעווײַע, האָט אין הויף פֿון קאָנצלאַגער פֿאַרקערעוועט אַ מענגע פּרעכטיקע אַוטאָמאַשינעס, און באַלד האָט פֿון זיי אַ שאָט זיך געטאָן נאַטשאַלסטווע, דערבײַ אַזאַ הויכע, אַז בײַ דער וואַך, וואָס האָט זיך געפֿונען אין הויף, האָט דער אָטעם פֿאַרכאַפּט. ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן מיט די דרײַ געפֿאַנגענע אָפֿיצערן, וואָס האָבן געסטאַרטשעט אינמיטן הויף, האָט עמעצער פֿון דער וואַך אויפֿגעפּראַלט די טירן פֿון דעם ערשטן באַליבּיקן באַראַק, וואָס איז געווען אַמנאָענטסטן צו זיי — דעם ייִדישן באַראַק, און אַרײַנגעשטופּט זיי אַהין.

די דרײַ נײַע מענטשן האָט מען טײַקעף אַרומגערינגלט. אייגנטלעך, ניט אַרומגערינגלט — צוגעשפּאַרט זיי צו דער טיר, ווײַל געווען איז דאָ אַ שרעקלעכע ענגשאַפֿט, און גענומען אויספֿרעגן, וואָס הערט זיך אין די שכיינישע באַראַקן, אין הויף. מע האָט אַפֿילע ניט שטאַרק זיך אינטערעסירט מיט דער אָנגעפּאָרענער נאַטשאַלסטווע, ווײַל ווער קאָן הערן, וואָס זיי ריידן דאָרט, און ווער קאָן זען, ווו זיי גייען אום, — מע וועט שוין אַלץ זען גרייטערהייט. אָבער די דאָזיקע דרײַ אָפֿיצערן האָבן דאָך טאַקע געקאָנט עפּעס דערציילן. אַ ביסל מאַכאָרקע האָט זיך בײַ זיי אויך געפֿונען, כאָטש פֿאַר די, וואָס זײַנען געשטאַנען נעענטער, און אַ סעכער. ס׳האָט זיך אַפֿילע שיר ניט אָנגעהויבן אַ געשלעג איבערן סעכער, האָט דער פּאָלקאָווניק אים אַליין צעבראָכן אויף פּיצינקע שטיקעלעך און צווישן די צענדליקער אויסגעשטרעקטע הענט אויסגעקליבן די סאַמע דאַרסטע, און טרערן זײַנען גערונען איבער זײַנע צערונצלטע באַקן, זיך פֿאַרהאַלטן אין די וואָנצעס.

גלײַך ווי די טיר אין באַראַק האָט זיך געעפֿנט און מע האָט אַרײַנגעשטופּט דעם פּאָלקאָווניק רודקאָ מיט די צוויי אַנדערע אָפֿיצערן, האָבן אַשאָט און ליאָניע אַראָפּגעדראַפּעט זיך פֿון דער נאַרע און מיט אַלע קויכעס גענומען זיך דורכשלאָגן צו דער טיר. נאָר ס׳איז געווען אוממעגלעך. בלויז אין אַ פֿערטל שעה אַרום האָט סאַרקיסיאַן דער ערשטער, און נאָך אים ליאָניע, זיך דערקליבן נעענטער צום פּאָלקאָווניק, אויף אַזויפֿיל, אַז מע זאָל זיך קאָנען איבערופֿן מיט אים. דער פּאָלקאָווניק האָט דערקענט סאַרקיסיאַנען, געפֿרעגט אים, ווי קומט ער אַהער, צי איז דאָ פֿאַראַן נאָך עמעצער פֿון זײַן דיוויזיע. אַשאָט האָט געענטפֿערט, אַז קיינער, נאָר אָנגעוויזן אויף ליאָניען און גענומען איבער קעפּ און אַקסלען (און קיין איין קאָפּ און קיין איין אַקסל האָט ניט גערוט) דערציילן דעם פּאָלקאָווניק רודקאָ, אַז ליאָניע קען אים און פֿונוואַנען ער קען אים. דער פּאָלקאָווניק רודקאָ האָט שוין עפּעס ווי פֿאַרשטאַנען און אַ מאַך געטאָן צו ליאָניען מיט דער אויפֿגעהויבענער האַנט, נאָר דאָ האָט זיך ווידער ברייט אָן עפֿן געטאָן די טיר און די פֿאַרשפּאַרטע האָבן דערזען אַ גאַנצע כאָפּטע טשאַקנדיק מונדירטע דײַטשן.

דאָס האָט קאָך, נאָכן באַזוכן אייניקע באַראַקן, וועלנדיק ווי־ניט־איז צעציִען די צײַט, ווײַל הימלער האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין דער קאַנצעליאַריע, באַשטימט אַ קוק טאָן אויך אויף די פֿאַרשפּאַרטע ייִדן. אַ שווערער רייעך האָט אַ זעץ געטאָן פֿון דער צעעפֿנטער טיר. די דײַטשן זײַנען

עטוואָס אָפּגעטראָטן, מיט כידעש און כויזעק אַרײַנגעקוקט אין דער טונקל, ווו פאַרפײַניקטע מענטשן האָבן זיך צונויפגעדריקט אין איין שוואַרץ־גרויער מאַסע, און עס האָבן זיך אויסגעטיילט בלויז די טויט־בלאַסע פּנעמער — שטערנס און אײַנגעצויגענע, באַוואַקסענע באַקן, טיף אײַנגעפאַלענע אויגן און שמערצלעך צעעפּנטע מײַלער — ניט קיין פּנעמער, נאָר מייסים־שאַרבנס. די דרײַ אָפּיצערן, וואָס זײַנען אָקאָרשט אַהער פאַרטריבן געוואָרן, זײַנען אויך געווען גענוג פאַרכוישעכט, נאָר ניט אַזוי, און באַזונדערס האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט דער שטאַלטנער פּאָלקאָווניק מיט די אַראָפּהענגענדיקע גראָוולעך־שוואַרצע וואָנצעס, מיט אָנגעכמורעטע געדיכטע ברעמען, מיט אַלע אַכט שפּאַלעס און די צייכנס פון אַן אַרטילעריסט אויף די פּעטליצעס. ער איז געשטאַנען באַם סאַמע שוועל, האַלטנדיק ביידע דלאָניעס צונויפגעלייגט אויפן הענטל פון דער לאָפּעטע.

— אײַן יודע? — האָט קאָך געפרעגט, אָנווײַזנדיק מיטן פינגער אויפן פּאָלקאָווניק. און געווען איז די פראַגע געווענדט סײַ צום פּאָלקאָווניק גופע, סײַ צום יונגן איבערזעצער, וועלכער האָט אַזוי אַרויסגערוקט זיך פאָרויס און מיט אַזאַ גרייטקײַט אויסגעקערעוועט דעם אויער צום גאַולייטער, אַז מע האָט גלײַך געקאָנט פאַרשטיין, ווער ער איז.

דער פּאָלקאָווניק האָט געשוויגן עטלעכע ווײַלעס, קוקנדיק מיט ניט פאַרבאָרגענעם האַס אויף די דײַטשן. מיטאַמאָל, ווי אַנטשלאָסן זיך אויף עפּעס, האָט ער אַ סמיקע געטאָן מיט איין אַקסל, מיסטאַמע פון אַ קאָנטוזיע, איבערגעגעבן די לאָפּעטע איינעם פון די צוויי אָפּיצערן, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן אים, געמאַכט אַ טראָט נעענטער צום דרויסן און, באַהערשנדיק מיט אָנשטרענגונג אַ לײַכט פאַרהיקען זיך, פּעסט געזאָגט אויף דײַטש:

— אַן אוקראַיִנער בין איך, נאָר דאָס האָט אין געגעבענעם פאַל קיין באַדײַטונג ניט. פאַר מיר, יעדנפאַלס. איך זע דאָ פאָרשטייער פון דער מיליטערישער און ציווילער מאַכט. און כאָטש איך בין אַ געפאַנגענער, גיט מײַן ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק מיר די רעכט צו רעדן אין נאָמען פון אַלע, וואָס זײַנען פאַרשפּאַרט אין לאַגער, און אין דער ערשטער ריי אינעם דאָזיקן און אינעם שכייניש קאָמיסאַרן־באַראַק, ווו די באַהאַנדלונג איז אַן אויסערסט אומענטשלעכע. עס זײַנען דאָ צווישנפעלקערלעכע קאָנווענציעס...

— וועגן קריגסגעפאַנגענע? — האָט איבערגעשלאָגן קאָך (ווען דער פּאָלקאָווניק האָט אָנגעהויבן רעדן, איז פונעם גאַולייטערס אָנגעגאָסענעם רויטן פּאָנעם פאַרשוווּנדן דאָס כויזעק־שמייכעלע, ער האָט זיך אָנגעכמורעט, נאָר איצט האָט די כמורנעקײַט ווידער אָפּגעווישט אַ שמייכל, שוין אַן אַנדערער — אַ בייז־אָנגעשטרענגטער). — די קאָנווענציע וועגן קריגסגעפאַנגענע האָט אײַער רעגירונג ניט אונטערגעשריבן, פּאָלקאָווניק!

— מיר האָבן אָבער אונטערגעשריבן אַן אַנדער קאָנווענציע, און דײַטשלאַנד אויך — יענע, וואָס פאַרווערט ביים קריג אַקטן פון אומענטשלעכקײַט, און די באַציִונג צו קריגסגעפאַנגענע, און צו אַלעמען אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע ווערט אַן און פאַר זיך רעגלאַמענטירט דורך דער קאָנווענציע, וואָס מיר האָבן אונטערגעשריבן.

קאָך האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ:

— איר זײַט אַ באַהאַונטער מענטש, פּאָלקאָווניק. איך האָב ליב רעדן מיט אַזעלכע מענטשן, אַפילע אויב זיי זײַנען סאָנים. נאָר עפּשער וועלן מיר גאָר ווערן פרײַנט מיט אײַך? האַ?

דער פּאָלקאָווניק האָט ווידער אַ סמיקע געטאָן מיטן אַקסל. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין, וואָס מיינט דער דײַטש, — קיין הוילער שפּאַס איז דאָס ניט, גיכער — אַ פּרוּווּ. ס'איז געווען קענטיק, אַז דער דײַטש איז ניט שלעכט געשטימט — ער איז געשטאַנען צונויפגעפלאָכטן די פינגער פון די הענט אויפן בויך, קוים־קוים צוגעקלאַפּט מיטן נאָסעק פון שטיוול. אויף זײַן ברוסט, איבער די אָרדען־פּלאַנקעס און אַנדערע צייכנס, האָט געפינקלט אַ קלייניקער גאָלדענער האַקנקרייץ — אַ זעלטענע פאַשיסטישע אויסצייכענונג און אַ באַווײַז פון הויכן ראַנג.

— איך וואַרט אויף אײַער ענטפער, — האָט דער פּאָלקאָווניק דערמאָנט, — איך האָף, אַז איר קאָנט און וועט געבן די געהעריקע פאַראָרדענונגען.

קאָך האָט ניט געענטפערט. מיטאַמאָל האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— אויף וואָס האָט איר געדאַרפט די לאָפּעטע?

„עפּשער אויך ניט ענטפערן, אויפהערן רעדן מיט אים?“ — האָט דער פּאָלקאָווניק געטראַכט. בלויז דאָס האָט באַטײַט זײַן שווײַגן. געענטפערט האָט ער בייז:

— מיר האָבן באַגראָבן אַ כאַווער, אויך אַ פּאָלקאָווניק. ער וואָלט געלעבט, ווען עס זאָלן זײַן די עלעמענטאַרע מעדיקאַמענטן אויף אים צו ראַטעווען.

— אַ פּאָלקאָווניק? — האָט קאָך איבערגעפרעגט. — אַ שאָד. ניט גיך שולט מען אויס אַ פּאָלקאָווניק. יאָ, איז אָט, ביז איר לעבט נאָך, לייג איך אײַך פאָר — לאָמיר זײַן פרײַנט. דאָס איז מעגלעך. איר זײַט אַ קאָמוניסט, פּאָלקאָווניק?

— יאָ.
— לאַנג?
— אכצן יאָר.
— און איך בין א סאָציאַליסט. שוין צוואַנציק יאָר. א נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט. איך בין, אַגעוו, געבוירן געוואָרן אין עלבערפעלד, ווו עס האָט זיך געלערנט ענגעלס. און בין אַן ארבע־טער. יאָ, יאָ. אין פארטיי רופן מיר איינער דעם אנדערן פונקט ווי איר — קאַמעראַד, גענאָסע. איך בין זיכער, אז איר ווייסט ווענגן אונדז גאָרנישט, און מיר זעען אויס בא אײַך אין די אויגן ניט אַזעלכע, ווי מיר זײַנען אַפּנעמעסן. איינס דאַרף איך אײַך זאָגן, די דערפאַרונג האָט אונדז געלערנט: אין אַלע לענדער ווערן סאָציאַליסטן, ווען עס קומט א שווערע שאָ, נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. די פראַנצויזישע און ענגלישע סאָציאַליסטן האָבן בייס דער ערשטער וועלט־מיל־כאָמע זיך געשלאָגן קעגן אונדז, די דײַטשישע. האָבן מיר באַשטימט בלײַבן סאָציאַליסטן, נאָר בלויז דײַטשישע. די נאַטור פונעם מענטשן איז ביכלאַל אַזא, אז ער שטרעבט ניט צום צענטער, ניט צום אַלגעמיינעם, נאָר פונעם צענטער, פונעם אַלגעמיינעם — אַלץ דאַרף ער פאַר זיך. דאָס האָט איר, קאָמוניסטן, ניט פאַרשטאַנען, און דאָס איז אײַער פאַרזען. איינס קאָן דער מענטש אָנעמען — געמיינזאַמקײַט אין די ראַמען פון איין פאָלק. דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם קאָן ער אָנעמען. און מער ניט. איז אָט לייג איך פאָר — זײַט אײַך אַן אוקראַיִנישער סאָציאַליסט. און גיין גייט דאָ אין איינס — אין בײַטן די פרינײַנט. איך ווייס, איר וועט באַלד זאָגן: פּאַראַט, פּרינ־ציפּלאָזיקײַט. אײַלט זיך ניט. און עס איז אפילו ניט געפערלעך, וואָס אַזויפיל איידעס הערן אונדזער שמועס. עמעצער קער פאַרשטיין דײַטש. דאָס איז א ריין טעאָרעטישער שמועס, און מײַן פאָרשלאָג טראָגט אויך מער א טעאָרעטישן, איידער א פּראַקטישן כאַראַקטער. נאָר א פאָר־שלאָג איז עס.

דער פאָלקאָווניק האָט געשוויגן, געשוויגן לאַנג. דער דײַטש האָט געוואַרט. די ליפּן צונויפ־געפּרעסט אין א פאַרגליווערט שמייכעלע. ניט גערירט זיך פון אָרט. אפילו אופגעהערט קלאַפּן מיטן נאַסעק אין דער ערד. בלויזביידע גראָבע פינגער פון די צונויפגעטשעפּעטע הענט אַפּן בויך האָבן זיך באַוועגט, און דאָס האָט אָנגעוויזן אַף זײַן אינערלעכער אָנשטרענגונג און אומגע־דולד.

— איך ווייס, וואָס פאַר א סאָציאַליזם איר האָט צוגעטראַכט, — האָט ענדלעך זיך אָנגע־רופן דער פאָלקאָווניק, — פאַרקנעכטן, אומברענגען אנדערע פעלקער, ראַסן, קעדיי אַלייך, פאַרוואַנדלטע אין כײַעס, קומען צו דעם, וואָס הייסט „א גאַניידן פאַר דײַטשן". איך האָב געזען, געזען... עס איז מיר אויסגעקומען זײַן לויט אייניקע איניאַנים אין בערלין. נאָר עפּעס ווילן ניט, אַגעוו, פיל געווײַנלעכע דײַטשן דעם דאָזיקן גאַניידן אײַערן. און פאַרקערט, מאַגנאַטן ווילן אים. אָבער דאָס איז בלויז א רעפּליק. איך בין א געפאַנגענער און אפּעליר ניט צו אײַער, אַזוי צו זאָגן, סאָציאַליסטישן געוויסן. זאָל ער בלײַבן בא אײַך. צום מענטשלעכן געוויסן אַפּעליר איך. צי איר זײַט שוין עפּשער קיין מענטשן אויך ניט?

— איר כאַפּט איבער די מאָס, — האָט קאָך געזאָגט שוין אָן א שמייכעלע. און צוגעגעבן: — איך זע ניט קיין גרונט צו אָפּשאַפן דאָ עמעצנס פאַראָרדענונג.

דער נערוון־צוק האָט איצטיקס מאָל דורכגענומען ניט נאָר דעם פאָלקאָווניקס אַקסל — די קראַמפּן זײַנען דורכגעגאַנגען איבערן פּאָנעם. געשוויגן עטלעכע רעגעס, קעדיי שטילן די אופרעגונג, האָט ער ניט הויך זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט נאָך עפּעס וועלן זאָגן, נאָר — עט, עס לוינט ניט...

— ניין, ניין, זאָגט! — איז קאָך ווידער אופגעלעבט געוואָרן. ער האָט אין דער דאָזיקער ווײַלע א קוק געטאָן אין יענער זײַט, ווו די קאַנצעלאַריע פון לאַגער איז געווען. נאָך עטלעכע דײַטשן, אויך פון הויכן ראַנג, האָבן דאָרט אַראָפּגעלאָזט זיך פון די טרעפּלעך און זײַנען איצט געגאַנגען אַהער. עס איז געווען קלאָר, אז קאָך וויל, יענע, וואָס קומען אונטער, זאָלן הערן דעם שמועס. פאַרשטאַנען עס, איז דער פאָלקאָווניק געוואָרן נאָך בלאַסער און נאָך מער א גלײַך אויס זיך געטאָן.

— נו, איז וועל איך זאָגן...

די נײַ־צוגעקומענע האָבן פאַרוואונדערט און גלײַכצײַטיק שטרענג געקוקט אַף אים.

— יאָ, איך וועל זאָגן... ניט נאָר, ווײַל איר, די פאַשיסטן, באַגייט שוידערלעכע פאַרברעכנס, פאַרהאַסן אײַך אונדזערע מענטשן. כאָטש איינס דרינגט טאַקע ארויס פונעם אנדערן. די אידיי אײַערע פון אויבערמענטשן און קנעכט ווילן אפילו ניט אַלע דײַטשן אָנעמען. איר טיילט אָפּ פאָלק פון פאָלק, טיילט איר אָפּ מענטש פון מענטש. אָנשטאָט אונדזער אידיי פון ברידערלעכקײַט שטעלט איר ארויס די אידיי פון וועלפישער גיר. אָט וואָס די פעלקער, אי אונדזערע, אי דאָרט, אַף

מײַרעוו, נעמען ניט אָן. און די אכזאַריִעסן אײַערע קומען סײַ פון דעם, וואָס מיט גוטן וויל אײַך קיינער ניט אָנעמען, סײַ פון דער כּײַעשער נעטיִע אײַערער...

— אָ, ערידך! — האָט צי לוסטיק, צי אופגעבראכט זיך אָנגערופן איינער פון די, וואָס זײַנען ערשט צוגעקומען, — א שמאַלפּלייציקער, מיט קליינע וואָנצעלעך, אַפּגעצויגענע אף אראָפּ בא די מויל־ווינקלען; ער האָט אראָפּגעשלעפּט די קײַלעכדיקע גרויסע ברילן, גענומען זיי דורכווישן, און די פלינקע, קאָסלעך־צוגעזשמורעטע אייגלעך פון א טכוירל אָנגעשטעלט אפן פּאָלקאָווניק. — א מין רעדע דו הערסט, ערידך!..

— עס מאכט ניט, העניריך, עס מאכט ניט, — האָט קאָך זיך אָנגערופן, — אן אוקראַיִנער רעדט...

און צום פּאָלקאָווניק, מיט א צוגעלאָזטן שמייכל:

— אָט האָט איר אַלץ געזאָגט, וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן. עפּשער האָט איר עפּעס א פּערזענלעכע ביטע? אַלס לױן פאר אײַער אָפנהאַרציקײַט קאָן איך בלויז איינס — אויספילן אײַערע א ביטע.

— קלאָר, קלאָר, — דער פּאָלקאָווניק האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — ניין, קיין פּערזענלעכע ביטעס וועלן ניט זײַן... סײַדן... וועגן מײַנע אונטערגעאָרדנטע, אָט די צוויי מאַיאָרן, און נאָך צוויי — א לייטענאנט און א סאָלדאט, — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט, אָנגעוויזן אף די אָפיצערן, וואָס זײַנען געשטאַנען הינטער אים, א זוך געטאָן מיט די אויגן סארקיסיאַנען און ליאָניען, וואָס האָבן זיך דורכגערוקט נאָך נעענטער צו דער טיר, און א טײַט געגעבן אף זיי מיט א פינגער, — איך בעט אָט די אונטערגעאָרדנטע מײַנע אריבערפירן אין אן אנדער באראק, זיי זײַנען אהער ארײַנגעוואָרפן געוואָרן צופעליק.

— רעכט! — קאָך האָט זיך אויסגעקערעוועט צום קאָמענדאנט פון לאַגער. — א ווערגעלעץ מיט א פּלאַטשיק פּאָנעם, וואָס די לאַנגע, קרומלעכע נאָז האָט ניט סימעטריש געטיילט אפּצווייען. — פיר זאָנדערבאהאנדלונג, אַלע פינף... אין אָוונט זאָל דאָס דערלעדיקט ווערן!

— יאוואָל! — האָט דער קאָמענדאנט א קלאַפּ געטאָן מיט די אָפּצאַסן.

5

פונעם יידן־בלאָק איז מען אוועקגעגאַנגען אין א געהויבענער שטימונג. ס'הייסט, א געהויבענע איז זי געווען דעריקערשט בא הימלערן, און דאָס האָט זיך איבערגעגעבן דער גאַנצער סוויטע (וואָס איז שײַעך דעם גאולייטער קאָך, איז ער אויסערלעך קימאַט שטענדיק געווען אין א גוטער שטימונג, געוועראָלט זיך, געקוקט אף די, וואָס האָבן זיך צו אים געווענדט, פון אויבן־אראָפּ, און דאָך צוגעלאָזט, ווי איינער, וועמען עס גליקט קעסיידער, א שאָטן האָט זעלטן געלייגט זיך אף זײַן פּאָנעם). הימלער איז אפילע אזוי ווי צוגעקומען צום בלאָק שוין אין א גוטער שטימונג, זײַן געוויינלעך כמורנע פּאָנעם, א ברייטס בא די שלייפן און א פארשפּיצטס אראָפּצו, האָט זיך ווי אויסגעלײַטערט, און בלויז דאָס, וואָס די אויגן הינטער די גלעזלעך האָבן פארטײַעט־אופגעלעבט געגלאַנצט, האָט געקאָנט ארויסרופן א סאָפעק, צי איז טאַקע אים אזוי גוט אפן הארצן, און נאָך האָט, פארשטייט זיך, געקאָנט קומען אפן געדאַנק, ווי שוידערלעך עס מוז זײַן דאָס, וואָס האָט די גוטע שטימונג זײַנע ארויסגערופן. נאָר די, וואָס האָבן געשאַפן דעם רײַכספיורערס סוויטע, איז אָנגעגאַנגען בלויז איינס — ווי קאָן דער איצטיקער צושטאנד זײַנער אָפּרופן זיך אף יעדן פון זיי? אייניקע האָבן זיך געפלײַסט ניט ווארפן זיך אים אין די אויגן, — דאָס זײַנען געווען יענע, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס פארשולדיקט צי שוין באקומען א פּסאָק פאר דער שולד און אָט אזוי־אָ געוואָלט אָפּרוען פונעם דריקנדיקן געפיל און פון דער דערמאָנונג, ווי שרעקלעך עס איז דער־אָ מענטש אין גרימצאָרן. אנדערע, פארקערט, בא וועלכע ס'איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, האָבן זיך געפלײַסט כאָטש מיט א וואָרט, מיט א שמייכל צוציִען צו זיך זײַן אופמערקזאַמקײַט. אייכמאַן — דער האָט זיך גאָר דערלויבט, ביז מע איז געגאַנגען צו די מאשינעס, פארלויפנדיק א ביסעלע הימלערן און קאָכן דעם וועג, דערציילן זיי אן אנעקדאָט וועגן א יידן א לאַמדן, וועלכער האָט געגעסן טעג בא א גוויר און גענומען ברענגען אויך זײַן איידעם אף די קעסט: ער האָט זיי אים צוגעזאָגט אָנשטאָט נאדן. דער פּאָלקאָווניק איז מיט זײַנע פיר אונטערגעאָרדנטע זיך באַגאַנגען אזוי, ווי יענער לאַמדן...

הימלער האָט געלאַכט מיט א כליפּ און א קוויטשעלע, וואָס דאָס איז גאָר א זעלטנהײַט בא אים — ער לאַכט שוין, הייסט עס, פון גאַנצן הארצן. קאָך האָט צוגעשמייכלט און געזאָגט, אז דאָס האָט ער, שמועסנדיק מיטן פּאָלקאָווניק, געוואָלט אן איבעריקס מאָל זען, וואָס פאר א ווערט עס האָט ראָזענבערגס אידיי צו זוכן קאָלאַבאָראַציאָניסטן אין די אָקופּירטע אָסט־געביטן.

און דאָ האָט זיך אויסגעקלאָרט, אז הימלער האָט טאַקע עפּעס פארטראַכט.

ווען מע איז צוגעקומען צו די מאשינעס, האָט קאָך געפרעגט:

— ווּהין פאָרן מיר איצט, הענריך?

— נאָך בלומען פאַר דער לאַרעליי פון דער שפּרייע.

קאָך האָט א קלער געטאָן, אז ווען דאָס זאָל זײַן עמעס, וואָלט עס שוין געווען איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט געוווּסט וועגן דער „לאַרעליי פון שפּרייע" — א יונגע דאַמע אין בערלין, דעם רײַכספירערס ניט גאָר אַפישירטע ליבע, און א מאָדנער סענטימענט, וואָס פאַסט גאָר פאַרן פאַריקן יאָרהונדערט: אויב הימלער קאָן אַליין צו זײַן געליבטער ניט קומען, איז ווו ער זאָל ניט זײַן, שיקט ער איר א בוקעט, וואָס דאַרף אינדערפרי באַצירן דאָס טישל פון איר שלאָפצימער.

אויב פון דער ווײַט — ברענגט די בלומען א ספּעציעלער קוריער אַף אן אעראָפּלאַן. יאָ, קיִעווער בלומען וועלן געוויינלעך נאָך הײַנט אָפּגעשיקט ווערן קיין בערלין. נאָר אַלע זאַלן איצט פאָרן נאָך זיי — דאָס קאָן ניט זײַן, עפּעס אנדערס שטעקט דערין.

מע האָט זיך שוין גענומען זעצן אין די מאַשינעס, ווען אײַכמאַן און הימלערס יונגער אַדיו־טאַנט זײַנען אוועק צו עבערגאַרדטס לימוזין און עפּעס געזאָגט דעם גענעראַל, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט אין פענצטערל. דער אַדיוטאַנט האָט זיך טייקעף אומגעקערט, און אײַכמאַן האָט זיך געזעצט אינעם לימוזין. דערווײַל האָט עבערגאַרדט צוגערופן זײַן געהילף, לאַמערסן, אָפּגע־טראָטן אים דאָס אָרט לעבן שאָפער און אַליין געזעצט זיך פון הינטן. דער לימוזין האָט אוועקגע־פירט נאָך זיך די גאַנצע קאָלאָנע.

געפאָרן איז מען ניט לאַנג — אַראָפּ, אַרויף איבער שמאָלע גאַסן מיט אַלטע הײַזער און קליינע סעדלעך, אַרויס אַף א ברייטער אַספאַלטירטער גאַס, איבער וועלכער די קרוינען פון די הארבסטיק וועלקנדיקעביימער האָבן זיך קימאַט צונויפגעשלאָסן. און אָט האָט די גאַס פאַרענ־דיקט זיך מיט א מין גאַראַזשן, וואָס זײַנען געשטאַנען לינקס פון שליאַך, הינטער א הילצערנעם פלויט, און עפּעס א ווירטשאַפט, רעכטס, ווו עס האָבן, הינטער א צוים פון דינע אײַזערנע שטענ־גלעך, זיך געזען שפּעקטן און בלומען־בייטן. ווײַטער, פון ביידע זײַטן שליאַך, האָבן זיך אוועקגע־צויגן בעסוילעמס.

סאָלדאַטן אין שוואַרצע אוניפאָרמעס און פּאָליצײַען האָבן אויסגעלאָדן אַפן מיטן וועג קנוילן שטעכדראָט, בעטאָנירטע סלופּעס. די מאַשינעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט; די, וואָס האָבן זיך גע־פאָרעט אַפן שליאַך, האָבן אײַליק אים גענומען אָפּראַמען. הימלער איז אַרויס פון זײַן „מערסע־דעס", נאָך אים זײַנען אויך די אַנדערע אַרויס אַפן ברוק. אָן עסעס־אָפיצער, א שוואַרצער, מיט א געבראָכן־צוגעפּלעטשטער נאָז, א צעשפּאָלטענער ליפּ און א קרומער אונטערשטער קין, פונקט ווי פון אינווייניק זאָלן דאָס פּאָנעם זײַנס ציִען קרומע פּאַסטריגעס, האָט שנעל זיך געלאָזט צו הימלערן און הויך, נאָר א ביסל אין דער נאָז, מיטגעטיילט:

— די אײַנזאַצקאָמאַנדע נומער, — דעם נומער האָט ער אַרויסגעבראַכט ניט קלאָר, — גרייט זיך אויספילן א זאָנדערפאַרגעבונג! אָבערשטורעמפירער מאָלטקע!

הימלער האָט בייסן ראַפּאָרט מיט בידעס און אַפילע מיט א מין קוויקעניש געקוקט אינעם אָבערשטורעמפירערס צעקרימטן פּאָנעם, נאָר אײַנצײַטיק האָט ער אויך געקוקט א ביסעלע ווײַ־טער, איבער מאָלטקעס אַקסל, אַפן טויער פון דער בלומענציכטלערײַ, אין וועלכן ס'איז נאָרוואָס פאַרשוווּנדן דער יונגער אַדיוטאַנט און ווו עס איז, בא א זײַט פון שטעג, געלעגן א דערהאַרגעטער זאָקן — זײַן ווײַסע באָרד האָט אַרויסגעשײַנט צווישן די ניט הויכע שטעכלקעס. שווײַגנדיק אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט, האָט הימלער געלאָזט זיך צום דערהאַרגעטן, שטיין געבליבן דרײַ טריט פון אים. מאָלטקע האָט שוין געקליבן זיך זאָגן, אז דעם אַלטן האָט מען דערשאָסן, ווײַל ער האָט זיך באַוויזן אין דער פאַרווערטער זאָנע, נאָר דער רײַכספירער האָט, לאָזט זיך אויס, געהאַט גאָר אין זינען ניט דעם אַלטן, נאָר דעם אויסגעריבענעם שאַפּענעם טולופּ, וואָס איז געווען בא יענעם אונטערן אָרעם.

— פוטער, ווינטער־קליידונג דאַרף מען שטרענג אוטיליזירן! — האָט הימלער קימאַט אויס־געשריגן, ניט צו וויסן צו וועמען — צום אָבערשטורעמפירער אָדער צו דער סוויטע, וואָס איז צוגעקומען אהער.

ער האָט זיך אומגעקערט צום דאָזיקן געדאַנק וועגן פוטער און ווינטער־קליידונג שפּעטער א ביסל, ווען מע איז אָפּגעפאָרן אַף די מאַשינעס נאָך א פינף הונדערט מעטער, ביז די בעסוילעמס, און אוועק צופוס איבער א פוסטקע, ווײַל דער וועג האָט זיך דאָ געענדיקט. לאַמערס און מאָלטקע האָבן געשפּאַנט די ערשטע צו שיטערע קוסטעס און צו א ריוו, וואָס האָט זיך געמערקט אין עק פון דער פוסטקע. הימלער, קאָך, אײַכמאַן און עבערגאַרדט זײַנען אָפּגעשטאַנען א צען טריט, און פון זיי ווידער איז אָפּגעשטאַנען די סוויטע.

— מיר ציִען אַרײַן אין ווינטער, — האָט הימלער ניט הויך געזאָגט, — מיר האָבן געהאַפּט, אז וואַרעמע אַמוניציע וועט דאָ, אין אָסט, פאַר די סאָלדאַטן ניט נייטיק זײַן. ערשט, מע וועט זי דאַרפן... הארבסט־צײַט בליצט ניט, און ווינטער — אוודאי ניט, — האָט ער צוגעגעבן, און געווען

איז אין אָט די ווערטער צי א מין דערלויבעניש צו זײַן אָפנהארציק, צי שאָדנפרייד, וואָס ניט ער איינער האָט געוווסט, וועמען ער מיינט דערמיט, נאָר ער איינער האָט זיך געקאָנט דערלויבן.

די, וואָס זײַנען געגאַנגען לעבן אים, האָבן דעם געשפּרעך ניט אונטערגעהאַלטן.

די שטימונג באַם רײַכספירער איז, ווײַזט אויס, קאַליע געוואָרן. מע איז שטיין געבליבן באַם ברעג פון א טיפן יאר מיט ליימיקע און זאמדיקע אָפּהאַנגען. דער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון א זײַט, געריסן די בלעטער פון ביימער און קוסטעס, איז מיט א פײַף אַראָפּגעפאַלן אין געדרייטן יאר — א שטילן פײַף, וואָס האָט דערמאָנט דאָס פישטשען פון א קינד אין ווינדעלעך. הימלער האָט געשוויגן. און אַלע האָבן געשוויגן. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן צו קאָכן:

— נו, גאָוליטער, נו, ליבער עריך, איצט וויסטו שוין, ווו מיר זײַנען? זאָגסט אַמאָל, אַז מיר באַגייען זיך מיט דער אינפאָרמאַציע, וואָס דו דאַרפסט באַקומען, ווי מיט אַן איי: פריִער זיצן מיר עס אויס און צו דיר קומט שוין א גרייט אייפעלע. זאָגסט אַזוי? איך ווייס, איך ווייס — דו זאָגסט. איז אָט האָסטו א צאַפּלדיקע נײַס. דער באַבי יאר! ניט נאָר דער פּאַלקאָווניק מיט זײַנע לײַט, וועלכע דו האָסט צוגעזאָגט א זאָנדערבאַהאַנדלונג, נאָר דער גאַנצער אָפיצערן־בלאָק, און דער קאָמיסאַרן־ און דער ייִדן־בלאָק, — וויפל בלאָקן מע האָט עס קאָנסערווירט! — זיי אַלע וועלן זײַן די ערשטע אינעם באַבי יאר. דער גענעראַל עבערגאַרדט וועט דאָס באַוואָרענען. פון זיי וועט אַראָפּגענומען ווערן א מאָס, ווײַל דער יאר דאַרף אײַנשלינגען אַלע ייִדן פון שטאָט... און דערווײַל וועלן מיר דאָ אָנרײַסן בלומען, — ער האָט א גלאַנץ געטאָן מיט די גלעזלעך אויפן יונגן אדיוטאַנט — יענער איז צוגעקומען מיט א בוקעט בלויע אַסטערס און העל־ראָזע גאָרטעניזיעס, פון וועלכע די בלעטעלעך האָבן ווו־ניט־ווו זיך אָפּגעשאָטן, — אַרעמלעך, אָטאָ, דאָס מאָל — בלאַסלעך! אַנו, רײַס אָן א ביסל פעלד־בלומען — ווילדע, בונטע! און דאָרטן, אונטן, זײַנען פאַפּאָרטן!..

געזאָגט דאָס, האָט הימלער האַסטיק זיך אויסגעקערעוועט צו אייכמאַנען:

— איר שענקט אַמאָל אַזעלכע מאַטאָנעס פרויען, שטורעמבאַנפירער? איך וואָלט אײַך ראַטן דאָ אויך אָנרײַסן בלומען — זיי זײַנען אײַערע.

— איך שענק בלומען מײַן ווײַב, איין מאָל אין יאָר, צו איר געבורטסטאָג, ווײַסע רויזן, — האָט אייכמאַן געענטפערט. ער האָט וועגן דער „לאָרעלײַ פון שפּרייע" גאָרנישט ניט געוווסט און באַשטימט, אַז באַשיידנקײַט וועט איצט אַמערסטן פּאַסן.

6

די אַכזאָריִעסן אין שטאָט האָבן זיך פאַרשטאַרקט מיט יעדן טאָג, וואָס די פאַשיסטן האָבן זיך דאָ געפונען. אין דעם פאַל האָט זיך ניט באַרעכטיקט טיכאָן וואַסיליעוויטשעס האָפענונג — אַז עקסצעסן קומען פאָר בלויז די ערשטע צײַט, ווען די מאַכט בײַט זיך. אויף קיין בעסערס האָט ער, געוויינלעך, ניט געוואַרט, מילכאָמע בלײַבט מילכאָמע, נאָר ווי־ניט־איז וועט מען שוין געווינט ווערן צו די צאָרעס, ביז די צײַטן וועלן זיך ווידער בײַטן. אוועקלאָזנדיק זיך מיט עדיקן קיין גאָגאָלעווע, האָט ער געקלערט, אַז מע וועט אַפילע ניט באַווײַזן דערעסן די קרויווים, באַ וועמען מע וועט דעם פריטולעק בעטן. ווען די כמאַרע וועט זיך איבערוקן ווײַטער, וועט מען ווידער קומען קיין קיִעוו.

אַלץ, אויף וואָס טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט זיך אָנגעקוקט אין דאַרניצע און אויפן היפּאָדראָם, האָט אים אָנגעפילט מיט ייִעש. דאָך האָט ער נאָך געטראַכט: „וואָס פאַר אַן אַרעסטאַנטן זײַנען מיר, מע וועט זיך פאַנאַנדערקלײַבן".

דער צופאַל מיט ליאָניע קרעמעזן און דאָס, ווי מע האָט ביכלאַל געכאַפּט מענטשן, האָט שיִר ניט אײַנגעבראָכן דעם אַלטן. „עק וועלט, ניטאָ אויף וואָס צו האָפן, בעסער אַוועקלייגן זיך באַם פּלויט און אויסהויכן די נעשאָמע", — האָט ער געטראַכט. אָבער די זאָרג וועגן עדיקן האָט אים ניט געלאָזט אינגאַנצן פאַרצווייפלט צו ווערן.

עס איז אים געקומען אין קאָפּ אַפילע אַזאַ געדאַנק: פאַרופן זיך אויפן עלטערן זון, אויף פּעטרוסן. ניט צוליב זיך — צוליב דעם ייִנגל. נאָר ער האָט דאָס אַלע מאָל אָפּגעוואָרפן. ביז עדיק האָט נאָך ווי־ניט־איז איבערגעטראָגן דאָס לעבן אין לאַגער, ביז ס'איז קיין ערגערס ניט געשען, האָט ער קיין שום גנאָד פון די דײַטשן, קיין שום מיטלײַד זייערן דערלאָזן ניט געוואָלט. און ביכלאַל איז סײַ דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיטן עלטערן זון, סײַ דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיטן ייִנגערן, מיט גנאַטן, געוועזן זײַנע א פּײַן, וואָס ניט איצט איז די צײַט אַרויסצושטעלן זי, און ווער רעדט — לינדערן.

אַז פּעטרוס האָט אַליין זיך אָפּגערופן, אַז ער איז טאַקע אין קיִעוו, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש א קלער געטאָן אינעם ערשטן מאָמענט, ווען דאָקיע סטאַסאָוונע איז אין דער באַגלייטונג פון א פּאָליצײַ געקומען אַרויסנעמען אים און עדיקן פון לאַגער. דעם אַלטנס האַרץ האָט מאַמעש זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע רעגעס, פאַרפּלייצט פון ווידערשפּרעכלעכע געפילן. וועגן געשפּרעך

מיטן געהיימניספולן גאַסט יענעם אָפּדערנאַכט, איידער די דײַטשן זײַנען אַרײַן אין שטאָט, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש גאָרנישט ניט דערציילט דעם ווײַב, דערין אויך וועגן דעם גרוס פון פּעטרוסן. איצט האָט בא אים שיר ניט אַרויסגעכאַפּט זיך: „פּעטרוס איז דאָ?“ ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָקיע סטאַסאָוונע האָט באַמערקט באַם טויער עפּעס אַן עלטסטן, וועלכער האָט איר אויסגעזען קענטלעך, זי האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים מיט אירע קאַליע אויגן, האָט ער זי געפרעגט, וואָס טוט זי דאָ, און דערבאַרעמט זיך אָף איר. אַ ביסל אַ מאָדנע געשיכטע, נאָר פּעטרוס איז דאָס ניט. קיין טעאַטער וואָלט ער מיט דער מאַמען ניט געשפּילט. און זי אים וואָלט אויך דערקענט. פּאַשעט, אַנדערע באַצאָלן די פּאָליצײַען און שלעפּן אַרויס פון לאַגער זייערע אייגענע און פרײַנט, און דאָקיע סטאַסאָוונע האָט זיך אויסגעבעריעט אָן קיין שום געצאָלטס, און אַפילע אַרויסגעכאַפּט פונדאַנען אַ דריטן — דעם שאָכן סעניע נאַכשענען, מיט וועמעס עלטערן מיידעלע עדיק כאַוועדט זיך.

נאָך גייענדיק פון היפּאָדראָם — פאָרן איז ניט געווען מיט וואָס און פון פּעטשערסק ביז אַנדרייעווסקי ספּוסק איז אַ היפּשער מעהאַלעך, אייגנטלעך, דער גאַנצער צענטער, — האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש פאַרשטאַנען, אַז דער כילעק צווישן דעם לאַגער און דער שטאָט גופע איז ניט גאָר קיין גרויסער. פּאַשעט, דער ראַדיוס איז דאָ גרעסער. געהאַנגענע, דערשאָסענע, אויפגעפּראַלטע טירן, אויסגעזעצטע שויבן. דײַטשן לאָדן אָן אָף מאַשינעס, אָף מאַטאָציקלען דאָס האָב־און־גוטס פון די פּוסטע דירעס. אופרײַסן. סרייפעס. גוואַלדן. אַ שיסערײַ. זעלטן וועך עס באַווײַזט זיך אין גאַס. אָף יעדן ראָג טיטשעט מען דיר אין פּאָנעם אַרײַן אַ באַגנעט, די רער פון אַן אויטאָמאַט — ווער ביסטו, וווהין גייסטו? נאָר אַפילע ניט דאָס האָט אַזוי געדריקט. די קלאַנגען, די פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט שוין אַליין פון דאָקיע סטאַסאָוונען, כאָטש זי האָט זיך, צו זען, געביסן די צונג, געפּלײַסט זיך ניט פאַרומערן די פרייד פון דעם, וואָס ער, און עדיק, און דער שאָכן, דער פאַבריקמאַכער סעניע, זײַנען פרײַ. און ערשט אין דער היים, אין הויף, האָט אין דער גאַנצער הוילקײַט זיך אַנטפּלעקט דער אומגליק, וואָס האָט געטראָפן די שטאָט. גראָד אין אָט דעם געוויינלעכן פּאָדאָלער הויף, אין די צעבראָכענע גוויראָלעס פון מענטשן, וועלכע טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט גוט געקענט, האָט אַלץ באַזונדערס בוילעט זיך אָפּגעשפּיגלט. און טאַקע דאָ האָט ער זיך דאָס ערשטע מאָל פאַרטראַכט, אַז דאָס ביטערסטע, דאָס שווערסטע איז ניט פאַרבײַ, עס שטייט ערשט פאָר.

מע האָט נאָר געמיטן דעם טויער, ווי עס האָט פון אַ טונקעלן קיך־פענצטער, וואָס קומט אַרויס אינעם לאַנגן, נידעריקן אײַנפאָר, זיך דערטראָגן אַ שטאַרק געוויין.

— מאַריקע? — האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש געפרעגט באַם ווײַב. — וואָס איז מיט איר, ווייסט ניט?

— ...אוי, מע לאָזט מיך צו אים ניט צו, און ער הענגט דאָרט אַזאַ שרעקלעכער, גרישע! — האָט בוילעטער זיך דערהערט דאָס געיאָמער פון דער יונגער פרוי.

דאָקיע סטאַסאָוונע האָט הינטערווײַלעכס אַ שטויס געטאָן דעם אַלטן, אַ שלעפּ געגעבן פאַרן אַרבל דעם שאָכן, זיי זאָלן גאָרנישט ניט פרעגן, און אָנגעוויזן אָף עדיקן, וועלכער האָט, אַ דערפרייטער, וואָס מע איז שוין אין דער היים, זיך אַרויסגעריסן עטלעכע טריט פאָרויס און איצט שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער.

— גאָרנישט, גאָרנישט, — האָט דאָקיע סטאַסאָוונע אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט צום יינגל, — מאַלע וואָס... גיי! — און שטילער, ווען עדיק איז אַוועק ווײַטער, דערקלערט: — מע האָט אים צוויי טעג צוריק צוגענומען פון דער היים, גרישען, און אויפגעהאַנגען מיט די אָרוועסלײַט אָפּן קאָנטראַקטן־פּלאַץ. פוקסאַ האָט אָף אים אָנגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ לייטענאַנט.

— פוקסאַ? אונדזער פוקסאַ? — האָט איבערגעפרעגט דער פאַבריקמאַכער.

די אַלטע האָט געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— דאָס איז טאַקע שלעכט, וואָס אונדזערער.

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט זיך דערמאָנט: פאַראַיאָרן, אָף מאַריקע פּאָלישטשוקס און גריצקאָ בויקאָס, צוויי יונגע לערערס, כאַסענע, — מאַריקע איז אויסגעוואַקסן דאָ אין הויף, און גריצקאָ איז אויך פון אַנדרייעווסקי ספּוסק, געלעבט אַ ביסעלע אַרופצו, באַם קלויסטער, געיאָגט זיך נאָך טויבן, געגאַנגען מיט וועגטקעס צום דניעפּער, און געצויגן זיך אַלץ העכער, אַ שוואַרצכיינעוודיק באָכערל, געוואָרן שלאַנק, ברייטפּלייציק, — איז אָט אָף יענער כאַסענע, מיט וועלכער די גאַס האָט גערוישט, האָט נאַזאַר פוקסאַ געהאַלטן זיך אַלס גאָר אַ וואַזשנער מעכוטן, העכער פון אַלעמען געשריגן „ביטער“, געווונטשן גליק און אַ סאַך קינדער דער נײַער פּאָר. נאַזאַר פוקסאַ, דער בוכהאַלטער פון ווינ־פאַרוואַלטונג, אַן אָנגעגאָסן, לײַביק מענטשל, מיט אַ געלבלעך־רויטן קאַבאַק־פּענעמל, אַ דורכגעוועבטס מיט סקלעראָטישע אָדערלעך, באַזונדערס די נאָז, האָט זיך באַוויזן אין הויף מיט אַ יאָר צען צוריק, געקומען ערגעץ פון דער וואָלגע. אָף דער אַרבעט — אַ

כניפעדיק־פלײַסיקער, אויב מע דארף זיך אויספײַנען, און ביכלאַל אזא, וואָס טשעפּעט זיך צו יעדער קלייניקייט, האָט ער געלעבט אין הויף אָפּגעזונדערט, אין א ווײַטן ווינקל, א פּאַרוואַק־סענעם מיט פּליושטש, ווו ס'איז שטענדיק געווען שטיל, בלויז פון צײַט צו צײַט פלעגט זײַן ווײַב, א פּולע, א בלאַסע, ווי דורכויס פון אופגעגאַנגענעם טייג, ארויסלויפן אין הויף מיט א טומל, אז ער שלאָגט זי, און נעמען זיך בא דער קלאַנקע צולייגן קאַלט וואסער צו די בײַלן. אים, נאזאר פוקסא, האָט מען א צעקאסטן, א צעבושעוועטן קיינמאָל אין הויף ניט געזען — שטענדיק צוריק־געהאַלטן, מיטן שמייכעלע, נאָר מיט א קאַלט־שטעכיקן בליק, ווי בא דעם יאָזשיק, אָן אַלטן און וויניק באוועגלעכן, וועלכן ער און דאָס ווײַב האָבן געכאָוועט, — קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט.

— אזוי, פוקסא... — האָט טיכאָן וואסיליעוויטש געזאָגט אָן פאַרוווּנדערונג, בלויז ווי באַ־שטעטיקנדיק די אייגענע געדאַנקען.

— ער איז גאָר, לאָזט זיך אויס, פוקסא, א דײַטש צי א האַלבער דײַטש, — האָט דאָקיע סטאַ־סאָוונע דערקלערט, — און איז אין דער ווײַן־פאַרוואַלטונג שוין קיין ניט בוכהאַלטער, נאָר דער גלאַוונער. און מיר האָבן דאָ נאָך א גלאַוונעם אין הויף — דעם פּראָפעסאָר, וואָס וווינט צו דער גאַס־צו, אפן דריטן שטאָק, — אָזנאַבלינען. ער איז דער שטאַט־גאַלאַווא...

יענעם טאָג האָט טיכאָן וואסיליעוויטש זיך אָנגעהערט א סאך נײַס — שכיינים זײַנען געקו־מען באַגריסן אים מיטן אומקערן זיך פון לאַגער, אויספרעגן, עפּשער האָט ער עמעצן דאָרט געזען פון די זייעריקע, און יעדערער האָט עפּעס־וואָס דערציילט. ער האָט דאָס אַלץ ווי דורכגעזיפּט, דער אַלטער, בא זיך אין מויעך. פיל איז געווען אזוינס, וואָס וואָלט געקאָנט פּאַסירן אויך בייסן בירגערקריג, ווען די דײַטשן, די ווײַספּאָליאַקן צי די פּעטליוראָוועצעס זײַנען געווען אין שטאָט. איניקע זאכן אָבער האָבן אים באַזונדערס דערשיטערט, און ניט בלויז מיט דעם אַליין, וואָס האָט פּאַסירט, — געצוווּנגען פאַרטראַכטן זיך, ווי ווײַט די ווילדקייטן קאָנען פאַרגיין, און אז ער מוז עפּעס פאַרנעמען.

סעניע נאכשענס אָן עלטערע שוועסטער, קלאַרע, א קליינינקע, מיט א גוידער און שוואַרצע, ארויסשפּאַרנדיקע אויגן, איז געקומען פון א ווײַטערער גאַס, פון דער מעזשיגאָרסקע, זיך זען מיטן ברודער, ארײַן צו די קאַלינקעס, קעדיי באַדאנקען זיי — דעם ברודערס רעטער, און שפּ־טשענדיק — אזוי האָט זי גערעדט, מאכמעס דער האַלדז איז בא איר שטענדיק קראַנק געווען — דערציילט, אז אינעם שטעטל, פון וועלכן זי שטאמט, אין אָבוכאָוו, האָבן די פאַשיסטן פאַר איין טאָג אויסגעשאָסן אַלע יידן. עס האָט פון דאָרט ארויסגעריסן זיך אירע אָן אמאָליקע כאַווערטע, וועלכע איז עפּשער די איינציקע לעבן געבליבן. זי האָט געמוזט, קלאַרע, אָפּפירן אהער דעם ברוד־דערס עלטער מיידעלע, עסטערקען, וועלכע זי האָט געהאַט גענומען צו זיך, ווען מע האָט סעניען מאָביליזירט. דאָס קינד טאָר גאָר אזוינס ניט הערן, וואָס די כאַווערטע דערציילט, מע קאָן פון זינען אראָפּ, און זאָל ביכלאַל דאָס מיידעלע זײַן בא טאַטע־מאַמע אין אזא גרויליקער צײַט.

— אָבוכאָוו? — דאָקיע סטאַסאָוונע האָט שוין שלעכט געהערט, וואָס קלאַרע האָט ווײַטער דערציילט. — ער איז דאָך ניט ווײַט פון קיעוו, יענער אָבוכאָוו?

— יאָ, נאָענט, א קילאָמעטער פערציק.

— איז עפּשער דאָרט עפּעס פאָרגעקומען, וואָס האָט אזוי צערייצט די דײַטשן?

— גאָרנישט איז ניט פאָרגעקומען. ניין, גאָרנישט איז ניט פאָרגעקומען.

— איז עפּשער א שיקערע קאָמאַנדע? א שלעכטער נאַטשאַלניק?

— מיסטאמע, — קלאַרע איז אפילע גרייט געווען גלייבן אין דעם, נאָר איינציײַטיק האָט איר פּאָנעם, וואָס איז מיטאמאָל פאַרשלאָסן געוואָרן, אויסגעדריקט: „נו, יאָ, ווי קאָנט איר דאָס באַנעמען?"

טיכאָן וואסיליעוויטש האָט פאַרשטאַנען דעם גאַסטס צושטאַנד און געשוויגן.

דאָס צווייטע, וואָס האָט באַזונדערס אופגעטרייסלט דעם אַלטן, איז געווען דער פּאַל מיט לעסיע דראַבאַט. ער האָט דורכן פענצטער זי געזען דורכגיין אין הויף און געכאַפּט זיך, אז זי איז אינגאַנצן א גראָוע. דאָס איז געווען א יונגע, שיינע פרוי, א שוואַרצע, און פלוצעם — ווײַס, ווי א טויב. דער מאַן אירער האָט געדינט אין אוויאַציע, עפּשער איז מיט אים עפּעס געשען?

— געגנוג שוין דיר צו פרעגן! — האָט דאָקיע סטאַסאָוונע זיך א בייזער געטאָן.

א שאָכן, וואָס איז פונקט ארײַן אין שטוב, האָט דערציילט.

— פונעם מאַן האָט זי גראָד קיין יעדיִע ניט, לעסיע. א פּלעמעניק זײַנער איז צו איר אראָפּ־געקומען שוין בא די דײַטשן. ניט קיין היגער, א זשיטאָמירער. איז צי ווײַל ער איז א ייִד, צי ווײַל ער האָט געאַרבעט אין קאָמיוג — ער פלעגט דאָ פריִער זײַן גאַנץ אָפט און מע האָט אים געקענט אין הויף, — נאָר עמעצער האָט צו וויסן געגעבן אין זשאַנדאַרמעריע, גיכער פון אַלץ פוקסא, און מע איז געקומען נאָך אים. ווו זי האָט אים שוין דאָרט באַהאַלטן, לעסיע, — באַהאַלטן האָט זי אים

אין א זיכער אָרט, און עפשער אפילע אָפגעשיקט אים ערגעץ באַצײַטנס, נאָר די פאשיסטן האָבן זי געשטעלט צו דער וואנט פארן קינד, פאר וולאדיקן, אין די אויגן, און איינער, וואָס שיסט גוט, האָט אין איר ארויסגעלאָזט איינס נאָך איינס — מענטשן האָבן אָנגעציילט — אכט און צוואנציק קוילן, ארומגעשאָסן זי פון אלע זײַטן, און זי האָט געשוויגן, בלויז אזא־אָ, א ווײַסע געוואָרן...

„און איך? — האָט בא זיך אליין געפרעגט טיכאָן וואסיליעוויטש. — איך וואָלט אזוינס ארויסגעהאלטן, ווען מע קומט נאָך עדיקן? און דאָקיען?“ — ער האָט פארשטאנען, אז ענטפערן אף אזוינס קאָן מען פון פאָרויס קיינמאָל ניט. מע דערוויסט זיך דאָס דעמלט, ווען מע שטייט שוין פארן ניסאָיען. און די געדאנקען האָבן אים געפירט אלץ ווײַטער: „מע טאָר ניט זײַן, ווי אַן אָקס, ווארטן אף דעם, וואָס וועט פאסירן. מע דארף באוואָרענען דאָס ייִנגל. פוקסא געדענקט גוט, ווער עדיק איז. אויב עס וועט אויסקומען, וועט ער לאנג ניט קלערן. פוקסא צי עמעץ אנדערש, מע קאָן דען וויסן — ווער...“

צוויי וועגן זײַנען געווען אף באוואָרענען עדיקן. איינער — דער, מיט וועלכן טיכאָן וואסיליעוויטש האָט אין לאגער זיך ניט געוואָלט באנוצן, — פרווון געפינען פעטרוסן צי כאָטש עמעצן צווישן די אָנגעקומענע, וואָס קענען אים, מע זאָל בייס א נויט־פאל קאָנען אויסרעכענען אף זייער שוץ. דער צווייטער — ווענדן זיך צו איוואן איוואנאָוויטש סילינען... דאָס איז געווען א מענטש, וועמעס נאָמען מע האָט בא די קאלינקעס ארויסגעבראכט מיט גרויס דרערכערעץ און שטאָלץ. טיכאָן וואסיליעוויטש האָט אים קיינמאָל ניט געזען, געוווּסט בלויז, אז ער וווינט אף דער באנקאָווסקע, אף פעטשערסק, אז ער איז קראנק, קימאט בלינד, אז זײַנע קינדער זײַנען שוין אויסגעוואקסן און זיך פאנאנדערגעפאָרן ווער־וווהין, בלויז עפּעס אַן אלטיטשקע באדינט אים. עדיקן האָט צו סילינען, צום דאָקטאָר פון מאטעמאטישע וויסנשאפטן, אָפגעפירט דער לערער פון שול, סילינס א געוועזענער שילער, און שוין צוויי יאָר, אז דער געלערנטער פירט אָן מיטן ייִנגל. אויב עדיק קומט ניט א לענגערע צײַט צו סילינען, רופט יענער אים ארויס מיט א קארטל. איידער זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט קיין גאָגאלעווא, איז עדיק געווען בא איוואן איוואנאָוויטשן, הייסט עס, אז ער מוז אויך איצט זײַן הי. אזא מענטש וועט ניט אָפזאָגן נעמען צו זיך דאָס ייִנגל, און בא אזא מענטשן וועט מען אוודע ניט זוכן. ס'איז נאָר, וואָס ווער ווייסט, ווי עדיק וועט זיך צו דעם באַציִען, — ער קאָן נאָך ניט וועלן אָנרירן איוואן איוואנאָוויטשן, זײַן אים צו לאסט. און דאָך האָט טיכאָן וואסיליעוויטש געטראכט, אז איידער ער וועט טאָן דאָס ערשטע, וואָס ער ווייסט נאָך פאָרט ניט, צי ער וועט דאָס טאָן, דארף ער טאָן דאָס צווייטע — ווענדן זיך צו סילינען. עדיק האָט זיך געקליבן מאָרגן צו אים מיט עפּעס א נײַס, וואָס ער האָט אויסגעכעזשבנט אין לאגער, — וועט ער שוין גיין צוזאמען מיט אים.

7

אין דער צײַט, ווען טיכאָן וואסיליעוויטש האָט אזויפיל געטראכט וועגן דעם, ווי באוואָרענען עדיקן, באשיצן אים פונעם בייזן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט, האָט עדיק פאָשעט זיך געפרייט, און ניט סטאם מיט דער היים, נאָר מיט דעם, וואָס איז געווען בא אים צום אלעמערשטן דער אויסדרוק פון היים, — מיט די מאטעמאטישע ביכער, וואָס האָבן פארנומען דעם אויבנאָן אף זײַן עטאזשערקע, מיט די העפטן און איינצלנע זײַטלעך, פארשרייבענע מיט פאָרמולעס.

ער האָט זיך, געוויינלעך, ארומגעוואשן אין דער מולטער מיט וואסער, וואָס דאָקיע סטאסאָוונע האָט אָנגעווארעמט פאר אים, איבערגעטאָן זיך אין ריינעם, ארומגעשוירן זיך טאקע באם שאָכן, בא סעניע נאכשענען (פון גיין אין א שערערײַ איז גלײַכער געווען זיך אָפזאָגן), — דאָס אלץ האָט פארשאפט האנאָע דעם גוף, נאָר אופגענומען האָט זי דאָס ייִנגל, ווי ניט דורך צוויי, נאָר דורך פיר הויטן. אים האָט אויך געפרייט אלץ, וואָס די אויגן האָבן געזען: באקאנטע פענעמער, דער הויף, ניט גאָר קיין גרינער און דאָך א געמיטלעכער, מיט צונויפגעדריקטע הײַזקעס און קעמערלעך, ארומגערינגלטע מיט הויכע מויערן. אין שטוב איז ליב געווען צו זען דעם זעלבן קרומלעכן קיך־טיש מיט ביז די סוקעס אויסגעריבענע ברעטער פון שאָבן און וואשן אים, די בלומען־טעפּ אף די פענצטער, די קאלאטשיקעס, וואָס האָבן ערשט איצט זיך צעבליט, דעם געשניצטן אלטן קאָמאָד אין „זאל“, די בענקלעך מיט גאלקעס פון אויבן אף די ווענטלעך; איין בענקל האָט ער אפילע אופגעהויבן פאר א פיסל באם סאמע דיל — אזוי האָט ער אלעמאָל ליב געהאט אויספרווון די קויכעס — און געבליבן צופרידן: ניט אינגאנצן אָפגעשוואכט געוואָרן. נאָר פארכאפנדיקער פון אלץ איז געווען די פרייד, וואָס ער האָט ווידער געהאט די ביכער זײַנע, וויידער אומגעשטערט געקאָנט פארטיפן זיך אין די ראציונעס, וואָס האָבן אים געפירט, ווי איבער אַן אומענדלעכן וועג, ווו עס אנטפלעקט זיך קעסיידער עפּעס נײַס און ווו ער זוכט אָפּ פארבאָרגענע דורכגענג, קעדיי ארײַנדרינגען אין געהיימניספולע פעסטונגען.

ער האָט געהערט די שטילע שמועסן אין קיך וועגן די פּאַשיסטן, און ווען ער זאָל אַפילו ניט געווען הערן, האָט ער אַלצײַנס געדענקט וועגן זיי. פּונקט ווי אַ שוואַרצער שטראָם, וואָס גיסט זיך אַרײַן אין אַ קלאָרן, אַ זוניק באַשײַנטן טײַך און מישט זיך ניט אויס מיט אים, זײַנען געווען די געדאַנקען וועגן דעם, וואָס אַרום קומט פאָר. און כאָטש ער האָט שוין געזען דעם לאַגער און אַלץ, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, צי עפּשער טאַקע ווײַל ער האָט אים געזען און געראַטעוועט זיך פון דאָרט, האָט ער דאָס שלעכטס אָפּגעשאַצט אַף זײַן אויפן — עס איז געווען פאַר אים בלויז ווי אַ בייזער כאָלעם, בייס וועלכן מע פּײַניקט זיך, נאָר מע ווייסט, אַז ווען מע וועט זיך אויפכאַפּן, וועט אַלץ זײַן ווי פריִער. און אַפילו גאָר אַזוי: יאָ, טאַקע שלעכט, און לאַכלוטן ניט קיין כאָלעם, נאָר דאָס, וואָס איז מיר ליב, איז מײַנס? מיט מיר, אין מיר? וועגט דאָס אַריבער...

אָט אין אַזאַ שטימונג איז עדיק געקומען צו די נאַכשענס זיך שערן, געזעסן אַף אַ בענקל אינמיטן צימער, אַרומגעדעקט מיט אַ לײַלעך, וואָס איז פאַרשטעקט געווען באַם האַלדז, און סעניע, אַ הויכער, אַ ביינערדיקער, מיט אַ פּליך — אַ מענטש פון אַריבער די פערציק, וואָס ניט דער באַכערשער נאָמען „סעניע" פּאַסט אים שוין ניט, אַ טאַטן פון דרײַ קינדער, ניט דער פּליך פּאַסט אים ניט — פאָרט נאָך צו יונג פאַר אַזאַ הוילן שאַרבן, — סעניע האָט, קלינגענדיק מיטן שערל, אים אַרומגעכאַפּט די קוטשערן און געכאָכמעט זיך, אַז עפּשער איז קעדײַ, ער זאָל אים צום ערשטן מאָל אַראָפּשאָבן דעם פּוך פון די באַקן. מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און עס זײַנען אַרײַנגעקומען סעניעס שוועסטער, קלאַרע, און נאָך איר — עסטערקע.

— עדיק! — האָט עסטערקע אויסגערופן, נאָך איידער זי האָט געזאָגט „טאַטע!" (זי האָט דעם טאַטן ניט געזען ניט ווייניקער, ווי עדיקן); אויך דער מאַמען, וועלכע איז ווי געוויינלעך געלעגן אַף דער אויסגעבעטער קאַנאַפּקע דאָ אין עסצימער — זי קרענקט פון זינט דעם לעצטן קימפּעט, — האָט עסטערקע ניט געשענקט איר ערשטן אויסגעבענקטן אויסגעשריי און איר שײַנענדיקן בליק, ניט די קלענערע שוועסטערלעך, וואָס זײַנען סטאַטעטשנע געזעסן, איינע לעבן דער מאַמען אַף דער קאַנאַפּקע, די צווייטע אַף איר פוסבענקעלע. — עדיק איז דאָ!.. — אָבער אַרומגענומען און צעקושט האָט זי זיך מיט אַלע אייגענע, און צו אים בלויז פון דער זײַט אַ דריט מאָל געזאָגט: — עדיק...

ער איז אַוועק אַן אונטערגעשווירענער, און די גאַנצע צײַט האָט אין זײַנע אויערן געקלונגען דער דאָזיקער „עדיק", וואָס האָט פאַרמאָגט אַלע טיפסטע און פאַרבאָרגנסטע אינטאָנאַציעס פון פרייד, גליק, אַנציקונג, צאַרטקײַט און קינדערשער שטיפערישקײַט. און וואָס ער האָט שוין ניט געטראַכט און ניט געטאָן דערנאָך, האָט ער געזען פאַר זיך די שלאַנקינקע, שוואַרץ־געקרײַזלטע עסטערקע, מיטן קלאָר־ווײַסן פּאָנעם, אַף וועלכן עס גליִען גרויסע, טונקעלע אויגן, און עס זײַנען ווי מיט אַ דינסטן פּענדזל אָנגעמערקט פּיצינקע נאָזלעכלעך פון אַ געטאָקט נעזל, קאַפּריז־מילדע ליפּן און רויטע פלעקן אַף די באַקן.

עסטערקע, אָט דאָס שלעקל, ווי מע האָט זי אין הויף גערופן, איז זינט דעם פאַרגאַנגענעם פרילינג געוואָרן אַן אַרײַנגייערן צו די קאַלינקעס (ביז דעם האָט עדיק, וועלכער האָט באַזונדערס מיט קיינעם זיך ניט געכאַווערט, ווען־ניט־ווען געשפּילט מיט איר אין הויף, ווי מיט אַנדערע מיידלעך און יִינגלעך). זי האָט זיך געלערנט אין אַן אַנדער שול, ניט אין דער, אין וועלכער עדיק האָט געלערנט, דערבײַ נידעריקער פון אים אַף אַ קלאַס, אין אַכטן, און אַזוי־ווי ער האָט געשעמט פאַר אַ מאַטעמאַטיקער און זי האָט צוגעהונקען אין דעם פראַט, פלעגט זי קומען, ער זאָל איר אַרויסהעלפן. אָט אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. ער האָט איר איבערדערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געלייענט, פאַרטראַכט, געכעזשבנט, און זי אים — וואָס זי האָט געלייענט אין די ביכער „פאַר דערוואַקסענע". ווײַל ער האָט פאַר יענע ביכער קיין צײַט ניט געהאַט. אַוואַדע האָט זי ווייניק־וואָס פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער האָט איר דערציילט, פּונקט ווי אים האָט אָפּט געכידעשט, וואָס זי ווייסט דאָס, וועגן וואָס זי האָט אים דערציילט, און דאָך האָט ער זי געדאַרפט, עסטערקען, פאַר זײַנע טרוימען, פאַר זײַנע כאַלוימעס, און זי, זי האָט אים, ווײַזט אויס, אויך געדאַרפט, ווײַל קומען פלעגט זי, אייגנטלעך, אָפטער צו אים, ווי ער צו איר.

איז זי אויך דאָס מאָל געקומען צו אים סאָף טאָג. ער איז געווען באַ זיך אין צימערל, און זי האָט אַרײַנגעגליטשט זיך אַהין מיט אַ זײַט, שטיל, ווי אַ זון־העזועלע. שטיין געלאָזט באַם שוועל די לײַכטע, היפּש אָפּגעטראָגענע זומער־שיכלעך, און אַוועקגעזעצט זיך אַפן ברייטן, נידעריקן אָפענעם פענצטער, האָט זי אײַנגעמאָסטעט זיך אַף אים מיט די באָרוועסע פיס, אָנגעצויגן אַף זיי דאָס געפּאַלדעוועטע קליידל אַזוי, אַז עס האָבן זיך אַרויסגעזען בלויז די פינגער, אַרומגעכאַפּט די קני מיט די הענט, אָנגעשפּאַרט אין די קני דעם קין. דאָס איז געווען איר באַליבט אָרט און איר באַליבטע פּאָזע. און עדיק האָט געדאַרפט זיצן אַנטקעגן אַפן בעטל און דערציילן עפּעס אָדער הערן, וואָס זי דערציילט.

זי האָט גענומען דערציילן, אף וואָס זי האָט זיך אָנגעקוקט, גייענדיק אהער פון דער מעזשיגאָרסקע. מער פון אלץ האָט זי דערשיטערט דאָס געשריי פון א מיידל, וועלכע איז אין א צעריסענעם קאָפטל ארויסגעלאָפן אף א באלקאָן און גענומען רופן, מע זאָל איר העלפן, ראטעווען זי, און א פאָליציַי האָט זיך אויך באוויזן אפן באלקאָן, אריַינגעשלעפט זי צוריק אין צימער.

— און קיינער איז ניט ארוף אהין, קיינער, פארשטייסט, — האָט עסטערקע שטיל געזאָגט, — קיינער איז אזוי ווי ניט געווען אף דער גאס, נאָר דאָך — עמעצער איז געווען...

עדיק האָט געשוויגן, וויַיל ער האָט אויך געקאָנט דערציילן טרויעריקע געשיכטעס, נאָר ניט געוואָלט — ס'איז פאר אים גענוג געווען דאָס טרויעריקע, וועגן וואָס מע האָט אין קיך מיט צוגעדעמפטע שטימען גערעדט. ער האָט א קלער געטאָן, אז עסטערקע וועט באלד אוואדע פארפירן א רייד וועגן אָבוכאָוו, וועגן דער איינציקער גראטעוועטער פון דאָרט, און קעדיי זי זאָל ניט רעדן דערפון, און טאקע וויַיל ער האָט געהאט גרייט פאר איר גאָר עפעס אנדערש און אומגעדולד און פארבאָרגענער שטאָלץ האָט אים באהערשט, האָט ער גענומען דערציילן וועגן דיריכלען. ער האָט אפילע אָנגעהויבן א ביסעלע פון דער וויַיט, קעדיי צונויפבינדן דאָס, וואָס ער האָט שוין אמאָל דערציילט, מיט דעם, וועגן וואָס ער האָט זיך איצט געקליבן דערציילן. עסטערקע האָט א דערוואָרגענעם גענעץ געטאָן, נאָר געקוקט אף אים מיט פינקלענדיקע אויגן, אין וועלכע ס'איז געווען מער אנציקונג, ווי אופמערקזאמקיַיט. יאָ, געאָמעטריע איז א שלאנק געביַי, אין וועלכן עס רופן אידעאל זיך איבער אי סטיל, אי הארמאָנישע שיינקיַיט. אלגעברע, פארקערט, דערמאָנט אן אָנהויפונג פון געביַיען פון פארשיידענע סטילן, דערביַי איז קיין איינס פון די געביַיען ניט פארענדיקט און וועט, מעגלעך, קיינמאָל ניט פארענדיקט ווערן, כאָטש יעדעס ווערט אלץ מער און מער אויסגעפורעמט. דער דיַיטשישער מאטעמאטיקער דיריכלע... עסטערקע האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס האָט ער אופגעטאָן, יענער דיריכלע, באנומען בלויז, אז עדיק האָט עפעס אויסגעפונען אזוינס, וואָס דיריכלע האָט פאָרויסגעזאָגט, אָבער אליין דאָס ניט געפונען, אויב, פארשטייט זיך, קיינער האָט עס פאר פיל יאָרן ניט אנטדעקט שוין נאָך דיריכלען.

— מאָרגן גיי איך צו איוואן איוואנאָוויטשן, — האָט עדיק פארקלערט א זיפץ געטאָן, — מאָרגן וועט ער זאָגן...

— זאָלסט מיר טייקעף דערציילן אלץ, ווי נאָר דו וועסט זיך אומקערן! — עסטערקע האָט דאָס ארויסגערעדט מיט היץ, באוויַיזנדיק ניט נאָר, אז זי איז שטארק פארינטערעסירט, נאָר אז זי גלייבט אין זיַין דערפאָלג, און כאָטש סיַי דאָס, סיַי יענץ איז געווען א ביסעלע איבערגעטריבן, איז בעפיירעש ניט איבערגעטריבן געווען א דריטס — איר פרייד, וואָס זי איז מיט אים צוזאמען און וואָס מע וועט אויך מאָרגן זיַין צוזאמען.

איצט, נאָך דעם, ווי ער האָט איר אויסדערציילט דאָס, וואָס פארכאפט אים און וואָס פאר איר איז עס יענץ כידעשדיקס, וואָס טיילט אים אויס פון אנדערע, איצט איז מען געוואָרן: ער — דער געוויינלעכער עדיק, א שלאנקער יאט מיט קאשטאנעווע קוטשערן, מיט ברייטלעכע, כאָטש ביינערדיק־פארשפיצטע אקסלען, וואָס דערמאָנען אלץ מער די אקסלען פון דערוואקסענע באָכערים, און זי — די געוויינלעכע עסטערקע, וואָס אין איר פאָנעם קאָן ער קוקן שאָענלאנג און וואָס עס ווערט אים, עדיקן, גאָר צומאָל א פאכעד צו קוקן אין דעם, קיין קויעך, קיין דרייסט קלעקט אזוי ווי ניט...

— אוי, האָסטו זיך דאָרט אָנגעמוטשעט, אין לאגער! אנו, קאָנסט נאָך איצט אויך אופהייבן יענעם־אָ שטיין? — עסטערקע האָט מיט א באוועגונג פונעם קאָפ באוויזן אפן שמאָלן דורכגאנג צווישן פענצטער און דעם הילצערנעם פלויט, ווו עס האָט זיך געזען דער קרומער שטאם פון א נוסבוים און שיטער ווילדגראָז. דאָרט, צופוסנס פונעם נוסבוים, איז געלעגן א פלאטשיקער שטיין, וועלכן עדיק האָט געוויינלעך אופגעהויבן מיט איין האנט — פריִער מיט דער לינקער, ביז זי איז ניט מיד געוואָרן, דערנאָך — מיט דער רעכטער.

— איך האָב שוין היַינט... — ער האָט געוואָלט זאָגן עסטערקען וועגן בענקל, נאָר אָפגעהאלטן זיך. צו וואָס — בעסער באוויַיזן.

א ליַיכטן שטויס געטאָן עסטערקען אין אקסל — זי איז טייקעף מיט א געלעכטער ארויסגעשפרונגען אין דורכגאנג, איז ער אויך ארויס אהין און גענומען אונטערהייבן דעם שטיין. ער האָט צוגעביסן א ליפ פאר אָנשטרענגונג, אפן שטערן האָבן זיך אָנגעמערקט אופגעלאָפענע אָדערן.

— אהא! אהא! — איז זי, רייצנדיק זיך מיט אים, אונטערגעשפרונגען, ווען ער האָט זיך א וואקל געטאָן און שיר ניט אָפגעלאָזט דעם שטיין, נאָר באלד אן אנציקטע אויסגערופן: — אוי, ווי שרעקלעך! קאָנסט, קאָנסט! לאָז אָפ!

ער האָט אופגעהויבן דעם שטיין העכער פונעם קאָפ, געהאלטן אים עטלעכע רעגעס אף אן

אויסגעצויגענער האַנט און אַ וואָרף געטאָן צו די וואָרצלען פֿונעם בוים. קלײנינקע הרודקעס ערד האָבן זיך אָנגעשאָטן אויף דעם ייִנגלס קוטשערן. עסטערקע האָט זיי געוואָלט אָפּטרייסלען, האָט ער דאָס אַליין גענומען טאָן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט פֿאָרוואָרף אין די צוגעזשמורעטע אויגן, פֿאַרדראָסיק אַ פּאָר מאָל אַ צי געטאָן מיטן נעזל די לופֿט. ווער ווייסט פֿאַרוואָס? און מיטאַמאָל פֿאַרשווערעריש אַ שמייכל געטאָן:

— לאָמיר אָנרייַסן ניס! האַ? קריך אויפֿן בוים...

— ניס? עס איז שוין עפּשער סאַכאַקל אַ צענדליק געבליבן, כעוורע האָט זיך ספּראַוועט.

— וועלן מיר קריכן העכער, אַבי מע קאָן נאָך געפֿינען!

— וועסט אויך קריכן? — אָט דאָס האָט שוין עדיק געפֿרעגט שטיל, ווייַל עס האָט אים מיטאַמאָל פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. עפּעס האָט ער איבערגעלייענט אין עסטערקעס בליק.

— אויך, — האָט זי אַרויסגעזאָגט נאָך שטילער.

מע איז געזעסן אויפֿן בוים, אַ צווייַג באַ אַ צווייַג, לעבן די פֿענצטער פֿונעם צווייטן שטאָק (די, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, זייַנען אַוועקגעפֿאָרן, אין די פֿענצטער איז פֿינצטער געווען), געקאַלופּעט מיט די נעגל און אַרומגעביסן מיט די ציין די ביטערע, האַרטע שאָלעכץ, דערנאָך דאָ טאַקע, אינעם שטאַם, צעקלאַפּט די ניס מיט שטיינדלעך, וועלכע מע האָט מיטגענומען. דעם בעסטן קיילעך פֿון יעדן נוס זייַנעם, די גאַנצע פֿערטלעך, האָט עדיק אַלע מאָל אָפּגעגעבן עסטערקען, און זי — אויך אַזוי, דאָס בעסטע אָפּגעגעבן אים. פֿון אָנהייב האָט מען געשפּאַסט. דערנאָך בלויז זיך איבערגעוואָרפֿן מיט איינציקע ווערטער, און וואָס ווייַטער — אַלץ מער געשוויגן. פֿאַרוואָס איז מען אַנשוויגן געוואָרן? און פֿאַרוואָס האָט מען שוין קיין ניס ניט געזוכט, און אויף דער ערד ניט אַראָפּגעלאָזט זיך, און נאָר געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע? אַ גרויער פֿאַרנאַכט האָט אַראָפּגענידערט אויפֿן פּוסטן באַרג־שיפּוי, וואָס פֿון יענער זייַט פּלויט. דאָרט האָבן זיך געזען קוסטעס, עפּעס אַ קעמערל, גאָר אויפֿן ראַנד — אַ פּאָר הייַזקעס. און איבער דעם אַלעמען — אַ גרויסע, גרינע לעוואָנע.

מיטאַמאָל האָט עסטערקע אַ לאַך געטאָן:

— אוי, סאַראַ שוואַרצע ציין באַ דיר זייַנען! און שוואַרצע ליפּן!

— און באַ דיר, מיינסטו, ניט? אויך שוואַרץ...

— וואַרט! — זי האָט גענומען אַריבערקלייַבן זיך פֿון איר צווייַג אויף זייַנער, — וואַרט, איך וועל דיר כאָטש אַרומווישן אַ ביסל דאָס פּאָנעם, אַנדערש וועט אויך מאָרגן ניט אַראָפּ...

זי האָט אַרויסגענומען אַ צונויפֿגעלייגט טיכעלע פֿון קעשענע, וואָס איז געווען אָנגענייט אויף איר ראָזן קאָפּטעלע, דאָרט, וווּ די ברוסט האָט עטוואָס אַ שפּיציקע זיך אָנגעמערקט, אייַנגענעצט אַ ברעגעלע אין שפּייַעכץ און גענומען רייַבן עדיקס קין, דערנאָך די באַקן נאָענט צום מויל. מיט דער פֿרייַער האַנט האָט זי אים געהאַלטן פֿאַר אַן אַקסל, געהאַלטן און אַלץ מער אַזוי ווי צוגעצויגן צו זיך. און עפּשער האָט ער זיך אַליין געצויגן צו איר? די רעגע, ווען זייערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן ביידע ניט באַמערקט, פּונקט ווי די לעוואָנע זאָל זיך האָבן אויסגעלאָשן, צי פֿאַרקערט — צעפֿלאַקערן זיך מיט אַזאַ העליש פֿייַער, אַז מע איז פֿאַרבלענדט געוואָרן. נאָר ניין, זי איז די זעלבע גרינע און שווייַגנדיקע, ווי פֿריִער, געשוווּמען איבערן הימל, ווי אין יענע אוראַלטע צייַטן, ווען די ערשטע פֿרוי האָט געגעבן פֿאַרזוכן דעם ערשטן מאַנצבל די פֿאַרווערטע פֿרוכט...

8

אייכמאַן, ווי נאָר ער האָט זיך צוגעקלעפּט צו עבערגאַרדטן, איז שוין פֿון אים ניט אָפּגעטראָטן. דעם שטורעמבאַנפֿיורערס זאַכלעכקייַט און די נערוועזע אָנגעצויגנקייַט זייַנע האָט אי אונטערגעשמיסן, אי געפּענטעט דעם גענעראַל.

באַזונדערס האָט אייכמאַן זיך גענומען צו עבערגאַרדטן, ווען מע איז שוין געפֿאָרן פֿון באַבי יאַר: ביז מאָרגן אינדערפֿרי, ווען ער, אייכמאַן, פֿליט אַוועק, דאַרף אָפּגעדרוקט און פֿאַנאַנדערגעהאַנגען ווערן דער באַפֿעל פֿון פֿעלד־קאָמענדאַטור, וואָס פֿאַרפֿליכטעט די ייִדן קאָנצענטרירן זיך אָט דאָ, לעבן די בעסוילעמס. אַ טערמין פֿון דרייַ טעג איז צופֿיל — איין טאָג, דעם נייַן־און־צוואַנציקסטן סענטיאַבער, צו אַכט אַזייגער אינדערפֿרי זאָל מען דאָ זייַן. פֿאַר איין טאָג וועט מען זיך, געוויינלעך, ניט אָפּפֿאַרטיקן, עפּשער פֿאַר צוויי צי אַפֿילו פֿאַר דרייַ טעג, — נאָר זאָלן זיי אין דער הויפּט־מאַסע שוין זייַן דאָ, אויפֿן זאַמלפּונקט. דעם ערשטן אָקטיאַבער איז יאָמקיפּער. פֿאַראַיאָרן, אויך יאָמקיפּער, איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דעם, אַז עס ווערט אָרגאַניזירט די וואַרשעווער געטאָ. אָט דאָס הייסט געשפּאַנט — פֿון יאָמקיפּער ביז יאָמקיפּער. דער גענעראַל ווייסט ניט, וואָס אַזוינס יאָמקיפּער איז? יעהאָווע, זייער גאָט, באַשטימט אין אָט דעם טאָג, וועמען פֿון די ייִדן ער וועט לאָזן לעבן אין מעשעך פֿון יאָר און וועמען ער וועט נעמען צו זיך. דאַרף מען

צו דעם דאָזיקן טאָג אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט פֿאַרן ייִדישן גאָט — אַלעמען אויסשטעלן גריי־טינקע באַ זײַנע טויערן, און זאָל ער פֿאַרשפּאָרן קלערן וועגן קיִוּו. און נאָך אַ זאַך: ס׳איז קעדייַ אײַנאָרדענען טאַקע הײַנט אַ קלײנינקע „קרישטאָל־נאַכט" — גוט אַ שרעק טאָן סײַ די ייִדן, סײַ די ניט־ייִדן, זאָל מען אינעם באַפֿעל זען אַ שטיקל אויסלייזונג, אַ קלוימערשטיקע זאָרג, לעמאָשל, אַ פֿאַרשטייענדיקע עוואַקואַציע.

עבערגאַרדט האָט געטרוימט וועגן אַ וואַנע, וועגן אַ גוטער וועטשערע, וועגן אויסציִען זיך אויפֿן דיוואַן און דורכקוקן דאָס פּעקל צײַטונגען, וועגן אַ בריוו פֿון דער היים, און דאָס אַלץ, וועגן וואָס דער שטורעמבאַנפֿירער האָט גערעדט, וואָלט מען מעגן אַ ביסעלע צעציִען. נאָר עפּשער איז טאַקע בעסער אָפּלייגן דעם אָפּרו אויף אַ שאָ־צוויי און אָפּטאָן אַלץ הײַנט, קעדיי דאָס רעדל, וואָס דרייט זיך שוין, זאָל זיך נעמען דרייען מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייַט?..

נאָך דעם, ווי מע האָט באַגלייט הימלערן און קאָכן אין האָטעל, איז מען אוועקגעפֿאָרן — עבערגאַרדט, און אייכמאַן, און ראַאַש, און אָזנאָבלין (אָזנאָבלינען האָט אייכמאַן געראָטן מיטנעמען, ניט דערקלערט צוליב וואָס, בלויז מיט אַ סוידעספֿולן גלאַנץ אין די שטאָל־גרויע אויגן באַמערקט: „מע דאַרף זיי צוציִען") — אין דער נײַער קאָמענדאַטור לעבן יעוובאַז. הויכע בײמער האָבן פֿאַרשטעלט די פֿענצטער פֿונעם גענעראַלס קאַבינעט, און כאָטש ס׳האָט ערשט אָנגעהויבן גרויען אויף נאַכט, איז דאָ שוין געווען צו טונקל און ער האָט באַפֿוילן אַראָפּלאָזן די שײַן־מאַסקירונג. הינטער די ניט דורכזיכטיקע פֿאָרהאַנגען האָט ער זיך ביכלאַל געפֿילט זיכערער.

ראַאַשן האָט לאַמערס גענומען צו זיך, קעדיי צוזאַמען אָנוואַרפֿן דעם טעקסט פֿונעם באַפֿעל. אָזנאָבלין האָט געוואַרט אין פֿאָדערצימער פֿאַרן קאָמענדאַנטס קאַבינעט. דער אַדיוטאַנט האָט דאָ טאַקע, לויט אַ צעטל, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אויף אַן אַרויסגעפּליקטן זײַטל פֿונעם גענעראַלס בלאָקנאָט, צונויפֿגערופֿן דורכן טעלעפֿאָן אַן עקסטרע באַראַטונג, געקלונגען אין עסעס, אין זשאַנדאַרמעריע, אין פּאָליציי. עבערגאַרדט האָט דערווײַל פֿאַרווײַלט אייכמאַנען דערמיט, וואָס ער האָט אים באַוויזן דעם צעבראָכענעם פּראָטעז, אַדאַנק וועלכן ער האָט זיך געראַטעוועט. האָט מען שוין צערעדט זיך וועגן אַמולעטן. אייכמאַן האָט צוגעזאָגט שיקן אַ פּאָר אַנטיקלעך; עבערגאַרדט האָט פֿאַרשטאַנען, אַז יענער וועט פֿאַרגעסן וועגן דעם, ווי נאָר מע וועט זיך געזעגענען, און מיט איבערגעטריבענער צופֿרידנקייַט באַדאַנקט. ענדלעך האָבן זיך אומגעקערט דער פּולבלעכער ראַאַש און דער דראָנגעוואַטער לאַמערס.

דעם צעטל, וואָס ראַאַש האָט אויסגעשטרעקט עבערגאַרדטן (דער גענעראַל האָט אַ קוק געטאָן אין דעם, נאָר אַפֿילו דורכלויפֿן די עטלעכע שורעס מיט די אויגן ניט באַוויזן), האָט אומגעדולדיק און ניט גאָר טאַקטיש גענומען אייכמאַן.

— איך ווײַלינקע, — האָט ער געזאָגט און, כמורענדיק דעם שטערן, אויפֿמערקזאַם איבערגעלייענט דעם טעקסט. — גוט... איך וועל דאָ עפּעס־וואָס בלויז ענדערן, הער גענעראַל, ביז מיר וועלן ענדגילטיק באַשטעטיקן אַלץ. — דער שטורעמבאַנפֿירער האָט אַ שמייכל געטאָן, און געווען איז אין אָט דעם שמייכל אי זאַכלעכע פֿאַרהאַוועטקייַט, אי האַנאָע, אי שטאָלץ, אי אַנטשולדיקונג („דאָס איז מײַן לײַדנשאַפֿט"), אי פֿרעכהייַט („דאָס איז מײַן קאָמפּעטענץ"). ער האָט זיך צוגעבויגן צו אַ ווינקל פֿון טיש, אויסגעמעקט אַ שורע, צוגעשריבן מיט אַ שפּיציקער דריבנער האַנטשריפֿט באַ דער זײַט צוויי שורעס, געקלערט עטלעכע רעגעס אָט אַזוי־אָ, אָנגעבויגענערהייט, און נאָך עפּעס צוגעשריבן. — אָט! — האָט ער זיך אויסגעגלײַכט, — איצט איז אַלץ, ווי מע דאַרף... דאָ האָב איך צוגעגעבן: מיטנעמען די דאָקומענטן, געלט, ווערטפֿולע זאַכן, ווי אויך וואַרעמע קליידער, — אַ טײַט מיט אַן אויפֿגעהויבענעם פֿינגער, — דער רײַכספֿיורער האָט דאָס באַזונדערס אונטערגעשטראָכן! גרעט און אַזוי ווײַטער... דאָס אַלץ דאַרף ניט בלײַבן פֿאַרשטעקט אין די דירעס, ווײַל די דראָונג, אַז מע וועט צעשיסן די, וואָס וועלן אַהין אַרײַן, און צונעמען דאָס איבערגעלאָזטע פֿאַרמעגן, וועט ווײַט ניט יעדן אָנשרעקן. כוץ דעם, אַז מע הייסט מיטנעמען אַזעלכע זאַכן...

עבערגאַרדט האָט זיך געזעצט צום שרײַבטיש און, שווער אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער ברוסט אינעם ראַנד, אײַנגעלייענט זיך אינעם באַפֿעל. ער האָט גענומען די פּען, נאָר אייכמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט:

— וואַרט, גענעראַל. איך מיין, מע דאַרף איבערדרוקן דעם טעקסט אָדער כאָטש פֿאָרלויפֿיק אים איבערשרײַבן. וועמעס האַנטשריפֿט איז דאָס?

— מײַנע, — האָט לאַמערס זיך אָנגערופֿן.

— איז שרײַבט איבער אויף ריין.

— באַלד, באַלד, מע דאַרף דאָ נאָך עפּעס פֿאַריכטן, — עבערגאַרדט האָט מיט ברייטע זיגזאַגן ניט געײַלט אויסגעמעקט די לעצטע צוויי שורעס, — קיין אונטערשריפֿט וועט ניט זײַן...

ער האָט אויסגעהאַלטן אייכמאַנס, ראַאַשס און לאַמערסעס אָנגעשטרענגטע בליקן. אַזוי קוקן

זיך איבער פֿאַרברעכער, וואָס אי זיי ווייסן, אַף וואָס זיי גייען, אי יעדערער ווילט דאָך זײַן אַ ביסעלע פֿאַרזיכטיקער פֿון אַלע אַנדערע.

ווען לאַמערס האָט געענדיקט איבערשרײַבן דעם באַפֿעל, האָט אייכמאַן צוגענומען יענץ פּאַפּירל, אין וועלכן ער האָט געהאַט אַרײַנגעטראָגן די ענדערונגען, צונויפֿגעלייגט עס און באַהאַלטן אין קעשענע. אַ מינוט־צוויי האָבן אַלע געשוויגן. עבערגאַרדט האָט עפּעס גענומען זוכן מיט דער אייניציקער האַנט זײַנער אין שופֿלאָד פֿון טיש, נאָר אַזוי טאַקע גאָרנישט ניט אַרויסגענומען פֿון דאָרט און פֿאַרמאַכט אים; ראַאַש איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט, צו דער פּאַלמע, און מיט אַ פֿינגער געפּרוּווט, צי אירע בלעטער שטעכן זיך שטאַרק; לאַמערס האָט זיך אָפּגעקערעוועט צום פֿענצטער און אַ וואָרף געטאָן אין מויל אַ טאַבלעטקע... אייכמאַן, אַ נערוועז־אויפֿגערוימטער, ווי איינער, וועלכער האָט געוווּנען אין קאָרטן און וויל ווי־ניט־איז צעשטרייען די פֿאַרלעגנהײַט פֿון זײַנע פּאַרטניאָרן, האָט גענומען דערציילן אַ קאָמישן עפּיזאָד מיט אַ וואַרשעווער ראָוו, נאָר די שמייכלען, מיט וועלכע מע האָט אים געהערט, זײַנען געווען גאַנץ געמאַכטע.

די שטימונג האָט זיך אויפֿגעהויבן ערשט, ווען מע איז אַרויס פֿון קאַבינעט. און כאָטש די אויפֿגעלייגטקײַט איז אַלציינס געווען מער אַ געמאַכטע, איידער אַן עמעסע, האָבן אַלע דאָך דערפֿילט אַ פֿאַרלײַכטערונג. די סיבע איז געווען אָזנאָבלין. אייכמאַן האָט, לאָזט זיך אויס, געראַטן מיטנעמען אַהער דעם בורגאָמיסטער, קעדיי יענער זאָל איבערזעצן דעם טעקסט פֿונעם באַפֿעל אַף אוקראַיִניש און רוסיש. אָזנאָבלין איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם בענקל באַם סאַמע אַרײַנגאַנג פֿון אויפֿנעם־צימער, אַן אײַנגעבויגענער ניט לויט די יאָרן, באַשיידן געהאַלטן דעם קאַפּעליוש אין ביידע הענט, צונויפֿגעלייגטע אַפֿן אײַנגעפֿאַלענעם בויך. אייכמאַן האָט, איבערלאָזנדיק אַלעמען פֿון הינטן, געמאַכט עטלעכע האַסטיקע שפּאַן צו אים און מיט קוים באַהאַלטענער טעאַטראַלישקײַט געזאָגט:

— אָט וואָס, פּראָפֿעסאָר! איר האָט דאָס גאַנצע לעבן געהאַט צו טאָן מיט געשיכטע, וואָס אַנדערע האָבן געשאַפֿן. איצט איז געקומען אײַער ריי אָנטיילנעמען אין היסטאָרישע געשעענישן.

דערהערט, וואָס מע פֿאַרלאַנגט פֿון אים, — אַז ער זאָל איבערזעצן עפּעס אַ באַפֿעל, — האָט אָזנאָבלין אויסגעדריקט אַף זײַן ווײַבערשן פּנים מיט די אויסגעגלאָצטע אויגן דעם מאַקסימום וואָזשנעקײַט, אַף וועלכער ער איז געווען פֿײַיִק.

— דערלויבט באַקענען זיך מיטן טעקסט, הער שטורעמבאַנפֿירער. עפּשער וועט עפּעס־וואָס זײַן ניט פֿאַרשטענדלעך.

ער האָט געלייענט און אַלץ מער אומרויִק געקאָסיעט די אויגן אין אַ זײַט, פּונקט ווי ער זאָל זוכן, וווּהין צו אַנטלויפֿן. די שיטערע האָר אַף זײַן קײַלעכדיקן שאַרבן האָבן זיך באַוועגט פֿון דעם, וואָס דער שטערן האָט זיך שטאַרק געקנייטשט. ענדלעך האָט ער מיט אַ פֿאַרלוירענער שטים געפֿרעגט:

— און ווײַטער? וואָס וועט מיט זיי ווײַטער זײַן, מיט די... מיט די, וואָס וועלן קומען אַהין, אַפֿן ראָג פֿון?..

— ווײַטער? — אייכמאַן האָט גאָר פֿריילעך זיך איבערגעקוקט מיט עבערגאַרדטן און ראַאַשן. — ווײַטער? כאַ, כאַ, כאַ! — ער האָט פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן די הענט, ווי ער זאָל זיך קלײַבן אַרומנעמען אָזנאָבלינען, — ווײַטער, מײַן ליבער פּראָפֿעסאָר, איז דער באַבי יאַר, אַ פּאָסטקע, די טעריטאָריע, איבער וועלכער עס האָט ניט צו שאַפֿן דער מאַגיסטראַט. אַזוי, אַז דאָס איז שוין, יעדנפֿאַלס, ניט אײַער אייסעק.

מע איז געגאַנגען איבערן ברייטן קאָרידאָר פֿון דער געוועזענער שול און געלאַכט — אייכמאַן מיט זײַן הילכיקן „כאַ, כאַ", וואָס פֿאַרמאָגט שטאָלענע פֿאַלצעט־נאָטקעס; עבערגאַרדט מיט אַ מין אונטערויקען, וואָלגערנדיק זיך אַ ביסעלע אַף רעכטס; ראַאַש, פּונקט ווי דער געלעכטער זאָל קומען באַ אים פֿונעם היפּשלעכן בײַכל, האָט שטיל, ווי אַ גאַנדז, געסאָפּעט; לאַמערס, אַף וועלכן די טאַבלעטקע האָט שוין גענומען ווירקן, אָבער נאָך ניט אַף אַזויפֿיל, אַז ער זאָל זיך אינגאַנצן פֿאַרגעסן, האָט פֿאַרשטעלט מיט דער דלאָניע דאָס מויל — עס האָט זיך אים ווידער געוואָלט נאָכמאַכן אַ קוואָטשקע.

די טיר פֿון אַ גרויסן צימער, וווּ עס זײַנען לענגויס דער וואַנט געשטאַנען פּאַרטעס, איז געווען ברייט צעעפֿנט, און פֿון דאָרט האָבן אין קאָרידאָר זיך געצויגן פּאַסמעס טאַבאַק־רויך. באַ דער בלאַסער צעשוווּמענער שײַן פֿון עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס זײַנען אויסגעקומען ווי בלויע, האָט מען געזען עסעס־אָפֿיצערן, זשאַנדאַרמישע און פּאָליציייִשע נאַטשאַלסטווע — ווער ס'איז געזעסן אַף די פּאַרטעס, ווער ס'איז אומגעגאַנגען.

— אַהאַ! — האָט אייכמאַן מיטאַמאָל אויפֿגעהערט לאַכן. — דאָס זײַנען די ריטער פֿון דער הײַנטיקער קליינער „קרישטאָל־נאַכט"?

— יאָ, דאָס זאַמלען זיי זיך! — ראַאַש, לאַכנדיק שוין בלויז מיט די אויגן און עפּעס אַזוי

ווי גאָר פון לאַמערסן, האָט געגומען דעם אָבערסט־לייטענאַנט אונטערן אָרעם און לײַכט אַ שלעפּ געטאָן אים צו דער אָפענער טיר, — מיר בלײַבן דאָ, אַגעוו, ביידע — מע דאַרף זיך געגוּי דערעדן...

אין דער זעלבער מינוט, ווען ראַאַש האָט דאָס געזאָגט און אויסגעשטרעקט די האַנט אַף געזעגענען זיך, האָט זיך געעפנט די דרויסנדיקע טיר. עמעצער איז אַרײַן, האַסטיק דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דעם וואַכמאַן, נאָר ניט מער, ווי פיר־פינף שפּאַן, שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער, אַ שטרעק געטאָן די האַנט אַף צו באַגריסן דעם גענעראַל און די אָפיצערן, און אײַנצײַטיק מיטן קלאַפּ פון דער טיר האָט זיך דערהערט זײַן הויכער, פאַנפעדיקער אויסרוף:

— הײַל!

קוים אַ דריק געטאָן ראַאַשס האַנט און בלויז אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ צום מאָדנע נאָכגיביקן לאַמערסן, האָט אייכמאַן זיך אויסגעקערעוועט צו דעם, וואָס האָט זיך נאַרוואָס באַגריסט (יענער האָט זיך אַ שטעל געטאָן נעענטער צו דער וואַנט), אײַנגעקוקט זיך אין אים און געפרעגט:

— אָבערשטורעמפירערער... מאַלטקע, דאַכט זיך?

— ווילהעלם מאַלטקע!

— אויך — אהער? — אייכמאַן האָט מיט אַ באַוועגונג פונעם עלנבויגן באַוויזן אַף דער אָפענער טיר.

— מע רופט... — בא מאַלטקען האָט זיך אַ סמיקע געטאָן דאָס צעקרימטע פּאָנעם, און מע האָט ניט געקאָנט זאָגן — ס׳איז דער אויסדרוק פון פאַרהאַוועטקײַט צי סטאַם אַ צופרידענער שמייכל.

אייכמאַן האָט געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו עבערגאַרדטן:

— ע, ניין, גענעראַל! דאָס בעט איך אײַך, שאַפט אָפּ: די אײַנזאַצקאָמאַנדע זאָל מען הײַנטיקע נאַכט ניט טשעפּען. זאָל זי רוען. די הײַנטיקע און די קינפטיקע נאַכט.

— רעכט! — האָט עבערגאַרדט אײַנגעשטימט.

— רוען? כמ־זשו־ו... — בא מאַלטקען האָט זיך טאַקע דורכגעריסן די גרימאַסע, כאָטש ער האָט פאַרצווייפלט געהויבן די אַקסלען — דאָס האָט אים געוויינלעך געהאָלפן האַמעווען זי, — כמ־זשו־ו... רוען! מיר ראַמען דאָך איצט אויס דעם אָפיצערן־בלאָק, מע פירט זיי שוין אַהין, עס וועט קלעקן אַרבעט ביז שפּעט... און מאָרגן...

— איז גייט, איר זײַט פרײַ! — האָט עבערגאַרדט איבערגעשלאָגן.

דורכגעלאָזט דעם גענעראַל־מאַיאָר און דעם בערלינער שטורעמבאַנפירער, איז מאַלטקע זיי נאָכגעגאַנגען מאַמעש אַף די שפּיץ פינגער, און געהערט, ווי אייכמאַן, בייס ער האָט געעפנט די דרויסנדיקע טיר און געוואַרט, דער קאָמענדאַנט זאָל דורכגיין דער ערשטער, האָט אויסגערופן:

— אַ מין לעוואָנע, גענעראַל! אַ מין ליכטיקע נאַכט עס וועט זײַן! גוט!

און געווען איז עס די זעלבע גרינע לעוואָנע, וואָס עדיק און עסטערקע האָבן געזען פונעם נוסבוים...

9 עדיק איז געשלאָפן אַף אַ זײַט, מיטן פּאָנעם צום פענצטער. די מולטענע קאָלדרע האָט ער אַרופגעשלעפּט ביזן האַלדז. עס האָבן זיך געזען די פינגער פון דער האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם ראַנד פון דער קאָלדרע, — די נעגל און די שפּיצן פון די פינגער זײַנען געווען טונקל־ברוין. און די ליפּן אויך אַזעלכע, אויך ברוינע.

— וואָס איז דאָס? — האָט מער אָפן ווונק, ווי מיטן שעפּטשען, געפרעגט טיכאָן וואָסיליעוויטש באַם ווײַב.

דאָקיע סטאַסאָוונע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די דאַרע, אײַנגעבראָכענע אַקסלען און באַוויזן מיט די אויגן אָפן פענצטער.

„ניס" — האָט באַטײַט דער בליק אירער, און די צאַרט־טרויעריקע מינע אָפן פּאָנעם: „אַ קינד — וואָס ווילסטו..."

זיי האָבן זיך צוגעזעצט — דער אַלטער אָפן ראַנד פונעם בענקל, אַף וועלכן ס׳איז צונויפגעלייגט געווען עדיקס אָנטאָן, די אַלטיטשקע — אָפן בעטל צופוסנס און שווײַגנדיק געגומען וואַרטן, עפּשער וועט עדיק זיך אופכאַפּן.

זיי האָבן ביידע זיך קוים געהאַלטן אַף די פיס — די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. פון אָנהייב האָבן זיי זיך דאַפקע געהאַט געלייגט אין די בעטן, נאָר ניט אַנשלאָפן געוואָרן, אפילע טיכאָן וואַסיליעוויטש, וועלכער האָט באַטאָג, נאָכן קומען פון לאַגער, זיך ניט צוגעלייגט, — די זאָרגן האָבן ניט געלאָזט שלאָפן. און אַרום האַלבנאַכט, ווען מע האָט נאַרוואָס אײַנגעדרעמלט, האָבן פון פּאַדאָל, וואָס אַמאָל נעענטער, זיך געגומען דערטראָגן גוואַלדן, אַ שיסערײַ, האָבן זיי זיך אָנגעטאָן, — עדיקן ניט געוועקט, — און ביז קאַיאָר געשטאַנען פאַרציטערטע בא די פענצ־

טער. איין מאָל זייַנען זיי אינצווייען ארויס צום טויער — דאָקיע סטאַסאָוונע האָט ניט געוואָלט אָפּלאָזן דעם מאַן איינעם אליין. א פּאָליציי האָט אומגעשפּאַנט איבערן טראָטואר. שוין עטלעכע טעג, אַז דאָ, באַם ארייַנגאַנג אין דעם הויז, ווו אָזנאָבלין וווינט, האָט זיך באַוויזן א פּאָסטן.

— איר מעגט גיין שלאָפן, — האָט דער פּאָליציי געזאָגט, צוטראָגנדיק אָן אָנגעצונדן שוועבעלע צו דעם ניט אויסגעלאָשענעם פּאַפּיראָס — בעקיוון, קעדיי באַלויכטן טיכאָן וואַסיליעוויטשעס און דאָקיע סטאַסאָוונעס פּנעמער. — דאָס טרייבערט מען די זשידעס.

מע האָט קוים, מאַמעש מיט די ציין, דערצויגן, עס זאָל אָנהייבן ליכטיק ווערן. ס'איז נאָך אָבער געווען פרי, אין גאַס האָט מען ניט געטאָרט גיין. דורך דער טיר, וואָס איז געווען אָפן אין זאַל ארייַן, האָט זיך דערטראָגן דאָס שטילע, רעגלמעסיקע קלאַפּן פונעם „כאָדיק“[1]. טיכאָן וואַסיליעוויטש איז עטלעכע מאָל אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער שוועל, קעדיי א קוק טאָן, וויפל עס האַלט דער זייגער, און ענדלעך געזאָגט:

— נו, דאָקיע, צייַט...

ער האָט לייַכט א טאָרע געטאָן עדיקן אין אַקסל.

דאָס יינגל האָט געעפנט די אויגן און, דערזען, ווער עס שטייט לעבן אים, א שמייכל געטאָן. ער פלעגט שטענדיק שמייכלען, ווען מע האָט אים געוועקט, ער זאָל גיין אין שול, — שולדיק, ווייַל ער איז שיער ניט פארשלאָפן, און א ביסעלע מיט פּאַרדראָס, וואָס מע טאָר מער ניט שלאָפן, און גליקלעך שוין אָן א שום פאַרוואָס — פּאָשעט, ווייַל ער האָט דערוואַרט, אַז עפּעס שטייט אים מיסטאַמע פאָר גוטס אינעם נייַעם טאָג. איצט האָט זייַן שמייכל אויסגעדריקט די האַנאָע פון אופכאַפּן זיך אין דער היים, אַפן אייגענעם געלעגער, און כידעש, וואָס מע דאַרף דאָך אין שול ניט גיין, צוליב וואָס זשע זאָל ער אַזוי פרי אופשטיין? נאָר באַלד האָט זיך אַף זייַן פּאָנעם אָפּגעשפּיגלט עפּעס אַזוינס, וואָס די אַלטע האָבן שוין לאַכלוטן עס ניט געקאָנט פארטייַטשן, און עפּשער ניט באַמערקט דאָס אויך — ער האָט געקוקט אין פענצטער, אַפן קרומען שטאַם פונעם נוסבוים, א באַצויבערטער, א גליקלעכער. דאָס האָט געדויערט איינע־צוויי רעגעס, נאָר ער האָט זיך אַלץ דערמאָנט, און ווען ער האָט זיך האַסטיק אופגעזעצט אַפן געלעגער און גענומען ציִען זיך, איז די קראַפט, וואָס האָט אָנגעקוועלט אין אַלע זייַנע גלידער, געווען זיס און דערקוויקנדיקנייַ, פּונקט ווי ער זאָל האָבן געוואָרן גאָר אַן אַנדערער פאַר דער דורכגעגאַנגענער נאַכט.

— האָסט איבערגעשריבן דאָס, וואָס דו ווילסט ווייַזן סילינען? — האָט געפרעגט טיכאָן וואַסיליעוויטש.

— איבערגעשריבן.

— איז טו זיך אָן, מיר וועלן גיין צוזאַמען.

— צו איוואַן איוואַנאָוויטשן?

— יאָ.

עדיק האָט מער גאָרנישט ניט געפרעגט, אָבער ער האָט געוואָלט פרעגן, דערפאַר האָט דער אַלטער דערקלערט:

— אַף די גאַסן איז איצט ווייסט דאָך וויִאַזוי, וועלן מיר גיין צוזאַמען.

אין קיך, ווו עדיק האָט געפרישטיקט, איז אַף א בענקל געלעגן א פול געפּאַקטער דער רוקזאַק, וועלכן ער פלעגט געוויינלעך מיטנעמען, פאָרנדיק אין פּיִאָנערן־לאַגער. אַפן ווענטל פונעם זעלבן בענקל איז געהאַנגען זייַן שוואַרצער ווינטערדיקער פּאַלטאָ און דאָס היפּש אויסגעקראָכענע פוטערנע היטל. ער האָט דאַפקע געוואָלט פרעגן, צוליב וואָס די זאַכן זייַנען אָנגעגרייט, נאָר אָפּגעהאַלטן זיך. ארום קומט פאָר אַזויפיל אומפארשטענדלעכס, איז אָט דאָס אומפארשטענדלעכע אין שטוב שוין ביכלאַל גאָרנישט ניט ווערט, בעסער ווייניקער פרעגן.

די אָנגעגרייטע זאַכן האָט מען ניט מיטגענומען, האָט עדיק באַשלאָסן, אַז ס'איז טאַקע גוט, וואָס ער האָט גאָרנישט ניט געפרעגט. פונוואַנען האָט ער געקאָנט וויסן, אַז די אַלטע האָבן זיך צונויפגערעדט: אויב איוואַן איוואַנאָוויטש וועט איבערלאָזן בא זיך עדיקן, וועט שוין טיכאָן וואַסיליעוויטש דערנאָך אַליין ברענגען אַהין דעם יינגלס זאַכן. איינס נאָר, דאָקיע סטאַסאָוונע האָט זיך אַזוי געזעגנט מיט עדיקן, פּונקט ווי ער זאָל זיך טאַקע אַוועקלאָזן אין א ווייַטן וועג, און צום מאַן בלויז געזאָגט: „ווי עס וועט זייַן — זאָל זייַן גוט, קום בעשאָלעם צוריק“. דערויף האָט דער אַלטער געענטפערט מיט א פאָרוואורף־בליק, וועלכן עדיק האָט באַמערקט, נאָר ניט געוואָלט אים פארשטיין. ס'האָט בלויז א נאָג געטאָן אין האַרצן: „עפּשער צוליפּן צו עסטערקען געזעגענען זיך?“ אָבער גלייַך טאַקע האָט ער זיך אַליין געענטפערט: „צוליב וואָס? זי קער נאָך שלאָפן“.

אָט דער „צוליב וואָס“ האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן וועג, בייס מע איז געגאַנגען דורך די פּוסטע, פארמיסטיקטע גאַסן, פריִער — אראָפּ, אַפן פּלאַץ צווישן די דניעפּערשע פּאַרקן און

---

[1] וואַנט־זייגער.

דעם רוישיקן קרעשטשאַטיק, דערנאָך — ארוף, אף פּעטשערסק, און ארויס אף דער באַנקאָווסקע, ווו אין איינעם פון די שיינע ענג צונויפגערוקטע מויערן האָט געוווינט איוואַן איוואַנאָוויטש.

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט קימאַט דעם גאַנצן וועג געשוויגן, האָט עדיק אויך געשוויגן. אין איין ווינקעלע פונעם מויעך האָט ער באַקלערט דאָס, וואָס ער וועט באַלד באַוויַיזן סילינען, און אינעם צווייטן ווינקעלע זיַינען וואָך געווען די געדאַנקען וועגן עסטערקען. „עס זיַינען בא איר אויך אזוי ברוין די ליפּן, ווי בא מיר", — האָט ער געטראַכט, קעדיי פאַרטריַיבן די דערמאָנונג וועגן דעם ביטערלעכן טאַם, וואָס אירע ליפּן האָבן געהאַט, און וועגן דעם, ווי די ציין, זיַינע און אירע, האָבן זיך ליַיכט א קלאַפּ געטאָן בייסן קוש, און ווי זי האָט א פלאַטערנדיקע ארומגעפלאָכטן מיט די הענט זיַין האַלדז. „ס'איז גאָר ניט שיין קומען מיט אזעלכע ליפּן צו איוואַן איוואַנאָוויטשן. דאָס איינציקע, וואָס ער זעט שלעכט..."

איוואַן איוואַנאָוויטשן האָט מען ניט געטראָפן אין דער היים. צו עדיקן איז ניט גליַיך דערגאַנגען, אז סילין איז אוועקגעפאָרן. ער האָט געמיינט — אוועקגעגאַנגען ערגעץ, קאָן מען צוווארטן אין הויף. ערשט — אוועקגעפאָרן. און טיכאָן וואַסיליעוויטש איז געבליבן שטיין אזא פאַרלוירענער, אזא פריטשמעליעטער. ס'האָט אים אזש א שווייס באַשלאָגן, דעם אַלטן, און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אינעם ליַיסטל פון דער אָפענער טיר. די פרוי, וואָס איז געשטאַנען אף דער שוועל, איוואַן איוואַנאָוויטשעס שכיינע, א פּולע, א הויכע, האָט זיך געכאַפּט:

— עפּשער איַיך ארויסטראָגן א גלאָז וואַסער? צי... קומט עפּשער אריַין, רוט אָפּ א ביסל.

— ניין, מע דאַרף ניט. קיין בראָוואַרי, זאָגט איר? דאָס איז אף יענער זיַיט דניעפּער, וויַיט... צו דער טאָכטער, א לערערקע פון מאַטעמאַטיק?.. נו, יאָ, וועלן מיר שוין גיין. קום, עדינקע, קום.

זיי זיַינען געגאַנגען, און עדיק האָט אונטערגעהאַלטן טיכאָן וואַסיליעוויטשן פאַר אַן עלנבויגן. וויַיטער א ביסל, ווען מע האָט געמיטן די באַנקאָווסקע און ארויס אף דער באַרג־אַראָפּיקער קיראָוו־גאַס, האָט דער אַלטער געזאָגט:

— נישקאָשע, איך וועל שוין גיין אליין.

א פּאָליציַי, א געוויינלעכער יונג אין ציווילן, נאָר מיט א וויַיסן בענדל אפן אָרעם, האָט איבערגעיאָגט זיי אף א וועלאָסיפּעד, צו וועלכן עס איז פון פאָרנט, באַם רודער, געווען צוגעפּעסטיקט א קעסעלע מיט פּאַפּ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט וויַיטער א ביסל, בא אַן ארומגעטינקעוועטער טומבע פון א פּלויט, א שמיר געטאָן עטלעכע מאָל מיט א גראָבן פּענדזל און צוגעקלעפּט א גרויען בויגן פּאַפּיר, אף וועלכן ס'איז עפּעס געווען אָפּגעדרוקט. צוגעוואַרט, ביז טיכאָן וואַסיליעוויטש און עדיק האָבן זיך דערנעענטערט, האָט דער פּאָליציַי שטאַרק זיך איַינגעקוקט אינעם יִינגל, בייז א שמייכל געטאָן און באַוויזן אפן בויגן:

— לייען, זשידאָק, דאָס איז פאַר דיר!

ווען דער פּאָליציַי איז אוועקגעפאָרן, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש געהייסן עדיקן שטיין אף אַן אָרט, אליין דערנעענטערט זיך צו דער טומבע און גענומען לייענען. אוקראַיִניש, רוסיש, דיַיטש... ער האָט געלייענט דעם אוקראַיִנישן טעקסט, די ווערטער זיַינען געשפּרונגען פאַר די אויגן, די שורעס האָבן זיך געבראָכן, פאַרלאָפן ווי מיט קוועקזילבער: „באַפעל... אַלע זשידעס פון קיִעוו און זיַינע אומגעגנטן... דאַרפן קומען... אפן ראָג פון מעלניקאָווער... לעבן די בעסוילעמס... נעמען מיט זיך... ווער פון די זשידעס עס וועט ניט אויספילן... וועט דערשאָסן ווערן..."

אומגעקערט זיך צו עדיקן, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש געזאָגט מיט א געפאַלענער שטים:

— דאַרפסט דאָס ניט לייענען. ער האָט סטאַם אזוי א באַלבע געטאָן.

אָבער ווען מע האָט זיך אראָפּגעלאָזט נאָך נידעריקער איבער דער גאַס און ווידער דערזען אף א טויער דעם זעלבן באַפעל, בא וועלכן עס זיַינען שוין געשטאַנען עטלעכע מענטשן, האָט טיכאָן וואַסיליעוויטש געהייסן עדיקן גיין וויַיטער און פאַרהאַלטן זיך באַם טויער אף א פּאָר מינוט. איצט האָט ער איבערגעלייענט אַלץ פון אָנהייב ביזן סאָף און שוין אף רוסיש.

עמעצער פון די, וואָס זיַינען געשטאַנען בא דער זיַיט, האָט געזאָגט:

— עס איז זייער שלעכט.

און א צווייטער:

— ווער קאָן וויסן.

טיכאָן וואַסיליעוויטש האָט ניט געגלייבט דעם דאָזיקן „ווער קאָן וויסן", נאָר דאָך געזוכט א טרייסט אין אים, בייס ער האָט זיך געלאָזט צו עדיקן.

עדיק האָט געוואַרט באַם ראָג. ער האָט גאָרנישט ניט געפרעגט. און עפּשער אויך פאַר דעם האָט אים איצט טיכאָן וואַסיליעוויטש נאָך מער, נאָך שטאַרקער ליב געהאַט.

(ס אָ ף פ ו ן צ ו ו י י ט ן ט י י ל)

ליטעראַטור־קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

יעכיעל טשיטשעלניצקי

פאָרן מיר וויַיטער...

(צו כאַיִם מעלאמודס זעכציקסטן געבורטסטאָג)

כאַיִם מעלאמוד איז געוואָרן א בען־שישים. זייַנע לייענער, זייַנע פילצאָליקע פרייַנט וועלן געוויס זאָגן מיט כידעש:

— שוין זעכציק! און דאָס איז דער זעלבער כאַיִם מעלאמוד, וואָס, דאכט זיך, ערשט ניט לאנג, ווען עס איז דערשינען זייַן „בליִענדיקע אקאציע“, האָט מען וועגן אים געשריבן, אז אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור איז געקומען א יונגער פראָזע־שרייַבער!

און דאָך: צו דער צייַט קאָנען מיר קיין טייַנעס ניט האָבן. אונדזער באַל־יויוול איז קיינמאָל ניט געווען צעקריגט מיט זייַן צייַט, ער איז שטענדיק געווען אין סאמע מיט פון איר געווירבל. לאָמיר בא אָט דער געלעגנהייַט אונטערפירן א שטיקל סאכאקל.

כאַיִם מעלאמודס היים־שטעטעלע כאשטשעוואטע האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט צווישן אנדערע שטעטלעך: אויסגעקרימטע געסלעך, א מארק, א באָד, א בעסמעדרעש און כאדאָרים. א קלויסטער־פלאץ.

כאשטשעוואטע האָט פארמאָגט אירע שוסטערס, שנייַדערס, סטאָליערס, באלעגאָלעס, וואסערפירער און סטאם קאפצאָנים אף דריקעס.

בא איינעם אזא קאפצן — בא הערשל מעלאמודן איז געבוירן געוואָרן כאַיִמקע — דער פערצעטער בא טאטע־מאמע, וועמעס אכט ברעקלעך האָבן זיך ניט לאנג פארהאלטן אף דער וועלט.

וויִאזוי די מישפאָכע האָט געלעבט, לייענען מיר שפעטער בא כ. מעלאמודן: „הייצן די הרובע איז ניט שטענדיק געווען מיט וואָס. עפעס א לייַטישע וועטשערע איז אפילע צו כאָלעם ניט געקומען. האָט מען אופגעזאָדן א פולן סאמאָוואר מיט וואסער, פארפארעט א פאַר צוגעברענטע סעכערלעך, און ס׳האָט זיך באקומען ווי עמעסדיקע טיי. אמאָל איז צו דער טיי געווען עפעס א צוקערקעלע, אָפטער האָט מען געטרונקען מיט סאכארין, און נאָך אָפטער — מיט סייכל, ווי דער טאטע פלעגט זאָגן. ניט זיס און ניט זאט, ס׳איז אָבער געוואָרן א ביסל ווארעמער אין די גלידער. און קעדיי אייַנהיטן דאָס ביסל ווארעמקייַט, האָט מען זיך אפגיך אויסגעלייגט אין די געלעגערס, זיבן מענטשן אין איין קליין צימערל, אייַנגעדעקט זיך מיט וואָס נאָר א שמאטע ס׳איז געווען אין שטוב“... („יונגע יאָרן“)

און אף מאָרגן, יעדן אינדערפרי, גייט דער טאטע אין בעסמעדרעש, און כאַיִמקע מיט אים. מע דאוונט הייס און לייַדנשאפטלעך, אז דער אלמעכטיקער זאָל זיך ענדלעך ארומקוקן אף זייַנע אומגליקלעכע זין און טעכטער און צושיקן דעם נעס. כאַיִמקע האָט זייַן אייגן געבעט: „שיק צו א רעפוע דער מאמען, וואָס פארהוסט זיך אָפטער און אָפטער און אף איר טיכעלע לייגן זיך ראָזע פלעקן...“

נאָר קיין נעס איז ניט געקומען, און קיין רעפוע אויך ניט. ס׳איז געקומען פעטליורע. טייַכן בלוט, טרערן פון אלמאָנעס און יעסוימים. קינדער ווערן עלטער פאר דער צייַט, בארמיצווע־ייִנגלעך ווערן די ברויטגעבער אין שטוב. די רעוואָליוציע איז געקומען אויך קיין כאשטשעוואטע און גענומען וועקן די מויכעס. בא זייַנע צוועלף־דרייַצן יאָר האָט כאַיִמקע שוין א סאך געזען און א סאך איבערגעלעבט. פארטראכט ער זיך מער און מער, געזוכט אן ענטפער אף אלץ, וואָס קומט פאָר ארום אים.

— וואָס זשע טוט זיך עס, ריבוינע־שעל־אוילעם? פארוואָס קומט עס אזא מוקע דעם אָרעמאן? פארוואָס האָסטו באדארפט אָפנעמען בא מיר, בא מייַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך אונדזער שטילע מאמע?

פארוואָס? און נאָכאמאָל פארוואָס?

— עפשער איז דער עמעס אין גוליאניצקיס פארטיזאנער־אָטריאד? ווען ער באווייַזט זיך אין שטעטל, פאלט בא די ייִדן אראָפ א שטיין פון הארצן. מע קאָן אָן פאכעד איבערשלאָפן די נאכט. און צווישן די פארטיזאנישע רייַטער געפינט זיך מענדל מארקוס און נאָך עטלעכע שטעטלדיקע כעווריע...

דערנאָך איז געווען איינע א נאכט, ווען כאַיִם איז בא א טשאדענדיק קאנעצל אָפגעזעסן ביז באגינען און געלייענט לענינס רעדע אפן דריטן קאָמיוג־צוזאמענפאָר. ס׳קאָן זייער זייַן, אז גראָד אין יענער נאכט האָט פון זייַן הארץ זיך ארויסגעריסן ווי א ליד, ווי א הימן, דער אָפגעזוכטער עמעס. גראָד אין יענער נאכט איז צו אים געקומען דער גלויבן אין דעם גוטן און שיינעם, וואָס איז אינעם מענטשן פארבאָרגן, — ריר זיך נאָר צו צו דעם מיט טרייַשאפט, וועט דאָס א שפיל טאָן, ווי א דימענט אונטער דער זון.

סאָף צוואנציקער יאָרן. אף די גאסן פון כאשטשעוואטע באווייַזן זיך פלאקאטן, אָנגעשריבענע מיט כאַיִמס האנט: „ייִדן, פארשרייַבט זיך אף ערד!“, „ייִדן, וואנדערט איבער אף ערד!“. ער אליין פארשרייַבט זיך דער ערשטער, רעדט אייַן דעם טאטן, די שוועסטער, די שכיינים. דערנאָך איז שוין אוועק א גאנג. הונדערטער מישפאָכעס לאָזן זיך אין א וועג, וואָס ציט און שרעקט אין דער זעלבער צייַט, און דאָרטן, אף די זאפאָראָזשיער סטעפעס, אף דער „ייִדישער צעלינא“ פארטרויען די איבערוואנדערער גראָד אים, כאַיִמקען, דעם סאמע ייִנגסטן צווישן זיי, צו זייַן זייער באפולמעכטיקטער אינעם דאָרפראט. דערנאָך ווילן זיי אים אויס אלס פאָר־

זיצער פון יישעװו־ראַט און שפּעטער — אַלס פּאַרזיצער פון דאַרפסאָװעט.

ס׳איז געװען דער אָנהײב פון די דרײַסיקער יאָרן. אין מעלאַמודן האָט שױן געמאָלדן װעגן זיך דער שרײַבער. דער פּאַרזיצער פון דאַרפסאָװעט און דער שרײַבער זײַנען, כּאַלילע, ניט געװען צעקריגט צװישן זיך, נאָר שפּיצלעך פלעגט מען אײנער דעם צװײטן אָפּטאָן. קוים פלעגט דער פּאַרזיצער שפּעט אין אָװנט זיך זעצן שרײַבן פאַרן ראַיװיספּירקאָם א דרינגענדיקע סװאָדקע װעגן דעם גאַנג פון ברױט־פאַרגרײטונג, װעגן דער צאָל אױסגעראָטענע סוסליקעס און נאָך אַזעלכע װיכטיקע זאַכן, פּונקט דעמלט פלעגט דער שרײַבער אים א טאַרע טאָן: „ברודערקע טײַערער, װאַרט צו א ביסעלע מיט די סוסליקעס, איך מוז טאַקע שױן, טײקעף, די מינוט...“

יאָגט און פאַרכלינעט זיך דעם שרײַבערס פּען, ער דאַרף אַזױפיל דערצײלן! עס שטעלן זיך אױס זײַנע פאַרשױנען און מאָנען בא אים, ער זאָל גאָרנישט ניט פאַרגעסן, ער זאָל פאַרשרײַבן אַזױ, װי ס׳איז געװען, דעם רײנעם עמעס. פישל, דער געװעזענער כאַשטשעװאַטער לאַטוטניק, רוימט אים אײַן: געדענקסטו כאַטש, כאַימקע, װאָס כ׳האָב געטראַכט און געקלערט אין יענע טעג פאַרן פאָרן אַף ערד?

יאָ, ער געדענקט. „פישל דער שוסטער זשמורעט די פאַרטראַכטע, עטװאָס שמײכלענדיקע אױגן און רעדט װי צו זיך אַלײן: ערד, א שפּילעכל! װען מײַן טאַטע זאָל דערלעבן צו דער דאָזיקער צײַט! און אינדערעמעסן טאַקע, פונװאַנען נעמט זיך דאָס גאַנצע לעבן פון די מענטשן, אױב ניט פון דער ערד? און װיפל קאָן מען זיצן אין נױט און דאַכקעס און לײגן א לאַטע אַף א לאַטע? עס װילט זיך זען אַן עמעסדיק לעבן, א גאַנצס, אָן לאַטעס...“

— פאַרגעס ניט, כאַימקע, אַז כ׳בין געװען פון די ערשטע אין יענע טעג און אױך ניט דער לעצטער אָט דאָ אַף דער ערד, — טוט אים שעפּטשע אַנשל, דער געװעזענער באַלעגאָלע.

יאָ, ער געדענקט: „אַנשל דער באַלעגאָלע װיל הײַנט אױך זאָגן עפּעס אַזױנס, זײער װיכטיקס, מ׳זאָל אים גלײבן: „איר פאַרשטײט, דאָס גאַנצע לעבן מײַנס פאַר

איך אַרום איבער דער דאָזיקער ערד, געזען, װי ס׳װאַקסן די ברױטן, װי ס׳צװיטען די סעדער און ניט אײן מאָל האָט זיך מיר געװאָלט א געשרײ טאָן „טפּררו“, װײַטער פאָר איך ניט, אָט דאָ פאַרבלײַב איך! נאָר ס׳איז ניט געװען אַזאַ מעגלעכקײַט. איצט איז זי דאָ, און אַנשל דער באַלעגאָלע זאָגט: „טפּררו“, און א סאָף זאָל עס נעמען“.

אײַזיק צאַפּ, דער כאַשטשעװאַטער מעל־קלײטניק, פאַרקערט, בעט זיך כניפּעדיק באַם שרײַבער: „מאַלע װאָס ס׳קומט פאָר צװישן מענטשן, מוזט איר מיך טאַקע אַרױסשטעלן פאַר דער גאַנצער װעלט?“

יאָ, ער מוז, װײַל ס׳איז דער עמעס, װײַל אַזױ איז געװען.

„...ס׳איז אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט, און מיט ברױט האַלט שלעכט. װוּ און װיאַזױ װעט מען קריגן ברױט? אײַזיק צאַפּ האָט גענומען אַף זיך צו פאַרענטפערן די דאָזיקע פראַגע. ער האָט שױן אַרײַנגעפירט צו זיך אין שטוב עטלעכע זעקלעך מעל, א װאָג מיט געװיכט האָט ער געבראַכט פון דער הײם. ער איז צוגעקומען פאַרנאַכט צו די באַראַקעס, אַן אױסגערוטער נאָכן באַטאָגיקן דרעמל, און זיך צוגעזעצט כאַפּן א שמועס.

— אײַך פעלט מעל? — האָט ער געזאָגט. — איר דאַרפט װײַט ניט זוכן, איך קאָן אײַך אַלעמען פאַרקױפן... איך קאָן געבן פאַר געלט, איך קאָן גלײבן אָן געלט, פונעם נײַעם אָפּנעמען. פאַרשטײט זיך, מיט א ביסעלע פּראָצענט.

און װיאַזױ האָט ער עס ציניש א זאָג געטאָן: „די ברײרע איז בא אײַך, די װעלט באַשטײט פון צװײ סאָרטן מענטשן: פאַרקױפער און קױנים. קײן פאַרקױפער װילט איר ניט זײַן, — ס׳אײַער זאַך, נאָר קױפן װעט איר מוזן...“ מ׳האָט אים גוט פאַרשטאַנען, אײַזיקן, — ס׳הײסט, איר האָרעװעט אײַך, ריִעט מיט דער נאָז די ערד, אױב ס׳געפעלט אײַך, ניט צוליב דעם בין איך אַהער געקומען, כ׳װעל נאָך א פּרוּװ טאָן דאָס מאַזל מיט דער װאָגשאָל...“

נאָר ס׳שאַריִעט שױן אַף טאָג און דער פּאַרזיצער פונעם דאַרפסאָװעט גיט אָנצוהערן דעם שרײַבער, אַז מ׳דאַרף װיסן א מאָס, אַז די כאַשטשעװאַטער װעלן שױן באַלד אַרױספאָרן אין סטעפּ, און מ׳דאַרף זײַן דאָרטן, באַם דרעשן און באַם שיט־פּונקט, װײַל הײַנט װעט מען אָפּשיקן דעם ערשטן ברױט־אָבאָז דער מעלוכע, און באַם בױען דעם קינדערגאָרטן דאַרף מען אױך זײַן.

נאָך אַזעלכע שפּיצלעך, װאָס דער שרײַבער פלעגט זיך דערלױבן אָפּטאָן דעם פּאַרזיצער, פלעגן זײ שױן בײדע גאַנץ פרײַנטלעך טײלן צװישן זיך דעם פאַרדראָס פאַר די אױסרײדן צוליב די סװאָדקעס, װאָס זײַנען צו דער צײַט ניט צוגעשטעלט געװאָרן. איצט קאָן מען עס דערמאָנען מיט א שמײכל, אָבער דעמלט איז כאַימען געװען ניט פרײלעך אַפן האַרצן.

נאָר אָט װערט אין נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן געגרינדעט א צײַטונג און כאַים מעלאַמוד װערט באַשטימט אַלס פאַראַנטװאָרטלעכער סעקרעטאַר. ער האָט שױן געקאָנט ערנסטער זיך אָפּגעבן מיט דער שרײַבערישער אַרבעט. עמעס טאַקע, װידעראַמאָל בלױז באַנאַכט, נאָך א טאָג אַרומפאָרן און אַרומגײן איבער די קאָלװירטן, קעדײ גרײטן מאַטעריאַלן פאַרן אָרדנטלעכן נומער פון דער צײַטונג. אָבער געשריבן האָט ער שױן ניט קײן סװאָדקעס, נאָר — דעם ראָמאַן „ערד“.

די טעמע ערד איז אַף יאָרנלאַנג געװאָרן די צענט־

ראַלע אין מעלאַמודס שאַפונג. די דאָזיקע טעמע איז פאַר אים אָרגאַניש און לייַבלעך נאָענט, ווייַל מיט דער מוטער־ערד זייַנען פאַרבונדן זייַן שווערע קינדהייַט, זייַנע יונגע יאָרן און אויך א סאַך יאָרן פון זייַן רייַפן עלטער.

דערמאָנענדיק איינעם פון די פיל ביטערע טעג, ווען ער האָט אין שטעטל, נאָך גאָר א קינד, שווער געהאָרעוועט באַם יעטן די בורעקעס, שרייַבט כאַיִם מעלאַמוד אין „יונגע יאָרן“: „איך האָב דאַן ניט געוווּסט, אַז אין יענעם טאָג, אין אָט די שווערע מינוטן הייבט זיך אָן א נייַ קאַפּיטל אין מייַן לעבן, און אַז דאָ ווער איך אַף לאַנגע יאָרן פאַרבונדן מיט דער ערד, אַז כ׳וועל ליב באַקומען די זויבערע לופט, די ווייַטע וואָלקנדלעך, די קילע באַגינענס און די מידע אָפּדערנאַכטן, אַז מיר וועלן ליב ווערן די ווינטן און זאַווייען, די וויכערס און גוסרעגנס, אַז כוועל אַמאָל קאָנען פאַרשטיין די שפּראַך פון דער ערד, פון יעדן גרעזעלע און באַבעלע“.

דער שרייַבער האָט פאַרשטאַנען ניט בלויז די פאַרבאָרגענע שפּראַך פון דער ערד, נאָר אויך די קאָמפּליצירטע שפּראַך פון מענטשלעכע פאַרהעלטענישן, פון די סאָציִאַלע „ווינטן און זאַווייען“ פון די דרייַסיקער יאָרן. איז דאָס לעבן טאַקע געשילדערט אין זייַנע ווערק, ווי א סיכסעך צווישן צדאָדים, — צווישן דעם אופקומענדיקן און דעם אָפּגעלעבטן, צווישן מענטשלעכער ווירדע און קליינמוטיקייַט, צווישן אָרנטלעכקייַט און פאַלשקייַט, צווישן פאַרשטאַנד פאַר די אינטערעסן פונעם קאָלעקטיוו און דעם באַלעבעסלדיקן עגאָיִזם.

באַזונדערס שעפעריש איז כ. מעלאַמוד אינעם נאָכמילכאָמע־פּעריִאָד. מיר האָבן גרויס פאַרגעניגן געהאַט פונעם ראָמאַן „פּרייַנטשאַפט“, וואָס שילדערט דעם העלדנטאַט פונעם סאָוועטישן פאָלק אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, די פעלקער־פרייַנטשאַפט, וועלכע האָט גויווער געווען די שווערסטע ניסיוינעס. מע דאַרף זאָגן, אַז כאַיִם מעלאַמוד איז אין אַלע זייַנע ווערק א טרייַער פּראָפּאַגאַנדיסט פון ברודערשאַפט צווישן פעלקער.

אין שטעטל, און באַזונדערס אַף די זאַפּאָראָזשיער סטעפּעס, האָט דער שרייַבער געלעבט אין א פּילנאַציִאָנאַלער סוויווע און אַליין געזען, ווי פרייַנטלעך און קרוויויש־נאָענט עס פאַרהאַלטן זיך פּאָשעטע אַרבעטסמענטשן פון פאַרשיידענער נאַציִאָנאַלער אָפּשטאַמונג, ווי די געמיינזאַמע מי ווערקט און כאָוועט באַ זיי דאָס געפיל פון אַכדעס, ביפראַט אין א שווערער מינוט. ווי א סימבאָל שטייט שטענדיק פאַר זייַנע אויגן טערעשקאָ דער מילנער מיטן טאָרבעלע מעל און א סאַך אַנדערע טרעגער פון אָט דער פרייַנטשאַפט, וואָס דער יעסאָד אירער איז דער סאָוועטישער לעבנסשטייגער.

איר געדענקט עפּשער די געשיכטע מיטן ברונעם? זי איז פאַרלאָפן באַ די ייִדישע איבערוואַנדערער טאַקע אין סאַמע אָנהייב פון זייער נאָך ניט אייַנגעאָרדנט לעבן. אַלע האָבן זיך גענומען בויען הייַזער, קנעטן ציגל פון סאַמאַן, און אין רעכטן ברעג פון דער אַרבעט האָט ניט געסטייַעט קיין וואַסער אין דעם איינציקן אַרטעזיִאַנישן ברונעם. דערשראָקענע פּענעמער, פאַרצווייפלטע אויגן, ס׳איז שוין נאָענט צו א פּאַניק־שטימונג, וואָס ווערט אונטערגעוואַרעמט דורך דעם זעלבן אייַזיק צאַפּ און פון א שימען דרייפוס. וואַסער! ווו נעמט מען וואַסער?! עס פאָרן עטלעכע ייִדן, בעראָש מיטן באַפּולמעכטיקטן, אין אוקראַיִנישן כוטאָר. וועלן זיי דערלויבן מאַכן ציגל לעבן זייער סטאַוואָק — איז מען געראַטעוועט. עלע ניט...

געפינט זיך צווישן די כוטאָריאַנער א באַלעגופל זשאַריק, א פולשטענדיקע קאָפּיע פון אייַזיק צאַפּ, און ער פּרוווט זיך פאַרגעבן דעם טאָן אַף דער פאַרזאַמלונג, וואָס ס׳האָט צונויפגערופן דער פּאָרזיצער פון דאָרפסראַט מיקאָלאַ דודניק.

— ווער האָט זיי גערופן אַהער! אַז ס׳איז גאָר ניט פאַר זיי קיין אַרבעט, זיי וועלן נאָר די ערד פּאַטערן! נעכייַ וואָלטן זיי דאָרטן געפירט זייער האַנדל און אונדז געלאָזט צורו, ניט עמעס?

— ניט עמעס! — האָט אויסגעשריִען דער אַלטער דאַנילאָ... — ניט עמעס! ווער זייַנען מיר? — פרעג איך. די איינִיקלעך פון די בורלאַקעס. און זיי ווער זייַנען? אַזעלכע מענטשן, ווי מיר. ווילט איר אונדז צו שאַנדע שטעלן פאַר דער גאַנצער וועלט?

— אַוואַדע דאַרף מען העלפן.

— זאָל מען אָפּשטימען. קיינער וועט ניט זייַן קעגן.

דער סכאָד האָט איינמוטיק געשטימט פאַר פרייַנטשאַפט.

פאַראַן נאָך א מאָטיוו אין כאַיִם מעלאַמודס שאַפונג, וואָס גייט דורך אין אַלע זייַנע ווערק, — די ייִדישע פרוי, די האָרעפּאַשניצע, די צייַטן פון איר וויסטן ווייַבערישן גוירל און די צייַטן פון איר אופגעריכט ווערן.

טרויעריקע געשיכטעס:

האָט געלעבט אין שטעטל א ביטער יעסוימעלע יענטעלע. צו נייַן יאָר איז זי געוואָרן א דינסט באַם שטעטל. צו נייַנצן יאָר האָט דאָס שטעטל צום לעצטן מאָל א שפּייַ געטאָן איר אין דער געשאָמע, כאַסענע געמאַכט זי פאַר א מענטשן, וועמען זי האָט ניט ליב געהאַט, „וואָס אין זייַנע טונקעלע צוגעלאָשענע אויגן איז ניט געווען קיין פונק, קיין פּיצעלע גלאַנץ...“

האָט געלעבט אין שטעטל א לייקע. צוערשט האָט מען זי גערופן „לייקע דער פּידיטשקעס“, ווייַל איר מאַמע פלעגט יעדע וואָך אַנטלייַען באַ אַן אַנדער שאָכן א פּוד ברויט. די מאַמע האָט איר איבערגעלאָזט בעירושע די צונעמעניש און אָן א שיר כויוועס. איז לייקע געוואָרן „לייקע די מויד“, וואָס אַרבעט אָלעמען אָפּ דער מאַמעס כויוועס.

באַוווּסטע טרויעריקע ווייַבערשע גויראָלעס, וואָס פאַרוווּנדערן קיינעם ניט, ווייַל אַזאַ איז געווען דאָס לעבן. עמעסן וווּנדער רופט אַרויס דאָס ווייַטערדיקע לעבן זייערס, וואָס דער שרייַבער שילדערט אַזוי וואָרהאַפטיק און מיט גרויס רעגונג. די זעלבע יענטל, דאָס פריהלרשעטע געוויקסל, וואָס איז פון א גוטער האַנט איבערגעפלאַנצט געוואָרן אַף דער זאַפּאָראָזשיער ערד, איבעראַשט פלוצעם מיט אַן אופרייַס פון פּראָטעסט קעגן דעם בייז, קעגן איר קלוימערשטן פרייַנט אייַזיק צאַפּ, וואָס האָט זי אויך דאָ, אַף דער ערד, פאַר זייַנער א דינסט געמאַכט, קעגן די, וואָס האָבן איר דאָס לעבן אָפּגעסאַמט. ווי זי טוט זיך עס א צי צום ביכל, דערפילט, עפּשער צום ערשטן מאָל, אַז שיין איז צו זייַן א מענטש אַף דער וועלט, ווי באַפליגלט עס ווערן אירע טרוימען!

די זעלבע „לייקע דער פּידיטשקעס“, „לייקע די מויד“ ווייַזט גאָר אַרויס דאָ, אַף דער ערד, אומגעוויינלעכע אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקייַטן, עכטן מעלוכע־פאַרשטאַנד, ווערט בריגאַדיר פון א פעלד־בריגאַדע, איינער פון די כאָשעווסטע מענטשן אין קאָלווירט.

אין נאָמען פון אַלע אופגעריכטע פרויען זאָגט לייקע מאַלץ:

— ווען איך באַטראַכט מייַן לעבן, אונדזער אַלעמענס

לעבן, איז גלײַך ווי מיר זײַנען פון א טיפער פינצטערער גרוב ארויס אף א הויכן ליכטיקן בארג...

דערנאָך זײַנען געקומען א ריי ווערק, וועלכע כאַיִם מעלאמוד האָט אָנגעשריבן אף אוקראַיִניש. זיי זײַנען געווידמעט דעם בוקאָווינער קאנט, ווו דער שרײַבער לעבט נאָך דער מילכאָמע. דאָס איז דער ראָמאן „הלי־באָטשאָק" — וועגן א בוקאָווינער דאָרף אין די ערשטע נאָכמילכאָמע־יאָרן, וואָס מאכט דורך דעם וועג צו קאָלעקטיוויזאציע אין אומשטענדן פון ווילדן ווידערשטאנד מיצאד די באלעגופים און זייערע אידעאָלאָגישע באגײַ־סטערער — די באנדעראָווצעס. צוויי ביכער האָט כאַיִם מעלאמוד אָנגעשריבן צוזאמען מיט דעם פראָזאַיִקער מי־קאָלא בורבאק: „די ליד פון בוקאָווינע" (וועגן דער באַ־נײַונג פונעם בוקאָווינער דאָרף) און „לעבן פרוט אין סאדגארא" (א היסטאָריש־דאָקומענטאלע דערציילונג וועגן דער רעוואָליוציאָנערער אונטערערד אף בוקאָווינע אין דער צײַט פון דער רומעניש־באָיארישער הערשאפט).

וויכטיקע מאָראליש־עטישע פראָבלעמען פאר דער ייִדי־שער סוויווע שטעלט כ. מעלאמוד אין זײַן דערציילונג „שוועסטער", וועלכע ער האָט פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד".

עס פירט זיך אף דער וועלט, אז דעם באל־יויוול טראָגן פרײַנט אונטער מאטאָנעס — צייכנס פון ליבע און אָפּ־שײַ. דערווײַל אָבער האָט כאַיִם מעלאמוד אין זײַן יובי־ליי־יאָר אליין אונטערגעטראָגן אונדז אלעמען א שיינע מאטאָנע — דעם ראָמאן „יונגע יאָרן".

דאָס נײַע ווערק, וואָס זאָגט איידעס, אז דער שרײַבער איז איצט אין פולן שעפערישן בלי, וועט מיט דער צײַט געוויס געמוי אָפּגעשאצט ווערן מיצאד אונדזער ליטע־ראטור־קריטיק. דער לייענער אָבער האָט זײַן וואָרט שוין געזאָגט, דאָס וואָרט איז ווארעם און באגײַסטערנדיק. לאָמיר אויסהערן דעם לייענער.

ג. קאָסאָי פון ווניניצע: „אין די „יונגע יאָרן" האָב איך דערזען אויך מײַנע יונגע יאָרן און די יונגע יאָרן פון דער גאנצער כאשטשעוואטער דערשלאָגענער און פינצטערער יוגנט פון יענער צײַט. איך ווייס ניט, וואָס וועט זײַן אין צווייטן טייל, איך בין זיכער, אז איר וועט ארויספירן די יוגנט אף א ליכטיקן וועג. איר האָט אוועקגעשטעלט א דענקמאָל אונדזער שטעטל. אף איי־ביק. א גרויסן דאנק אײַך".

ד. קאנעצפאָלסקי פון דאָנבאס: „פאר מיר איז דער ערשטער נומער „סאָוועטיש היימלאנד" פון 1967 אן אומגעוויינלעכער נומער. דאָס איז א בריוו פון דער ווײַטער קינדהײַט און ניט וויניקער נאָענטער יוגנט. דאָס איז א בריוו פון יענע וועגן פון די בורעקעס־פלאנ־טאציעס, פון סאלקאָווער זאוואָד און גײַוואָראָנער דעפאָ. דאָס ווערק איז קינסטלעריש וואָרהאפטיק, די גע־שטאלטן — פישל סטאָליער, מוישע סאָטסקי, פערעצל גאנעוו אא. — שווימען אוף, גלײַך כ׳האָב זיי געזען נעכטן, כאָטש ס׳זײַנען אוועק בא פופציק יאָר".

י. טוקארסקי פון מאָסקווע: „נאָך מײַן מיינונג און לויט דער מיינונג פון אנדערע לייענער איז דאָס זייער א געשמאק ווערק. ביפראט קומט אײַך א יאשער־קויעך פאר דער שפראך, אן עמעס ייִדישע שפראך, די שפראך פון כאשטשעוואטע און הײַסין, אומאן און שפּאָלע און פיל אנדערע מעקוימעס פון אמאָליקן „טכום". איך האָב געהאט פיל פארגעניגן פון דער באַ־שרײַבונג פון די צוואנציקער יאָרן. אלץ איז עמעס, רעאליסטיש, ניט צוגעפוצט".

אָ. שווארצבאָרד פון קיִעוו: „כ׳האָב גרויס האנאָע געהאט פונעם לייענען, א גוטע שפראך, ווארעמער הומאָר. א ביסל שאָלעם־אליײכעמדיק. כ׳האָב פריִער גע־צווייפלט, צי בין איך אָביעקטיוו אין מײַן אָפּשאצונג, פאָרט מײַן אייגן שטעטל, נאָר די שמועסן מיט אנדערע לייענער האָבן מיך איבערצײַגט, אז ס׳איז טאקע א גוט ווערק".

ז. וויסאָצקי פון קאָראָסטען: „געענדיקט לייענען דעם צווייטן טייל. ער איז נאָך בעסער פון ערשטן. כ׳קאָן זיך ניט דערווארטן אפן דריטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד". מיר דוכט, אײַער ווערק וואָלט בעסער געווען אָנרופן פאָעמע אין פראָזע".

לייב סאפאָזשניקאָוו פון קיִעוו: „די „יונגע יאָרן" לייענען אלע אונדזערע באקאנטע, פרײַנט און מעכוטאָנים. און איך דערמאָן זיך אין א סאך עפּי־זאָדן, וועלכע ס׳וואָלט געלוינט ארײַנשרײַבן. וועגן דער 45־טער דיוויזיע פון דער רויטער ארמיי, וואָס איז אדורך אין 19־טן יאָר דורך כאשטשעוואטע, און מיט איר האָבן דאן אָנגעפירט יאקיר און גאמארניק. מ׳וואָלט געקאָנט אָנרופן א גאנצן צעטל כאשטשעוואטער יוגנט, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין בירגערקריג אין פארשיידענע טיילן פון דער רויטער ארמיי: מײלעך פראָטעקטאָר, מוישע ביטאָי, אווראָם דעם סטאָליערס, קאלמען קראסניאנסקי, ייִסראָעל זאלץ, הערשל שאווזשניאנסקי, רודניע מארמער און פיל אנדערע. זוסיע צוקערמאן איז געפאלן אין שלאכט בא ווארשע, אלס קאָמאנדיר פון אן עסקאדראָן, באהאלטן אין ביאליסטאָק".

פ. קאהאנער פון דניעפּראָפּעטראָווסק: „מיך פרייט, וואָס איר זעצט פאָר דעם ראָמאן „יונגע יאָרן". דאָס איז זייער גוט. דער ראָמאן איז א מין „פּו־נעם יאריד". דאָס איז אײַער שיר־האשירים־ראָמאן, א געזאנג און א געשריי פון הארצן, דאָס איז די נעשאָמע־ליד פון אונדזער דאָר, וואָס איר זינגט אויס זייער גוט און מיר הערן זי, ווי פארקישעפטע".

ווארטן איצט געוויס די לייענער אף דעם צווייטן בוך „יונגע יאָרן". קאָן איך זיי דערפרייען. כאַיִם מעלאמוד איז איצט טאקע דערמיט פארנומען, ער איז, ווי מ׳זאָגט, אין א גוטער שרײַבערישער פאָרם, און יעדן טאָג קומען צו נײַע זײַטלעך פונעם צווייטן בוך. דעם שרײַבערס טאָג איז אָנגעזעטיקט מיט שעפערישער מי, מיט ליטעראריש־געזעלשאפטלעכע איניאָנים. אגעוו, דער טאָג, ווי שוין א סאך יאָרן נאָכאנאנד, הייבט זיך אָן בא כאַיִם מעלאמודן באנאכט. ער זאָגט מיט א שמייכל: „איך מוז האָבן אן עלעקטריש לעמפּעלע" — און דערמאָנט, אז די געוויינ־שאפט צו ארבעטן באנאכט גייט נאָך פון יענע שוין ווײַטע צײַטן אין דער נײַזלאטאָפּאָליער צײַטונג. צום שרײַבטיש קומט ער שוין „א גרייטער", ס׳איז דורכגעטראכט דער נײַער עפּיזאָד, די ווײַטערדיקע האנדלונג, ער האָט שוין געזען, וואָס עס קלײַבן זיך ווײַטער טאָן זײַנע פאר־שוינען, ער האָט אונטערגעהערט זייער געשפרעך, און, ווי עס זאָגט דער שרײַבער, „עס קומט יענער זעלטענער צושטאנד, ווען געדאנקען ווערן פארוואנדלט אין זעונגען. קוים דו זעצסט זיך צום טיש, רינגלען דיך טייקעף ארום דײַנע העלדן. נעמסט אין דער האנט די פען און טוסט א קאָמאנדעווע: הײַדא, כעווערע, פאָרן מיר ווײַטער..."

איז טאקע ווײַטער געפאָרן, טײַערער פרײַנט אונדזע־רער, א מאזלדיקע רײַזע דיר און אריכאס־יאָמים!

• • •

עמיל אנטואן בורדעל (1861—1929)

סאפאָ

גרויס דערפאָלג האָט געהאט אין מאָסקווע די אויסשטעלונג פון פראנצויזישער סקולפטור. מיר ברענגען דאָ א ריי בארימטע ווערק פון בורדעל און ראָדען.

הערַאקל שיסט פון בויגן

אַגוסט ראָדען (1840—1917)

א קוש

אָדעם



כאווע

דער ווידערשפעניקער זון

ליטעראַרישע דיִאַלאָגן



ה. רעמעניק (רעכטס) און ש. בעליס

אונדזער נײַעם אָפּטייל „ליטעראַרישע דיִאַלאָגן" הייבן מיר אָן מיט א שמועס צווישן צוויי ליטעראַטור־קריטיקער: שלוימע בעליס (וואַרשע) און הערש רעמעניק (מאָסקווע). דער שמועס איז פאָרגעקומען אין סאָף יוני ד. י., ווען ש. בעליס איז געווען צוגאַסט אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

אײַנפירנדיק דעם נײַעם אָפּטייל, וואָס איז לויט זײַן טאָך א טריבונע פאַר פּאָלעמיק, האָבן מיר אין זינען, אַז אויך די לייענער וועלן אין זייערע בריוו אין רעדאַקציע זיך אײַנשליסן אין דער באַהאַנדלונג פון די אַקטועלע פּראָבלעמען.

הערש רעמעניק. אַזוי ווי מיר ביידע זײַנען ליטעראַטור־קריטיקער, מענטשן פון איין פאַך, וועט זײַן, מיין איך, נאַטירלעך, אויב אונדזער דיִאַלאָג וועט זיך אָנהייבן טאַקע פון קריטיק, דערפון, וואָס מיר וועלן באַטראַכטן די נאַטור, דעם מעהוס פון ליטעראַטור־קריטיק, קודם נאָכדעם אַריבערגיין צו אַקטועלע אויפגאַבן פון אונדזער ליטעראַטור אין איצטיקן מאָמענט. אויב איר דערווידערט ניט, וועלן מיר אָנהייבן דערמיט, וואָס מיר וועלן פּרוּוון געבן געוויסע דעפיניציעס וועגן דעם טאָך פון דער קריטיק, ווי יעדערער פון אונדז פאַרשטייט דעם איניען. און אויב עס וועלן זײַן בײַ אונדז מיינונגס־פאַרשיידנהײַטן, וועלן מיר דורך זיי דאָך עפּעס אויפקלערן.

שלוימע בעליס. אַדרבא. עמעס, עס איז ניט אַזוי פּאַשעט על־רגל־אחת צו דעפינירן די נאַטור פון קריטיק. עס איז אויף דער טעמע אָנגעשריבן געוואָרן זייער פיל און זייער סטירעסדיק. איך וועל אָבער פּרוּוון זיך באַגרענעצן אָט מיט וואָס (באַוואָרענענדיק זיך גלײַכצײַטיק, אַז וויבאַלד מע הייבט אָן דעפינירן, הייבט מען זיך אָן טויע זײַן): אין דער נאַטור פון דער ליטעראַטור־קריטיק ליגט — באַזיניקן דערשײַנונגען און ווערק פון דער ליטעראַטור. און כאָטש, נאַטירלעך, עס זײַנען פאַראַן געוויסע אָביעקטיווע קריטעריען, איז דאָך שווער אויסצומײַדן א געוויסן סוביעקטיוויזם. דאָס זאָג איך דערפאַר, מאַכמעס איך באַטראַכט די קריטיק פאַר אַ שעפערישן פּראָצעס, און ווי אַזאַ איז זי אָפּהענגיק פון דער אינדיווידואַליטעט אָדער פון דער שעפערישער פּערזענלעכקײַט פונעם קריטיקער.

הערש רעמעניק. אין אונדזער סאָוועטישער ליטעראַטור און — איך בין זיכער — אויך בײַ אײַך אין פּוילן גייט שוין פון לאַנג אָן אַ לעבעדיקער מיינונגס־אויסטויש וועגן דער נאַטור פון קריטיק: צי איז קריטיק — קונסט? צי איז זי — וויסנשאַפט? צי איז זי דאָס און יענץ?

די לעצטע יאָרן פאַרשטאַרקט זיך אַלץ מער די מיינונג, אַז קריטיק איז קונסט, באַגלײַך מיט פּראָזע, דיכטונג, דראַמאַטורגיע. אין א געוויסן זין איז דאָס א רעאַקציע קעגן דער דאָגמאַטישער קריטיק, וואָס איז איין צײַט געווען בײַ אונדז פאַרשפּרייט און האָט באַגרענעצט די מעגלעכקײַטן און די פאָרמען פון דער קריטיק.

אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס מע דאַרף נאָך דערווײַזן, צי איז קריטיק קונסט, — איז שוין גאַנץ סימפּטאָ־

מאַטיש. קיינער וועט זיך דאָך ניט נעמען דערווײַזן, אַז דיכטונג, מאָלערײַ, מוזיק זײַנען קונסט־געביטן! און אויב בענעגייע קריטיק זײַנען יאָ פאַראַנען ספּייקעס, קומען זיי, ווײַזט אויס, פון געוויסע רעאַלע סיבעס, וואָס זײַנען פאַרבאָרגן אין איר אינערלעכן טאָך אַלס ליטעראַרישע שאַפונג.

איך מיין, אַז די קריטיק איז אַ צווישנרונג, וואָס פאַרבינדט די צוויי מעכטיקסטע געביטן פון מענטשלעכן באַוווסטזײַן און פון מענטשלעכער גײַסטיקער שאַפונג: די קונסט און די וויסנשאַפט. אָט די ביידע געביטן האָבן פאַר זיך איין אויפגאַבע: דערקענען די וועלט, איבערשטאַלטיקן זי לעטויווּעס דעם מענטשן און דערגרייכן אַזויאַרום דעם עמעס.

די קונסט דערגרייכט איר ציל דעריקער דורך דעם, וואָס זי שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקײַט אין בילדער, געשטאַלטן, און דורך דעם, וואָס זי דערוועקט עמאָציעס, שטימונגען, איבערלעבונגען און אידייען. די וויסנשאַפט שפּיגלט אָפּ די ווירקלעכקײַט דעריקער דורך באַוווסטזײַן, דורך לאָגיק און געדאַנק. פאַרשטענדלעך, די קונסט איז אויך באַוווסטזײַן און געדאַנק, די וויסנשאַפט — אויך עמאָציעס און איבערלעבונגען. אָבער בײַ דער קונסט איז דעריקער די עמאָציאָנעלע ספערע, בײַ דער וויסנשאַפט — דעריקער די לאָגישע און דענקערישע ספערע.

די קריטיק געהערט לויט איר נאַטור צו דער דענקערישער ספערע. אָבער אַף וויפל זי האָט צו טאָן מיט קונסט, ווערט זי אויך אָנגעשטעקט מיט דער שעפערישער ספערע פון דער קונסט. און איך בין פולקום מאַסקים מיט דעם, וואָס איר האָט געזאָגט וועגן דער שעפערישער פּערזענלעכקײַט פונעם קריטיקער און דעם סוביעקטיוון און אינדיווידועלן צוגאַנג פון יעדן קריטיקער צו ליטעראַטור און קונסט־דערשײַנונגען.

שלוימע בעליס. ווען איך זאָג, אַז קריטיק איז אַ שעפערישער פּראָצעס, מיין איך ניט דערמיט צו זאָגן, אַז איך אידענטיפיציר קונסט מיט קריטיק, אַז איך האַלט קריטיק פאַר קונסט. ניין. דער וויסנשאַפטלער איז אויך אַ שעפערישע פּערזענלעכקײַט, אָבער דאָך ניט קיין קינסטלער. דער קריטיקער איז ניט קיין קינסטלער, אָבער אויך ניט קיין וויסנשאַפטלער אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. ער האָט צו טאָן מיט אַן אַנאַליז, וואָס טראָגט אַ ריין גײַסטיקן כאַראַקטער, ער ענטפערט אָפּ אַף די געדאַנקען און געפילן, וואָס קומען בײַ אים אויף, לייענענדיק יענעמס ווערק. ער גיט צו זיי צו עפּעס אייגנס, זײַן אייגענע וויזיע, די פאַרב פון זײַן אייגענעם טעמפּעראַמענט. דער קריטיקער דערמאָנט מיט עפּעס דעם שוישפּילער, ער מוז קענען זיך אַרײַנלעבן אין יענעמס הויט, כאַראַקטער און גײַסט. ער האָט אָבער ניט, ווי דער שוישפּילער, קיין אַמפּלואַ. עס איז ניט מעגלעך קיין אומפּערזענלעכע קריטיק, אָפּגעריסן פונעם גײַסטיקן וועזן פונעם קריטיקער ווי אַ פּערזענלעכקײַט, און דערפאַר שטעקט אין זײַן אַנאַליז און אינטערפּרעטאַציע ניט ווייניק פון אים גופא, כאָטש ער באַמיט זיך צו שטײַגן צו די הייכקײַטן פון אָביעקטיווקײַט. דער עמעס פון דער קריטיק איז בעכיין אַלעמאָל בלויז אַ רעלאַטיווער עמעס.

הערש רעמעניק. ווײַזט אויס, אַז איר און איך פאַרשטייען גאַנץ אַנדערש דעם טאָך פון דער קריטיק. איך האַלט, אַז קריטיק איז אי קונסט, אי וויסנשאַפט, איר, פאַרקערט: ניט קיין קונסט, ניט קיין וויסנשאַפט. וואָס איז שײַעך דעם געדאַנק, אַז דער קריטיקער איז מיט עפּעס־וואָס ענלעך צום שוישפּילער, איז דאָס, פאַרשטייט זיך, גאַנץ ריכטיק, האַגאַם די שפּיל איז גיכער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קונסט, ווי פאַר דער קריטיק.

שלוימע בעליס. איך וויל נאָך צוגעבן, אַז די סטירע, וואָס מע קאָן געפינען אין מײַנע ווערטער, ווען איך רייד וועגן דער ענלעכקײַט צווישן דעם שוישפּילער און דעם קריטיקער, איז אַן אויבנאויפיקע. איך בין בײַ דער מיינונג, אַז קוידעמקאָל איז דער קריטיקער אַ קוואַליפיצירטער לייענער. און דער לייענער איז ניט מעסוגל צו געניסן פון אַ קונסט־ווערק, אויב ער קאָן זיך ניט איבערפאַרקערפּערן, דאָס הייסט אַרײַנלעבן זיך, מיטלעבן מיט די פּערסאָנאַזשן.

הערש רעמעניק. לאָמיר אַריבערגיין צו מער קאָנקרעטע פראַגן. בײַ אונדז איז איצט די וויכטיקסטע פּראָבלעם דער פופציקסטער יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. מיר האָבן דורכגעמאַכט אַ רום־פולן האַלבן יאָרהונדערט, וואָס האָט קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע.

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז געקומען מיט גרויסע דערגרייכונגען, האַגאַם מיר זײַנען אויך, ווי באַוווסט, אויסגעשטאַנען שווערע ניסיוינעס. בײַ אונדז איז געשאַפן געוואָרן אַ נײַע ליטעראַטור, נײַע פּראָזע, נײַע דיכטונג, דראַמאַטורגיע, אַ וויסנשאַפטלעכע עסטעטיק און קריטיק, אַ מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קענטעניש. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געגעבן דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער גאַנצער וועלט נײַע אידייען פון רעוואָליוציע און סאָציאַליזם, נײַע געשטאַלטן און טיפּן פון רעוואָליוציאָנערע קעמפער און בויער, נײַע רעוואָליוציאָנערע סטילן און פאָרמען פון קינסטלערישער שאַפונג. פאַר די 50 יאָר ראַטנמאַכט זײַנען אויפגעקומען גאַנצע דורות גרויסע שעפער און קינסטלער, וואָס האָבן אויפגעהויבן די ליטעראַטור אַף אַ גאָר הויכער שטופע. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געהאַט אַ ווירקונג אַף דער ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. איך מיין, אַז איר וועט מאַסקים זײַן דערמיט.

שלוימע בעליס. איך בין איבערצײַגט, אַז אַדהײַעם זײַנען נאָך ניט דערשאַצט געוואָרן די אינהאַלטלעכע און עסטעטישע ווערטן, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אַרײַנגעטראָגן. די גרעסטע רעוואָליוציע פון אַלע צײַטן האָט נישט געקאָנט ניט ברענגען צו אַ רעוואָליוציע אין דער ליטעראַטור. אַ נײַער קלאַס איז געקומען ווי אַ זיגער ניט נאָר אין דער געשיכטע. ער איז אויך געקומען אין דער ליטעראַטור. און דאָס איז שוין די גרעסטע נײַקײַט. ער האָט מאַשפּיע געווען אַף דער שיינער ליטעראַטור מער ווי אַלע עסטעטישע טעאָריעס צוזאַמען גענומען. וואָרעם וואָס מע זאָל ניט בריִען, בלײַבט אַ פאַקט, אַז די ליטעראַטור איז אַלעמאָל געווען, איז און וועט זײַן אַ היסטאָרישער פּראָדוקט. מיר לייענען אין איר דעם אָטעם פון דער געשיכטע, די ענדערונגען אין מענטשלעכן לעבן און די ענדערונגען אינעם מענטשן גופא. דאָ געפינען מיר די שפּורן פון די עפּאָכעס. קיין שום רעוואָליוציע האָט אַזוי ניט צעאַקערט דאָס לעבן, ווי די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. בעמיילע האָט זי צעאַקערט דאָס גאַנצע פעלד פון דער ליטעראַטור און אויך פון דער ייִדישער ליטעראַטור. די קונסט איז ניט קיין זעלבסט־עמאַנאַציע, זי איז אַן עמאַנאַציע פון דער געשיכטע, מעגן אירע פאַרקערפּערער זײַן באַזונדערע קינסטלער. אויב ביז 1917 איז די ייִדישע ליטעראַטור אין דער וועלט

געווען מער ווייניקער איינהײַטלעך, איז זי זינט דאַן צעשפּאָלטן, סאָציאַל־אידייִש דיפערענצירט געוואָרן, ווי קיינמאָל פריִער.

בלויז אפן באָדן פון אַ נײַער ווירקלעכקייט האָט געקאָנט געשאַפן ווערן אַ נײַע ליטעראַטור. דערפאַר איז וויכטיק צו שטעלן די פראַגע, צי קאָן מען אידענטיפיצירן די ייִדישע ליטעראַטור אין דער וועלט, די טיילן אירע, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט דער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, מיט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור? העיוס אין מײַרעוו זײַנען פאָרגעקומען ענדערונגען נאָר אין דער אידעאָלאָגיע און ניט אין דער ווירקלעכקייט, דאַרף מען אָננעמען, אַז די רעוואָלוציאָנערע נאָכאָקטיאַבער־ליטעראַטור אין אויסלאַנד האָט בלויז געשעפּט אינספּיראַציע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און איז געבליבן אַ זעלבשטענדיקער פאַקטאָר. צי מיינט איר, אַז ניט אַזוי?

הערש רעמעניק. איך בין, פאַרשטייט זיך, מאַסקים, אַז מע קאָן ניט אידענטיפיצירן די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ליטעראַטור אין אויסלאַנד מיט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. נאָך מער. איך מיין, אַז ווען אפילו אין אַמעריקע אָדער אין פראַנקרײַך וואָלט פאָרגעקומען אַ סאָציאַליסטישע רעוואָליוציע און עס וואָלט זיך געענדערט, ווי איר זאָגט, ניט בלויז די אידעאָלאָגיע, נאָר אויך די רעאַלע סאָציאַלע ווירקלעכקייט, וואָלט מען אויך ניט געקאָנט אָט די ליטעראַטור אידענטיפיצירן מיט דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די ייִדישע ליטעראַטור אין אַלע לענדער אַנטוויקלט זיך ניט איזאָלירט, נאָר אין ענגער פאַרבינדונג מיטן לעבן און מיט דער ליטעראַטור פון די נאַציעס און פעלקער אין די לענדער, ווו עס וווינען ייִדן און ווו עס ווערט געשאַפן אויך ייִדישע ליטעראַטור; די ייִדישע ליטעראַטור אין פאַרשיידענע לענדער שפּיגלט אָפּ ניט בלויז דאָס ייִדישע לעבן, נאָר אויך דאָס גאַנצע סאָציאַלע לעבן אין לאַנד. אין דעם באַשטייט איינע פון די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט דרינגט, נאַטירלעך, אַרויס פון דער אייגנאַרטיקייט אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער געשיכטע.

איך טראַכט, אַז דערמיט איז פאַרבונדן די שוועריקייט פון שאַפן אַ געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

שלוימע בעליס. האַגאַם די ייִדישע ליטעראַטור איז אין מעשעך פון אונדזער יאָרהונדערט געאָגראַפיש אויסגעברייטערט געוואָרן און איבער דעם אויך באַקומען נײַע טעמעס, נײַע פּייזאַזשן, נײַע פאַרשיידנאַרטיקע אַקצענטן, דאָך דאַרף מען זי באַטראַכטן אַלס איין ליטעראַטור, אַלס די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור פונעם ייִדישן פאָלק.

איינע פון די כאַראַקטעריסטישע סימאָנים פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער אַלטער אייראָפּע איז געווען איר הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקייט אין גוויל פון ייִדישן שטייגערישן לעבן. אין אָנהייב יאָרהונדערט, לעמאָשל, איז די ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע נאָך אַלץ געווען מער אין דער אַלטער היים, אין אייראָפּע. די אָפּגעשלאָסנקייט פון ייִדישן לעבן האָט ניט געקאָנט ברענגען צו עפּעס אַנדערס, ווי אַן אָפּגעשלאָסענע אין די דאַלעדאַמעס ייִדישע ליטעראַטור. ניט־ייִדישע פּערסאָנאַזשן זײַנען אין דער ייִדישער ליטעראַטור געווען אַ זעלטנהייט. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז געווען די ערשטע, וואָס האָט דורכגעבראָכן אויך דעם גײַסטיקן טכום־האַמוישעוו.

זי האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט פּראָבלעמען, וועלכע האָבן געהאַט אַ שײַכעס צום אַלגעמיינעם לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס הייסט ניט, אַז זי האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט אַ באַזונדערער ייִדישער ספּעציפיק. דאָס איז געווען די ספּעציפיק פונעם ייִדישן לעבן אין אַ רעוואָליוציאָנערן איבערבראָך־מאָמענט, וואָס האָט זיך געדאַרפט פאַרפעסטיקן אף נײַע סאָציאַל־סטרוקטורעלע יעסוידעס.

די אײַנגעשלאָסנקייט אינעם אַלגעמיינעם לעבן האָט אויסגעברייטערט איר פּערסאָנאַזשן־דיאַפּאַזאָן. דאָס איז אַ זאַך פון פּרינציפּיעלן קוואַליטאַטיוון באַטײַט.

הערש רעמעניק. פון דעם, וואָס איר זאָגט, ווערט נאָך מערער קלאָר די קאָמפּליצירטע אויפגאַבע פון דער קריטיק. ס׳איז דאָך ניט גענוג צו זאָגן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז געווען און איז אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור. צי קאָן דען אַ ליטעראַטור זײַן ניט נאַציאָנאַל? אַזוינס איז ניט פאַראַן אין דער נאַטור. יעדע ליטעראַטור איז נאַציאָנאַל. מע טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור זײַנען פאַראַן צוויי נאַציאָנאַלע קולטורן. אויב ריידן וועגן דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, דאַרף מען אין זינען האָבן אי איר נאַציאָנאַלע געאָגראַפיע, איר, אַזוי צו זאָגן, עקסטעריטאָריעלקייט, אי איר אינערלעכע סאָציאַלע דיפערענציאַציע. דער ליטעראַטור־היסטאָריקער, וועלכער וועט וועלן שאַפן אַ גאַנץ בילד פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין דער וועלט, וועט זיך אומבאַדינגט אָנשטויסן אף אָט די פּראָבלעמען פון עקסטעריטאָריעלקייט און אינערלעך־נאַציאָנאַלע סאָציאַלע קאָליזיעס, ווידערשפּרוכן און קאָנפליקטן.

איך בין ניט מאַסקים מיט דער באַהויפּטונג, אַז דאָס ייִדישע לעבן און די ייִדישע ליטעראַטור ביז דער רעוואָליוציע זײַנען געווען הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פונעם אַרומיקן לעבן און פון דער אַרומיקער ליטעראַטור. אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, אין די צוויי גרעסטע צענטערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָבן די ייִדן גענומען גאָר אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן, פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פונעם לאַנד, אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. און דאָס האָט געפונען אַ ברייטע אָפּשפּיגלונג אין דער ליטעראַטור. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די דיכטונג פון ווינטשעווסקין, עדעלשטאַטן, מ. ראָזענפעלדן, רייזענען, פּערעצן און אַנדערע. אָבער אויך די פּראָזע האָט אָפּגעשפּיגלט אָט דעם אָנטייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אינעם לעבן פונעם לאַנד, ווו זי האָט זיך געפונען. אין ווײַסענבערגס שאַפן, אין פּינסקיס נאָוועלן, בא פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען זײַנען פאַראַן מאָטיוון און אידייען פון סאָציאַלן קאַמף ניט בלויז אין דער ייִדישער סוויווע, נאָר אין מאַסשטאַב פונעם גאַנצן לאַנד. עס זײַנען געשאַפן אויך ניט־ייִדישע טיפּן און געשטאַלטן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אומגעהייער פאַרברייטערט אָט די טענדענצן, זיי דערפירט צו די העכסטע שטופעס פון אינטערנאַציאָנאַליזם, באַזײַטיקנדיק אַלע באַגרענעצונגען און פאָרורטיילן, וועלכע זײַנען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

שלוימע בעליס. איך מיין, אַז איר זײַט ניט גערעכט. איר נעמט קליינע פּראָטים און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ קלאַל. די ניט־ייִדישע פּערסאָנאַזשן, וואָס מע טרעפט — און כ׳באַטאָן ווידעראַמאָל: זייער זעלטן — אין דער ייִדישער ליטעראַטור ביז דער אָקטיאַבער־רע־

וואָליוציע, זײַנען דורכויס עפיזאָדישע און שטרײַכן אונטער די אָפגעשלאָסנקײַט פונעם ייִדישן לעבן. דער סאָציִאלער מאָטיוו אין דער ייִדישער ליטעראטור איז געווען א שארפער, אָבער האָט געהאט א שײַכעס צום קאמף צווישן דער ייִדישער אָרעמקײַט און די ייִדישע נעגידים. אין טכום־האמוישעוו האָבן מיר געהאט צו טאָן מיט א ספעציפיש־ייִדישער עקאָנאָמיק. ייִדישע ארבעטער האָבן געארבעט דורכויס בא ייִדישע באלעבאטים. אין די גרויסע פאבריקן זײַנען זיי קימאט ניט געווען. נאָך מער, אפילע אין אמעריקע האָבן די ייִדישע עמיגראנטן געארבעט בא ייִדישע באלעבאטים (בא די אָנקל מאָזעסעס), און דער קלאסנקאמף באם עקסטעריטאָריעלן ייִדישן פאָלק איז פארלאָפן אין נאציִאָנאלע ראמען. און אזוי טאקע זעט עס אויס, ווי א ריכטיקע אָפשפיגלונג, אין דער ייִדישער ליטעראטור. די קאָנטאקטן צווישן ייִדן און ניט־ייִדן זײַנען געווען גאָר קנאפע. און מע קאָן זיי אפילע ניט פארגלײַכן מיט די צווישן־נאציִאָנאלע פארבינדונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אפן גאנצן שעטעך פון דער אמאָליקער צארישער אימפעריע נאָך דער רעוואָליוציע. איך גיי נאָך ווײַטער: איך מיין, אז די ייִדישע נאָכאָקטיאבער־ליטעראטור אין ראטנפארבאנד האָט ניט גענוג ברייט און ווײַט ניט גענוג דינאמיש אָפגעשפיגלט די ווירקלעכע פראָצעסן פון אָפגעשלאָסנקײַט צו אײַנגעשלאָסנקײַט. ווען די רעוואָליוציע האָט אומגעשלײַדערט אלע ראָגאטקעס און מויערן, וואָס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן פון דער צארישער געזעצגעבונג און דורך דער שטייגערישער פארגליווערטקײַט פון ייִדישן לעבן, און ס'איז אויך אָפגעווישט געוואָרן די טראדיציִאָנעל־ייִדישע סאָציִאל־עקאָנאָמישע סטרוקטור, האָבן די ייִדן גענומען ארײַנדרינגען אין אלע קעמערלעך פון עפנטלעכן אלגעמיינעם לעבן, וווּ זיי האָבן פריִער קיין דריסאס־הארעגל ניט געהאט: אין דער ארמיי, אין מעלוכע־אפאראט, אין דער גרויסער אינדוסטריע, אין די בילדונגס־אנשטאלטן, אין דער וויסנשאפט. באזונדערס גרויס איז געוואָרן דער פראָצענט פון ייִדן אין דער טעכנישער אינטעליגענץ. די ייִדישע ליטעראטור אין ראטנפארבאנד האָט ניט באוויזן, בא איר גאנצער דינאמישקײַט, מיטצוגיין פוסטריט מיט די גרויסע ענדערונגען, ניט נאָכגעהאלטן דעם ווירקלעכן טראָט פון דער צײַט. זי האָט זיך באזונדערס פלײַסיק אָפגעגעבן דער ראָמאנטיק פון בירגערקריג, דער ספעציפיק פון איבערבוי און איבערשיכטונג אין די ייִדישע שטעטלעך און ווייניק באריִרט די אורבאניזאציע, דעם אָנטייל פון די ייִדן אין דער שנעל זיך אנטוויקלענדיקער סאָציִאליסטישער אינדוסטריע, ניט גענוג אָפגעשפיגלט דעם וווּקס פון דער ייִדישער טעכנישער אינטעליגענץ. ווארשײַנלעך, דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס ניט געקוקט אף איר בונט קעגן אלטן, האָבן אף איר דאָך געלאסטעט די טראדיציעס פון דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס האָט אירע גרעסטע לײַוונטן אָפגעגעבן דעם שטעטלשן לעבן. זי האָט געזוכט דאָס ספעציפיש־ייִדישע אין די געשעענישן. דאָס איז אָן סאָפעק גוט. אָבער לעגאבע די פראָצעסן, וואָס זײַנען אָנגעגאנגען אין דער ווירקלעכקײַט, איז די ליטעראטור אין א געוויסער מאָס אָפגעשטאנען.

וואָס איז שײַעך דער פלעיאדע ייִדישע רעוואָליוציִאָנערע פאָעטן אין אמעריקע, האָבן זיי טאקע געשטאמט פונעם ייִדישן טכום און מיטגעבראכט אף יענער זײַט אָקעאן די טראדיציעס פון דער פיִאָנערישער ייִדישער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג. אָבער אן אויסדרוק זײַנען זיי געווען פון דעם ספעציפישן פראָלעטאריזירונגס־פראָצעס אפן אמעריקאנער באָדן. די דאָזיקע פאָעזיע איז אָן סאָפעק געווען אינטערנאציִאָנאליסטיש, אָבער מיר טרעפן דאָ נאָך ניט קיין אויסברייטערונג פונעם פערסאָנאזשן־דיִאפאזאָן. ווער עס פארנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור פאר די פופציק יאָר, מוז אקצענטירן די באזונדערקײַט, וואָס די רעוואָליוציע האָט געצייכנט אין ייִדישן לעבן אפן פאָן פונעם היסטאָרישן פראָצעס.

ה ע ר ש ר ע מ ע נ י ק. אזא שטאנדפונקט, ווי אײַערער, וועגן דער אָפגעגרענעצטקײַט פונעם ייִדישן לעבן ביז דער רעוואָליוציע און וועגן דער אָפגעשטאנענקײַט פון דער ייִדישער ליטעראטור אלס פויעל־יויצע פון אָט דער אָפגעשלאָסנקײַט פונעם ייִדישן לעבן האָט געהאט אן אָרט אין אונדזער סאָוועטישער קריטיק. איצט אָבער, נאָך דער היסטאָרישער דערפארונג פון א האלבן יאָרהונדערט רעוואָליוציע, ווערט אָט דער שטאנדפונקט איבערגעקוקט, ווײַל ער אנטשפרעכט ניט דער היסטאָרישער ווירקלעכקײַט. אלעמען איז באוווסט, אז לענין האָט געשריבן וועגן דעם ביז גאָר הויכן פראָצענט פונעם אָנטייל פון די ייִדן אין דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג פראָפאָרציִאָנעל צו דער צאָל פון דער באפעלקערונג. וועגן דעם האָבן אויך געשריבן די רוסישע שרײַבער ביז און נאָך דער רעוואָליוציע: גאָרקי, סעראפימאָוויטש, פאדייעוו, שאָלאָכאָוו, באבעל, באגריצקי און פיל אנדערע.

דער אָנטייל פון די ייִדן אין דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג האָט ניט געטראָגן קיין עפיזאָדישן כאראקטער. דער נאציִאָנאלער און סאָציִאלער דרוק האָט געבראכט דערצו, אז די ייִדישע האָרעפאשנע פאָלקסמאסן האָבן זיך אופגעהויבן צום קאמף און ארויסגערוקט א סאך העלדן. און דאָס האָט געפונען אן אָפשפיגלונג, אויך ניט קיין עפיזאָדישע, אין דער ליטעראטור. אזא שטארקע גרופע פאָעטן, ווי ווינטשעווסקי, עדעלשטאט, באָווּשאָווער, ראָזענפעלד, טרעפן מיר זעלטן אפילע אין גאָר רײַכע ליטעראטורן. זעלבסטפארשטענדלעך, אויב עס גייט א רייד וועגן דיכטונג און באזונדערס וועגן ליריק, קאָן מען ניט שטעלן קיין פאָדערונגען וועגן א ברייטן פערסאָנאזשן־באשטאנד. דאָ דארף גיין א רייד וועגן מאָטיוון און אידייען. און איר אנערקענט דאָך, אז אָט די דיכטער זײַנען געווען אינטערנאציִאָנאליסטן.

אויך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור איז ניט אָפגעשטאנען פון דעם נײַעם לעבן. די דיכטונג האָט שוין פון די ערשטע יאָרן פלאמיק באגריסט און באזונגען די רעוואָליוציע. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פרידלעכע בויונג, האָט די ליטעראטור אָפגעשפיגלט די נײַע פראָצעסן אין שטאָט, אין שטעטל און דאָרף, אין די קאָלווירטן, אין די פאבריקן, אין די הויכשולן, אין דער וויסנשאפט.

איך מיין, אז מיר קאָנען איצט אריבערגיין צו הײַנטצײַטיקע פראָבלעמען, צו דער פראגע וועגן צושטאנד פון דער ייִדישער ליטעראטור אין סאָוועטנפארבאנד און אין אויסלאנד. אינטערעסאנט צו וויסן — וואָס טראכט איר וועגן דעם?

ש ל ו י מ ע ב ע ל י ס. איך וויל קוידעמקאָל אָפמערקן, אז איך האָב לאכלוטן ניט באנוצט דאָס וואָרט „אָפגעשטאנענקײַט" לעגאבע דער ייִדישער ליטעראטור ביזן 1917. די ייִדישע ליטעראטור, אָנגעהויבן פון די קלאסיקער, האָט דורכגעמאכט א זייער שנעלע און פראָגרעסיווע אנטוויקלונג און האָט אומאָפשאצלעכע פאר־

דינסטן פאר דער אנטוויקלונג פונעם ייִדישן געזעלשאפטלעכן געדאנק, פאר דעם נאציאָנאלן זעלבסטבאוווסטזײַן. ניט געקוקט אף דעם, וואָס ייִדן האָבן ארויסגעגעבן א גרויסע צאָל רעוואָליוציאָנערן, וועלכע האָבן זיך פארדינט געמאכט פאר דעם אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־קלאס, ניט געקוקט דערויף, וואָס די ייִדישע ארבעטנדיקע און די אינטעליגענץ האָבן זיך אקטיוו באטייליקט אין פּאָליטישן קאמף קעגן דער זעלבסטהערשונג, — ענדערט עס ניט לעגאמרע דעם פאקט, אז דער אייגנטלעכער עקאָנאָמישער קלאסנקאמף און די פארבינדונג זײַנע מיט די אידייען פון סאָציאַליזם איז זיך בא אונדז, ייִדן, פארלאָפן אין נאציאָנאלע ראמען. דאָס לאָזט זיך ניט אָפּלייקענען, מאכמעס עס דרינגט ארויס פון דער ייִדישער סאָציאַלער סטרוקטור אין טכום־האמוישעוו, און ווי באוווסט, האָט דער טכום־האמוישעוו ארויסגעגעבן אונדזערע גרעסטע שעפער. דאָס איז היסטאָריש באזונדערס ריכטיק אויך פאר דעם פעריאָד נאָך די אכציקער יאָרן, ווען עס איז שנעל געוואקסן דער ייִדישער ארבעטער־קלאס סײַ אין צאָל און סײַ אין סאָציאַלן באוווסטזײַן.

געוויס וועלן מיר אין אָט דעם געשפּרעך ניט אויסשעפּן אַלע אספּעקטן פון די שטאנדפּונקטן, וועלכע זײַנען דאָ ארויסגערוקט געוואָרן. עס גייט בלויז אין אָנמערקן פּראָבלעמען, וואָס דארפן באהאנדלט ווערן און אָן וועלכע עס זײַנען ניט מעגלעך קיין ווײַטערדיקע ריכטיקע מאסקאָנעס. לאָמיר דעם שמועס באטראכטן פאר אן אָנהייב פון א דיסקוסיע, וואָס דארף געפירט ווערן ווײַטער. מיט אַלגעמיינע ווערטער וועלן מיר ביידע ניט אָפּקומען. מע דארף קוידעם שטעלן פראגן, ניט געבן אף זיי קיין ענטפער אפּריאָרי און איינמאָל פאר אַלעמאָל. געוויס האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור אָפּגעשפּיגלט מער ווי יעדער אנדער טייל פון דער ייִדישער ליטעראטור דאָס ייִדישע לעבן אין אירע צופלוסן און אָפּפלוסן, ווי עס האָט זיך געשטאלטיקט אין גאנג פונעם היסטאָרישן פּראָצעס. געוויס איז זי געווען דינאמישער און טרײַער דעם לויף פון דער צײַט. אָבער עס וואָלט געווען א ניט געזונטע זעלבסטזיכערקײַט צו זאָגן, אז די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט ארומגעכאפּט דאָס גאנצע לעבן פאר די יאָרן אין דער דיאַלעקטישער אנטוויקלונג, אז זי האָט אויסגעמיטן סכעמאטישקײַט און א ריי אנדערע כעסרוינעס.

באם באשרײַבן דעם ליטעראַרישן פּראָצעס אין א באשטימטער היסטאָרישער טקופע זײַנען מיר ניט מעכויעוו דאפקע צו געטרויען דער טקופע אליין, איר מיינונג, וואָס זי האָט וועגן זיך. געפינענדיק זיך מיכוץ דער טקופע, זײַנען מיר לעגאבע איר אָביעקטיווער. אָבער עס וואָלט געווען א גרויסער פארזען און אן אומפארגעבלעכער פעלער, ווען מיר זאָלן זיך אָפּרײַסן פונעם פּראָצעס גופע, פונעם פארפלאָסענעם היסטאָרישן שטראָם פון דער טאָגטעגלעכקײַט, פון דער דעטערמינאציע, געזעלשאפטלעכן קלימאט, אויסווירקונגען און דערשײַנונגען, וואָס האָבן געהאט אן אָרט, און זיך באנוצן בלויז מיט דער כאָכמע, וואָס מיר האָבן דעראָבערט אכער־האמײַסע. בא אזא מעטאָד וועט דאָס ווירקלעכע לעבן פון דער טקופע און אירע סטירעס און שײַכעסדיקײַט, איר דיאַלעקטישע גאנצקײַט צערינען צווישן די פינגער.

אָט פארוואָס מע וואָלט געדארפט זיך גוט דורכשמועסן איבער מעטאָדאָלאָגישע פראגן, איידער מע נעמט זיך צו קאָנקרעטע היסטאָרישע פּראָבלעמען. און דערבײַ ניט ארויסלאָזן פון אויג דאָס, וואָס מיר ווייסן ביידע, אז די ליטעראטור איז ניט קיין פּאַשעטער נאטוראליסטישער שפּיגל פון דער עפּאָכע און אז מע דארף געפינען די אייגנשאפטן פונעם ליטעראַרישן פּראָצעס אין יעדער היסטאָרישער טקופע באזונדער.

וואָס איז שײַך אײַער לעצטער פראגע, וואָס אײַך ווילט זיך באהאנדלען, — דער מאצעוו אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראטור אין דער וועלט, ווײַזט זיך מיר אויס, אז דאָס איז א וויכטיקער איניען, וואָס לאָזט זיך דערווײַל ניט באהאנדלען איצט אין גאנג פון אונדזער קורצן שמועס.

הערש רעמעניק. האגאם איר האָט טאקע ניט באנוצט דאָס וואָרט „אָפּגעשטאנענקײַט" לעגאבע דער ייִדישער ליטעראטור ביז 1917, האָב איך דאָס באנוצט, ווען איך מאך אײַער שארפן אורטייל איבער דער ביזרעוואָליוציאָנערער ייִדישער ליטעראטור. איר האָט געזאָגט, אז „איינע פון די כאראקטעריסטישע סימאָנים פון דער ייִדישער ליטעראטור אין דער אַלטער אייראָפּע איז געווען איר הערמעטישע אָפּגעשלאָסנקײַט אין גוויל פון ייִדישן שטייגערישן לעבן". דאָס איז אין פולן ווידערשפּרוך צו דער פאקטישער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור. אפילע ביז מענדעלען איז די שאפונג פון אזעלכע שרײַבער, ווי אקסענפעלד, עטינגער, לעווינזאָן, לעפין, ביק און אנדערע געווען דורכגעדרונגען מיט אידייען פון אייראָפּעישער אופקלערונג, פון הומאניזם און דעמאָקראטיזם. צי קאָן מען ריידן וועגן הערמעטישער אָפּגעשלאָסנקײַט בא אָט די שרײַבער?

מענדעלע, לינעצקי און די שרײַבער נאָך זיי, באזונדערס פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם, רייזען, אש, בערגעלסאָן, אָפּאטאָשו, לייוויק, די פּראָלעטארישע דיכטער, זײַנען געווען דורכגעדרונגען מיט פּאָרגעשריטענע אידייען פון זייער צײַט, מיט די אידייען פון רעוואָליוציאָנערן דעמאָקראטיזם און סאָציאַליזם, זיי זײַנען געווען קריטישע רעאַליסטן און פּראָגרעסיווע שרײַבער. וועגן וועלכער „הערמעטישער אָפּגעשלאָסנקײַט" קאָן גיין א רייד אין דער שאפונג פון אָט די שרײַבער? זעלבסטפארשטענדלעך, אין זייער שאפונג זײַנען אויך געווען עלעמענטן און טענדענצן פון נאציאָנאלער באגרענעצטקײַט, פון פארשיידענע פאָרורטיילן, פון קליינשטעטלדיקן קאָנסערוואטיוון און פאטריאַרכאלן שטייגער. אָבער ניט מער, ווי אין יעדער אנדער ליטעראטור, ניט מער, לעמאָשל, ווי די אידעאליזאציע פונעם פויערישן אָפּגעשטאנענעם שטייגער אין דער רוסישער ליטעראטור. די רייד וועגן „הערמעטישער אָפּגעשלאָסנקײַט" קאָנען אונדז פארפירן צו ניהיליסטישן אָפּשאפן אונדזער גרויסע יערושע. מיר דאָ, אין ראטנפארבאנד, האָבן שוין פון לאנג זיך אָפּגעזאָגט פון אזא שטאנדפּונקט אף קולטור־יערושע, מיר טרעטן ארויס בענעגייע דער פּאָרגעשריטענער קולטור־יערושע ניט בלויז ווי שויפטים (דאָס אויך, אָבער ניט אף דעם איז דער אקצענט!), נאָר דעריקער ווי יאָרשים. דעריבער איז איצט פאר אונדז וויכטיקער זיך האלטן באם וויסנשאפטלעכן היסטאָרישן צוגאנג, וועלכער לערנט אונדז, אז בענעגייע שעפער און טוער פון פארגאנגענע טקופעס דארף אונטערגעשטרײַכט ווערן ניט דאָס, וואָס זיי האָבן ניט אופגעטאָן פאר די שפּעטערדיקע צײַטן, נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן יאָ באוויזן אופטאָן פאר זייער צײַט. דאָס פּאָרגעשריטענע פון דער פארגאנגענהײַט גייט ארײַן אין אויצער פון דער קולטור־יערושע, וואָס מיר יאָרשענען.

און דאָ גיי איך אריבער צו א צווייטער פּראָבלעם, וואָס

איז אויך באַרירט בא אײַך אין אײַער ארויסזאָגונג. איר האָט דערמאָנט א געדאנק פון קארל מארקסן. איך וויל דאָ ברענגען אָט דעם געדאנק אזוי, ווי ער איז פאָרמולירט בא מארקסן. פונקט אזוי, — שרײַבט מארקס, — ווי מע טאָר ניט אורטיילן וועגן א מענטשן לויט דעם, וואָס ער אליין טראכט וועגן זיך, אזוי טאָר מען אויך ניט אורטיילן וועגן א פארגאנגענער עפּאָכע לויט איר אייגענעם באוווּסטזײַן.

פון דעם דרינגט ארויס, אז די שפּעטערדיקע דורעס דארפן ניט איבערכאזערן גענוי דאָס, וואָס די פריִערדיקע האָבן געזאָגט. יארשענען דאָס פארגאנגענע הייסט ניט באגרענעצן זיך מיטן פארגאנגענעם. אונדזערע פאָרגייער וואָלטן אונדז געהאלטן פאר האָפענונגסלאָזע עפּיגאָנען און נישטיקע טאלאנטלאָזיקײַטן, ווען מיר זאָלן מער גאָרניט האָבן אין אונדזער פארמעג אויסער דעם, וואָס איז אָנגעזאמלט געוואָרן ביז אונדז. און ניט דערפאר, ווײַל מיר זײַנען קליגער געוואָרן לעאכער־האמײַסע, נאָר דערפאר, ווײַל די צײַט און די שטענדיקע באוועגונג שטעלן אלע מאָל אלץ נײַע און נײַע אויפגאבן און פאָדערונגען אָפּצושאצן נײַע געזעלשאפטלעכע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע דערשײַנונגען. אויב מיר ווילן גיין מיטן וועג פון אונדזערע גרויסע פאָרגייער, דארפן מיר זײַן ניט ווי זיי אין זייער צײַט, נאָר ווי מיר אין אונדזער צײַט, פונקט אזוי ווי זיי זײַנען געווען לעגאבע זייערע פאָרגייער. אין דעם באשטייט די נאָוואטאָרישקײַט און די באוועגונג פאָרויס.

איר זײַט גערעכט, זאָגנדיק, אז מע דארף קודעם שטעלן פראגן, „ניט געבן אף זיי קיין ענטפער אפּריאָרי און איינמאָל פאר אלעמאָל“. דאָס דארף מען ניט טאָן.

וואָס איז שײַך דער סאָוועטישער ליטעראטור, האָבן מיר ניט מוירע צו קריטיקירן די מאנגלען אירע. מיר ווילן איצט ניט קאנאָניזירן די מעטאָדן פון דער ראפּישער, ווולגאר־סאָציאָלאָגישער אָדער פאָרמאליסטישער קריטיק. מיר פארשטייען גוט די היסטאָרישע פארורזאכטקײַט פון אָט די מאנגלען.

איך בין מאסקים מיט אײַך, אז אונדזער שמועס איז בלויז אן אָנהייב פון א דיסקוסיע, וואָס דארף קלאָר מאכן די וויכטיקע פּראָבלעמען פון אונדזער ליטעראטור. איך דאנק אײַך זייער פאר אײַער אָנטייל אינעם געשפּרעך און פאר די אינטערעסאנטע געדאנקען, וועלכע איר האָט ארויסגעזאָגט, וועלכע וועלן זיכער ארויסרופן באפרידיקונג בא אונדזערע לייענער.

כראָניק

שאָלעם־אלייכעמס ווערק אף אוזבעקיש

אינעם מעלוכע־פארלאג „טאשקענט“ איז דערשינען אין דער אוזבעקישער שפּראך (איבערזעצער אבדולא אוראזאיעוו) שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער“ און „סטעמפּעניו“. דער טיראזש — 15 טויזנט עקזעמפּליארן. דאָס בוך איז רײַך אויסגעפורעמט דורך אוזבעקישע קינסטלער.

אנע גוזיק צוגאסט אין ווארשע

די פּאָפּולערע ייִדישע בינע־מײַסטערן אנע גוזיק האָט אין יול כוידעש געווײַלט אין פּוילן. די טעאטראלע געזעלשאפטלעכקײַט פון ווארשע האָט זייער ווארעם אויפגענומען די סאָוועטישע אקטריסע.

אונדזערע לייענער טיילן מיט

ל. עווין (קאונאס). דער ייִדישער זעלבסטעטיקער דראמאטישער קאָלעקטיוו באם קאונאסער קולטור־פּאלאץ האָט דורכגעפירט א גרויסן קינסטלערישן אָוונט, געווידמעט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער סאָוועטנמאכט. דער אָוונט איז באשטאנען פון צוויי טיילן. אין ערשטן טייל איז אויפגעפירט געוואָרן דער איינאקטער „דער שטומער מוזיקאנט“ (לויט דער דערציילונג פון ל. באָגדאנאָווא); אין צווייטן טייל — דער איינאקטער „אין יענע טעג“ (אוטאָר — א. אוליאניוווסקי).

א. דיק (סמאָלענסק). אף טאבאָרנאיא גאָרא, דאָרט, ווו די היטלעריסטן האָבן דורכגעפירט א שוידערלעכע מאסן־שכיטע בײַס דער לעצטער אקציע פון ליקווידירן די געטאָ, איז מיט א קורצער צײַט צוריק געעפנט געוואָרן א דענקמאָל.

דער מאסן־קייווער פון די קדושים האלט 80 מעטער די לענג. אין צענטער שטייט אן אָבעליסק, וואָס הייבט זיך אויף אף 6 מעטער איבערן בארג.

ש. אנ־סקיס „טאָג און נאכט“ אין ווארשעווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער

דער ווארשעווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער האָט אויפגעפירט די פּיעסע פון ש. אנ־סקי „טאָג און נאכט“ אין דער באארבעטונג פון כ. בוזגאן און י. דאָגים.

דער נײַער ספּעקטאקל האָט באקומען גוטע אָפּרופן אין א ריי פּוילישע צײַטונגען.

„פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער דיכטונג“

אונטער אזא קעפּל האָט דער זשורנאל „דרוזשבא נאראָדאָוו“ אינעם נומער 7 פון הײַנטיקס יאָר פארעפנטלעכט ציקלען לידער פון דרײַ ייִדישע סאָוועטישע דיכטער — זיאמע טעלעסין, מוישע טייף און שיקע דריז (איבערזעצער יורי לעוויטאנסקי און יונע מאָריץ).

הילעל אלעקסאנדראָוו

אוורהם=בער גאָטלאָבער און מענדעלע מויכער=ספאָרים

דער ארכיוו פונעם העברעיִש־יִדישן פּאָעט אוורהם־בער גאָטלאָבער (1810—1899) איז פארהיט געוואָרן בא י. צינ־בערגן און געפינט זיך איצט אין רעשוס פונעם לענינגראַ־דער אָפּטייל פונעם אינסטיטוט פאר די אזיע־פעלקער בא דער אלפארבאנדישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. אין גאָטלאָ־בערס ארכיוו געפינען זיך פערצן בריוו, געשריבענע אין העברעיִש, צו שאָלעם־יאנקעוו אבראמאָוויטשן פארן פּע־ריִאָד 1859—1866. דאָס זײַנען קאָפּיעס פון אָפּגעשיקטע בריוו, וועלכע גאָטלאָבער האָט אייגנהענטיק איבערגע־שריבן. פון ש.־י. אבראמאָוויטשעס בריוו צו גאָטלאָבערן איז קיין איינער אין דעם ארכיוו ניט פארהיט געוואָרן. ווי ס'איז קאָנטיק פון גאָטלאָבערס בריוו, האָט אין יענע יאָרן ש.־י. אבראמאָוויטש אים אָפט געשריבן; אין איין בריוו שרײַבט גאָטלאָבער, אז ער איז געווינט צו בא־קומען פון אים בריוו קימאט יעדע וואָך[1]. נאכמען מײַזיל ווײַזט אָן, אז פון אבראמאָוויטשעס בריוו צו גאָטלאָבערן איז פארהיט געוואָרן נאָר איין בריוו. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אז דאָס איז א גרויסער פארלוסט פאר דער גע־שיכטע פון אונדזער ליטעראטור. דאָך האָבן מיר א גרונט צו מיינען, אז אין די פארהיטע גאָטלאָבערס בריוו, ניט געקוקט אף דעם, וואָס זיי זײַנען געשריבן געוואָרן דורך איין צאד, איז פאראן מאטעריאל, וועלכער גיט אונדז א מעגלעכקײַט ארײַנצוטראָגן נײַע מאָמענטן אין דער ביִאָ־גראפיע און ליטערארישער טעטיקײַט פון ש.־י. אבראמאָ־וויטש און אויך צו געבן א נײַע באלײַכטונג פון די מאָ־מענטן, וועלכע זײַנען שוין באוווּסט.

די יאָרן, ווען עס זײַנען געשריבן גאָטלאָבערס בריוו, האָבן א שײַכעס צו דעם פּעריִאָד, ווען ש.־י. אבראמאָוויטש איז נאָך ניט געוואָרן מענדעלע מויכער־ספאָרים[2], צו די ערשטע יאָרן פון זײַן ליטערארישער טעטיקײַט, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1857.

א.־ב. גאָטלאָבער האָט דאן געלעבט אין אלט־קאָנ־סטאנטינאָוו, פּאָדאָליער גובערניע, אבראמאָוויטש — אין בערדיטשעוו. דער בערדיטשעווער פּעריִאָד, וועלכער האָט זיך געצויגן ארום עלף יאָר (1858—1869), איז זייער א וויכטיקער אין מענדעלעס לעבן. ווי ער ווײַזט אָן אין זײַן אווטאָביִאָגראפישן בריוו צו עפראָיִם דײַנארד, וועל־כער איז דאָ בײַגעלייגט, האָט ער אין בערדיטשעוו „געלעבט א רויִק לעבן", און אין דער זעלבער צײַט זייער פּיל געארבעט און פּובליקירט א ריי ווערק אין העברעיִש און יִדיש, וועלכע זײַנען אויסגערעכנט אין דעם דערמאָנטן בריוו. דער דאָזיקער פּעריִאָד — דאָס איז דער פּעריִאָד פון גײַסטיקע „וואנדער־יאָרן" בא מענדע־לען, ווען ער האָט זיך פארנומען אי מיט איבערזעצן פון דײַטש אין העברעיִש דאָס גרויסע ווערק פון פּראָ־פעסאָר לענץ „נאטור־געשיכטע" (אין דרײַ טיילן), אי געשריבן צענדליקער „מײַמאָרים" אין די העברעיִשע זשורנאלן פון יענער צײַט. אין דעם זעלבן פּעריִאָד האָט מענדעלע, ווי ער אליין דריקט זיך אויס אין איינעם פון זײַנע בריוו צו י.־כ. ראווניצקין, באשטימט אופהערן צו דרוקן זיך אין העברעיִש און אָנגעהויבן פּובליקירן די ערשטע ווערק אין יִדיש. ריכטיק האָט באמערקט א. גור־שטיין: „מענדעלעס קומען צו דער יִדישער ליטעראטור האָט באטײַט אין דער זעלבער צײַט אויך אוועקגאנג, איבערבראָך, איבערווענדונג בענעגייע צו יענעם מאסקי־לישן וועלט־באנעם, וואָס האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך מענ־דעלע"[3]. אָט פאר דעם בערדיטשעווער פּעריִאָד זײַנען באזונדערס וויכטיק גאָטלאָבערס בריוו צו ש.־י. אב־ראמאָוויטשן.

א.־ב. גאָטלאָבער און ש.־י. אבראמאָ־וויטש צום אָנהייב פון זייער באקאנטשאפט

מענדעלע דערציילט זײַנע קינדער:

„אזויארום בין איך מעגולגל געוואָרן קיין קאמענעץ, און אזוי ווי איך בין ווײַטער געווען אָן שום מיטלען, האָב איך זיך, ווי אמאָליקע צײַטן, אופגעהאלטן אין איי־נעם פון די אָרטיקע באָטעמעדראָשים. איינער פון די באלעבאטים האָט פון די שמועסן מיט מיר ארויסגעפירט מײַן דורשט צו וויסן און ער האָט מיר אָן אייצע געגעבן, איך זאָל זיך ווענדן צום שרײַבער א.־ב. גאָטלאָבער. ער האָט זיך אליין ארויסגערופן מיך צו ברענגען צו אים. גאָטלאָבער האָט זיך מיט מיר שטארק פארינטערעסירט און פאר מיר געקראָגן א מעגלעכקײַט צו עקזיסטירן און זיך נעמען צום לערנען"[4].

א.־ב. גאָטלאָבער דערציילט אין זײַנע „זיכרוינעס":

„אינעם יאָר 1852 בין איך געקומען קיין קאמענעץ־פּאָדאָלסק, געשיקט פון דער רעגירונג דאָרט צו זײַן לערער אין דער יִדישער שולע צווייטער ראַזריאד. אין דעם זעלבן יאָר איז צו מיר געקומען א יִנגל א ליטוואקל, גאָר א יונגס, לעערעך 16 אָדער 17 יאָר אלט; דאָס יִנגל האָט שוין געשריבן העברעיִש, אָבער מער

האָט ער ניט געקענט. אויך איז ער זייער אָרעם געווען, איז געזעסן אין בעסמעדרעש און האָט דאָרט געלערנט; ווי דער שטייגער איז בא ייִדן בעניי־ראכמאָנים, האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן אים אונטערשטיצט, ער זאָל קיין הונגער ניט לײַדן. ער האָט אָנגעהויבן צו מיר ארײַנגיין און האָט בא מיר און בא מײַן זעליקער טאָכטער ראָזאליע אָלעהאָ־האשאָלעם פיל געלערנט: העברעיִש, דײַטש, רוסיש אאוו. דאָס ייִנגל איז דער איצט בארימטער ה׳ שאָלעם־יאנקעוו אבראמאָוויטש. אים צו לויבן איז איבעריק. ער איז גוט באקאנט אלע ייִדן דורך זײַנע ווערק. נאָר דעריבער דערמאָן איך אים דאָ, ווײַל ער איז איינער פון די בארימטע שרײַבער אין זשארגאָן; זײַנע זשארגאָנישע ווערק האָבן קיין שאץ ניט"[5].

דער פאקט און אומגעפער די דאטע פון מענדעלעס באקאנטשאפט מיט גאָטלאָבערן איז אזויארום באשטעטיקט פון ביידע צדאָדים. ווי לאנג האָט די באקאנטשאפט געדויערט און איז פארוואנדלט געוואָרן אין א פרײַנטשאפט — דאָ הייבט זיך שוין אָן א פלוגטע (דיסקוסיע) צווישן מענדעלען און זײַנע ליטעראטור־פאָרשער. נ. מײַזיל ווײַזט אָן אין ציטירטן „מענדעלע־בוך" (ז. 62), אז „זייער (מענדעלעס און גאָטלאָבערס. — ה. א.) באקאנטשאפט און פרײַנטשאפט האָט זיך געצויגן עטלעכע און פערציק יאָר, דה. פון 1852 ביז גאָטלאָבערס טויט. מענדעלע אליין גיט אנדערע אָנווײַזונגען. אין זײַן בריוו צו בינשטאָקן פון 10 מײַ 1868 שרײַבט ער: „ער (גאָטלאָבער. — ה. א.) איז אין פיל זאכן שולדיק קעגן מיר, אָבער איך בין שטענדיק גרייט אים צו אנטשולדיקן"[6]. אין א בריוו צו א פרײַנט, וועמעס פאמיליע איז ניט באוווסט, שרײַבט מענדעלע (8 דעקאבער 1885), אין פארבינדונג מיט די פאָרשטייענדיקע גאָטלאָבערס יובילייִ־דאטעס — 75 יאָר פון זײַן געבוירן און 50 יאָר פון זײַן ליטערארישער טעטיקײַט: „איך האָב אים (גאָטלאָבערן. — ה. א.) בעעמעס ליב מיט מײַן גאנצן הארצן, האגאם מיר זײַנען איינער פון דעם אנדערן דערווײַטערט די לעצטע צײַט"[7].

אין אונדזער מענדעלע־פאָרשונג איז קימאט אן אָנגענומענע זאך, אז גאָטלאָבער איז געווען דער גײַסטיקער לערער פון מענדעלען, אז ער האָט געהאט אַף אים א גרויסע ווירקונג. דעם דאָזיקן געדאנק האָט ארויסגעזאָגט נאָך אין 1922 דער קריטיקער באל־מאכשאָווים, ריידנדיק וועגן דער אזויגערופענער „זשיטאָמירער" שול, אין שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאנען גאָטלאָבער[8]. דעם געדאנק וועגן דער באזונדערער ווירקונג פון גאָטלאָבערן אַף מענדעלעס שאפונג האלטן אונטער אויך א. פרידקין און ז. רייזען[9]. י. צינבערג פארענדיקט דאָס קאפּיטל וועגן גאָטלאָבערן אין זײַן „געשיכטע פון ליטעראטור בא ייִדן" מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „בייס מע שאצט אָפּ גאָטלאָבערס פארדינסטן פאר דער ייִדישער ליטעראטור, מוז טאקע דערבײַ דערמאָנט ווערן, אז זײַנע באליבטע טאלמידים, אַף וועלכע זײַן האשפּאָע איז פון גאנץ גרויסן באטײַט, זײַנען געווען דער זיידע פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראטור מענדעלע מויכער־ספאָרים און דער גרינדער פונעם מאָדערנעם ייִדישן טעאטער — אווראָם גאָלדפאדען"[10]. מענדעלע אליין אָבער רעדט ניט אין זײַנע „שטריכן" און אין זײַן אווטאָביִאָגראפישן בריוו וועגן אוועלכער־ניט־איז גײַסטיקער ווירקונג פון גאָטלאָבערן אַף זײַן שאפונג.

דאָ דארף געזאָגט ווערן, אז אַף דער פראגע פון זײַן נאָענטן פרײַנט י.־כ. ראווניצקי[11] — „ווער זײַנען עס געווען די בעסטע שרײַבער, וואָס איר האָט זיך געשטעלט אלס מוסטער און באמיט זיך צו גייִן אין זייערע טריט (בענעגייע צום סיגנען) אין אָנהייב פון אײַער טעטיקײַט אין דער העברעיִשער שפּראך?" — האָט מענדעלע אין זײַן ענטפער קיינעם ניט אָנגערופן. ער האלט ביכלאל, אז דער אויסדרוק „געשטעלט זיך אלס מוסטער", וואָס איר באנוצט און וואָס מיר טרעפן אָפּט בא שרײַבער, איז ניט צוגעפּאסט צו מיר. און בעסער און ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: „די שרײַבער, וואָס האָבן געווירקט אַף מיר, דאָס הייסט, אַף מײַן סיגנען". און ווײַטער ווײַזט מענדעלע אָן, אז אַף זײַן העברעיִשן סיגנען האָבן געווירקט ניט איינצלנע שרײַבער, נאָר די טאלמודישע און די מיטלאלטערלעכע רעליגיִעז־פילאָסאָפישע ליטעראטור, אין וועלכער ער איז געווען שטארק באהאוונט. פון דער אנדערער זײַט, באווײַזט אונדז די געשיכטע פון ליטעראטור, אז די ווירקונגען אַף דעם אָדער יענעם גרויסן שרײַבער מיצאד אנדערע שרײַבער ווערן פעסטגעשטעלט מערסטנטייל דורך ליטעראטור־פאָרשער, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי דער פארינטערעסירטער שרײַבער ווײַזט אַף זיי אָן אָדער ניט, מערסטנטייל ווײַזט ער טאקע אַף זיי ניט אָן. מיר דארפן דעריבער פּרוּוון זיך פאנאנדערקלײַבן אין דער פראגע פון גאָטלאָבערס ווירקונג אַף מענדעלעס שאפונג, פארוואָס איז זי אָנגענומען געוואָרן? צי איז זי ריכטיק? וואָס גיבן אונדז צו לייזן די דאָזיקע פראגע די פאראנענע גאָטלאָבערס בריוו צו מענדעלען?

ווי האָט אויסגעזען גאָטלאָבערס געזעלשאפטלעך־פּאָליטישע פיזיִאָנאָמיע צו דער צײַט פון זײַן באקאנטשאפט מיטן זיבעצניאָריקן שאָלעם־יאנקעוו אבראמאָוויטש?

אין 1852 איז גאָטלאָבער אלט געווען צוויי און פערציק יאָר און האָט שוין באוויזן דורכמאכן א היפּשן ליטערארישן וועג. צו יענער צײַט האָט ער שוין באוויזן אָנצושרײַבן א ריי ווערק אין ייִדיש, וועלכע באציִען זיך צו די דרײַסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. איינער פון די אָנגעזעענע פּובליציסטן און געזעלשאפטלעכע טוער פון יענע יאָרן און די שפּעטערדיקע זעכציקער יאָרן, יאָאכים טארנאָפּאָל, גיט איבער וועגן די ווערק אין ייִדיש, וועלכע האָבן זיך געשאפן אין יענער צײַט, פאָלגנדיקס[12]:

„אין א סאך שטעט פון אונדזער פאָטערלאנד, ווי, לעמאָשל, ווארשע, ווילנע, אָדעס, מאָהילעוו, בערדיטשעוו אאוו., ווו עס געפינען זיך גאנצע גרופּעס געבילדעטע ייִדן, עקזיסטירט אין די דאָזיקע אופגעקלערטע קרײַזן א באזונדער מין ליטערארישע אונטערהאלטונג: מע פארברענגט די צײַט אין פארלעזן אפן פּאָשעטן פּויליש־ייִדישן זשארגאָן דערציילונגען, דראמאטישע סצענעס, גאנצע בראָשורן און לידער אָדער פּראָזע. אין די דאָזיקע ביכלעך, וואָס מע לייענט פארן גאנצן צונויפגעקליבענעם עוילעם, ווערן אין א זייער שארפער פאָרם אויסגעלאכט מערערע נארישע מינהאָגים, פארעלטערטע אָבערגלויבענישן און פאלשע כסידישע אָנשויונגען". די דאָזיקע ווערק זײַנען אין יענער צײַט ניט געווען געדרוקט: זיי פלעגן איבערגעשריבן ווערן אין א באגרענעצטער צאָל אָפּשריפטן. צו דער דאָזיקער ליטעראטור האָבן געהערט אויך גאָטלאָבערס ווערק אין ייִדיש, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שארפקײַט און פאָלקסטימלעכער שפּראך. אייניקע פון זיי זײַנען געווען פּאָליטיש פארשארפט. אזא, לעמאָשל, איז „דער סיים", אין וועלכן עס דערציילט זיך וועגן דעם, ווי כײַעס האָבן געקליבן א קייסער; דאָרטן לייענען מיר אזעלכע פערזן:

דער איקער, וואָס מיר דאַרפן פונעם מיילעך האָבן,
איז — ער זאָל אונדז נאָר ניט באַגראָבן.
דער פוקס אַנטזאָגט זיך אַרויסשטעלן זײַן קאַנדידאַטור:
איך בין טאַקע צו דער מעלוכע צו קליין,
דאָס איז דער אומגליק, דאָס איז דער שלאַק,
די וועלט האָט ליב אַ גרויסן, כאָטש אַ דוראַק.
דער אויספיר איז:
דער וואַלד פירט זיך ווידער, ווי ער האָט זיך געפירט,
דער שוואַכער ליגט שטיל, דער שטאַרקער פאַרפירט,
דער גרויסער איז גרויס, דער קליינער איז קליין,
ווײַל איז דעם, וועמ עס האָט שאַרפע ציין[13].

גאָטלאָבערס ווערק אין ייִדיש זײַנען געווען זייער פּאָפּו־לער; אייניקע פון זײַנע לידער זײַנען שפּעטער געוואָרן פאָלקסלידער. דאָס באַווײַזט, אַז די שטימונג פון פּאָעט איז געווען אין איינקלאַנג מיט דער שטימונג פון די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן אין יענער צײַט. אָף אַזעלכע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס האָט זיך גאָט־לאָבער לאַנג ניט געהאַלטן, ריכטיקער געזאָגט — ער האָט פאַרנומען איינצײַטיק צוויי פאַרשיידענע פּאָזיציעס: איינע אַ לינקע, די צווייטע — אַן עקסטרעם רעכטע. די פּראָגרעסיווע פּאָזיציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אין זײַנע ייִדישע ווערק, די רעאַקציאָנערע — אין די העברעיִשע. דערצו דאַרף מען אָנווײַזן, — און קימאַט אַלע ליטעראַ־טור־פאָרשער, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט גאָטלאָ־בערס שאַפונג, האָבן אָנגעוויזן, — אָף זײַן פּרינציפּלאָזי־קײַט, אַלס כאַראַקטעריסטישן שטריך פון זײַן פּערזענ־לעכקײַט[14].

ווי עס גיט איבער איינער פון די פאָרשער פון גאָט־לאָבערס העברעיִשער פּאָעזיע, האָט ער זײַנע ערשטע לידער, וועלכע ער האָט געשריבן אין עלטער פון 15 יאָר, געווידמעט דעם טויט פון דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן און דעם אַרופגיין אָפן טראָן פון ניקאָלײַ דעם ערשטן[15]. מע קאָן זאָגן, אַז די דאָזיקע לידער זײַנען געווען קימאַט סימבאָליש פאַר גאָטלאָבערס ווײַטערדיקער שאַפונג אין העברעיִש. ער איז געווען אַן עפּיגאָן פון דער מענדעלסאָנישער „האַסקאָלע“, וועלכע האָט זיך אין XVIII יה. געבוקט פאַר דעם „אויפגעקלערטן אַבסאָליו־טיזם“ און איז שוין אַראָפּ פון דער היסטאָרישער סצענע אין אָנהייב XIX יה. אין דער ווירקלעכקײַט פון צאַ־רישן רוסלאַנד אין די דרײַסיקער און פערציקער יאָרן איז פאַר אים גאָר קיין אָרט ניט געווען. גאָטלאָבער אָבער האָט געהאַלטן, אַז די מענדעלסאָנישע האַסקאָלע, אירע פּאָליטישע אָנשויונגען טאָרן ניט זײַן גערירט. ווי יעדער עפּיגאָן, איז ער געווען אַן אײַנגעשפּאַרטער אין זײַן פאַר־בלענדטקײַט, און ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין מוסטער פון אַן „אויפגעקלערטן“ מאָנאַרך, האָט ער זיך געמוזט אײַנשמועסן, אַז יעדער מאָנאַרך קאָן זײַן און איז „אַן אויפגעקלערטער“, און ער שרײַבט ווײַטער פּילצאָליקע לידער לעקאָוועד ניקאָלײַ דעם ערשטן און זײַנע מיני־סטאָרן. אין די פערציקער יאָרן פאָרט דער יונגער גאָט־לאָבער אַרום איבער די גרעסערע שטעט פון טכום מיטן באַוווּסטן מאַקס ליליִענטאַל[16], וועלכער האָט גענומען אָף זיך די אויפגאַבע פון אַ פאַרמיטלער צווישן ניקאָלײַ דעם ערשטנס רעגירונג און די ייִדן אין דער פראַגע פון עפע־נען שולן אין רוסיש פאַר ייִדישע קינדער. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַרומפאָרן צוזאַמען מיט ליליִענטאַלן האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט בײַ דעם יונגן גאָטלאָבער זײַנע רעכטע פּאָזיציעס.

אין אַ בריוו צום באַוווּסטן ווילנער מאַסקיל שמועל־יוסעף פין מאַכט גאָטלאָבער „קאָמפּלימענטן“ ניקאָלײַ דעם ערשטן — „דער גרויסער און העלדישער קייסער, דער ערלעכסטער צווישן מענטשן און דער צאַדיק צווישן קייסאָרים, אונדזער פאָטער דער קייסער ניקאָלײַ דער ערשטער, זאָל לעבן אייביק“[17]. אָף אַזעלכע פּראָמאָ־נאַרכיסטישע פּאָזיציעס איז גאָטלאָבער געבליבן דאָס גאַנצע לעבן.

די זעלבע פּרינציפּלאָזיקײַט האָט זיך אַרויסגעוויזן בײַ גאָטלאָבערן אויך בענעגייע צו ייִדיש. י. צינבערג ציטירט גאָטלאָבערס אַרטיקלען און בריוו, וועלכע זײַנען קעגנ־זעצלעך איינער דעם צווייטן אין דער פראַגע פון שאַפן אַ ליטעראַטור אין ייִדיש[18]. אין אייניקע אַרטיקלען ווײַזט אָן גאָטלאָבער, אַז די מאַסקילים דאַרפן זיך אויפהערן צו שעמען מיט דער שפּראַך, אָף וועלכע עס רעדט דאָס פאָלק; פון דער אַנדערער זײַט, שרײַבט ער צו איינער אַ פרוי, אַז ער האָט באַשטימט מער אין ייִדיש ניט שרײַבן, ווײַל דאָס איז אַ „שפּראַך אָן אַ ליטעראַטור, אָן אַ גראַמאַטיק, אָן אַ לאָגיק, אָן ריטאָריק, אָן אַ פילאָסאָ־פיע און אָן אַ געשיכטע“.

„איך האָב געטאָן אין דער שפּראַך מער ווי זי און די, וואָס ריידן אָף איר, זײַנען ווערט“[19]. אַזאַ באַציִונג צו ייִדיש איז געבליבן בײַ גאָטלאָבערן קימאַט ביזן סאָף פון זײַן לעבן. ווען ער איז שוין געווען אין טיפער עלטער, האָט ער געמוזט אָנערקענען, אַז „דער זשאַרגאָן האָט זיך אויסגעבריייטערט, ביז ער איז געוואָרן אַ שפּראַכע און, מע קאָן זאָגן, מיט אַ ליטעראַטור“[20].

די הונדערטער לידער און פּאָעמעס, וועלכע גאָטלאָבער האָט געשריבן אין העברעיִש, האָבן אַ קנאַפּן ליטעראַ־רישן ווערט. דאָס איז געווען מעליצע אָף דער העכסטער שטופע פון ריטאָריק, ווו אין דעם מאַבל פון פּסוקים פון טאַנאַך איז אָפט שווער געווען צו געפינען אַן עמעסן געדאַנק. פאַר די העברעיִשע לייענער פון גאָטלאָבערס צײַט זײַנען זײַנע מעליצע־לידער, אין וועלכע אָנשטאָט קונסט פלעגט זיך באַווײַזן „אַ קונץ“ צו מאָנעווירירן מיט פּסוקים, וואָס פלעגט דערמאָנען דעם פּילפּל אין די יעשיוועס, געווען אָנעמבאַר. דער ווײַטערדיקער דאָר האָט שוין זײַן העברעיִשע פּאָעזיע ניט געוואָלט אָנעמען. קלויז־נער ברענגט פּערעצעס אַרויסזאָגונג וועגן גאָטלאָבערן, אַז „ער האָט קיינמאָל ניט זויכע געווען צו געפינען בײַ גאָטלאָבערן אַ נײַעם געדאַנק, אַ נײַעם אויסדרוק“[21].

פאַר דעם זיבעצניאָריקן שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָ־וויטש איז געשטאַנען אַ שרײַבער מיט אַ נאָמען אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, וועלכער האָט אין די פריִער־דיקע יאָרן געשריבן אין ייִדיש, און דאַפקע אַ גוטן ייִדיש, קריטיקירט שאַרף די כעסרוינעס פון ייִדישן לעבן און באַשטימט מער אין דער פאָלקס־שפּראַך ניט שרײַבן, אָפּ־געבן זײַן פען דער מעליצע און באַזינגען די האַסקאָלע „די הימלישע טאָכטער“ און די הויכגעשטעלטע פּערזאָנען אין שפּיץ מיטן קייסער אַליין און זײַנע מיניסטאָרן, וועלכע ווילן פאַרשפּרייטן ליכט צווישן די „פינצטערע ייִדישע מאַסן“.

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער יונגער שאָלעם־יאַנקעוו צו דער צײַט פון זײַן באַקאַנטשאַפט מיט גאָט־לאָבערן? ווי דער גרעסטער טייל ייִדישע באָכערים אין יענער צײַט, האָט שאָלעם־יאַנקעוו געלערנט אין כיידער און אין יעשיווע, האָט גוט געוווּסט טאַנאַך און געמאָרע, און אַדאַנק זײַן פאָטער שוין אָנגעהויבן אַרײַנקוקן אין האַסקאָלע־ספאָרים. נאָך אין די גאָר יונגע יאָרן האָט זיך

אין אים „דערוועקט א פּאָעטישער גײַסט“[22]. וועגן דעם וועלן מיר געבן א וואָרט מענדעלען אליין.

„מײַן ערשטע פּאָעזיע געפינט זיך בא מיר ביז הײַנטיקן טאָג און וועט קיינמאָל ניט זען די ליכטיקע וועלט, ווײַל דאָס איז נאָך ניט קיין צײַטיקע פּרוכט און ס'האָט א טאַם פון וואַלד־עפּעלעך. איך האָב דעמלט אָנגעשריבן א דראַמע אין גראַמען אפן שטייגער פון סייפער „לישרים תהלה“ פון ר' מוישע־כאַיִם לוצאַטאָ[23]. כ'האָב אפילע ניט געוווּסט, וואָס ס'איז אזוינס א דראַמע, און האָב נאָך קיינמאָל ניט געלייענט קיין ביכער פון דעם מין. אויך דאָס בוך מײַנס איז בלויז א שטיפּערײַ און פול מיט פעלערן אָן א שיר. דאָס איז די פּרוכט פון מײַן יוגנט־סאָטן, וואָס האָט פון מיר געשפּעט“[24].

מע דאַרף זאָגן, אז יעשיוועבאָכערים, וועלכע האָבן זיך א ביסל אָנגעשטעקט מיט האַסקאָלע, געשריבן לידער און געפּרוּווט „מאכן“ דראַמעס, זײַנען אין יענע צײַטן ניט געווען קיין זעלטנהײַט. דער יונגער שאָלעם־יאַנקעוו האָט אָבער, אויסער דעם „ליטעראַרישן“ באַגאַזש, פאַרמאָגט נאָך א באַגאַזש, וואָס זעלטן ווער עס האָט פאַרמאָגט אין זײַנע יאָרן. מיר האָבן אין זינען די „אוניווערסיטעטן“, וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען אונטער דער „אָנפירונג“ פון „האַלב שנאָרער, האַלב אוואַנטוריסט“ אַוורעמל דעם הינקעדיקן. מיט אים צוזאַמען האָט שאָלעם־יאַנקעוו געוואַנדערט אין א צעבראָכן וועגעלע איבער שטעט און שטעטלעך דורך ליטע, וואָלין, אוקראַינע און פּאָדאָליע, אַרומגעגאַנגען איבער די הײַזער און געבעטלט, גענעכטיקט אין באָטעמעדראָשים, אין העקדעשן. צו דער צײַט פון שאָלעם־יאַנקעווס באַקאַנטשאַפט מיט גאָטלאָבערן האָט דער ערשטער נאָך ניט געקאָנט פילן די ווירקונג פון אָט די „אוניווערסיטעטן“. זיי האָבן וועגן זיך געגעבן צו וויסן שפּעטער, ווען שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש איז געוואָרן מענדעלע מויכער־ספאָרים און אַוורעמל דער קרומער איז געוואָרן פּראָטאָטיפּ פון „פישקע דעם קרומען“, ווען ער האָט אָנגעהויבן שילדערן דעם יידישן דאַלעס, די יידישע טאַרבע...

צי האָט דערציילט דער זיבעצניאָריקער שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש גאָטלאָבערן וועגן אָט די דורכגעמאַכטע „אוניווערסיטעטן“? — גיכער ניט; שפּעטער האָט מענדעלע וועגן דעם ניט ליב געהאַט צו דערציילן און צו שרײַבן אין זײַנע אויטאָביאָגראַפישע מאַטעריאַלן. גאָטלאָבער האָט פיל געטאָן, קעדיי דער פעיִקער יונגערמאַן זאָל „אַרופגיין אף א וועג“. זײַן טאָכטער האָט מיט אַבראַמאָוויטשן געלערנט רוסיש און דײַטש. דער יונגער שאָלעם־יאַנקעוו האָט זיך צוגעגרייט, אָפּגעגעבן לערער־עקזאַמען און געוואָרן א לערער אין קאַמענעצער „קאַזיאָנער“ יידישער שול (1856).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ש.־י. אַבראַמאָוויטש האָט שוין געלעבט אין בערדיטשעוו, האָט גאָטלאָבער פאַרגעזעצט זײַן „שעפּטום“ איבער אים אין זין פון מאַטעריעלער אײַנאָרדענונג. אין דעם בריוו פון 12 יול 1864 שרײַבט גאָטלאָבער אַבראַמאָוויטשן, אז דעם 9 יול איז אָנגעקומען אין אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו דער געהיימראַט אַלעקסאַנדער פיליפּאָוויטש פּאַסטעלס, וועלכער פאָרט אַרום צוליב די איניאָנים פון יידישע שולן[25]; גאָטלאָבער האָט בא אים געבעטן א מער פּאַסיקע שטעלע פאַר זיך. אײַנצײַטיק האָט ער געשמועסט מיט אים וועגן אײַנאָרדענען אַבראַמאָוויטשן אף פּעדאַגאָגישער אַרבעט. אַבראַמאָוויטשן האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו אײַנאָרדענען זיך, ניט געקוקט אף דעם, וואָס פּאַסטעלס האָט פון אַבראַמאָוויטשן געוווּסט „אַלס פּראָפעסאָר דער נאַטור־געשיכטע“ (זע גאָטלאָבערס בריוו פון 19 יול 1864).

די געבראַכטע פאַקטן באַווײַזן, אז גאָטלאָבער האָט ווי ווײַט מעגלעך געהאָלפן דעם יונגן אַבראַמאָוויטש אין זין פון אײַנאָרדענען זיך אין לעבן, און מענדעלע איז, פאַרשטייט זיך, געווען אים זײַן גאַנץ לעבן דאַנקבאַר. צי איז אָבער געוואָרן גאָטלאָבער דער גײַסטיקער לערער בא אַבראַמאָוויטשן, — דאָס וועלן מיר זען אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל.

א.־ב. גאָטלאָבער און ש.־י. אַבראַמאָוויטשעס ערשטע ליטעראַרישע טריט

ווי באַוווּסט, איז אַבראַמאָוויטשעס אָנהייב אין דער ליטעראַטור געווען זײַן העברעיִשער „מכתב על דבר החינוך“ (מיכטאַוו אַל דווער האַכינוך — א בריוו וועגן דערציִונג), וועלכער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „האַמאַגיד“, 1857, נומ. 31. שפּעטער איז דער דאָזיקער בריוו, צוזאַמען מיט נאָך א בריוו וועגן דערציִונג און אן איבערגעזעצטן פון רוסיש פּעדאַגאָגישן אַרטיקל פון באַוווּסטן כירורג און פאָרגעשריטענעם פּעדאַגאָג נ. אי. פּיראָגאָוו („צי דאַרף מען שמײַסן קינדער, און דערצו נאָך אין אָנוועזנהײַט פון אַנדערע קינדער?“ — „אָדעסקי וועסטניק“, 15 אַפּרעל, 1858) אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אַבראַמאָוויטשעס ערשטן בוך „משפט שלום“ (מישפּאַט שאָלעם — א פרידלעכער געריכט)[26], ווילנע, 1860. דעם ערשטן „בריוו וועגן דערציִונג“, ווי עס גייט איבער ש.־י. אַבראַמאָוויטש, האָט אָפּגעשיקט אין רעדאַקציע פון „האַמאַגיד“ א.־ב. גאָטלאָבער. אַבראַמאָוויטשעס ערשטער אַרטיקל האָט זייער אויסגענומען אין דער רעדאַקציע פון „האַמאַגיד“ און זי האָט אים געבעטן, ער זאָל ווײַטער שרײַבן אין זשורנאַל[27].

דאָס, וואָס ש.־י. אַבראַמאָוויטש האָט זיך אָנגעהויבן פון זײַן ליטעראַרישער אַרבעט פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישע פראַגן, איז ניט צופעליק. דאָס דאַרף דערקלערט ווערן ניט נאָר מיט דעם, וואָס אַבראַמאָוויטש איז געווען אין יענע יאָרן א לערער אין קאַמענעצער יידישער שול. מע דאַרף נעמען אין אַכט, אז אין די פופציקער יאָרן פון XIX יה. האָבן די פּעדאַגאָגישע פראַגן פאַרנומען א גרויס אָרט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אין דער ערשטער ריי בא די פאָרשטייער פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. אין די קרײַזן פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָט אין יענע יאָרן געלערנט רוסיש און באַקאַנט זיך מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט מען געלייענט די פּראָגרעסיווע זשורנאַלן, אין וועלכע עס האָבן זיך געדרוקט הערצענס, טשערנישעווסקיס, דאָבראָליובאָווס און פּיסאַרעווס ווערק.

ווי עס גייט איבער מ. פּ. שאַפּיר, א טאַלמיד פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול אין די יאָרן 1861—1866, האָבן די טאַלמידים איבערהויפּט זיך פאַרנומען מיט דער רוסישער ליטעראַטור. „מיר האָבן זייער פלײַסיק געלייענט די רוסישע קלאַסיקער און אויך בעלינסקין, דאָבראָליובאָוון, אאַ. מע האָט אויך געלייענט הערצענס „קאָלאָקאָל“ („גלאָק“), וועלכער פלעגט דעמלט באַווײַזן זיך אין רוסלאַנד, און די, וועלכע פלעגן אים לייענען, פלעגן באַקאַנען די טאַלמידים, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט צו לייענען דעם פאַרווערטן זשורנאַל“[28].

אַבראַמאָוויטש איז ניט געווען קיין טאַלמיד פון דער

זשיטאָמירער ראבינער־שול[29], נאָר מיט אירע טאַלמידים איז ער געווען פארבונדן. דער יונגער אבראמאָוויטש האָט זיך שוין פון די ערשטע ליטעראַרישע טריט אָן אופמערקזאם צוגעהערט צו דער שטים פון דער רוסישער פּראָגרעסיווער געזעלשאפטלעכקייַט. אין דער סאָוועטישער מענדעלע־פאָרשונג איז שוין לאנג פעסטגעשטעלט, אז ש.־י. אבראמאָוויטש, זייַענדיק באקאנט מיט די ווערק פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראטן, איז דאָך פּאָליטיש ניט דערגאנגען אין זייַנע סאָציאַלע אָנשויונגען צו זייערע פּאָזיציעס.

דער קומענדיקער מענדעלע איז אָבער געווען א סאך ראדיקאלער, פאָלקסטימלעכער און נעענטער צו די האַרעפּאשנע פאָלקסמאסן, ווי א.־ב. גאָטלאָבער. דעריבער איז שווער זיך פאָרשטעלן, אז דער פראָמאָנארכיסטישער גאָטלאָבער זאָל קאָנען באווירקן דעם יונגן אבראמאָוויטש אין דער ריכטונג פון באקאנען זיך מיט דער פאָרגעשריטענער ליטעראטור אין יענער צייַט. אף אזא וועג האָט גיכער געקאָנט שטויסן אבראמאָוויטשן יעהוישוע־מאָרדכע ליפשיץ, דער שפּעטער באוווּסטער לעקסיקאָגראף, „איינער פון מייַנע גוטע פרייַנט", ווי עס רופט אים אָן מענדעלע אין די „שטריכן" („דאָס מענדעלע־בוך", ז. 27), און וועלכער איז געווען נאָענט צו די „לינקע" יונגע קרייַזן אין בערדיטשעוו.

אויב די רוסישע רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראטישע ליטעראטור האָט ניט אין דער געהעריקער מאָס געווירקט אף ש.־י. אבראמאָוויטשן פּאָליטיש, האָט זי אָבער געווירקט אף זייַן טעטיקייַט אין די געביטן פון ליטעראטור־קריטיק און נאטורוויסנשאפט.

אין דעם בייַגעלייגטן אווטאָביאָגראפישן בריוו צו עפראַיִם דיינארד שרייַבט מענדעלע, אז „שוין פון דער יוגנט אָן האָבן זיך בא אים ארויסגעוויזן שטריכן פון א קריטיקער". און דאָס איז צו זען שוין אין אָנהייב פון מענדעלעס ליטעראַרישער טעטיקייַט.

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די העברעיִשע קריטיק צו יענער צייַט? מע קאָן זאָגן, אז קריטיק, אין דעם זין, ווי מיר באנעמען עס איצט, איז אין יענער צייַט ניט געווען. דער קריטיקער פלעגט אָדער מאכן „קאָמפּלימענטן" דעם מעכאבער, אָדער ארויסזאָגן איינצלנע באמערקונגען, וועלכע זייַנען ניט געווען פארבונדן מיטן עצעם, מיטן טאָך פון קריטיקירטן ווערק, צעבלאָזן זיי און מאכן פון דעם א גאנצן „צימעס", קעדיי צו דעמאָנסטרירן די אייגענע שארפזיניקייַט און ערודיציע. דאָס קאָן מען אילוסטרירן מיט דער „קריטיק", וועלכע האָט זיך געשאפן ארום מענדעלעס ערשטע קריטישע ארויסטרעטונגען.

אין 1848 איז ארויס פון דרוק דאָס בוך פון עליעזער־צווי צווייפעל „מינים ועוגב" (מינים־וועוּגאָוו). אפן שארבלאט איז געווען אָנגעוויזן, אז אין בוך זייַנען פאראן „באמערקונגען אפן טאנאך, נוסעך פון דאוונען, ארויסזאָגונגען פון אונדזערע כאכאָמים, א ביסל פאָרשונג און קריטיק, א ביסל דרוש און שמועסן וועגן וואָכעדיקע איניאָנים, א ביסל מעליצע און שיר". דער מעכאבער גיט גלייַך א דערקלערונג, פארוואָס האָט ער צונויפגעזאמלט אין בוך פארשיידענע זאכן, וועלכע זייַנען ווינציק פארבונדן איינער מיטן אנדערן: „און אויב עס וועט קומען א קריטיקער און צעשלאָגן איין זאמלונג, וועט קאָנען געראטעוועט ווערן די איבערגעבליבענע זאמלונג". דער מעכאבער האָט שוין קאָנטיק געפילט, אז עס קאָן „אָנפאלן" א קריטיקער, און האָט שוין פאָרויס ארויסגעארבעט א סטראטעגישן פלאן. פארשטייט זיך, אָנשטאָט אָנווייַזן דאָס יאָר פון ארויסגאנג פון בוך אין ציפער, איז צוגעקליבן געוואָרן אן אנטשפּרעכיקער פּאָסעק פון טאנאך, וואָס די אריפמעטישע צאָל פון זייַנע אויסיעס האָט געשטימט מיט דער נייטיקער דאטע (גימאטריע — אזוי האָט דאָס געהייסן). אזוי איז געווען דער מינהעג אין דער דעמלטיקער ליטעראטור.

ע.־צ. צווייפעל איז געווען א לערער פון טאַלמוד אין זשיטאָמירער ראבינער־שול און האָט געהאט א גרויסן אווטאָריטעט בא זייַנע טאַלמידים. דער דערמאָנטער מ. פּ. שאפיר דערציילט אין זייַנע מעמוארן: „די צענטראלע פיגור צווישן דעם לערער־באשטאנד איז אין מייַן צייַט געווען צווייפעל, דער לערער פון טאַלמוד" (ז. 106). מענדעלע גיט איבער אין זייַנע „שטריכן", אז וועגן צושטאנד פון דער קריטיק אין יענער צייַט האָט זיך ע.־צ. צווייפעל אזוי אויסגעדריקט:

„פאר די ייִדישע שרייַבער זייַנען געקומען שטילע רויִקע צייַטן, גוטע גליקלעכע צייַטן, ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט די קריטיקער, און ס'איז אוועקגעקומען דער מענטשלעכער פארשטאנד זיי צו שטערן די רו, צו מינערן זייער קאָוועד און רום. פון יעדן בוך און זייַן קדושע איז געוואָרן ווי א צווילינג, דער נאָמען פון מעכאבער און זייַן כיבער — ווי א טאטע מיט א קינד". און מענדעלע גיט צו צו ע.־צ. צווייפעלס ארויסזאָגונג: „ער האָט גערעדט וועגן די פארגאנגענע צייַטן און מיט זייַן ניט איבערגעשפּיצטקייַט האָט ער עס אויסגעטייַטשט לישוואָך. איך האָב אויסגעפונען, אז זייַנע רייד פּאסן אויך פאר די ייִדישע שרייַבער אין מייַן יוגנט, און דאָס געטייַטשט ליגנייַ, וואָרעם אזעלכע צייַטן, ווען דער מענטשלעכער פארשטאנד איז אוועקגעקומען, זייַנען ניט קיין גוטע גליקלעכע צייַטן, און די ליטעראטור, וואָס האָט ניט קיין קריטיקער, און יעדעס בוך און זייַן קדושע איז א צווילינג, אזא ליטעראטור איז א גאָרטן אָן א באלעבאָס, דאָרט פּאשעט זיך דאָס קעלבל און מאכט א טעל פון די זריִעס, דער כאזער צעגראָבט אים און קליינע פיקסלעך פארדארבן די פארפלאנצטע בייטן"[30]. און מענדעלע האָט באשטימט ארויסזאָגן זיך וועגן צווייפעלס „מינים־וועוּגאָוו" און זאָגן א נייַ וואָרט אין דער קריטיק. ער האָט אָנגעשריבן א קריטיש ארטיקל און אוועקגעשיקט גאָטלאָבערן, ער זאָל ארויסזאָגן זייַן מיינונג וועגן אים און אייַנאָרדענען אין איינעם פון די העברעיִשע זשורנאלן, מיט וועלכע גאָטלאָבער איז געווען פארבונדן. אין א בריוו פון 18 שוואט 1859 שרייַבט גאָטלאָבער צו מענדעלען: „ניט האָב קיין מוירע, אבראמאָוויטש, און ניט זאָרג וועגן דייַן טייַערן מייַמער „קילקול־האמינים", דאָס הארץ זאָגט מיר, אז ער וועט אָנגענומען ווערן דורך די באלעבאטים פון די שטערן[31], אין די נאָענטסטע טעג האָף איך באקומען פון זיי אן ענטפער, וועל איך גלייַך געבן דיר צו וויסן און אומקערן דעם דערמאָנטן מייַמער און זאָלסט אים איבערשיקן אין באשטימטן אָרט. דערווייַל בעט גאָט, וועלכער האָט ליב עמעס". אין דעם בריוו פון 16 פעברואר 1859 שרייַבט ווייַטער גאָטלאָבער מענדעלען: „פון שטערנען האָב איך נאָך דערווייַל קיין ענטפער אף מייַן בריוו ניט באקומען; דאָך האָף איך, אז ס'וועט ניט לאנג דויערן, וועל איך וויסן, צי איבערשיקן אים דייַן „קילקול־האמינים", אָדער איך וועל געפינען פאר אים אן אנדער אָרט. איידער איך וועל אים אָפּשיקן, וועל איך איבערשיקן דיר, זאָלסט אים איבערשרייַבן און פאריכטן און אליין

אייגנהענטיק אוועקשיקן, ווי איך האָב דיר לענגער געזאָגט. עפשער וועל איך באקומען אן ענטפער פון לעמבערג פון דעם געלערנטן מאָהער[32], וועל איך קאָנען געפינען אן אָרט פאר דייַנע ווערק אין איינעם פון די זשורנאלן, וועלכע גייען דאָרט ארויס". אין דעם זעלבן בריוו לויבט גאָטלאָבער מענדעלען פאר זייַן מייַמער וועגן „דווירעס ליד", וועלכן ער האָט אים צוגעשיקט אין קסאוויאד. ער מאכט אים אָן א שיר מעליצעדיקע „קאָמפּלימענטן" און פארענדיקט: „גיי, מייַן טייַערער, מיט דייַן קראפט, וועסטו באלייַכטן די וועלט". נאָר, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אייַנאָרדענען דאָס קריטישע ארטיקל וועגן צווייפעלן אין א זשורנאל האָט זיך ניט אייַנגעגעבן. מענדעלען איז אויסגעקומען ארויסלאָזן א באזונדער בוך. די סיבע איז באשטאנען, ווי מע קאָן רעכענען, אין דעם, וואָס די רעדאקטאָרן פון די זשורנאלן האָבן ניט געוואָלט אייַנרייַסן מיט ע.־צ. צווייפעל, וועלכער האָט געהאט שוין צו יענער צייַט א נאָמען אין דער העברעיִשער ליטעראטור.

אין 1860 איז אין ווילנע ארויס פון דרוק דאָס ערשטע העברעיִשע בוך פון שאָלעם־יאנקעוו אבראמאָוויטש א.נ. „מישפּאָט שאָלעם. א זאמלונג פון פארשיידענע מייַמאָרים". אין דער זאמלונג זייַנען אריין אויסער „קילקול־האמינים" פאָלגנדיקע מאטעריאלן: די פריִער אָנגעוויזענע פּעדאגאָגישע ארטיקלען; פארשיידענע לידער, איבערזעצטע און אָריגינעלע; א ביבליש־קריטישער מייַמער „דאָס באהאלטענע און די ספּייקעס אין דווירעס ליד"; א בריוו צו א פרייַנט. די סטרוקטור פון ש.־י. אבראמאָוויטשעס בוך, ווי מיר זעען, איז די זעלבע, ווי צווייפעלס, — א זאמלונג פון מייַמאָרים, וועלכע זייַנען ווינציק פארבונדן איינער מיטן צווייטן. בענעגייע די לידער דארף מען זאָגן, אז זיי זייַנען ניט געשטאנען העכער פון דעם גרעסטן טייל „שירים" פון יענער צייַט, ניט העכער פון ע.־צ. צווייפעלס לידער, וועלכע אבראמאָוויטש האָט קריטיקירט.

אין יענער צייַט האָט קימאט יעדער מאסקיל געהאלטן פאר זייַן כויוו צו שרייַבן שירים. פון דער דאָזיקער „עפּידעמיע" האָט זיך ניט געקאָנט באפרייַען אפילע דער אנערקענטער אָנפירער פון די רוסישע מאסקילים ייִצכאָק־בער לעווינזאָן, ווייסנדיק אין דער זעלבער צייַט, אז ער האָט ניט צו פּאָעזיע קיין שום בארוף. צינבערג ברענגט וועגן דעם אן אינטערעסאנטע ארויסזאָגונג:

„לעווינזאָן האָט זייַן גאנץ לעבן גערן שירים געשריבן און עס זייַנען אופגעפירט זייַנע איבערזעצונגען פון שילערן, וואָס ער האָט געשריבן אף דער עלטער. ער האָט אָבער אליין אָנגעוויזן, אז אים פעלט לאכלוטן א דיכטערישע באגאבונג (זע זייַן פאָרעדע צו „אשכל הסופר"). אין אן אנדער אָרט איז ער שטארק אופגעבראכט דערפון („בית יהודה", ז. 366), וואָס קימאט יעדער מאסקיל, וואָס האָט נאָר געלערנט א ביסל דיקדוק, טינטלט שוין שירים, און קיינער פון זיי וויל ניט פארשטיין, אז גראמען שרייַבן קען יעדערער, א דיכטער אָבער איז קוים איינער אף א גאנצער מעדינע"[33].

ווי ס'ווייַזט אָן מענדעלע אין זייַנע „שטריכן" („דאָס מענדעלע־בוך", ז. 25), האָט דער „מישפּאָט שאָלעם" געמאכט א גרויסן טומל אין דעם ענגן קרייַז פון די העברעיִשע שרייַבער, איבערהויפּט דער מייַמער „קילקול־האמינים". „דער סייפער, וואָס טרעט באזונדערס שטארק ארויס קעגן מעכאבער פון סייפער „מינים־וועגאָוו" און ווינקט ביכלאל אף אונדזערע שרייַבער (אונדזער קורסיוו. — ה. א.), איז געקומען ווי א קויל אין דער מאכנע רויִקע שרייַבער, וואָס זייַנען זיך געזעסן, ווי ווייַן אף זייַנע הייוון. איך בין בא זיי געווען ווי א מענטש, וואָס איז געקומען שטערן זייער רו, צו מינערן זייער קאָוועד און רום".

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א לאנגדויערנדיקער ליטערארישער קריג. ווי האָט מען געקאָנט שווייַגן דעם יונגן אזעספּאָנעם, וועלכער דערלויבט זיך זאָגן, אז מע דארף זיך ניט רעכענען מיט אווטאָריטעטן? אז אין אונדזער ליטעראטור זייַנען פאראן דרייַ גרופּעס — מאסקילים, זייערע קעגנער, און אזעלכע, וועלכע דרייען זיך אף אלע זייַטן? און גלאט — וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אז א יונגער שנעק זאָל ארויסטרעטן קעגן אן עלטערן שרייַבער און נאָך דערצו מיט שארפע דיבורים? דער מיטרעדאקטאָר פון צעדערבוימען (אין „האמייליץ"), ייִצכאָק־ארן גאָלדענבלום, האָט אין נומ. 7 „האמייליץ" (10 נאָיאבער 1860) געגעבן צו פארשטיין אבראמאָוויטשן, אז אויב זייַן קריטיש ווערק הייסט „מישפּאָט שאָלעם", „דארף מען גיין מיטן וועג פון שאָלעם", פון פרידן און ניט אָנווענדן קיין שארפע קריטיק קעגן א שרייַבער, וועלכער האָט שוין א גרויסן נאָמען אין דער העברעיִשער ליטעראטור. דערבייַ איז גאָלדענבלום זיך מוידע, אז ער אליין האָט צווייפעלס ווערק, וועלכע אבראמאָוויטש קריטיקירט, ניט געלייענט...

נאָך ווייַטער איז אוועקגעגאנגען אבראמאָוויטשעס א צווייטער „קריטיקער" מאָרדכע ווייַסמאן כייַעס (ראָשע־טייוועס: מוח — מויעך) מיט זייַן ארטיקל „מייַמער מאָרדכע" („האמייליץ", 1861, נומ. 24—25). ניט ברענגענדיק קיין איין ציטאטע ניט פון צווייפעלס ווערק, ניט פון אבראמאָוויטשעס, ווייַל ער האָט ניט געהאלטן פאר נייטיק מיט זיי צו באקענען זיך, האָט ער אויסגענוצט א געלעגנהייַט צו האלטן א לאנגן דרוש וועגן „שאָלעם" ביכלאל, דערווייַזן אף וויפל „שאָלעם" איז וויכטיק פאר אלעמען, און דעמאָנסטרירן זייַן גרויסע ערודיציע אין לאָמדישע ספאָרים...

א.־ב. גאָטלאָבער, וועלכער האָט אף זיך געקוקט ווי אף א שעף איבער דעם יונגן אבראמאָוויטש, האָט באשטימט אָנעמען זיך זייַן קריוודע און אוועקגעשיקט אין „האמייליץ" א מייַמער „להשיב אל מרדכי" (אן ענטפער מאָרדכען). אזוי ווי דער מייַמער האָט זיך א ביסל פארהאלטן אין דרוק, האָט א.־ב. גאָטלאָבער וועגן דעם געגעבן צו וויסן אבראמאָוויטשן, און דער לעצטער האָט אים באדאנקט אין א בריוו פון 14 יון 1861: „איר זאָלט זיך ניט זאָרגן פאר אייַער ארטיקל „להשיב אל מרדכי", עס וועט זייַן געדרוקט, אזוי האָבן מיר צו וויסן געגעבן די רעדאקטאָרן פון „האמייליץ". אבראמאָוויטש גיט אין דעם זעלבן בריוו א כאראקטעריסטיק פון זייַנע „קריטיקער":

„איך האָב זיי (די רעדאקטאָרן פון „האמייליץ". — ה.א.) געשטראָפט ניט איין מאָל, ניט צוויי מאָל וועגן דער קריטיק פון געלערנטן ג־ב (גאָלדענבלום. — ה.א.), וואָס זי איז פאלש און העפקערדיק, און וועגן דער קריטיק פון מויעך, וואָס אירע אויגן זייַנען קאליע, און ווער ס'וועט זי לייענען, וועט זאָגן, אז דאָס איז א שארלאטאנישע, אזיִאטישע קריטיק פון איינעם, וואָס זייַנע געדאנקען זייַנען צעמישט און פארפּלאָנטערט. האָבן זיי זיך פארענטפערט פאר מיר מיט רייד, וואָס האָבן מיך בארויִקט און, אגעוו, האָבן זיי מיר געלאָזט הערן: „אינגיכן וועט איר זען געדרוקט אויך די רייד פון אונדזער פרייַנט

דעם מאסקל גאָטלאָבער „להשיב אל מרדכי“, וועט איר פארשטיין, אז מיר זײַנען אומפארטייִיש“[34].

גאָטלאָבערס ארטיקל איז געדרוקט געוואָרן אין די נומערן פון „האמייליץ“, 1861. אייגנטלעך איז גאָטלאָבער געגאנגען מיטן זעלבן „מעטאָד“, וואָס די פאָריקע „קריטיקער“, מיט דעם אונטערשייד, וואָס גאָלדענבלום און מויעך האָבן אבראמאָוויטשן געזאָגט מוסער און גאָטלאָבער האָט אים פארטיידיקט. ער באווײַזט, אז אבראמאָוויטש האָט אָנגערופן צווייפעלן „איש נבון וחכם“ (איש נאָווין ווענכאָם — א פארשטאנדיקער און קלוגער מאן). נאָר ניט צוליב גאָטלאָבערס „פארטיידיקונג“ איז וויכטיק דאָס דאָזיקע ארטיקל, עס איז וויכטיק מיט דעם, וואָס גאָטלאָבער האָט אין אים אײַנגעשלאָסן א גרויסן בריוו פון אבראמאָוויטשן צו אים, אין וועלכן ער גיט איבער זײַן ליטעראריש־קריטישן „קרעדאָ“ אין יענער צײַט. דער בריוו איז דאָ בײַגעלייגט, און דריבער וועלן מיר זײַן אינהאלט ניט איבערכאזערן. מיר קאָנען נאָר צוגעבן, אז דער בײַגעלייגטער בריוו שטעלט מיט זיך פאָר א פרעכטיקע איליוסטראציע צו די געדאנקען וועגן דער קריטיק אין דער העברעיִשער ליטעראטור, וועלכע מענדעלע האָט ארויסגעזאָגט אין אכט און צוואנציק יאָר ארום, אין זײַנע „שטריכן“, און וועלכע מיר האָבן שוין פריִער ציטירט, זיי פאלן צונויף אין אייניקע ערטער אפילע סטיליסטיש.

אף וויפל מיר האָבן צו טאָן מיט א פריוואטן בריוו, איז שווער צו פאָדערן, אז אין אים זאָל זײַן א פארגאנצטע סיסטעם פון ליטעראטור־קריטישע פרינציפן. מע קאָן אָבער זאָגן, אז די פאקטן, וועלכע זײַנען אין בריוו געבראכט, און די אויספירן, וועלכע ווערן פון זיי געמאכט, באווײַזן, אז אבראמאָוויטש האָט שוין אָנגעהויבן דערנעענטערן זיך צו אזא סיסטעם, אז ער האָט געשטרעבט צו דעם, אז די ליטעראטור בא ייִדן זאָל ווערן אייראָפּעיִזירט, דער לעצטער זאץ פון בריוו — „נישטאָ בא ייִדן קיין ליטעראטור“ — דערמאָנט אונדז שוין דעם שפּעטערדיקן אווראָם־אורי קאָוונער, וועלכער האָט זיך באוויזן מיט זײַן באוווסטער „צוימענברעכערישער“ בראָשור „חקר דבר“ (כייקער דאָוואָר) מיט פיר יאָר שפּעטער, אין יאָר 1865.

די מילכאָמע ארום דעם „מישפּאָט שאָלעם“ האָט זיך נאָך מיט דעם ניט פארענדיקט.

אין 1862 איז ארויסגעטראָטן קעגן דעם „מישפּאָט שאָלעם“ דער יונגער אווראָהאָם־עלִיאָהו הארקאווי (דער שפּעטער באוווסטער מיזרעך־פאָרשער). אין א ריי ארטיקלען האָט ער געסטארעט זיך דערווײַזן, אז אבראמאָוויטש האָט פאָרט באליידיקט צווייפעלן, אז ער האלט אים פאר א כיטרען, פאר א צוויאק אאוו. אף דעם האָט געענטפערט אבראמאָוויטש אין 1863 מיט א גרויס ארטיקל אין דער צײַטונג „האמייליץ“, אין וועלכן ער זאָגט ארויס דעם געדאנק, אז „די צײַטן האָבן זיך געענדערט און די ליטעראטור צוזאמען מיט זיי. ס׳איז דעריבער מער ניט מעגלעך, אז די ליטעראטור זאָל זײַן אויסשליסלעך אָדער איבערהויפּט רעליגיעז. זי דארף ווירקן אפן לעבן און אָפּשפּיגלען דאָס לעבן. זי דארף זיך באציִען קריטיש צו דעם, וואָס איז אלט און אָנגענומען געוואָרן, און דארף וועקן צו בילדונג און צו וויסנשאפט“. פארגלײַכנדיק די דאָזיקע ארויסזאָגונגען מיט די ארויסזאָגונגען פון יאָר 1861, זעען מיר, אז אבראמאָוויטש האָט זיך פארפעסטיקט אף די פּאָזיציעס פון קריטישן רעאליזם אין די זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

אין די ווײַטערדיקע נומערן פון „האמייליץ“ (1863, נום. 33—36) זאָגט זיך שוין ארויס גאָטלאָבער וועגן אבראמאָוויטשן אלס א קריטיקער — א נאָוואטאָר: „אבראמאָוויטש איז אין זײַן קריטיק אוועקגעגאנגען מיט א נײַעם וועג, א וועג, וואָס קיין איין קריטיקער פון די, וועלכע מיר וויסן, איז מיט אים ניט געגאנגען, ער איז אוועקגעגאנגען מיט דעם וועג פון רוסישן קריטיקער בעלינסקי, וועלכער האָט דורכגעטראָטן אין דער קריטיק א נײַעם וועג, וועלכער איז ביז אים ניט געווען, ווי דאָס וויסן די, וועלכע זײַנען באקאנט מיט דער רוסישער ליטעראטור. ש.־י. אבראמאָוויטש איז, דוכט מיר, דער ערשטער, וועלכער האָט אופגעהויבן די פאָן פון דער נײַער קריטיק בא ייִדן, און דאָס הארץ זאָגט מיר, אז דער קומענדיקער דאָר וועט געפינען, אז ער איז גערעכט, ווײַל זיי וועלן ניט קוקן אף דעם, ווער עס איז אלט און ווער איז יונג, זיי וועלן אנערקענען זײַן ווערט אין דער קריטיק און וועלן וויסן, אז צווישן אונדז איז געווען א גרויסער קריטיקער“.

נאָר דאָ האָט אין גאָטלאָבערן מיטאמאָל געטראָפן א קויל. אין זײַן ארטיקל „משפט צדק“ (א גערעכטער מישפּעט — „האקארמעל“, 1863, נום. 30—38, 43—44) ברענגט צווייפעל גאָטלאָבערס א בריוו צו אים, פון וועלכן עס איז קענטיק, אז גאָטלאָבערס מיינונג וועגן צווייפעלס „מינים־ווענוגאָוו“ פאלט ניט צונויף מיט אבראמאָוויטשעס מיינונג. צווייפעל ווענדט זיך צו אבראמאָוויטשן מיט אזעלכע ווערטער: „גלייב מיר! עס איז ניטאָ אין דײַנע רייד קיין איין וואָרט, אין וועלכן בא עמעצן זאָל זײַן א סאָפּעק, אז דו קריגסט זיך מיט מיר ניט מיט פאלשקײַט און בילבולים“. ווי אן עלטערער, גיט ער אבראמאָוויטשן אן אייצע — גיי אָפּ פון דעם וועג פון קריגערישער קריטיק.

די קימאט פיריאָריקע מילכאָמע האָט זיך פארענדיקט מיט דעם, וואָס גאָטלאָבער איז געפאלן א קאָרבן פון זײַן אייגענער פרינציפּלאָזיקײַט. דער „אלטער“ צווייפעל האָט פארשטאנען, אז מע דארף זיך צוהערן צו די „יונגע“ און דער יונגער אבראמאָוויטש איז אנערקענט געוואָרן אלס נאָוואטאָר, אלס אָנזאָגער פון א נײַ וואָרט.

דער אינצידענט מיט גאָטלאָבערס בריוו צו צווייפעלן האָט באוויזן גאָטלאָבערס פרינציפּלאָזיקײַט. עס איז פארהיט געוואָרן אין ארכיוו א לאנגער בריוו גאָטלאָבערס צו אבראמאָוויטשן (אָן א דאטע, נאָר ס׳איז קיין סאָפּעק ניט, אז ער איז פארבונדן מיט דעם אָנגעוויזענעם אינצידענט און באציט זיך, דארף מען רעכענען, צום 1863 יאָר) וועגן דעם איניען. פון דעם בריוו זעט מען, אז ש.־י. אבראמאָוויטש איז געווען שטארק אופגעבראכט פאר דער דאָזיקער געשיכטע און האָט זיך זייער שארף ארויסגעזאָגט וועגן דעם אין א בריוו צו גאָטלאָבערן. דער לעצטער פרווט זיך פארענטפערן, אז ער האָט קלוימערשט געלייענט צווייפעלס שירים נאָך איידער זיי זײַנען געדרוקט געוואָרן, און צווישן זיי זײַנען געווען אזעלכע, וועלכע ער האָט שפּעטער ניט אָפּגעדרוקט, און אָט צו די ניט אָפּגעדרוקטע שירים האָט געהאט א שײַכעס זײַן פּאָזיטיווע מיינונג אין דעם בריוו צו צווייפעלן. ס׳פילט זיך ביכלאל, אז גאָטלאָבער איז זייער צעטומלט פון דעם אינצידענט. ער ווײַזט אָן, אז פיל מענטשן לאכן פון אים און הערן אוף אים צו גלייבן. אין דער זעלבער צײַט פארדריסט אים, וואָס גראָד אבראמאָוויטש, וועלכער האָט

צווייפעלן שארף קריטיקירט, איז מיט דעם לעצטן אין גוטע באציִונגען, פונעם בריוו איז אויך קענטיק, אז ארום דעם יונגן אבראמאָוויטשן זײַנען פארשפרייט געוואָרן פארשיידענע פליאָטקעס, אז ער איז קלוימערשט געקומען קיין קאמענעץ אן אמהאָרעץ און איז אזא געבליבן; גאָט־לאָבער שרײַבט, אז ער איז גרייט יעדע מינוט ארויסגעבן אים (אבראמאָוויטשן. — ה.א.) א צעטל, אז ער איז ניט געווען קיין אומוויסנדיקער, אז ער איז געקומען קיין קאמענעץ... ס'איז פאראן א יעסאָד צו טראכטן, אז דער נאָרוואָס ציטירטער גאָטלאָבערס לויב־געזאַנג צו אבראמאָוויטשעס ליטעראטור־קריטיק איז ארויסגערופן דורך דעם, וואָס גאָטלאָבער האָט ניט געוואָלט פארלירן אבראמאָוויטשעס גוטפרײַנטשאפט.

(סאָף קומט).

אַנמערקונגען

1 נאכמען מײַזיל. דאָס מענדעלע־בוך. פארלאג „איקוף“, ניו־יאָרק, 1959, ז. 62.

2 ווי באוווסט, באווײַזט זיך דער פסעוודאָנים „מענדעלע מויכער־ספאָרים“ צום ערשטן מאָל אין יאָר 1869, אפן שארבלאט פון „פישקע דער קרומער“. אלס מענדעלע מויכער־ספאָרים שטעלט ער זיך שוין פאָר אין דער פאָרעדע צו „דאָס קליינע מענטשעלע“.

3 א. גורשטיין. דער יונגער מענדעלע אין קאָנטעקסט פון די 60־ער יאָרן. „שריפטן“, ב. 1, קיעוו, 1928 (קאַטעדרע פאר ייִדישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע).

4 „דאָס מענדעלע־בוך“ ז. 479.

5 א.־ב. גאָטלאָבער. זיכרוינעס (דערינערונגען איבער ייִדישע שרײַבער און ספאָרים), „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, 1888, ב. I, ז. 254.

6 „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 95.

7 דאָרטן, ז. 135.

8 באל־מאכשאָוועס. דאָס דאָרעם־ייִדנטום און די ייִדישע ליטעראטור אין XIX יה. בערלין, 1922, ז. 33—35.

9 ארײַנפיר צו דער זאמלונג „א.־ב. גאָטלאָבערס ייִדישע ווערק“, ווילנע, 1927, ז. 22; פרג. א. גורשטיין. סאכאקלען פון דער מענדעלע־פאָרשונג. „צײַטשריפט“, 2—3, ז. 502—503.

10 י. צינבערג. געשיכטע פון ליטעראטור בא ייִדן, ב. 8, בוך 2, ז. 215.

11 „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 201—203.

12 י. צינבערג, געשיכטע פון ליטעראטור בא ייִדן, ב. 8, ז. 190—191. יאָאכים טארנאָפּאָל (1810—1900) — אָנגעזעענער פובליציסט און געזעלשאפטלעכער טוער, געלעבט אין אָדעס. צוזאמען מיט אָסיף ראבינאָוויטשן האָט ער ארויסגעגעבן דעם ערשטן ייִדיש־רוסישן זשורנאל „ראזסוועט“. ציטירט פון זײַן בוך אין רוסיש: „א פרווו פון א הײַנטצײַטיקער און פאָרזיכטיקער רעפאָרמע“, ז. 86—87.

13 זע דאָרט, ז. 211.

14 קלויזנער ברענגט אין זײַן בוך „געשיכטע פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראטור“ (אין איווריט, ב. 5) א ריי פאקטן, אפן סמאך פון וועלכע ער קומט צו דער פאראלגעמיינערונג, אז „גאָטלאָבער איז ניט קיין אידעאל געשטאלט“ (ז. 312). מיר וועלן זיך אף זיי ניט אָפּשטעלן, ווײַל זיי זײַנען אויסער די ראמען פון אונדזער ארבעט און דערצו איז ניט אומעטום קאָן מען פעסטשטעלן, ווו איז עמעס און ווו איז רעכילעס.

15 פ. שלאוו־טוירען. א.־ב. גאָטלאָבער און זײַן פּאָעטישע שאפונג (אין איווריט). טעל־אוויוו, 1953.

16 מאקס ליליענטאל (1815—1882) — געבוירן אין מינכען; געווען דירעקטאָר פון דער ייִדישער שול אין ריגע; אָפּגעדרוקט דאָרט אין דײַטש „דראָשעס אין ריגער סינאגאָגע“ (1841), וועלכע ער האָט געווידמעט אוואַראָוון, דעם בילדונגס־מיניסטער פון ניקאָלײַ דעם ערשטן. אוואראָוו האָט ארויסגערופן ליליִענטאלן קיין פעטערבורג און ארופגעלייגט אף אים די אופגאבע — אגיטירן צווישן די ייִדן אין טכום, זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין רוסישע שולן. מיט דעם ציל איז ער ארומגעפאָרן איבער די גרעסערע שטעט פון ליטע, ווײַסרוסלאנד און אוקראַיִנע.

17 י. קלויזנער. געשיכטע פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראטור (אין איווריט), ב. 5, ז. 312.

18 י. צינבערג. געשיכטע פון ליטעראטור בא ייִדן, ב. 8, ז. 208—209.

19 דאָרטן.

20 א.־ב. גאָטלאָבער. זיכרוינעס. „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, 1888, ב. I, ז. 255.

21 י. קלויזנער. געשיכטע פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראטור (אין איווריט), ב. 5, ז. 336.

22 זע מענדעלעס בריוו צו עפראָיִם דיינארד (בײַלאגע נומ. 2).

23 מוישע־כאיִם לוצאטאָ (1707—1747) — איינער פון די אָנהייבער פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראטור. איינס פון זײַנע ווערק איז די אלעגאָרישע דראמע — „לעיעשאָרים טהילאָ“ — א לויב די ערלעכע.

24 „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 22.

25 דעם וויזיט פון געהיימראט א. פ. פאסטעלס האָט א.־ב. גאָטלאָבער געהאלטן פאר אזא וויכטיקער געזעלשאפטלעכער געשעעניש, אז ער האָט אים מיט היספּײַלעס באשריבן אין „האמייליץ“ (1864, נומ. 31).

26 דער נאָמען פון בוך האָט א צווייענדיקע באדײַטונג — אי „פרידלעכער געריכט“, אי „שאָלעמס געריכט“, נעמענדיק אין אכט, וואָס דער מעכאבער האָט געהייסן „שאָלעם־יאנקעוו“. די העברעיִשע מעכאברים אין יענע צײַטן פלעגן זיך סטארען אײַנשליסן אין נאָמען פון בוך דעם אייגענעם נאָמען.

27 „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 24.

28 מ. פ. שאפיר. מײַנע דערינערונגען. זאמלבוך „יעווריייסקאיא לעטאָפּיס“, ב. 4, ז. 107.

29 דאָ איז אמפלאץ אופמערקזאם צו מאכן אף א טאָעס בא י. קלויזנערן אין זײַן „געשיכטע פון דער נײַער העב־

רעיִשער ליטעראַטור“ (ב. 4, ז. 42), ווו ס׳איז אָנגעוויזן, אַז „אַבראַמאָוויטש איז געווען אַ טאַלמיד בא צווייפעלן אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול“. קיין טאַלמיד פון זשיטאָמירער ראַבינער־שול איז אַבראַמאָוויטש קיינמאָל ניט געווען. ער האָט דאָרט געהאַלטן עקזאַמען אַף ראַבינער (אַלס עקסטערן). אין וועלכן יאָר? דאָ האָבן מיר שוין ווײַטער אַ דיסקוסיע צווישן נאַכמען מײַזיל און מענדעלען. דער לעצטער ווײַזט אַליין אָן אין זײַן בריוו צו ריינאַרדן, וועלכער איז געשריבן געוואָרן דעם 1 סענטיאַבער 1877: „שוין פינף יאָר ווי איך האָב געהאַלטן עקזאַמען בא דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול און כ׳בין אַרויס מיט אַ טיטל „ראַבינער“, דאָס הייסט, אַז ער האָט געהאַלטן דעם עקזאַמען אין 1872. נאַכמען מײַזיל, פון זײַן זײַט, ווײַזט אָן אין די „וויכטיקסטע דאַטעס פון לעבן און שאַפן בא מענדעלען“ („דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 278), אַז אין 1869 האָט מענדעלע „אָפּגעגעבן עקזאַמען אַף ראַבינער; צוליב זײַן ראַדיקאַלער ראַבינער־דראָשע ניט באַקומען קיין אַטעסטאַט“. אַף וויפל דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ וויכטיקן מאָמענט אין מענדעלעס ביִאָגראַפיע, דאַרף מען אין דעם, פאַרשטייט זיך, פאַנאַנדערקלײַבן זיך, נאָר דאָס איז שוין אויסער די ראַמען פון אונדזער טעמע.

30 „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 24.

31 דאָ גייט אַ רייד וועגן זשורנאַל „כוכבי יצחק“ (קויכווי ייִצכאָק“ — די שטערן פון ייִצכאָקן), וועלכן עס האָט רעדאַגירט מענדל שטערן (1811—1873).

32 מאָהער אַוראָם־מענדל (1815—1868), אַרויסגעבער פון העברעיִשע זשורנאַלן, וועלכע האָבן עקזיסטירט אַ קורצע צײַט; געשריבן אויך אין ייִדיש.

33 י. צינבערג. געשיכטע פון ליטעראַטור בא ייִדן, ב. 8, ז. 34, באַמערקונג.

34 „דאָס מענדעלע־בוך“, ז. 61.

כראָניק

דער יובילײ פון אַ פרײַנט

עס איז געוואָרן זעכציק יאָר, זינט ס׳איז געבוירן דער רוסישער קריטיקער, פּאַרוואַלטער

פון דעם אָפּטייל פון פּראָזע פון די ליטעראַטורן פון די פעלקער פון פססר אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ — סערגײ לעאָנידאָוויטש קיריאַנאָוו.

ס. קיריאַנאָוו איז שוין פון לאַנג אָן פאַרבונדן מיט דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע ער העלפט פּאָפּוליאַריזירן צווישן די ברייטע קרײַזן סאָוועטישע לייענער.

אין דער צײַט פון דער גרויסער פּאַטעראַלענדישער מילכאָמע איז קיריאַנאָוו געווען דער פּאָליטקאָמיסאַר פונעם מיליטערישן טייל, אין וועלכן עס האָבן געקעמפט מייער ווינער, אַרן גורשטיין, אַרן קושניראָוו אאַ.

פאַר די לעצטע יאָרן זײַנען מיט ס. קיריאַנאָווס אַקטיוון אָנטייל דערשינען אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ העכער הונדערט פּראָזע־ווערק פון ייִדישע שרײַבער אין דער רוסישער איבערזעצונג און אַ רײ ווערק אין ייִדיש.

סערגײ קיריאַנאָוו אַלס ליטעראַטור־קריטיקער צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדערס שאַרפן אַכרײַעס־געפיל באַם אָפּשאַצן און סטימולירן די שאַפונג פון די שרײַבער.

מיר ווינטשן דעם יוביליאַר געזונט און שעפערישע דערפאָלגן.

צום 100־טן געבורטסטאָג פון מאַקסים גאָרקי

אין מאַרט 1968 וועט די פּראָגרעסיווע מענטשהײַט אָפּמערקן דעם 100־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן פּראָלעטאַרישן שרײַבער א. מ. גאָרקי. די סאָוועטן־רעגירונג האָט צוליב דעם צוועק געשאַפן אַן אַלפאַרבאַנדישן יובילײ־קאָמיטעט אונטערן פאָרזיץ פון קאָנסטאַנטין פעדין.

אין מאָסקווע וועלן דורכגעפירט ווערן פּילצאָליקע גאָרקי־אָוונטן, וויסנשאַפטלעכע סעסיעס, געווידמעט גאָרקיס שאַפונג, און אַ צענטראַלער יובילײ־אָוונט. גרויסע יובילײ־פײַערונגען וועלן דורכגעפירט ווערן אין לענינגראַד און אין דער שטאָט גאָרקי, וווהין עס וועלן אײַנגעלאַדן ווערן געסט פון די ברידערלעכע רעפּובליקן, ווי אויך פון אויסלאַנד.

אַ פּיעסע וועגן די העלדנטאַטן פון אַ שלאַכטמאַן

„געדענקט זייערע נעמען“ — אַזוי הייסט די פּיעסע פונעם דראַמאַטורג פּ. סאַליוק. אין איר ווערט דערציילט וועגן די העלדנטאַטן פונעם שלאַכטמאַן אַוראָם בערעזניאַק בייס דער גרויסער פּאַטעראַלענדישער מילכאָמע.

אַף דער פּרעמיערע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין כמעלניצקער מעלוכע־טעאַטער, איז בײַגעווען דער העלד — אַוראָם בערעזניאַק, וועמען די צושויער האָבן באַגעגנט מיט הייסע אַפּלאָדיסמענטן.

אַ בוך, וואָס לעבט אייביק

(צום 100־טן יאָרטאָג, זינט ס׳איז
דערשינען דער ערשטער
באַנד פון קארל מארקס׳
„קאפיטאל“)

צוויי אזייגער באנאכט דעם 16 אווגוסט 1867 האָט קארל מארקס, אָפּלייגנדיק אין א זײַט די פארענדיקטע קאָרעקטור, געשריבן צו ענגעלסן: „אלזאָ, דער דאָזיקער באנד איז פארטיק“. אין א כוידעש ארום, דעם 14 סענטיאבער, איז דערשינען דער ערשטער פון די פיר בענדער „קאפיטאל“. דאָס איז געווען א וועלט־היסטאָרישע געשעעניש. פאָרגעקומען איז זי אינעם לאנד, ווו מארקס איז געבוירן געוואָרן, — אין דײַטשלאנד. דער האמבורגער פארלאג האָט ארויסגעגעבן דאָס בוך אין א טיראזש פון סאכאקל 1000 עקזעמפּליארן, — ווער האָט דעמלט געקאָנט פאָרשטעלן זיך דעם גוואלדיקן נאָכפרעג, וואָס אָט דאָס בוך וועט ארויסרופן?

דער הונדערטסטער יאָרטאָג, זינט ס׳איז דערשינען דאָס בוך, וואָס האָט אָפּגעשפּילט א היסטאָרישע ראָליע אין דער אנטוויקלונג פון דער אלוועלטלעכער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, ווערט אָפּגעמערקט ערעוו דעם יובילײ פון דער ערשטער אין דער וועלט זיגרײַכער סאָציאַליסטישער רעוואָליוציע. דער 50־יאָריקער עטאפּ פון דער סאָציאַליסטישער מעלוכע איז דער סאמע וואָגיקער באווײַז, ווי וויסנשאפטלעך ריכטיק מארקס האָט פאָרויסגעזען, אז די געזעלשאפט פונעם עקספּלואטאטאָרישן קאפּיטאל וועט אומפארמײַדלעך לײַדן א קראך און וועט פארביטן ווערן אף א געזעלשאפט פון באפרײַטער מי.

מארקס האָט געשריבן דעם „קאפיטאל“ אין א צײַט, ווען דאָס לעבן האָט אים גערופן צו שטעלן זיך בעראָש פונעם I אינטערנאציאָנאל, וועלכן ער האָט געגרינדעט. מע האָט באדארפט צונויפפּאָרן די פּראקטישע טעטיקײַט מיט די סאמע טיפע טעאָרעטישע פאָרשונגען. נאָך אָנגעשטרענגטע טעג, איבערפולטע מיט ברויזיקער ארבעט, פלעגט מארקס זיצן גאנצע נעכט און שרײַבן. ער איז געווען קראנק, אים האָט געמאטערט די שלאָפלאָזיקײַט, נאָר ער האָט געשריבן.

אפן דערשײַנען פונעם „קאפיטאל“ האָט מען געוואָרט מיט אומגעדולד. דער בריסעלער קאָנגרעס פונעם I אינטערנאציאָנאל האָט אין 1868 אָנגענומען א ספּעציעלע רעזאָליוציע: „מיר רעקאָמענדירן די ארבעטער פון אלע לענדער קארל מארקס׳ בוך „קאפיטאל“, וואָס איז דערשינען פאָריקן יאָר, און מיר רעקאָמענדירן זיי אנטשיידן צו טאָן אלץ, וואָס מעגלעך, קעדיי העלפן פארווירקלעכן די איבערזעצונג פון אָט דעם וויכטיקן ווערק“.

איבערזעצן „קאפיטאל“ אין רוסיש, פאנאנדערארבעטן די טערמינאָלאָגיע, וואָס זאָל פּינקטלעך איבערגעבן די נײַע באגריפן, וועלכע מארקס האָט אנטדעקט, איז געווען זייער א קאָמפּליצירטער איניען. און דער ערשטער פּרווו צו איבערזעצן דאָס ווערק, פאר וועלכן עס האָט זיך גענומען מיכאיל באקונין (באקונין איז צוזאמען מיט מארקסן ארײַן אין אינטערנאציאָנאל, נאָר דאָרט האָט ער געקעמפּט קעגן מארקסן), איז געווען ניט קיין געלונגענער. א פאסיקער רוסישער איבערזעצער פון מארקסן האָט זיך אָבער יאָ אָפּגעפונען. דאָס איז געווען הערמאן לאָפּאטין, א מענטש מיט ברייטער בילדונג, זייער אן ענערגישער רעוואָליוציאָנער. צו יענער צײַט איז ער שוין צוויי מאָל געזעסן אין די צארישע טפיסעס.



דאס קאפיטאל

כארל מארקס

די ארבעט פון מארקס׳ איבערזעצער לאָפּאטין האָט ווײַטער פאָרגעזעצט דער באוווּסטער עקאָנאָמיסט און סאָציאָלאָג ניקאָלײַ דאניעלסאָן.

א פּאָשעטער אָנגעשטעלטער אין א פּריוואטן באנק, האָט נ. דאניעלסאָן זײַן גאנץ לעבן געווידמעט דער איבערזעצונג פון מארקס׳ „קאפיטאל“, פון אלע באוווּסטע אין יענער צײַט דרײַ בענדער.

אינעם זעלבן טאָג, ווען עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין רוסיש דער ערשטער באנד „קאפיטאל“, האָט דאניעלסאָן אָפּגעשיקט מארקסן אן עקזעמפּליאר פונעם בוך. דער בריוו, וועלכן דאניעלסאָן האָט בא דער געלעגנהײַט צוגעשיקט, איז געוואָרן א יאָמטעוו פאר מארקס׳ גאנצער פאמיליע. אין זײַן ענטפער אפן בריוו האָט מארקס אָפּגעמערקט, אז „די איבערזעצונג איז געמאכט מ ײַ ס ט ע ר ה א פ ט“.

אין יידיש איז דער ערשטער באנד „קאפיטאל“ (אלע דרײַ טיילן) דערשינען אין די דרײַסיקער יאָרן. ארויסגעגעבן אים האָט דער פארלאג פון דער ניו־יאָרקער יידישער פּראָגרעסיווער צײַטונג „מאָרגן־פרײַהײַט“. די איבערזעצונג האָט געמאכט דער בארימטער איבערזעצער פון פיל קלאסישע וויסנשאפטלעכע ווערק, דער מעדיצין־דאָקטער לויט דער בילדונג י. א. מעריסאָן (יאנקעוו־אווראָם יערוכימאָוויטש), אן אָפּשטאמיקער פון יעוויע, ווילנער געגנט (געבוירן אין 1866, געשטאָרבן אין 1941 אין ניו־יאָרק). ביז הײַנט איז די דאָזיקע אויסגאבע די איינציקע יידישע איבערזעצונג פון „קאפיטאל“.

מ. אי.

כראָניק

פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

1934

פון דער צײַטונג „דער עמעס“:

נומ. 13. ש. פערסאָוו — פליסזאַמד (פונעם ראָמאַן וועגן מאָסקווער מעטראָבוי); דעם 12 יאַנוואַר 1934 איז אין אָדעס אומגעקומען פון אַן אווטאָמאָביל־קאַטאַסטראָפע דער ליטעראַטור־קריטיקער ראָזענצווײַג (ר. צווײַג).

נומ. 19. א בראַכמאַן — דער לענין־זעקסבאַנד אין ייִדיש (רעצענזיע אויפן ערשטן באַנד); ייִסראָעל ראַבינאָוויטש — לענין אין דער מאָלערײַ.

נומ. 27. אַ. סטרעליץ — לאָמיר געבן א קאָלעקטיווע קינסטלערישע שאַפונג וועגן דעם איבערבוי פון דער ייִדישער באַפעלקערונג; א. קושניראָוו — ווײַס און שוואַרץ (א סצענע פון דער פּיעסע מיטן זעלבן נאָמען, וואָס ווערט געגרייט צום שטעלן אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד); מאָסקווער ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער צום XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר: שרײַבער־בריגאַדעס אין דער פּראָווינץ.

נומ. 43. ש. קליטעניק — דער שרײַבער דער טשעקיסט (נאָטיצן וועגן ב. ערקעסעס שאַפונג).

נומ. 44. עס זײַנען אַרויס פון דרוק אין פאַרלאַג „עמעס“: ווס. איוואַנאָוו — פּאַנצערצוג 14־69; ש. גאָדינער — דער מענטש מיט דער ביקס (2־טער טייל); ב. אָלעווסקי — אַלץ העכער און העכער (פאַרצייכענונגען וועגן לופט־פּלאָט); מ. כאַשטשעוואַצקי — לעצטע שלאַכט (פּערעקאָפּ); מ. דאַניעל — יוליס.

נומ. 45. ש. קליטעניק — „אַלץ העכער און העכער“ (רעצענזיע אויף ב. אָלעווסקיס בוך מיטן זעלבן נאָמען).

נומ. 50—51. דערשינען אין פאַרלאַג „עמעס“: דאָוויד בערגעלסאָן — באַם דניעפּער (צווייטע אויפלאַגע), ע. פינינבערג — אַן ערד און אַנדערע (לידער), ש. גאָדינער — דאָס לעבן הייבט זיך אָן, ד. האָפשטיין — נאַוויגאַציע (פּאָעמע פאַר קינדער), ר. בוימוואָל — פּיאָנערן (קינדער־לידער), אי. קיפּניס — זעליק דער ראַדיסט.

נומ. 53. ל. קוויטקאָ — פּאַרויס (פון ציקל „קינדער־לידער“); ע. ספּיוואַק — א לינגוויסטישע באַראַטונג (וועגן א פאַרברייטערטער באַראַטונג, וואָס עס רופן צונויף דער פאָלקאָמבילד פון אוססר און דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע); מ. כאַשטשעוואַצקי — א וויכטיקער פאָרשלאָג (וועגן אַ. סטרעליצעס פאָרשלאָג צו שאַפן א קאָלעקטיוו קינסטלעריש ווערק וועגן דעם איבערבוי פון דער ייִדישער באַפעלקערונג); עס איז געשאַפן געוואָרן אַן איניציִאַטיווע גרופּע אויף פאַנאַנדערצואַרבעטן די פּראָטים פון פאַרווירקלעכן דעם פאָרשלאָג; מ. טייף — אין יאָר ...193 (ליד, געווידמעט די פּראָלעטאַריער פון ווינער קאַרל מאַרקס־קאָמבינאַט); מ. וואַרטמאַן — ערשטע פּרווון (וועגן ל. לערמאַנס ביכל „טאָרפער“, 1933); דערשינען דער ערשטער נומער פון זשורנאַל „שטערן“ פאַרן 1934 יאָר.

נומ. 55. דעם 7 מאַרט האָט זיך געעפנט דער פּלענום פונעם אָרגקאָמיטעט פון די סאָוועטישע שרײַבער. צווישן די אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע דעלעגאַטן געפינען זיך פעפער, גילדין, בראָנשטיין און דונעץ.

נומ. 56. אויפן פּלענום פונעם אָרגקאָמיטעט איז אַרויסגעטראָטן מיט א רעדע איציק פעפער.

נומ. 69. נײַע שטעלונגען אין ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון ווײַסרוסלאַנד: זיסקינד לעוו — דער שטרײַק פון די שניטערס. די פּרעמיערע — דעם 7 נאָיאַבער; דער טעאַטער אַרבעט אויף א. קושניראָווס „די ברידער האַרמאַט“. אינגיכן וועלן געשטעלט ווערן „רעקרוטן“, „וואָלפּאָנע“, „הירש לעקערט“.

נומ. 71. אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע איז די טעג פאָרגעקומען א באַראַטונג וועגן שאַפן א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

נומ. 72. עס איז אַרויס פון דרוק: דעקלאַמאַטאָר פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור (צונויפגעשטעלט י. דאָברושין און י. ראַבין); מ. גאָלדשטיין — ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור (דערציילונגען).

נומ. 74. מיטיילונג וועגן דער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס וועט פאָרקומען אין קיִעווער אינסטיטוט דעם 7 מײַ. אייניקע פונקטן פונעם טאָג־סיידער: די סאָוועטישע שפּראַך־פּאָליטיק אין דער אָנווענדונג צו ייִדיש און ספּעציעל צו דער פּרעסע; וועגן טערמינאָלאָגיע; וועגן אויסטײַטש־ווערטערבוך; סיסטעם פון גראַמאַטיק און אַנד.

נומ. 82. ר. פיש — א גראָטענער אָנהייב (וועגן מ. גאָלדשטיינס בוך „ביראָבידזשאַנער אויפן אַמור“, פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע, 1934); די רעדאַקציע „עמעס“ רופט צונויף אויפן 11 אַפּרעל א באַראַטונג וועגן שפּראַך־פּראַגן.

נומ. 83. נײַע ביכער. אין ווײַסרוסישן מעלוכע־פאַרלאַג זײַנען דערשינען: ה. קאַמענעצקי — מיטן גלײַכן וועג (לידער), זיסקינד לעוו — פיר מענטשן זוכן די רעוואָלוציע; אין אוקראַיִנישן נאַצמינדפאַרלאַג: אי. פעפער — די ייִדישע ליטעראַטור אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

נומ. 84. מ. ליטוואַקאָוו — פאַר א ריינעם און רײַכן סאָוועטישן ייִדיש; 35 יאָר מוזיקאַלישע טעטיקײַט פונעם

קאָמפּאָזיטאָר ל. פּולוער; די פאַרייניקונג פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער אָרדנט אײַן א שעפערישן אָוונט אף באהאנדלען די נײַע פּיעסן פון י. דאָברושין („ברי־גאדיר טעלעפּיי“), פּ. מארקיש („צוריקער“) און א. קושניראָוו („די ברידער הארמאט“).

נ ו מ. 85. ב. זאקס — ביבליִאָגראפישע נאָטיץ (וועגן מ. ווינערס און א. גורשטיינס „פּראָבלעמען פון קריטיק“, מאָסקווע, 1933); י. דאָברושין — טייפּס זשאנער (וועגן זײַן בוך „לידער און פּאָעמעס“, מינסק, 1933); י. ראבין — וועגן טייפּס בוך „לידער און פּאָעמעס“.

נ ו מ. 86. דער גאנצער נומער איז געווידמעט דער טשעליוסקין־עפּאָפּיי. מיט פּובליציסטישע און קינסטלערישע ווערק טרעטן ארויס א. קושניראָוו, י. דאָברושין, ש. האלקין, אָ. סטרעליץ, ש. גאָדינער, י. ראבין, עזראָ פינינבערג.

נ ו מ. 89. צום אלפארבאנדישן צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער האָט די רעדאקציע פון כארקאָווער „שטערן“ דערקלערט א קאָנקורס אף דער בעסטער נאָוועלע, ליד און קריטישן ארטיקל.

נ ו מ. 90. דער פּרעזידיִום פון וציק האָט געגעבן דעם טיטל פארדינסטפולער קונסט־טוער דעם קאָמפּאָזיטאָר ל. פּולווער אין צוזאמענהאנג מיטן 35־טן יאָרטאָג פון זײַן מוזיקאלישער טעטיקײַט.

נ ו מ. 91. פּ. שפּראך — א מוסטער פון פּרינציפּלאָזיקײַט (וועגן רעדאקטאָר פון „אָדעסער ארבעטער“, וועלכער האָט אף אן אנארכיסטישן אויפן אײַנגעפירט א „שפּראך־רעפאָרמע“); א. כאשין — קעגן שפּראך־טאנדעט און שנעלשרײַבערײַ.

נ ו מ. 94. י. ראבין — צוויי יאָר איבערבוי (צום צווייטן יאָרטאָג פון דער רעזאָליוציע פון צק אלקפּ(ב) וועגן איבערבויען די קינסטלערישע אָרגאניזאציעס); צום ערשטן יאָרצײַט פון שטיפּס טויט גייט ארויס א ספּעציִעלער נומער פון זשורנאל „אפן שפּראכפראָנט“, געווידמעט דעם געלערנטן.

נ ו מ. 95. סאָציִאליסטישער איבערגעבורט פון דער ייִדישער אָרעמשאפט אין גרוזיע: ש. גאָדינער — אופגעריסענע היילן (דאָס וואָרט „ביק“ — די רעאקציאָנערן רופן מיט אזא זידלנאָמען די בארג־ייִדן, נאָר די ייִדישע קלייקוידעש פון גרוזיע האָבן עס אויסגעטײַטשט אף זייער אויפן: „ביק“ — בניי ייִסראָעל קדוישים — הייליקע ייִדן); פּערעץ מארקיש — איבערשמעלץ (ארטיקל וועגן די גרוזינער ייִדן).

נ ו מ. 96. כ. נאדעל — דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפארבאנד.

נ ו מ. 97. ע. פאלקאָוויטש — וועגן דעם מין אין ייִדיש און וועגן ייִדיש ביכלאל (צו נאָזיקס ארטיקל אין דער צײַטונג „אָקטיאבער“ פון 3 אפּרעל 1934 „צו דער פראגע וועגן מין אין ייִדיש“; נאָזיק טרעט ארויס קעגן דעם דריטן מין).

אין דער צײַטונג „שטערן“ פונעם 23 אפּרעל זײַנען פארעפנטלעכט די טעזיסן צו די פּאָרטראָגן פון די ככ׳ לעוויטאן און ספּיוואק אף דער אלוקראיִנישער שפּראך־באראטונג, וואָס וועט פאָרקומען דעם 7 מײַ. די דאָזיקע טעזיסן — „די סאָוועטישע שפּראך־פּאָליטיק אין אָנווענדונג צו ייִדיש“ — זײַנען אָנגענומען פונעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער אלוקראיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע.

נ ו מ. 98. אין קאמף אף צוויי פראָנטן פאר א רײַכער קולטור־שפּראך (באריכט פון דער באראטונג אין „עמעס“ דעם 11 אפּרעל וועגן שפּראך־פראגן); כ. נאדעל — „לעגין אין דער קינסטלערישער ליטעראטור“ (רעצענזיע איבער דעם בוך מיטן זעלבן נאָמען, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך מ. כאשטשעוואצקי און אי. פּעפּער).

נ ו מ. 99. לויט דער באשטימונג פון וציק פון 20 אפּרעל איז דעם קאָמפּאָזיטאָר א. קריין צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל „פארדינסטפולער קונסט־טוער“.

נ ו מ. 100. ליובע וואסערמאן — דינסטמיידלעך (דערציילונג).

נ ו מ. 102. דעם 26 אפּרעל האָט מינסקער ראדיאָ איבערגעגעבן א טראנסליאציע, געווידמעט דעם דיכטער ה. קאמענעצקי. מיט ווערטער וועגן קאמענעצקיס בוך לידער „מיטן גלײַכן וועג“ זײַנען ארויסגעטראָטן קולבאק, אקסעלראָד, יודלסאָן.

נ ו מ. 103. ש. דימאנשטיין — צו דער שפּראך־באראטונג; פּ. שפּראך — פאר א שפּראך, וואָס זאָל ווערט זײַן די עפּאָכע; מ. אלטשולער — די שפּראך־פראגע — א פראגע פון קלאסנקאמף; מ. איטקאָוויטש — פאר א וויסנשאפטלעך־ריכטיקן און איינהײַטלעכן אויסלייג; עס געפינט זיך אין פארקויף: מ. בערעגאָווסקי — ייִדישער מוזיק־פאָלקלאָר, 1 באנד, אונטער דער רעד. פון מ. ווינער.

נ ו מ. 104. א. זארעצקי — צו דער שפּראך־דיסקוסיע.

נ ו מ. 105. אין קיִעוו האָט זיך געעפנט די אלוקראיִנישע ייִדישע שפּראך־באראטונג. אף דער באראטונג זײַנען געקומען העכער 100 דעלעגאטן און געסט. די באראטונג האָט געעפנט דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט פּראָפ. י. ליבערבערג. מיט א באגריסונג איז ארויסגעטראָטן דער ערשטער סעקרעטאר פון קיִעווער געגנטקאָם קפּ(ב)או כ׳ דעמטשענקאָ, פון פּרעזידיִום פון אקאדעמיע — דער אקאדעמיקער פּאלאדין.

נ ו מ. 106. א. קושניראָוו — יאשע גאָלדמאן (צו זײַן פינפטן יאָרצײַט).

נ ו מ. 107. י. נוסינאָוו — דער נאָמען סאָוועטישער שרײַבער מוז הויך געשעצט ווערן; י. ראבין — ניט באהאלטן זיך הינטער הינער, קימפּעטאָרנס און פּעטשא (בײַשפּילן פון ע. גאָרדאָנס „ווילדגראָז“, פּערסאָווס „טאָג און נאכט“, ש. ברעגמאנס — אפן מיזרעך איז אומרויִק); א. כאשין — פראגן פון סאָציִאליסטישן רעאליזם — די טעמאטישע אידיי, טענדענץ.

נ ו מ. 108. זיך געעפנט דער ייִדישער טעאטער אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

נ ו מ. 109. אין א ריי ייִדישע און אינטערנאציִאָנאלע קאָלווירטן פון ווײַסרוסלאנד זײַנען אָרגאניזירט געוואָרן ביבליִאָטעקן אפן נאָמען פון דער ערשטער באראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער; אין פארלאג „עמעס“ איז נאָרוואָס דערשינען ד. בערגעלסאָנס בוך „בירא־בידזשאנער“.

נ ו מ. 110. ש. קליטעניק — וועגן ע. פינינבערגס בוך „אן ערד אן אנדערע“, „עמעס“־פארלאג, 1934.

נ ו מ. 111. מ. אלטשולער — נאָך דער שפּראך־באראטונג: „עס דארף פארצייכנט ווערן די גוטע צוגרייטונג און אָרגאניזירונג פון דער באראטונג מיצאד דעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור, וואָס האָט געמאכט די באראטונג אין טאָך פאר אן אלפארבאנדישער“.

נ ו מ. 118. א. זארעצקי — דער ערשטער דיסערטאנט אף דער ייִדישער שפּראך מ. גורעוויטש.

נומ. 121. ש. גאָדינער — ביראָבידזשאַנצעס, אין דער נײַער שטוב; נ. אויסלענדער — באַמערקונגען וועגן אונדזער ליריק.

נומ. 124. א. כאַשין — נאָך ניט אפֿן גלײַכן וועג (וועגן ה. קאַמענעצקיס בוך לידער „מיטן גלײַכן וועג“, מינסק, 1934).

נומ. 125. י. ליבערבערג איז אויסגעוויילט אַלס מיט־גליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אַלוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

נומ. 127. אין כאַרקאָווער הויז פֿאַר ליטעראַטור איז פֿאָרגעקומען א גרויסער מאַסן־אָוונט, געווידמעט דער באַשטימונג וועגן אויסבילדן די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט. אי. פֿעפֿער האָט אין זײַן רעדע כאַראַקטעריזירט די ווערק פֿון די סאָוועטישע שרײַבער וועגן ביראָבידזשאַן און זיך געווענדט מיט א רוף — אָפּצושפּיגלען די דערפֿאָלגן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אין דער ליטעראַטור. מיט א גרויסן פֿאָרטראָג איז ארויסגעטראָטן דער רעדאַקטאָר פֿון „ביראָבידזשאַנער שטערן“ ה. קאַזאַקעוויטש.

נומ. 132. קאַמף אַף צוויי פֿראָנטן אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער שפּראַך (פֿון כוויליאַס פֿאָרטראָג אַף דער שפּראַך־באַראַטונג אין קיִעוו).

נומ. 135. א. זאַרעצקי — צו א נאָרמאַטיווער גראַמאַטיק.

נומ. 139. די מינסקער פֿאַבריק פֿון בעלגאָסקינאָ שיקט א ספּעציִעלע קינאָ־עקספּעדיציע אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט צו שאַפֿן א קלאַנגען־פֿילם אין ייִדיש, רוסיש און ווײַסרוסיש.

נומ. 140. זיסקינד לעוו — אַף פּאַטרול (דערציילונג).

נומ. 141. ה. בלאָשטיין — וואַלדהיימער וועג (פֿון דער פּאָעמע „ביראָבידזשאַן“).

נומ. 143. מ. וואָרטמאַן — אין שטענדיקן וווּקס (וועגן ש. גאָדינערס „דאָס לעבן הייבט זיך אָן“).

נומ. 149. י. קאָלבאָווסקי — „ווערעטענעס“ (וועגן ס. טוטשינסקעס בוך „ווערעטענעס“, אוקרנאַצמינד, 1934; די טעג האָט זיך פֿאַרענדיקט די ערשטע העלפֿט פֿונעם אוקראַיִנישן שרײַבער־צוזאַמענפֿאָר (די צווייטע העלפֿט וועט פֿאָרקומען אין 2 כאָדאָשים ארום אין דער נײַער הויפּטשטאָט קיִעוו). אפֿן צוזאַמענפֿאָר האָט געאַרבעט א קאָמיסיע פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור. אין דער קאָמיסיע זײַנען אויסגעהערט געוואָרן — 1) פֿאָרטראָגן: די שעפֿערישע אויפֿגאַבן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור — אי. פֿעפֿער; פּאָעזיע — א. האָלדעס; פּראָזע — מ. עריק; דראַמאַטורגיע — מ. דאַניִעל און א. וועוויאָרקע; די שפּראַך פֿון דער קינסטלערישער ליטעראַטור — ל. רעזניק; קינדער־ליטעראַטור — ל. קוויטקאָ; 2) אן אינפֿאָרמאַציע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין ווײַסרוסלאַנד — מ. קולבאַק. מיט רעדעס אפֿן צוזאַמענפֿאָר זײַנען ארויסגעטראָטן: פֿעפֿער, האָפּשטיין, נאָטע לוריע. אין דער פֿאַרוואַלטונג איז פֿון די ייִדישע שרײַבער ארײַן דאָוויד האָפּשטיין.

מיטיילונג וועגן א גרויסן ליטעראַרישן אָוונט אין מינסק, געווידמעט דעם שרײַבער יודל יאָפֿע.

נומ. 161. באַגעגעניש פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער מיט י. אָפּאַטאָשו דעם 11 יול אין מאָסקווער שרײַבער־הויז.

נומ. 163. דער פּרעזידיום פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן אָרגקאָמיטעט פֿון די סאָוועטישע שרײַבער האָט באַשטימט צונויפֿרופֿן די אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער דעם 5 אווגוסט אין מאָסקווע.

נומ. 165. ש. גאָרדאָן — צוויי שטעטלעך אין כאַרקאָווער געגנט (פֿאַרצייכענונג).

נומ. 167. עס איז ארויס פֿון דרוק: ב. שאַפּיר — געקליבענע ווערק (לידער, דערציילונגען, דראַמאַטישע פּרוּוון. אויפֿגעזאַמלט און באַגלייט מיט אן ארײַנפֿיר און באַמערקונגען פֿון נ. אויסלענדער).

נומ. 172. צו דער אַלפֿאַרבאַנדישער באַראַטונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער: מ. ליטוואַקאָוו — פֿאַר א נײַער געשטאַלטן־גאַלעריי; א. כאַשין — די אָפּגעשטאַנענע בריגאַדע (וועגן דער קריטיק); אין פֿאַרלאַג „עמעס“ דרוקט זיך דער ליטעראַרישער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש“, געווידמעט דער אַלפֿאַרבאַנדישער באַראַטונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער; איִנגיכן דערשײַנט א בוך פֿון מענדל פֿריץ „דער זאַוואָד רופֿט“ (דערציילונגען פֿון זאַוואָדישן לעבן).

נומ. 179. די ערשטע אַלפֿאַרבאַנדישע. אויסצוג פֿון רעדאַקציע־אַרטיקל: „דער עצעם פֿאַקט פֿון צונויפֿרופֿן די אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער איז ערשט מעגלעך געוואָרן אַדאַנק דער קאָנסאָלידאַציע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור נאָך דער רעזאָליוציע פֿון צק אַלקפּ(ב) פֿונעם 23 אַפּרעל (1932). אָבער די דאָזיקע קאָנסאָלידאַציע איז נאָך ניט קיין גענוגנדיקע. עס זײַנען נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט די רעשטן גרופּלערײַ. די אויפֿגאַבע פֿון דער באַראַטונג איז צו ליקווידירן די דאָזיקע רעשטן דורך א כאַווערישער באָלשעוויסטישער קריטיק און זעלבסטקריטיק“; ש. גאָדינער — שרײַבער, געשטאַלט, אַדרעסאַט; ב. אָלעווסקי — וועגן אונדזער ליריק; נ. אויסלענדער — וועגן אונדזער נאָוועלע (פֿון א גרעסערער אַרבעט).

נומ. 180—182. דעם 6 אווגוסט האָט זיך געעפֿנט די ערשטע אַלפֿאַרבאַנדישע באַראַטונג פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אין זאַל געפֿינט זיך דער ייִדישער אַמעריקאַנער שרײַבער י. אָפּאַטאָשו. באַם פּרעסע־טיש — פֿאָרשטייער פֿון „פּראַוודאַ“, „עמעס“, „ליטגאַזעטאַ“ „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ“, „שטערן“, „אָקטיאַבער“. די באַראַטונג עפֿנט אין נאָמען פֿון אָרגקאָמיטעט דער כ׳ פֿאַדייעוו. פֿון פֿאַדייעווס דערעפֿענונג־רעדע:

„אײַער באַראַטונג איז א בוילעטער באַווײַז פֿונעם אויפֿבלי פֿון דער סאָציִאַליסטישער קולטור... זי קומט פֿאָר נאָך דעם, ווי אונדזער רעגירונג האָט פּראָקלאַמירט ביראָבידזשאַן פֿאַר א ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט... דער פֿאַקט גופֿע פֿון דער באַראַטונג איז א באַווײַז פֿון וווּקס... א נײַער ברייטער וועג עפֿנט זיך פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי פֿאַר דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור. די אויפֿגאַבן — וועלט־אויפֿגאַבן... מיר דאַרפֿן זיך דערשלאָגן הויכע קוואַליטעט, אידייִשע און קינסטלערישע פֿולוואַרטיקײַט און פֿולבלוטיקײַט...“

אין פּרעזידיום פֿון דער באַראַטונג ווערן אויסגעקליבן: יודין (סעקרעטאַר פֿון אָרגקאָמיטעט), פֿאַדייעוו (פּאָרזיצער פֿון דער ייִדישער קאָמיסיע באַם אָרגקאָמיטעט), בראָנשטיין, גאָדינער, דונעץ, ליטוואַקאָוו, כאַריק, נאָטע לוריע, מאַרקיש, פֿעפֿער און קוויטקאָ. אין סעקרעטאַריִאַט — אָרלאַנד, דאַניִעל, כאַשין, קולבאַק, קושניראָוו. אין ערן־פּרעזידיום — מ. גאָרקי.

נאָכן באַשטעטיקן דעם רעגלאַמענט און די טאָג־אָרדענונג פֿון דער באַראַטונג טרעט ארויס מיט א גרויסן פֿאָר־

טראַג וועגן די אויפגאבן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור א. פאדייעוו. א. פאדייעוו האָט אין זײַן פאָרטראַג באריִרט אויך די פראגן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. דער פאָרטראַג באשטייט פון פאָלגנדיקע אָפּטיילן: „וואָס איז אזוינס סאָציִאליסטישער רעאליזם?“, „אונדזער טעמאטיק, אונדזער העלד“, „די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע און דיכטונג“, „א פּאָר ווערטער וועגן דער קריטיק“, „אויס גרופּלערײַ!“, „לערנען זיך און ארבעטן“, „אונדזער ליטעראטור איז שטענדיק גרייט!“

מיר ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פונעם פאָרטראַג, גענומען פון זשורנאל „שטערן“ 1934, נומ. 8—9.

פונעם אָפּטייל „די ייִדישע סאָוועטישע פּראָזע און דיכטונג“:

„... אין געביט פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג זײַנען בא אײַך פאראן אומבאשטרײַטבארע דערגרייכונגען. איך נעם אָפּ זיך די דרייסטקײַט צו דערקלערן, האָגאם איך קאָן ניט האלטן זיך פאר א גרויסן קענער פון דער אלטער ייִדישער דיכטונג, אז דאָס, וואָס עס האָבן געשאפן די ייִדישע סאָוועטישע דיכטער, איז א קאָלאָסאלער שריט אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער דיכטונג ביכלאל. דאָס איז אָן סאָפעק אזוי. אָבער דאָך ליגן נאָך אָף זיי אינערלעכע פּענטעס, וואָס פארשקלאפן נאָך אונדזערע ייִדישע דיכטער. דאָס זײַנען די פּענטעס פון פאָרמאליזם, דאָס פעלן פון פרײַהײַט אינעם פערז, דאָס פעלן פון ווירקלעכן אויסדריקן זיך אליין אינגאנצן, אין א פולער מאָס אינעם ווערק. אָט דאָס אלץ לאָזט זיך פילן...“

פונעם אָפּטייל „וועגן דער קריטיק“:

„...א סאך קריטיקער אונדזערע מיינען, אז די גרונט־אויפגאבע פון דער קריטיק איז צו אויפקלערן דאָס ווערק דעם שרײַבער. דאָס איז ניט ריכטיק. די אויפגאבע פון דער קריטיק איז, פריִער פאר אלץ, אויפדעקן דאָס ווערק פאר די מיליאָנען לייענער. אויב דער קריטיקער וועט דאָס טאָן קלוג, וועט ער אויפדעקן דאָס ווערק אויך פארן שרײַבער“.

פונעם אָפּטייל „אויס גרופּלערײַ!“:

„עס איז קיין סאָפעק ניט, אז קעדיי מיר זאָלן זיך באוועגן דערפאָלגרײַך פאָרויס, איז נייטיק צו ליקווידירן די לעצטע רעשטלעך גרופּלערײַ. איך רייד ארויס דאָס דאָזיקע וואָרט אָף דער בעראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, אפילע מיט א געוויסן ניואנס פון אקצענטירונג, מיט א גרעסערן, איידער בענעגייע אנדערע נאציִאָנאלע אָפּטיילונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראטור, ווײַל די עלעמענטן פון גרופּלערײַ לעבן בא אײַך מער, איידער אין אנדערע אָפּטיילונגען. דאָס דערקלערט זיך געוויס מיט ספּעציפישע סיבעס. מיט קיין אנאליזן וועלן מיר זיך דאָ ניט פארנעמען, אָבער מע דארף זאָגן, אז אויב איר וועט ענדגילטיק ניט אראָפּווארפן פון זיך די דאָזיקע קינדערישע ווינדעלעך, וועט איר ניט קאָנען אויפהייבן די ליטעראטור אָף א העכערער שטופע... עס איז פאראן א קלאנג אין פאָלק, אז אייניקע טײַנען וועגן דעם, אז מע קאָן, קלוימערשט, אינגאנצן ניט ריידן וועגן א ייִדישער נאציִאָנאלער לויט דער פאָרם ליטעראטור. עפּשער איז דאָס — „אינטערנאציִאָנאליזם“? ניין, דאָס איז נאציִאָנאליזם, בלויז אין דער פאָרם פון אן אייגנארטיקן „איטאליענישן שטרײַק“...

עס האָט עקזיסטירט א טעאָריע, אז ווען עס דונערן די הארמאטן, שווײַגן די מוזעס, אז בייס געוויטערס און שטורעמס שרײַבט זיך שלעכט. די דאָזיקע טעאָריע איז פרעמד אונדזער סאָוועטישער קינסטלערישער ליטעראטור. אונדזער ליטעראטור איז געבוירן געוואָרן אין שטורעם, געבוירן האָט זי דער שטורעם פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, געכאָוועט האָט זי דער שטורעם פונעם בירגערקריג און די געוויטערס פונעם ערשטן פינפיאָר. און אויב א נײַער שטורעם וועט אויסברעכן, וועלן מיר אלע, סאָוועטישע שרײַבער, צוזאמען מיטן גאנצן לאנד, אוועק אפן פראָנט און מיר וועלן זאָגן מיט די ווערטער פונעם באליבטן שרײַבער פונעם ארבעטער־קלאס: „זאָל וואָס שטארקער אויסברעכן דער שטורעם!“

נאָך פאדייעווס פאָרטראַג האָט זיך אָנגעהויבן דער ציקל פאָרטראָגן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. די פאָרטראָגן האָבן געלייענט:

וועגן דער פּראָזע — כ. דונעץ און ש. גאָדינער; וועגן דער קינדער־ליטעראטור — ל. קוויטקאָ; וועגן דער דראמאטורגיע — א. קושניראָוו און א. ווענוויאָרקע; וועגן פּאָעזיע — י. בראָנשטיין, אי. פעפער, אי. כאריק, פּ. מארקיש; וועגן די יונגע שרײַבער — מ. כאשטשעוואצקי. מיט א רעפעראט „די ייִדישע רעוואָליוציִאָנערע און בורזשואזע ליטעראטור אין אייראָפּע און אמעריקע“ איז ארויסגעטראָטן מ. ליטוואקאָוו.

ארום אלע פאָרטראָגן האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט לעבהאפטיקע דעבאטן.

די בעראטונג איז געשלאָסן געוואָרן דעם 8 אווגוסט. אי. פעפער האָט אין זײַן שלוסוואָרט געזאָגט:

„אונדזער ערשטע אלפארבאנדישע בעראטונג וועט זיכער האָבן א היסטאָרישע באדײַטונג. מיר זײַנען געקומען צו דער בעראטונג קאָנסאָלידירט, און די בעראטונג האָט די קאָנסאָלידאציע פארגרעסערט. אָף דער בעראטונג האָט מער אויסגענומען די פּאָעזיע, אָבער די ווערק פון אונדזערע פּראָזאיִקער באווײַזן, אז מיר האָבן אויך א פעסטע, קערנדיקע פּראָזע“.

עס איז ארויס פון דרוק: ליפּמאן־לעווין — דוירעס דערוואכטע. ראָמאן, בוך איינס. 1־טער באנד (1 און 2 טיילן), 2־טער באנד (3 און 4 טיילן).

נומ. 186. א. קושניראָוו — פאר א גרויסער מײַסטערהאפטער דראמאטורגיע (פּובליקאציע פונעם פאָרטראַג אָף דער ערשטער אלפארבאנדישער בעראטונג פון די ייִדישע שרײַבער).

נומ. 187. טיילווײַזע פּובליקאציע פון די פאָרטראָגן „שעפערישע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע“ און „די ייִדישע סאָוועטישע קינדער־ליטעראטור“.

נומ. 188. אונדזער דיכטונג, ווי זי דארף זײַן (פּ. מארקישעס פאָרטראַג אָף דער בעראטונג); וועגן דער ארבעט מיט די יונגע שרײַבער (מ. כאשטשעוואצקיס פאָרטראַג).

נומ. 189—205. דעם 17 אווגוסט האָט זיך געעפנט דער ערשטער אלפארבאנדישער שרײַבער־צוזאמענפאָר. פון דער ייִדישער ליטעראטור זײַנען אפן צוזאמענפאָר פארטראָטן: ה. אָרלאנד, ד. בערגעלסאָן, י. בראָנשטיין, ש. גאָדינער, כ. דונעץ, ד. האָפשטיין, א. ווענוויאָרקע, אי. כאריק, א. כאשין, נאָטע לוריע, מ. ליטוואקאָוו, פּ. מארקיש, י. נוסינאָוו, אי. פעפער, ל. קוויטקאָ, מ. קולבאק, א. קושניראָוו, י. ראבין. אלס געסט — א. אבטשוק, מ. אלבערטאָן, ז. אקסעלראָד, דער ניסטער.

פּובליקאציעס פון די ארויסטרעטונגען פון די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטן אפן ערשטן אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר: א. ווענוויאָרקע — פּראָבלעמען פון

אונדזער דראמאטורגיע; אי. פעפער — א ליטעראטור פון סאָציאַליסטישן אָפּטימיזם; ד. בערגעלסאָן — א גרויס לעבן פאָדערט א גרויסע קונסט; י. בראָנשטיין — פעסטיקן די איינהייט פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן; כ. דונעץ — די דראמאטורגיע פון די פעלקער פון ווייסרוסלאַנד; נאָטע לוריע — לעבן זאָל דאָס לעבן! אי. כאַריק — פאַר א דיכטונג פון גרויסע מאסשטאבן!

דעם 1 סענטיאבער האָט זיך געשלאָסן דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער שרייבער־צוזאַמענפאָר. אפן ערשטן פלענום פון דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַרבאַנד סאָוועטישע שרייבער איז אַלס סעקרעטאַר פון דער רעווידיר־קאָמיסיע אויסגעוויילט געוואָרן פּערעץ מאַרקיש.

אף דער באַזע פון כאַרקאָווער און קיִעווער יידישע טעאַטערס האָט דער פאָלקאָמבילד פון אוססר געשאַפן איין מעלוכע־טעאַטער. דירעקטאָר — גאַרניק, קינסטלערישער אָנפירער — ווערשילאָוו.

י. האָכמאַן — ערשטע שטעלונג פון סמאָלענסקער יידישן טעאַטער „דער מענטש מיט דער ביקס".

נ ו מ. 212. וועגן דעם ערשטן אַלפאַרבאַנדישן שרייבער־צוזאַמענפאָר. דאָוויד בערגעלסאָן — א צוזאַמענפאָר פון גרויסער איינהייט; פּערעץ מאַרקיש — אַלץ איז נאָך פריש...; ש. גאָדינער — רעדע וועגן דער נעשאָמע.

נ ו מ. 213. ל. גאָרנשטיין — א גוטער אָנהייב (וועגן דער „זיי־גרייט"־ביבליאָטעק).

נ ו מ. 215. ש. קליטעניק. אין נייעם ווּקס (וועגן ב. אָלעווסקיס „שאַכטע").

נ ו מ. 216. עס איז אַרויס פון דרוק: יודל יאָפע — אַרטשיק ברוק, דערציילונג פאַר קינדער.

נ ו מ. 217. דער מעלוכע־פאַרלאַג פון ווייסרוסלאַנד לאָזט אַרויס אין יידיש א סעריע ליטעראַרישע ווערק פון די וועלט־קלאַסיקער: שעקספּירס „האַמלעט", געטעס „פאַוסט", שילערס „ווילהעלם טעל" אאַוו. אף די איבערזעצונגען אַרבעטן די פּאָעטן ד. האָפשטיין, מ. כאַשטשעוואַצקי, דער ליטעראַטור־קענער י. גאָלדבערג און אַנד.

נ ו מ. 210. לויט דער באַשטימונג פון פאָלקאָמבילד פון אַזערבייַדזשאַן הייבט אָן דערשיינען א צייטונג אף דער טאַטישער שפּראַך (שפּראַך פון די באַרג־יידן). די צייטונג הייסט „קאָמוניסט".

נ ו מ. 226. אינעם הויז פון די סאָוועטישע שרייבער איז פאָרגעקומען אַן אָרדנטלעכער שעפערישער אָוונט פון די מאָסקווער יידישע שרייבער. אפן אָוונט האָט דער דיכטער עזראָ פינינבערג פאָרגעלייענט זיין איבערזעצונג פון געטעס „פאַוסט". אינעם לעבהאַפטן מיינונג־אויסטויש האָבן זיך באַטייליקט: קושניראָוו, דאָברושין, ווינער, כאַשין, האַלקין, אויסלענדער, ראָסין און גורשטיין. אַלע האָבן אָפּגעשאַצט די „פאַוסט"־איבערזעצונג אַלס פינינבערגס א גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונג, וואָס באַרייכערט די יידישע סאָוועטישע דיכטונג.

נ ו מ. 227. איציק פעפער — אונדזער פּאָעזיע (פּאָרטראָג אף דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון יידישע סאָוועטישע שרייבער דעם 7 אווגוסט).

נ ו מ. 233. ס. ווערִיטע — א הייַנטיק שטעטל (פאַרצייכענונג).

נ ו מ. 234. מ. ליטוואַקאָוו — אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" נומ. 1: „אַנשל דער זאַליאַזניק" (פון פּ. מאַרקיש). „...דער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" — אין זיינע גרונטווערק — שטייט ניט נאָר אף דער דערגרייכטער הייך פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור, — ער אַליין שטעלט מיט זיך פאָר א נייע ווייטערדיקע דערגרייכונג אירע... דאָס צענטראַלע, סאַמע באַדייטנדיקע ווערק איז אָן ספק מאַרקישעס „אַנשל דער זאַליאַזניק". מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז אויב ניט רעכענען דעם סאָף, איז „אַנשל" דאָס בעסטע ווערק מאַרקישעס. און ס'איז דערפאַר, וואָס מאַרקישן איז אין דעם ווערק געלונגען צו באַפרייען זיך פון די צוויי נעגאַטיווע גרונט־מאָמענטן אין זיין ביז־איצטיקן שעפערישן גאַנג: קעגנשטאַנדלאָזע אַבסטראַקציע (זיין ליד „מאָסקווע") און איבערטריבן־נאַטוראַליסטישער קאָנקרעט..."

נ ו מ. 245. י. ראַבין — אויס מאַהאַל! (פאַרצייכענונג וועגן דער שטאָט דערבענט און דעם יידישן קוואַרטאַל פון דער געוועזענער געטאָ — „מאַהאַל").

נ ו מ. 248. דערשינען אין „עמעס"־פאַרלאַג מ. ווינערס „קאָלעוו אַשקענאַזי".

נ ו מ. 250. מ. וואָרטמאַן — פאַרצייכענונגען פון נ־ער באַטאַליאָן (וועגן נ. זאַבאַרעס „ראַדיאָ־ראָמאַן").

נ ו מ. 251. מ. ליטוואַקאָוו — אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" נומ. 1: די דיכטונג. „דער אַלמאַנאַך שטעלט מיט זיך פאָר א ווערטפולן בייטראָג אין דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָבער ער האָט איין גרונט־כיסאָרן — עס פעלט אין אים אַבסאָליוט א שפּראַך־רעדאַקציע. איך וואָלט עס געקאָנט איליוסטרירן מיט פיל פאַקטן פון נאַכלעסיקער באַציִונג צו דער שפּראַך, — א זאַך, וואָס איז ביכלאַל אומדערלאָזבאַר אין קינסטלערישער ליטעראַטור, ביפראַט — נאָך די גאָרקי־אַרטיקלען און נאָך דער דיסקוסיע, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן, און שוין גאָר באַזונדערס — נאָך דער שפּראַך־באַראַטונג אין קיִעוו".

נ ו מ. 260. מ. ליטוואַקאָוו — דאָוויד בערגעלסאָן. 1909—1934. פאָרבאַמערקונגען; דאָוויד בערגעלסאָן — עטיודן (צום צווייטן טייל „באַם דניעפּער"); מאַקס עריק — רעאַליסטיש, פולבלוטיק, וואָרהאַפטיק (וועגן בערגעלסאָנס „בירָאָבידזשאַנער"); ש. קליטעניק — דער וועג פונעם גרויסן יידישן קינסטלער (שטריכן צו דער כאַראַקטעריסטיק פון בערגעלסאָנס ביז־סאָוועטישן שאַפן); א ביסל בערגעלסאָן־ביבליאָגראַפיע; י. סערעבריאַני — ווי האַלט עס מיטן לעקסיקאָן פון דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור?

נייע ביכער. מ. כאַשטשעוואַצקי — א מייסע וועגן א פּאַטלאַטן יאַט און זיין העלדישער טאַט, א הערויִשע קינדער־דערציילונג.

נ ו מ. 265. ע. סאָרין — איבער פייַנטלעכע גרענעצן (דערציילונג); די סעקציע פון ליטעראַטור און קריטיק פונעם אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור בא דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע גרייט אָן אויסגאַבע פון דער יידישער רעוואָליוציאָנערער פּאָעזיע אין די 80—90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אין דער אויסגאַבע גייען אַרייַן די ווערק פון עדעלשטאַט, ווינטשעווסקי, ראָזענפעלד און באָוושאָווער.

נ ו מ. 271. פּרעמיערע פונעם ספּעקטאַקל „דער שטרייַק פון די שניטער" (אווטאָר — זיסקינד לעוו) אין יידישן מעלוכע־טעאַטער פון ווייסרוסלאַנד.

נ ו מ. 273. וועגן דער ריינקייט פון דער שפּראַך אין אונדזערע צייטונגען; יידישע סאָוועטישע שרייבער צום ערשטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר פון דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט: דעם 26 נאָיאַבער איז אָפּגעפאָרן קיין בירָאָבידזשאַן דאָוויד האָפשטיין, די נאָענטסטע טעג פאָרן אַרויס אין דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט די שרייבער גאָדינער, דאָברושין, מאַרקיש.

נום. 283. ש. קליטעניק — בארג־ארוף (א טאָג אינעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע).

נום. 285. קאָלאָבאָווסקי — דער סטארט איז געגעבן געוואָרן (וועגן ה. שוועדיקס בוך „סטארט“, מינסק, 1934).

נום. 292. „הערמאן פרידבערג“ — א נײַע דראמע פון זיסקינד לעוו. די האנדלונג קומט פאָר אין פאשיסטישן דײַטשלאנד. אין צענטער זײַנען געגעבן צוויי ייִדישע און איין דײַטשישער קלײנבירגער, זייערע איבערלעבונגען אין די ערשטע טעג פון דער פאשיסטישער הערשאפט. אין דער דראמע פיגורירן קאָמוניסטן אין באדינגונגען פון אונטערערדישער ארבעט, נאציאָנאלסאָציאַליסטן, לומפּן־פּראָלעטאריער און אינטעליגענטן.

נום. 297. אין דעקאבער איז געוואָרן א יאָר, זינט עס איז אָרגאניזירט געוואָרן די ייִדישע ליטערארישע סעקציע אין מאגניטאָגאָרסק. צו דער דאטע איז צונויפגערופן געוואָרן א פארזאמלונג פון די בעסטע שלאָגלער פון מאגניטאָגאָרסק. מיט א וואָרט וועגן דער ארבעט פון די ייִדישע שרײַבער אין דער ליטסעקציע איז ארויסגעטראָטן דער כ׳ סאָלאָווייטשיק.

נום. 299. 25־יאָריקער יובילײ פון דער קינסטלערישער טעטיקײַט פונעם אָנפירער פון דעם ייִדישן מעלוכעטעאטער פון ווײַסרוסלאנד מ. ראפאלסקי. דער יובילאר איז באערט געוואָרן מיטן טיטל פאָלקס־ארטיסט פון ווססר.

צום אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר איז אין אוקראינע ארויס א ספעציעלער „אלמאנאך פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער“ (כארקאָוו — קיִעוו, 1934). הויפּטרעדאקטאָר — איציק פעפער, רעדקאָלעגיע: אבטשוק, אלבערטאָן, פ. אלטמאן, אָרלאנד, גילדין, גולקאָ, האָפשטיין, פעפער, קוויטקאָ, פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר — מ. אראָנסקי.

פונעם אינהאלט פון ליטעראַרישן אלמאנאך „סאָוועטיש“ נום. 1.

פערעץ מארקיש — מאָסקווע (פראָלאָג); אנשל דער זאליאזניק; ש. גאָדינער — מוטערלאנד; א. קושניראָוו — מײַן צווייטער העלד (פון דער פּאָעמע „גענעראלע ליניע“); ע. גאָרדאָן — אינגול באָיאר (ראָמאן); ש. ראָסין — זין און טעכטער (פּאָעמע); י. ראבין — דרײַ באגעגענישן און א פערטע (דערציילט פון א פארטייער ערעוו זײַן רייניקונג); ש. האלקין — קאָנטאקט (לידער); א. פרומקין — א בריק (דערציילונג); מ. ווינער — קאָלעוו אקשענאזי (קאפיטלען פון א היסטאָרישער דערציילונג); ייִסראָעל ראבינאָוויטש — לענין אין דער קונסט.

פונעם אינהאלט פון זשורנאל „שטערן“ (מינסק).

נום. 1. ד. קורליאנד — א שטײַגנדיקער קויעך (וועגן ה. דיִאמאנטס לידער־זאמלונג „שווארצערד“, כארקאָוו, 1932); א. וויטקין — כאנע לעווינעס „קליינינקײַטן“! י. סערעבריאני — פאר א מער ערנסטן צוגאנג (וועגן א. גאָנטארס בוך „אף רישטעוואניעס“, כארקאָוו, 1933).

נום. 2. י. בראָנשטיין — מיטן גלײַכן וועג צום סאָציִאליסטישן רעאליזם (וועגן ה. קאמענעצקיס שאפן); א. דאמעסעק — אין קלעם פון רעאקציע (וועגן קאדיע מאָלאָדאָווסקעס נײַעם בוך לידער „דזשיקע־גאס“, ווארשע, 1933).

נום. 3. מ. וואָרטמאן — מארקיש דער דראמאטורג; ל. צארט — צ. דאָלגאָפּאָלסקי; א. האָלדעס — וועגן מ. טייפס „לידער און פּאָעמעס“ (סאָף אין נום. 4—5); א. רעזניק — וועגן ב. ערקעסעס בוך „באנאכט אף דער גרענעץ“ (מאָסקווע, 1933).

נום. 4—5. אײַזיק פלאטנער — אין קאָלומבוסעס מעדינע (פּאָעמע); מירע כענקין — 1905 (פּאָעמע); ריווקע רובין — ווו איז דער העלד פון אונדזער צײַט? (נאָטיצן וועגן אונדזער פּראָזע); י. סערעבריאני — אונדזער ליריק (פראגמענטן); ד. קורליאנד — לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור; א. דאמעסעק — אין שײַן פון אידעאָלאָגיש־קינסטלערישער רעוויזיע (וועגן מ. קולבאקס „דיסנער טשײַלד האראָלד“).

נום. 6. ש. לאָפּאטין (ש. לאָפּאטע) — ווײַסיאמישער קאנאל (פּאָעמע); מ. קולבאק — וועגן סאָניע דעם פעטער זישעס און די מומע גיטע (פון צווייטן בוך „זעלמעניאנער“); ד. קורליאנד — א בוך פון גרויל און קלאסן־האס (וועגן זיסקינד לעווס „פיר מענטשן זוכן די רעוואָליוציע“); פון 8 ביזן 14 יון האָט געארבעט דער אלווײַסרוסלענדישער צוזאמענפאָר פון די סאָוועטישע שרײַבער. מ. קולבאק האָט אין זײַן רעדע זיך אָפּגעשטעלט אף דער שאפונג פון באזונדערע שרײַבער פון ווײַסרוסלאנד. מיט א פאָרטראָג וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור פון ווײַסרוסלאנד איז ארויסגעטראָטן כ. דונעץ.

נום. 7. מ. טייף — פּראָלעטארקע, שוועסטער מײַנע (נאָוועלע אין פערזן); ארטיקלען פון י. דאָברושין און ה. רעמעניק וועגן ב. אָלעווסקיס בוך „שאכטע“.

נום. 8—9. דער נומער איז געווידמעט דעם ערשטן אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר און דער אלפארבאנדישער בעראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער.

פון גאָרקיס שלוסוואָרט אף דעם אלפארבאנדישן שרײַבער־צוזאמענפאָר:

„דערלויבט מיר צו דערמאָנען, אז די צאָל פון דער באפעלקערונג ווירקט ניט אף דער קוואליטעט פון די טאלאנטן. די קליינע נאָרוועגיע האָט געשאפן קאָלאָסאלע פיגורן — ווי האמסון און איבסען. בא די ייִדן איז ניט לאנג צוריק געשטאָרבן דער קימאט געניאלער דיכטער ביאליק און עס איז געווען אן אויסשליסלעך טאלאנטפולער סאטיריקער און הומאָריסט שאָלעם־אלייכעם. די לעטן האָבן געשאפן דעם מעכטיקן דיכטער רײַניס, פינלאנד — איינאליינאָ. ס׳איז ניטאָ אזא קליין לאנד, וואָס זאָל ניט געבן קיין גרויסע קינסטלער פון וואָרט. איך האָב אָנגערופן בלויז די גרעסטע און ווײַט ניט אלעמען, און איך האָב אָנגערופן די שרײַבער, וועלכע זײַנען געבוירן אין די באדינגונגען פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. אין די רעפּובליקן פון די ברידערלעכע פעלקער וועלן געבוירן די שרײַבער פונעם פּראָלעטאריאט און אפן בײַשפּיל פון אונדזער לאנד זעען מיר, וואָס פארא טאלאנטפולע קינדער דער פּראָלעטאריאט האָט ארויסגעגעבן פון זיך אין מעשעך פון א קורצער צײַט און גיט זיי ארויס אומופהערלעך“.

נום. 10. י. בראָנשטיין — שעפערישע פּראָבלעמען פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע (פונעם פאָרטראָג אף דער אלפארבאנדישער בעראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער); א. גורשטיין — וועגן נ. רובינשטיינס „דאָס ייִדישע בוך אין סאָוועטנפארבאנד אין 1932“ (מינסק, 1933).

נום. 11. י. דאָברושין — דער דיכטער פיניגבערג (קריטישע אָפּהאנדלונג); י. סערעבריאני — לאכנדיק זאָגן דעם עמעס (וועגן פ. סיטאָס „פּאראָדיעס“, מינסק, 1934).

נומ. 12. מ. קולבאק — גרויסע אומרוען אין רעבזעהויף (פונעם צווייטן בוך „זעלמעניאנער“); מ. שולשטיין — פון דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער דיכטונג אין פּוילן; א. דאמעסעק — די ייִדישע רעוואָליוציאָנערע ליטעראטור אין פּוילן; א. גורשטיין — צו דער פּראָבלעם פון דער געשיכטלעכער טעמע (וועגן מ. ווינערס היסטאָרישער דערציילונג „קאָלעוו אשקענאזי“, מאָסקווע, 1934).

„פארמעסט“, ליטעראריש־קינסטלערישער און קינסטלעריש־ביבליאָגראפישער זשורנאל. אָרגאן פון אלוקראַיִנישן אָרגקאָמיטעט פון די סאָוועטישע שרײַבער, כארקאָוו.

נומ. 1. לידער פון מ. כאשטשעוואצקי, איציק פעפער, פאוולאָ טיטשינא (פון אוקראַיִניש), ל. קוויטקאָ, א. אלעקסאנדראָוויטש (פון ווײַסרוסיש), אליא שאשאשווילי (פון גרוזיניש), מיקאָלא טערעשטשענקאָ (פון אוקראַיִניש); דערציילונגען פון ה. אָרלאנד, מ. אראָנסקי, א. אבטשוק.

נומ. 2. פּײַוול סיטאָ — סצענעס פון א קאָמעדיע; א. האָלדעס — די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור אין רעקאָנסטרוקטיוון פעריאָד; א פעפער־פלענום פון דער ליטסעקציע באם קיִעווער אינסטיטוט פון ייִדישער פראָלעטארישער קולטור; עס גרייט זיך א קאָלעקטיווע מאָנאָגראפיע וועגן פעפערס שאפונג; אלפארבאנדישע באראטונג פון די ייִדישע טעאטערס פונעם סאָוועטנפארבאנד.

נײַע ביכער: מ. טײף — לידער און פּאָעמעס (מעלוכעפארלאג פון ווײַסרוסלאנד); ב. אָלעווסקי — שאכטע (פּאָעמע), „עמעס“־פארלאג; איציק פעפער — לעבן זאָל דאָס לעבן (פארלאג „ראדיאנסקא ליטעראטורא“); מ. דאניעל — געקליבענע ווערק (פארלאג „לים“).

נומ. 3. א. אבטשוק — ד. בערגעלסאָנס „באם דניעפּער“; ה. רעמעניק — דאָס געזאנג פון די שלאכטן פארן סאָציאַליזם (וועגן איזי כאריקס „קײַלעכדיקע וואָכן“); מ. מיזשיריצקי — אונטערן צייכן פון וווקס (וועגן פ. אלטמאנס ביכלעך „דאָס ציל־ברעטל לאכט“ און „פּאָזיציעס“, געווידמעט דער רויטער ארמיי). נײַע ביכער: א. אבטשוק — אין דער בארגיקער שאָריע (וועגן בארגיקן קאנט („שאָריע“, לעבן קוזנעצקבוי); כ. מאלטינסקי — קינדער־לידער „אונדזער כאָר“; א. יודלסאָן — גרענעצן (לידער); א. פלאטנער — אמעריקע (לידער); ה. שוועדיק — סטארט (לידער); א. יודלסאָן — בא אונדז אין לאנד (פארצייכענונגען); א. פלאטנער — קינדער־לידער.

נומ. 4. איציק פעפער — קעגן טראפארעטן און גאסטראָליאָרישקײַט, פאר הויכער קוואליטעט; מ. לעוויטאָן — פאר אינטערנאציאָנאליסטישער דערציִונג פון די ייִדישע ארבעטער־מאסן; ש. בריאנסקי — וועגן קולבאקס שעפערישן וועג.

נומ. 7. ה. בלאָשטיין — בירעָבידזשאן (פון א פּאָעמע); א. וועוויאָרקע — מײַן סוינע (פון א פּיעסע, פאָרזעצונג אין נומ. 8—9); נאָטע לוריע — דער סטעפּ רופט (פון צווייטן טייל); ב. גאָלדענבערג — דער עקזאָטישער עקספּערימענט (אונדזערע פרײַנט און פײַנט פון יענערזײַט גרענעץ וועגן דעם פאקט פון דערקלערן בירעָבידזשאן אלס ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט); מ. ווינער — וועגן די פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישן רעאליזם (פאָרזעצונג אין נומ. 8—9).

נומ. 8—9. מ. כאשטשעוואצקי — די ארבעט מיט דער ליטערארישער יוגנט (פאָרטראָג אף דער אלפארבאנדישער באראטונג פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער).

נומ. 10. עליע שעכטמאן — לייבקע וואָלינער (ראָמאן. פאָרזעצונג אין די נומערן 11 און 12); א קושניראָוו — שעפסן־קוואל (פּיעסע אין פערזן, לויט לאָפּע דע וועגא); י. יאנקעלעוויטש — פאָרט דער פאָרזיצער ארום (פון א פּאָעמע); איציק פעפער — אונדזער פּאָעזיע (פאָרטראָג אף דער ערשטער אלפארבאנדישער באראטונג פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער); מ. כאשטשעוואצקי — א נייטיקער זשאנער (וועגן פּײַוול סיטאָס פּאראָדיעס); מ.מיזשיריצקי — וועגן טאבאטשניקאָווס בוך דערציילונגען „אפן פראָנט“.

נומ. 11. נויעד לוריע — א געוויינלעך לעבן (דערציילונג); נ. קאבאקאָוו — אונטערן צייכן פון אידיייִש־קינסטלערישן ווּקס (וועגן מ. הארצמאנס שעפערישן וועג); א. אבטשוק — אָשער שווארצמאן (צום 15־טן יאָרצײַט).

נומ. 12. מ. דובילעט — וועגן פערעץ מארקישעס פּיעסן; ה. רעמעניק — דער מאטעריאל און דער ווידערשטאנד (וועגן פעפערס „פלאסטן“); א. וועלעדניצקי — אף א העכערן שטאפל (וועגן שעכטמאנס „פאראקערטע מעזשעס“).

אין פארלאג פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע (אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור) איז דערשינען: 1) לינגוויסטישע זאמלונג. אינהאלט: ש. (ס.) אגורסקי — דער קאמף קעגן נאציאָנאליזם אפן שפראך־פראָנט, ה. שקליאר — לענין וועגן פּראָבלעמען פון שפראך און סטיל, ה. שקליאר — סאָוועטישע נײַבילדונגען אין ייִדיש, א. וואָלאָברינסקי — דער קלאסנקאמף אין דער ייִדישער שפראך; 2) ליטערארישער זאמלבוך „פראגן פון ליטעראטור־מעטאָדאָלאָגיע“. אינהאלט: י. בראָנשטיין — מארקס און ליטעראטור־קענטעניש, י. נוסינאָוו — ראָזע ליוקסעמבורג וועגן קינסטלערישער ליטעראטור, ד. קורלאנד — ביבליאָגראפיש־קריטישער איבערזיכט איבער דער ליטעראטור וועגן פ. מארקישן, י. סערעבריאני — צו דער פּראָבלעם פון אזויגערופענעם „קיִעווער פעריאָד“ אין דער ייִדישער נאָךאָקטיאבערדיקער פּאָעזיע.

אין פארלאג פון דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע (אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור) איז דערשינען דער נומ. 1—2 פון פערטליאָריקן זשורנאל „וויסנשאפט און רעוואָליוציע“ (רעדאקטאָר — י. ליבערבערג). אינהאלט: וו. פ. זאטאָנסקי — די לענינישע נאצפּאָליטיק און די קולטור־בויונג צווישן די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן; א. כוויליא — דער קאמף אף צוויי פראָנטן אין ייִדישן שפראכוויסן; נ. גאַראָכאָוו — דער קער צום מיטלאלטער; י. רעזניק — „באנאכט אפן אלטן מארק“; מאטעריאלן צו בערגעלסאָנס ביאָ־ביבליאָגראפיע; ק. מארמאָר — עדעלשטאטס בריוו; י. רעזניק — די אספּיראנטור פון אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור; י. קוויטני — אויסגאבעס פון אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור.

י. סערעבריאני

(פאָרזעצונג קומט)

הײנריך

צו זײַן 150־טן

דער באַרימטער ייִדישער היסטאָריקער הײנריך גרעץ איז געבוירן מיט 150 יאָר צוריק (דעם 31 אָקטיאַבער 1817) אין קלײנעם פּוילישן שטעטל קסיאָנזש, פּויזענער פּראָווינץ, אין אַן אָרעם ייִדיש געזינד. געשטאָרבן איז ער מיט 75 יאָר צוריק (דעם 7 סענטיאַבער 1892) אין מינכען.

זײער פרי האָבן זיך ארויסגעוויזן די אויסטערלישע פײיִקײַטן פון דעם יונגן גרעץ. שוין צו 15 יאָר האָט ער אָנגעשריבן א ווערק וועגן ייִדישן קאַלענדאר און ייִדישער צײַט־רעכענונג. ער האָט פיל געלערנט און אײַנגעזאַפּט אין זיך, ווי א מילגרוים, א גרויסע קולטור, סײַ א ייִדישע, סײַ אן אַלגעמײנע. אַף זײַן אנטוויקלונג האָט געהאט אן ערנסטע האַשפּאָע דער באַרימטער דײַטשישער פילאָסאָף העגעל.

די ערשטע וויסנשאפטלעכע פאָרשונג פון ה. גרעץ — אן אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג פונעם ווערק פון דעם דעמלט באַוווּסטן ייִדיש־דײַטשישן געלערנטן אווראָם גײַ־גער „לערנבוך פון דער מישנע־שפראַך“ — איז אָפּגע־דרוקט געוואָרן אין 1844 אין דער צײַטשריפט „ליטע־ראטורבלאט דעס אָריענטס“. אָט די פאָרשונג האָט גלײַך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון פיל געלערנטע.

אין עלטער פון 28 יאָר — אין 1845 — באַקומט ה. גרעץ דעם טיטל דאָקטאָר פאר זײַן דיסערטאַציע אַף דער טעמע „גנאָסטיציזם און ייִדנטום“. פון 1869 איז ער פּראָפעסאָר אין ברעסלאַוער (ווראָצלאַווער) אוניווער־סיטעט. לאַנגע יאָרן איז ה. גרעץ געווען רעדאַקטאָר פון דער באַוווּסטער וויסנשאפטלעכער ייִדיש־דײַטשישער „מאָנאַטסשריפט פאר געשיכטע און וויסנשאפט פון ייִדנ־טום“, וווּ ער האָט פארעפנטלעכט א גרויסע צאָל אר־בעטן.

אין אויגוסט—סענטיאַבער 1876 האָט ה. גרעץ זיך גע־פונען אַף קוראַציע אין קאַרלסבאַד (קאַרלאָווי וואַרי) און דאָרט זיך באַקענט פערזענלעך מיט קאַרל מאַרקסן, וואָס האָט זיך דאָרט אויך געהײלט. פון זײער שפּעטערדיקן בריוו־אויסטויש איז צו זען, אז זײ האָבן געפירט דורכגע־דיקע געשפרעכן איבער פארשײדענע פראַגן, באַזונדערס וועגן רוסלאַנד. קאַרל מאַרקס אַלײן שרײַבט וועגן דעם אין זײַן בריוו צו פרידריך ענגעלסן פון 19 אויגוסט 1876. קאַרל מאַרקס און הײנריך גרעץ האָבן א געוויסע צײַט אונטערגעהאַלטן א שריפטלעכע פארבינדונג[1]. עס האָט זיך פארהיט א בריוו פון הײנריך גרעץ צו קאַרל מאַרקסן פון 1 פעברואַל 1877, וועלכן מיר ברענגען ווײַטער אין א געקירצטער פאָרם (דער פולער טעקסט פונעם בריוו אין א ייִדישער איבערזעצונג פון ע. טשעריקאָווער איז פארעפנטלעכט אין „היסטאָרישע שריפטן“, נומ. 3, ייִוואָ, ניו־יאָרק, 1937).

הײנריך גרעץ איז באַרימט געוואָרן אדאַנק זײַן צוועלפ־בענדיקער „געשיכטע פון די ייִדן פון די עלטערע צײַטן ביז דער קעגנוואַרט“. אָט די מאָנומענטאַלע אַרבעט, וועלכע ער האָט געשריבן אין משך פון 23 יאָר און וואָס איז דערשינען אין דײַטש, האָט אויסגעהאַלטן א גרויסע צאָל אויפלאַגעס אין פארשײדענע שפּראַכן און לענדער. אין סאָף XIX און אָנהײב XX יה. איז דאָס ווערק דערשינען אויך אין רוסיש.

אין ייִדיש האָט אײניקע בענדער פון דער „געשיכטע“ איבערגעזעצט און ארויסגעגעבן ייִצחאָק־יויעל לינעצקי אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. א געקירצטע אויפלאַגע אין ייִדיש — אין זעקס בענדער — האָט ארויסגעגעבן דער שריפטשטעלער און פּובליציסט הילעל צײטלין (וואַרשע, 20־ער יאָרן).

די ווירקונג און באַדײַטונג, וואָס גרעצס „געשיכטע“ האָט געהאט פאר דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע פון XIX יאָרהונדערט, איז ניט אָפּצושאַצן. דאָס איז בעע־מעס א פונדאַמענטאַל ווערק וועגן דעם לעבן פונעם ייִדישן פאָלק אין פארשײדענע צײַטן, לענדער און דור־רעס אפן פאָן פון דער גרויסער היסטאָרישער דראַמע פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע.

הײנריך גרעץ איז געווען א בורזשואַזער געלערנטער. די ייִדישע געשיכטע האָט ער באַטראַכט און באַלויכטן פון אידעאַליסטישן שטאַנדפּונקט. ער האָט געלײגט אכט ניט אַף די מאַטעריעלע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, ניט אפן קלאַסנקאַמף, וואָס ליגט אין יעסאָד פון דער היסטאָרישער באַוועגונג, נאָר אַף די גײַסטיקע קולטור־דערשײַנונגען אינעם ייִדישן לעבן. די אידעאַליסטישע היסטאָרישע קאָנצעפּציע האָט אים געבראַכט צו דער מי־סיאָניסטישער טעאָריע, אז דאָס ייִדישע פאָלק שפּילט א באַזונדערע ראָליע אין דער וועלט־געשיכטע.

די מאַרקסיסטישע היסטאָרישע וויסנשאַפט האָט באַ־וויזן די שוואַכקײַט פון גרעצס אידעאַליסטישער קאָנצעפּ־ציע. די פארדינסטן פונעם געלערנטן זענען מיר אין דער רײַכער פאַקטאָלאָגיע פון זײַנע ווערק, דערין, וואָס ער האָט געמאַכט דעם אָנהײב פון א וויסנשאפטלעכער, קאָנ־סעקווענט און בעהאַדראָגעדיק דערצײלטער, געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק.

שמועל אָרטענבערג

---

[1] זע „דאַטעס פון קאַרל מאַרקס׳ לעבן און טעטי־קײַט“. מאָסקווע, 1934, ז. 345—348 (רוס.).

גרעץ

(געבורטסטאָג)

פון היינריך גרעצס בריוו צו קארל מארקסן, דאטירט ברעסלאַו, 1 פעווראַל 1877.

„הויכגעשעצטער פרייַנט! ווען איר וואָלט אפילע באַגאַנגען דעם גרעסטן פארברעכן — איר וואָלט דעם לעצטן פון די מעלאָכים אופגעהאַנגען אַף די געדערים פון דעם לעצטן פון די קויהאַנים, — וואָלט איך אייַך אויך מויכל געווען, אזוי שטארק האָבן מיך גערירט אייַער בריוו, די בייַגעלייגטע פאָטאָגראַפיעס און די כאָשעווע שריפטן[1]... דיביידע פאָטאָגראַפיעס דערמאָנען מיר קעסיידער די אָנגענעמע, האַגאַם קורצע, צייַט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט אין קאַרלסבאַד...

איר האָט מיך אָבער מיט די אָנגענעמע מאַטאָנעס געבראַכט אין פאַרלעגנהייַט. איך ווייס ניט, וואָס קאָן איך אייַך פון מייַנע אַלע ווערק פאָרלייגן אַלס פאַרגיטיקונג.

דער אינהאַלט פון מייַן צוועלפבענדיקער געשיכטע ליגט ווייַט מיכוץ אייַער האָריזאָנט. אַלקאָלפּאָנעם וואָלט מייַן ארבעט וועגן „קויהעלעס"[2] אין א געוויסער מאָס געווען פאַר אייַך צוטריטלעך, מאַכמעס זייַן מעכאַבער, ווי איך פאַרשטיי אים, איז געווען א האַרטער רעאַליסט... און האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן קלאָר, אַז די רעאַל עקזיסטירנדיקע ד י־וועלט איז וויכטיקער, איידער די סאָפעקדיקע יענע־וועלט, און האָט נאָך מיט 1900 יאָר צוריק געפּריידיקט די רעאַביליטאַציע פון דער מאַטעריע, פונעם כוימער...

איך ווייס ניט, צי פאַרדינען אונדזערע דייַטשישע סאָציאַליסטן אייַערע סימפּאַטיעס. זיי האָבן זיך פאַקטיש איבערגעגעבן אין די הענט פון טייַוול, דה. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט די אולטראַמאַנטאַנען[3]...

לויט מייַן מיינונג זייַנען פאַראַן צוויי סאָנים, וואָס זייַנען א סאַקאָנע פאַר דער רו און פאַרן ווילשטאַנד, — די יעזויִטן און דער מיליטאַריזם. ביידע דאַרפן באַקעמפט ווערן דורך די פרייַנט פון ציוויליזאַציע.

אייַך איז זיכער באַקאַנט, אַז די דעמאָקראַטן אין אַמעריקע אַרבעטן אַפן געלט פון די יעזויִטן..."

---

[1] געמיינט די ביכער „קאַפּיטאַל", „דער בירגערקריג אין פראַנקרייַך" און ליסאַגאַרעס בוך וועגן דער פּאַריזשער קאָמונע; [2] עס רעדט זיך וועגן גרעצס איבערזעצונג און פּיירעש צו „קויהעלעס", דערשינען אין 1871; [3] אולטראַמאַנטאַנען — אָנהענגער פון דער אומבאַגרענעצטער מאַכט פונעם פּויפּסט.

טייַערע לייענער!

אין הייַנטיקן נומער עפענען מיר די ערשטע הינטעראויגיקע לייענער־קאָנפערענץ פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

אַלע אונדזערע לייענער ווערן פאַרבעטן צו געבן אַן ענטפער אַף פאָלגנדיקע פראַגן:

■

1. וויִאַזוי שאַצט איר אָפּ די נייַן נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד", וואָס זייַנען שוין דערשינען אין 1967 יאָר?

2. וועלכע ווערק זייַנען אייַך אַמערסטן געפעלן אין די נייַן דערשינענע נומערן? רופט זיי אָן לויט די זשאַנרען: די בעסטע פּראָזע־ווערק (ראָמאַן, דערציילונג), דאָס בעסטע ווערק פונעם אָפּטייל „טריבונע פון לעבן", די בעסטע פּאָעטישע ווערק (פּאָעמע, ליד), דאָס בעסטע ווערק פונעם קריטישן אָפּטייל.

3. וואָס פאַר א מיינונג האָט איר וועגן די נייַע אָפּטיילן, וואָס דער זשורנאַל האָט אייַנגעפירט („קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע", „בלעטערנדיק זשורנאַלן און צייַטונגען", „נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט", „די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן", „פאַרשיידנס", „אונדזערע איבערזיכטן" אא.).

4. ווי גרויס איז, לויט אייַער מיינונג, די צאָל פּאָטענציִעלע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אין אייַער שטאָט (שטעטל, ייִשעוו, דאָרף)? וויפל נייַע אַבאָנענטן האָט איר פּערזענלעך געשאַפן (אָדער וויפל רעכנט איר אויסצושאַפן) אין מעשעך פון דער אַבאָנירקאַמפּאַניע אַפן 1968 יאָר?

■

צוזאַמען מיט אייַער ענטפער אַף די פראַגן בעטן מיר מיטיילן: אייַער עלטער, פּראָפעסיע.

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

עפראַיִם אויערבאַכס אַנטדעקונגען

אָנהייב אווגוסט האָט עפראַיִם אויערבאַך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" — „בענקשאַפט צום אַמאָל". עפשער האָט אים אַליין אַ צי געטאָן צו זיכרוינעס וועגן זײַנע יונגע יאָרן? דאַפקע ניין. לויט אויערבאַכן איז אַקטועל די טעמע, וויִאַזוי עס בענקען צום אַמאָל די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. אויב עלי שעכטמאַן שרײַבט וועגן אַמאָל, איז דאָס אַ סימען, אַז ער בענקט צו די פאַרגאַנגענע צײַטן. דאָס זעלבע כאַיִם מעלאַמוד.

עפראַיִם אויערבאַך איז גרייט צו מאַכן דערפאַר קאָמפּלימענטן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. לויט אויערבאַכן באַקומט זיך, אַז אויב מע זידלט ניט דעם אַמאָליקן שטייגער, הייסט עס, אַז מע בענקט נאָך אים. אַן אײַזערנע לאָגיק!

„לייענט מען די דערציילונגען און די לידער פון די איצטיקע סאָוועטיש־ייִדישע שרײַבער, — זאָגט אויערבאַך, — זעען מיר קוידעמקאָל, מיט וויפל סימפּאַטיע זיי מאָלן דאָס אַמאָליקע ייִדישע לעבן". „אַז איר לייענט, לעמאָשל, עלי שעכטמאַנס צווייבענדיקן ראָמאַן „ערעוו", זעט איר, מיט וויפל ליבשאַפט ער מאָלט די אַלטע ייִדישע וועלט".

אַזוי שרײַבט אויערבאַך. אַזוי זעט ער. און מיר זעען גאָר אַנדערש. אין דער אַלטער וועלט מאָלט שעכטמאַן — ווען מיט ליבע און ווען מיט פאַראַכטונג. און אַנדערש קאָן דאָך ניט זײַן. קיין איין קינסטלער מאָלט ניט בלויז מיט ליבע אָדער בלויז מיט סינע. שעכטמאַן — אויך ניט.

„מעלאַמוד, — שרײַבט ווײַטער אויערבאַך, — האָט ניט מוירע צו דערציילן פון די פּעטליורישע פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע". און ווער האָט יאָ מוירע? אויערבאַך ווייסט גוט, אַז וועגן פּאָגראָמען האָבן געשריבן האָפשטיין און מאַרקיש, קוויטקאָ און פינינבערג, קיפּניס און בערגעלסאָן, פּעפּער און האַלקין — און ווער ניט?

אָבער עפראַיִם אויערבאַך וויל עפּעס אויסברײַען וויכטיקערס. „מיר זעען, — שרײַבט ער, — ווי זיי ווילן שאַפן אַ מין לעבנס־הינטערלאַנד הינטער זיך". וואָס הייסט עס? אויב די ייִדישע שרײַבער ווענדן זיך צו דער היסטאָרישער טעמע, איז דאָס ניט ווי אין אַלע אַנדערע ליטעראַטורן. די רוסישע שרײַבער דערציילן וועגן דער נאָענטער און ווײַטער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט, וועגן אַלעקסאַנדער נעווסקי, לעמאָשל, וועגן דמיטרי דאָנסקאָי, איוואַן דעם גרויזאַמען, פּיאָטער דעם ערשטן, יעקאַטערינאַ דער צווייטער, אַלעקסאַנדער דעם דריטן... ווילן זיי זיך שאַפן דערמיט אַ מין „לעבנס־הינטערלאַנד"? אַלע שרײַבער פון דער גאַנצער וועלט האָבן געשריבן, שרײַבן און וועלן שרײַבן וועגן אַמאָל און קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן אַפילע, אַז זיי ווילן זיך שאַפן אַ „לעבנס־הינטערלאַנד".

עפראַיִם אויערבאַך פּרוּווט עמעצן אײַנשמועסן, אַז די איצטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז שוין אידייִש ניט די, וואָס זי איז געווען פריִער, לאָמיר זאָגן, אין די צוואַנציקער יאָרן, „אינעם פּעריִאָד פונעם יעווסעקיזם". מיט וואָס איז דער „יעווסעקיזם" געווען אַזוי שלעכט? מיר זאָגן זיך ניט אָפּ פון דעם באַדײַטנדיקן בײַטראָג, וואָס עס האָט געמאַכט די ייִדסעקציע באַם צק אַלקפּ(ב) אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור. זעלבסטפאַרשטענדלעך, די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור, אַלע סאָוועטישע קינסטלער שאַפן איצט ניט אַזוי, ווי זיי האָבן געשאַפן אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן. דאָס לעבן שטייט ניט אויף איין אָרט. די צײַט בײַט זיך, און עס בײַט זיך די ליטעראַטור. שעכטמאַן דאַרף ניט שרײַבן אַזוי, ווי בערגעלסאָן האָט געשריבן. שעכטמאַן שרײַבט אַפילע ניט אַזוי, ווי ער אַליין האָט געשריבן אין די צוואַנציקער יאָרן. צי הייסט עס אָבער, אַז דער פּעריִאָד פון די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן, דער „פּעריִאָד פון יעווסעקיזם", איז געווען ניט גינסטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, פאַר דער שילדערונג פון דער היסטאָרישער טעמע? ווען איז געשאַפן געוואָרן בערגעלסאָנס „באַם דניעפּער"? דעם ניסטערס „די מישפּאָכע מאַשבער"? מאַרקישעס „דאָר־אויס, דאָר־אײַן"?

עמעס, אויערבאַך איז ניט צופרידן מיט דעם אויפן, ווי דאָוויד בערגעלסאָן מאָלט דעם אָוער אין „באַם דניעפּער", האַגאַם ער מוז דערבײַ אָנערקענען, אַז בערגעלסאָן איז אַ גרויסער קינסטלער. מיילע, יעדערער האָט זיך זײַן געשמאַק און איבער דעם שפּאַרט מען זיך ניט. אונדז געפעלט דאַפקע יאָ בערגעלסאָנס שאַפן פון אַלע שטאַנדפּונקטן, האַלעוויי האָבן מיר וואָס מער אַזעלכע שרײַבער, ווי בערגעלסאָן, און אַזעלכע ווערק, ווי „באַם דניעפּער".

וואָס זשע בלײַבט איבער פון אויערבאַכס ליטעראַרישע „אַנטדעקונגען"?

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן:

„טאָגבלאַט“ (פּעטראָגראַד)

די „רעפּובליקע“

אין נומער פון 20 סענטיאַבער איז אָפּגעדרוקט א פעליעטאָן פון באַל־מאַכשאָוועס, אין וועלכן ער לאַכט אויס די דעקלאַראַציע וועגן פּראָקלאַמירן רוסלאַנד פאַר א רעפּובליק בעראָש מיט דער ציַיטווייַליקער רעגירונג. באַל־מאַכשאָוועס שרייַבט:

„אַלס דאָקטער קומט מיר אָפּט אויס צו שטיין באַם בעט פון א געפערלעכן כוילע. מע האָט שוין געמאַכט עטלעכע קאָנסיליִומס, ארויסגערופן דעם פּראָפעסאָר, געריסן דעם אָרנקוידעש, געמאָסטן קוואָרים, אונטערגעלייגט א קאַמייעלע פון א גוטן־ייִדן און איינמאָל באַנאַכט געבראַכט אויך דעם טאָטער פון דאָרף. און דער כוילע פאָכט אַלץ מיט די זייַטן...

מיטאַמאָל באַווייַזט זיך דער שאַמעס פון קלויז מיט זייַן לעצטן, עקסטן מיטל: מעשאַנע־שעם זייַן דעם קראַנקן. פון הייַנט אָן וועט מען דעם כוילע רופן ניט באָרוך, נאָר כאַיִם...“

„וואָס זשע איז מיר די נאַפקעמינע, — ענדיקט מיט סאַרקאַזם באַל־מאַכשאָוועס, — וואָס אָנשטאָט א באָרוך פאָכט מיט די לונגען א כאַיִם?..“

„פּורישקעוויטש... ניט קיין פאַרברעכער“

אין די לעצטע טעג פון סענטיאַבער זייַנען אין דער פּעטראָגראַדער געריכט־פּאַלאַטע באַהאַנדלט געוואָרן די מאַטעריאַלן וועגן דעם אַרעסט פון פּורישקעוויטשן.

אינעם באַשלוס פון דער פּאַלאַטע איז געזאָגט געוואָרן: „עס איז ניטאָ קיין גרונט אָנצוקלאָגן פּורישקעוויטשן צום געריכט“. די מאַטעריאַלן האָט מען איבערגעשיקט אין אינערן־מיניסטעריום. דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט אויך איַינגעפונען, אַז עס איז ניטאָ קיין סיבעס, וואָס זאָל ארויסרופן די נייטיקייַט צו האַלטן פּורישקעוויטשן אונטער אַרעסט.

פּורישקעוויטש איז טייקעף באַפרייַט געוואָרן.

„קיִעוולייאַנין“ דערשייַנט ווידער

עס איז אָפּגעשאַפן געוואָרן דער באַשלוס וועגן פאַרבאָטן די אויסגעשפּראָכן אַנטיסעמיטישע צייַטונג „קיִעוולייאַנין“. די צייַטונג וועט ווידער דערשייַנען, און אָן א צענזור. דער רעדאַקטאָר פון „קיִעוולייאַנין“ וו. שולגין איז, לויט דער באַשטימונג פונעם „קאָמיטעט אָפּצוהיטן די רעוואָליוציע“, באַפרייַט געוואָרן פון טפיסע.

„קליינשטעטלדיקע שאָטנס“

אין נומער פון 16 סענטיאַבער זייַנען אָפּגעדרוקט נאָטיצן פון דאָוויד בערגעלסאָן וועגן דעם צושטאַנד אין די ייִדישע שטעטלעך. די נאָטיצן הייסן „וועלט אויס — וועלט איַין“ („קליינשטעטלדיקע שאָטנס“). דער אווטאָר קרויגנט דאָס שטעטל מיטן עפּיטעט „אָלעוו־האַשאָלעם“. „ס'איז כאָרעוו געוואָרן דאָס שטעטל דאַפּקע פאַר די לעצטע נעפּלדיקע, נאָר ראַשיקע דריַי יאָר. די גרויסע שטאָט האָט עס געזויגן און געשאָטן אַף דעם מיט פאַרנאָסעס“.

ד. בערגעלסאָן ענדיקט זייַנע נאָטיצן זייער אָפּטימיסטיש:

„נאָר ס'קאָן אויך טרעפן, אַז דער סטודענט, דער רעדנער פון דער נאָענטער גרויסער שטאָט, זאָל פּלוצעם ווידער האָבן אָנגעפאָרן אהער אין שטעטל. אין בעסמעדרעש וועלן מענטשן קאָפּ אַף קאָפּ שטיין אַף די בענק און הערן... און מיידלעך און ייִנגלעך וועלן זיך נאָכדעם אופגערעגטערהייט אהיים אומקערן און וועלן גלייבן, אַז ס'איז עפּעס געשען:

— זיי האָבן געהערט א נייַ וואָרט וועגן א נייַ באַנאַכט וואַכנדיק שטעטל“.

כראָניק

פינפטער אינטערנאַציָאָנאַלער

צוויי וואָכן האָבן אַפן פּראָנטאָן פון האָטעל „מאָסקווא“ געפלאַטערט די פאָנען פון 54 לענדער — אָנטיילנעמער פונעם מאָסקווער פינפטן צווישנפעלקערלעכן קינאָ־פעסטיוואַל. אין די גרעסטע קינאָ־זאַלן פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט זייַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן באַ הונדערט פעסטיוואַל־פילמען.

א גרויסן אינטערעס האָבן ארויסגערופן באַ די געסט די פילמען, געווידמעט דער טעמע „פופציק יאָר סאָוועטישע קינאָ“. עס זייַנען באַוויזן געוואָרן פראַגמענטן פון די קינאָ־לענטעס „פאַנצערצוג „פּאָטיאָמקין““, „אָקטיאַבער“ (רעזשיסער סערגיי אייזענשטיין), „די מוטער“ און „דער סאָף פון סאַנקט־פּעטערבורג“ (ווסעוואָלאָד פּודאָווקין), „ווסטרעטשני“ (ס. יוטקעוויטש און פ. ערמלער), „דער מיטגליד פון דער רעגירונג“ (א. זאַרכי און אי. כייפיץ).

די העכסטע אויסצייכענונג פון פעסטיוואַל האָבן באַקומען דער סאָוועטישער פילם „דער זשורנאַליסט“ (רעזשיסער סערגיי געראַסימאָוו) און דער אונגאַרישער פילם „דער פאָטער“ (רעזשיסער אישטוואַן סאַבאָ).

דער פּריז פאַר דער בעסטער אויספּילונג פון א מענער־ראָל איז צוגעמישפּעט געוואָרן דעם אַקטיאָר פּאָול סקאָפילד (ער שפּילט די ראָל פון טאָמאַס מאָר אינעם ענגלישן פילם „א מענטש אַף אַלע צייַטן“); פאַר דער בעסטער פרויען־ראָל האָבן דעם פּריז באַקומען די נאָרוועגישע אַקטריסע גרינעט מאָלוויק, וואָס פירט אויס די הויפּט־ראָל אינעם שוועדישן פילם „די פּרינצעסן“, און די יונגע אַקטריסע סענדי דעניס (פּשא), וועלכע טרעט ארויס אין דער ראָל פון דער לערערן סילוויִא אינעם פילם „ארוף און אראָפּ מיט די שווינדל־טרעפּ“ (אינסצענירט לויטן ראָמאַן מיטן זעלבן נאָמען, אווטאָר איז בעל קאַופמאַן — שאָלעם־אליי'כעמס איינִיקל).

לאמיר ווידער זינגען אט די לידער



נײַעס פון אויסלאנד

לידער־זאמלונג פון א. פרידמאן

דער ניו־יאָרקער „איקוף“־פארלאג האָט ארויסגעגעבן א לידער־זאמלונג פון דער פאַר־שטאָרבענער דיכטערין אדעלא פרידמאן אונטערן נאָמען „אין באוווּנדער“. אינעם בוך זײַנען אויך ארײַן זינגלידער מיט נאָטן פון די קאָמפּאָזיטאָרן וולאדימיר כייפּיץ, מאָרדכע יאָרדאני און יויסעף שראגין.

א מאציווע אפן קייווער פון בער מארק

צום ערשטן יאָרצײַט פונעם אָנגעזעענעם ייִדישן היסטאָריקער און ליטעראטור־פאָרשער בער מארק אין אפן גענשער בעסוי־לעם אין ווארשע אנטהילט גע־וואָרן א מאציווע אף זײַן קיי־ווער.

צום טרויער־מיטינג בייס דער אנטהילונג זײַנען געקומען פיל־צאָליקע דעלעגאציעס פון די שרײַבער, היסטאָריקער, געזעל־שאפטלעכע טוער און ייִדישע אינסטיטוציעס.

א פּאָעמע וועגן לאָדזשער געטאָ

אין ניו־יאָרק גרייט זיך צום דרוק (אין ייִדיש און ענגליש) די פּאָעמע פון יעראכמיִעל בריקס „געטאָ־פאבריק 67“. די פּאָעמע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין לאָדזשער געטאָ.

אַלץ העכער און העכער

(אוויִא־מארש)

ווערטער פון פּ. גערמאַן
ייִדיש — עמ. קאזאקעוויטש

מוזיק פון יו. כײַט

אונדז איז באשערט די ברייט און ווײַט באזיגן,
דעם ווונדער־טרוים פארוואנדלען אין א וואָר.
ס׳האָט אונדז פארשטאנד געגעבן ברייטע פליגל,
אַנשטאָט א הארץ — א פלאמיקן מאָטאָר.

אַלץ העכער און העכער און שנעלער,
מיר שוועבן מיט פייגל באנאנד,
און ס׳אָטעמט אין יעדן פּראָפּעלער
די רו פון סאָוועטישן לאנד.

אין אונדזער גרויסן מוטיקן ארופלי
די אפּאראטן פירן מיר צעהעלט.
עס ווערט אַלץ שטארקער, פעסטער אונדזער לופט־פלאָט,
דער רויטער פלאָט, דער ערשטער אף דער וועלט.

אַלץ העכער און העכער און שנעלער,
מיר שוועבן מיט פייגל באנאנד,
און ס׳אָטעמט אין יעדן פּראָפּעלער
די רו פון סאָוועטישן לאנד.

דער שארפער בליק דרינגט דורך איעדן אטאָם,
און יעדער נערוו איז מיט געוואגטקײַט רײַך,
איז גלייבט זשע אונדז: אף יעדן אולטימאטום
וועט אונדזער לופט־פלאָט אָפּענטפערן גלײַך.

אַלץ העכער און העכער און שנעלער,
מיר שוועבן מיט פייגל באנאנד,
און ס׳אָטעמט אין יעדן פּראָפּעלער
די רו פון סאָוועטישן לאנד.

די ביִאָגראפיע פון דער ליד

דער אוויִאציע־מארש „אַלץ העכער און העכער“ איז איינע פון די פּאָפּולערסטע סאָוועטישע לידער. מיט אָט דעם מארש איז באגעגנט געוואָרן אפן רויטן פלאַץ דער ערשטער אין דער וועלט קאָסמאָנאווט יורי גאגארין. מיט אים האָט מען אין אמעריקע באגעגנט טשקאלאָווס עקיפּאזש נאָך זײַן לעגענדארן איבערפלי.

די ליד איז געבוירן געוואָרן אין הארבסט 1920.

דעם 1 מײַ 1933 איז דער גרויסער געלערנטער ק. ע. ציאָלקאָווסקי ארויסגעטראָטן אפן רויטן פלאַץ פאר די אָנטיילנעמער פון דער יאָמטעוו־דעמאָנסטראציע. צום סאָף פון זײַן רעדע האָט ער געזאָגט: „דער אָרקעסטער אפן פלאַץ שפּילט איצט מיסטאמע דעם מארש „אַלץ העכער און העכער!“ א פּרעכטיקע מוזיק! גוטע און אויסגעצייכנטע ווערטער!“

דעם 7 אווגוסט פון דעם זעלבן 1933 יאָר האָט דער פאָלקס־קאָמיסאר פאר קריגס־יאמישע אָנגעלעגנהײַטן אונטערגעשריבן דעם באפעל, וווּ עס איז געווען געזאָגט: „אײַנשטעלן אלס אוויִאציע־מארש פון די מיליטערישע לופט־קרעפטן די ליד „אַלץ העכער און העכער“, מוזיק פון יולי כײַט, ווערטער פון פּאוועל גערמאַן“.

ווערק אף ייִדישער טעמאטיק אין בולגאריע

אין סאָפיִער פארלאג זײַנען די לעצטע צײַט ארויס איינִיקע ביכער אף ייִדישער טעמאטיק. צווישן זיי: דאָס בוך פונעם ייִדיש־בולגארישן שרײַבער זשאק נאטאן „מיר זײַנען געווען אין יעניקאָי“ (יעניקאָי איז א נאָמען פון א קאָנצלאגער, וואָס האָט פונקציִאָנירט אין בולגאריע בייס דער פאשיסטישער מאגייפע. אהין זײַנען פארשיקט געוואָרן מערסטנטייל ייִדן); דער ערשטער באנד פונעם לעקסיקאָן „העלדן פון אנטיפאשיסטישן קאמף“. אי־נעם באנד זײַנען באשריבן 220 העלדן — אָנגעזעענע טוער פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון בולגאריע. זעקס פון די ביִאָ־גראפיעס זײַנען געווידמעט ייִדי־שע פרײַהײַטס־קעמפער: יויסעף הערבסט, מארק פרידמאן, נאום איסאקאָוו, עמיל שעקערזשיסקי, וויאלעטא יאקאָוו און כאנא ווענטורא.

א בוך וועגן אן אָנטיילנעמער פון דער פאריזשער קאָמונע

אין פּאריזש איז דערשינען א בוך וועגן דעם ייִדישן קעמפער פון דער פּאריזשער קאָמונע מאקסים ליסבאָן. דער אווטאָר פונעם ווערק איז דער מיטאר־בעטער פונעם זשורנאל „פּא־ריזשער צײַטשריפט“ מארסעל סערף.

אונדזער

1

די הײַנטיקע פאָטאָ־אינפאָרמאציע איז צונויפגע־
שטעלט דורך די לייענער פון „סאָוועטיש היים־
לאנד“, בא וועלכע עס האָבן זיך פארהיט היסטאָ־
רישע פאָטאָגראפיעס וועגן די אקטיווע קעמפער
פאר דער פארפעסטיקונג פון דער סאָוועטנמאכט
אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָ־
לוציע.

2

3

4

פאָטאָ־אינפאָרמאציע

באַ די בארג־ייִדן

מיט 140 יאָר צוריק האָט א טייל בארג־ייִדן זיך באזעצט אין גראָזני (איצט הויפטשטאָט פון דער טשעטשעניש־אינגושישער אווטאָנאָמער רעפובליק). זייער גרונט־באשעפטיקונג איז געווען האנטווערקערייַ, ווייַל צו ערדארבעט האָט מען זיי ניט צוגעלאָזט. געלעבט האָבן זיי זייער אָרעם, געליטן פון אנטיסעמיטיזם און ווילדן רעליגיִעזן פאנאטיזם.

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז מיצאד די גראָזנער בארג־ייִדן אופגענומען געוואָרן מיט ענטוזיִאזם. עס איז גענוג צו זאָגן, אז אין די היסטאָרישע שלאכטן, וועלכע האָבן זיך אין די אָקטיאבער־טעג פאנאנדערגעוויקלט אין גראָזני און זייַנען אריַין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „הונדערט־טאָגיקע קאמפן“, האָבן מעסירעסנעפעשדיק געקעמפט אלע גראָזנער בארג־ייִדן, קליין און גרויס, אפילע פרויען.

ווען די בארימטע סאָוועטישע מיליטערלייַט נ. גיקאלאָ און אסלאמבעק שאריפּאָוו האָבן אָרגאניזירט די זעקסטע ראָטע פון גראָזנער גארניזאָן, האָבן אין איר באלד פון אָנהייב זיך אריַינגעגאָסן די בארג־ייִדן — נישט בלויז די יוגנט, נאָר אויך די גרייַז־גראָווע זקיינים.

וועגן דעם העראָיִזם, וואָס די בארג־ייִדן האָבן ארויסגעוויזן אין די שלאכטן פארן זיג פונעם גרויסן אָקטיאבער, קאָן מען זייער פיל דערציילן. איך וועל דאָ ברענגען בלויז איין פאקט.

גראָזני איז באלאגערט געוואָרן דורכן סוינע. די געפאר איז געווען זייער גרויס. דעמלט האָט דער בארג־ייִד וואנוש אראָנאָוו צוזאמען מיטן סאניטאר דעם רוס לוקין און מיט נאָך צוועלף שלאכטלייַט אומגעריכט געוואָרפן זיך אין א פארביטערטער אטאקע אפן פייַנט, וואָס האָט געמוזט אָפּטרעטן פון זייַנע פּאָזיציעס. אין אָט דער שלאכט זייַנען אראָנאָוו, לוקין און אייניקע שלאכטלייַט געפאלן מיט א העלדנטויט.

די בארג־ייִדן, וועלכע זייַנען געבליבן לעבן נאָך די שלאכטן פאר גראָזני, האָבן זיך אריַינגעגאָסן אין די רעגולערע טיילן פון דער רויטער ארמיי און געשלאָגן זיך ביזן פולן זיג פון דער סאָוועטנמאכט. צווישן די שלאכטלייַט האָט זיך געפונען אויך דער אווטאָר פון אָט דער נאָטיץ.

אף דער בייַגעלייגטער פאָטאָ קאָן מען זען א טייל שלאכטלייַט פונעם דריטן ווזוואָד פון דער זעקסטער ראָטע. צווישן זיי פיל בארג־ייִדן.

ע. אלכאזאָוו

1. קיִעוו, 1919. אין שטאָט ווילדעווען די דעניקינצעס. א גרופּע ייִדן — קעמפער פון קיִעווער אונטערערד נאָך דער באפרייַונג פון טורמע.

די פאָטאָ האָט צוגעשיקט מ. פאָליסיוק, די שוועסטער פון איינעם פון די קעמפער יוינע פיסקון (דער פערטער פון רעכטס).

2. מינסק, 1917. מינסקער ארבעטנדיקע פאָרן פרייַוויליק אין דער רויטער ארמיי. לינקס פונעם פאָנענטרעגער (אין א פאפאכע) — הירש פלאסקאָוו, בייס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע גענעראל־לייטענאנט פון ארטילעריע.

3. אָריאָל, 1918. די אקטיווע טוער פון דער ייִדסעקציע באם אָריאָלער שטאָטקאָם פון דער קאָמוניסטישער פארטיי פארן אוועקגיין אפן פראָנט פון בירגערקריג.

צוגעשיקט מארק ראָגאלסקי, מיטגליד פון דער פארטיי פון 1918.

4. 1924 יאָר. אין דער געוועזענער לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניע נאגארטאָוו, ניקאָלאַיעווער געגנט: א גרופּע ייִדישע ערד־ארבעטער — אקטיווע דאָרפקאָרן.

צוגעשיקט בעלא זיאבקאָ, אָדעס.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

מיט 70 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן דער באַוווּסטער אַרמענישער סאָוועטישער דיכטער יעגישע טשאַרענץ (זײַן עמעסע פאַמיליע איז סאָגאָמאָניאַן).

יע. טשאַרענץ האָט אָנגעהויבן שרײַבן זייער פרי. אין זײַנע יוגנט־לידער האָט ער זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון די סימבאָליסטן.

באַלד נאָך די אָקטיאַבער־געשעענישן פון 1917 איז טשאַרענץ געוואָרן אַ פלאַמיקער זינגער פון דער רעוואָליוציע. אין 1918—1923 האָט ער פאַרעפנטלעכט זײַנע פּרעכטיקע פּאָעמעס „סאָמאַ", „דאָס אופגעררייצטע פאָלק", „טשאַרענץ־נאַמע", אין וועלכע ער האָט באַוויזן דעם אַקטיוון קאַמף פון די פאָלקסמאַסן פאַר פרײַהײַט.

אין 1924—1925 האָט יע. טשאַרענץ געשאַפן אַ ציקל פּאָעמעס און באַלאַדעס, געווידמעט וו. אי. לענינען („לענין און אַלי", „דער פעטער לענין" און אַנד.).

אין 1922 האָט יע. טשאַרענץ אָנגעשריבן אַ ראָמאַן „דאָס לאַנד פון נאַיִר", אין 1923 — די קאָמעדיע „די שוישפּיל קאַווקאַז", אין 1928 — די פּאָעמע „כמבאַפּעט שאַוואַרש". אין אָט די ווערק ווערט אַרויסגעפירט אַ גאַלעריי סאַטירישע געשטאַלטן פון די סאָנים פון דער רעוואָליוציע. אין זײַנע לידער און פּאָעמעס „סטאַמבול", „די קאָמאַנדאַרן־וואַנט אין פּאַריזש", „אַן עלעגיע, וואָס איז אָנגעשריבן אין ווענעציע", און אַנד. איז טשאַרענץ אַרויסגעטראָטן אַלס לײַדנשאַפטלעכער פּראָפּאַגאַנדיסט פון סאָציִאַליזם.

אין 1930 איז דערשינען אַ לידער־זאַמלונג פון יע. טשאַרענץ אונטערן נאָמען „דער עפּישער קאַיאָר", אין 1933 — „דאָס וועג־בוך".

יע. טשאַרענץ איז געשטאָרבן אין נאָיאַבער 1937 אין עלטער פון 40 יאָר.

עס איז אַלט געוואָרן 60 יאָר דער ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער כאַיִם זילבערמאַן.

כ. זילבערמאַן איז אַן אָפּשטאַמיקער פון פּאָדאָליע (פונעם ייִדישן שטעטל ראַשקאָוו). זײַנע ערשטע דערציילונגען האָבן זיך באַוויזן אין דער כאַרקאָווער צײַטונג „שטערן" און אין זשורנאַל „יונגוואַלד". אין 1929 האָט דער זשורנאַל „די רויטע וועלט" (נומערן 1—4) אָפּגעדרוקט זילבערמאַנס גרויסע דערציילונג „ייִשוּווניקעס".

„ברויט געזאַלצנס" — אַזוי הייסט דאָס ערשטע בוך פון כ. זילבערמאַן, וואָס איז דערשינען אין 1932. דאָרט ווערט געשילדערט דער פאַרביטערטער ווידערשטאַנד פון די באַלעגורים קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט. אין צוויי יאָר אַרום האָט דער אָדעסער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער אופגעפירט זילבערמאַנס פּיעסע „טשערעפּאַניקער מענטשן".

באַלד נאָכן קריג איז אין „עמעס"־פאַרלאַג דערשינען כאַיִם זילבערמאַנס בוך „ווי לאַנג איז עס געשען". דער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" האָט אַרויסגעגעבן אין רוסיש זײַן גרויסע דערציילונג „דער אופשטאַנד אין אונטערערד".

■

פאַרגעסט ניט באַצײַטנס אויסצושרײַבן דעם זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד"

אפֿן קומענדיקן, 1968 יאָר.

א ב אָ נ ע מ ע נ ט־פּ ר ײַ ז:
אױף א יאָר — 6 רובל.
אױף 6 כאַדאָשים — 3 רובל.
פּרײַז פֿון איין נומער — 50 קאָפּ.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания седьмой

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отделы прозы и поэзии — Б 8-49-42; отдел критики — Б 3-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер и А. Токер

Корректоры А. Стрельник и Д. Грозовская

Подписано к печати 25/VIII 1967 г. Формат 70×108¹/₁₆. Печ. л. 10(14). Бум. л. 5+2 вклейки. Цена 50 коп. Зак. 2901.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 9

1 9 6 7

В номере:

Н. Забара. Обыкновенная мать (роман).

Ф. Сито. Первые рождественские ночи (рассказ).

Е. Шрайбман. Яша. — Две свадьбы (рассказы).

Е. Фаликман. Черный ветер (роман. Окончание второй части).

Стихи И. Котляра, М. Лифшица, Г. Блоштейна, С. Чернявского, М. Талалаевского.

ЛИТЕРАТУРНАЯ КРИТИКА. БИБЛИОГРАФИЯ. ВОПРОСЫ ИСКУССТВА

Е. Чичельницкий. Творчество Х. Меламуда.

Литературные диалоги.

Г. Александров. А.-Б. Готлобер и Менделе Мойхер-Сфорим.

И. Серебряный. Даты и факты. К истории еврейской советской литературы.

Хроника. Заметки на календаре.